בעזהשי"ת

ברסלב

גליון

# היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג

שנת תשע"ב לפ"ק

# עלון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בראשית
שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 1

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְן פָּסוּק **"אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל"**, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן **"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"**.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: אַז מֶען קֶען צַאמְשְׁטֶעלְן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שיחות הר"ן כו) אַז מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שִׁכְחָה - פַארְגֶעסְן אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֶעדֶענְקֶן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְלַייךְ פַארְגֶעסְן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, אוּן עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ **"אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל"** זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, אַז דָאס מֵיינְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת פַאר דִי אוֹיגְן פוּן אַלֶע יוּדְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט יְיַשֵׁר כֹּחַ דֶערְפַאר, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תנחומא תשא כ) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת וָואלְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִירֶעקְט גֶעטוּהן וַוייל דִי יוּדְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעטוּהן אַזַא הַארְבֶּע עֲבֵרָה וִוי דִי עֵגֶל, הָאט עֶר דַוְוקָא צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְגֶעסְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג "פוּן יֶעצְט" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דִי הַקְדָמָה אַז מֶען דַארְף אַלֶעם פַארְגֶעסְן קֶען דִי תּוֹרָה אָנְהֵייבְּן מִיטְן פָּסוּק **"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים"** זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט וֶועגְן דִי תּוֹרָה וָואס הֵייסְט "רֵאשִׁית" וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט אֵייבִּיג וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר.

(זאת התורה בראשית א)

***

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### אֱמוּנָה

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן בַּאקַאנְטֶע נָאר פוּן אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א סימן ה) אַז אַ יוּד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וִוי עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שם) אַז אַלֶע קְרֶענְק וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ יוּד, אוּן נִישְׁט וִוי עֶס זֶענֶען דָא נַעַרִ'ישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס טַעֲנֶה'ן אַז נִישְׁט דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר בַּיים רֶבִּי'ן צוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ קְלָאר גֶעזָאגְט (שיחות הר"ן לג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינֶע זַאךְ מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי פָּשׁוּטֶע יוּדְן אוּן פְרוּיעֶן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: אַז וֶוער עֶס לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, וַוייל וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים הָאט עֶר וִוי צוּ אַנְטְלוֹיפְן, עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

**וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד**, זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א סימן ד) אַז וֶוען אַ יוּד ווֵייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְט, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּאֱמֶת גֶעטוּהן נָאר פַאר זַיין גוּט'ס דָאס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

ווַייל אַ יוּד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס גֶעשֶׁעהט אַ גוּטֶע זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהן אוּן סַיי עֶס גֶעשֶׁעהט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֵיינְט זִיכֶער נָאר גוּט'ס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "וַיְהִי עֶרֶב" - עֶס אִיז טוּנְקֶל פַאר אַ מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, "וַיְהִי בֹקֶר" - עֶס אִיז לִיכְטִיג פַאר אַ יוּד , דָאס מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים יָא גוּט, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז "**יוֹם אֶחָד**" - אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

(זאת התורה בראשית ז)

***

**הֵן גֵרַשְׁתָּ אוֹתִי הַיּוֹם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה וּמִפָּנֶיךָ אֶסָּתֵר וְהָיִיתִי נָע וָנָד בָּאָרֶץ וְהָיָה כָל מוֹצְאִי יַהַרְגֵנִי**. זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א: "**הֵן גֵרַשְׁתָּ אוֹתִי הַיּוֹם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְטְרִיבְּן קַיִן אַז עֶר זָאל מוּזְן גֵיין נָע וָנָד, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ פַארְטְרַייבְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּמִפָּנֶיךָ אֶסָּתֵר** - וֶוען מֶען וֶוערְט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם **וְהָיִיתִי נָע וָנָד בָּאָרֶץ** - דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם נָע וָנָד, **וְהָיָה כָל מוֹצְאִי יַהַרְגֵנִי** - אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פַארְן מֶענְטְשׁ סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת וֶוערְט מֶען גֶע'הַרְגֶ'ט אוּן צוּבְרָאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען אִים נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ.

(זאת התורה בראשית יד)

***

**וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י: **אֶת הַכְּרוּבִים** - **מַלְאֲכֵי חַבָּלָה**, ווִידֶער גֶעפִינֶען מִיר אוֹיפְן פָּסוּק (שמות כה יח) **וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י: **כְּרוּבִים** - **דְּמוּת פַּרְצוּף תִּינוֹק לָהֶם**.

לִכְאוֹרָה אִיז עֶס אַ סְתִירָה דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט אַ קִינְד אוּן דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט מַלְאֲכֵי חַבָּלָה?

זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א: אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה בֵּיידֶע רֶעדְט מֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן קִינְד נָאר אוֹיב דִי כְּרוּבִים לִיגְן אוֹיפְן כַּפֹּרֶת הֶעכֶער דֶעם אָרוֹן וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַארְן קִינְד זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַן אֵיידֶל עֶרְלִיךְ קִינְד.

ווִידֶער דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד אוֹיב לֶערְנְט עֶר נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן אָרוֹן, וֶוערְט עֶר אַ מַלְאַכֵי חַבָּלָה, עֶר וִויל נָאר צוּבְרֶעכְן אוּן שֶׁעדִיגְן זַאכְן.

***

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ המשך

אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ יוּד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק דַארְף עֶר דִי עִיקָר נֶעמֶען פוּנֶעם צַדִּיק דִי מִדָּה פוּן אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (חבקוק ב) וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה .. אַ צַדִּיק לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַייט פוּן אֱמוּנָה דַארְפְן זֵיי גֵיין צוּם צַדִּיק עֶר זָאל זֵיי אוֹיס לֶערְנֶען צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דֶער עִיקָר אִיז נָאר אֱמוּנָה.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַז אֱמוּנָה מֵיינְט פָּשׁוּט צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַזָא לְבוּשׁ, אוּן דָאס דַארְף מֶען אִיבֶּער'חַזֶר'ן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַזוֹי וִוי יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל גֶעדֶענְקֶען דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶר'ן אַזוֹי דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה בִּיז מֶען וֶועט דָאס אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעמַאכְט אַ וַוארִימֶע נִיגוּן אוֹיף אֱמוּנָה, מִיט דִי וֶוערְטֶער "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְגְט דָאס חַזֶר'ט עֶר דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, בִּיז עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד, אַז וֶוען דֶער גוֹי סוֹקְרָאטֶס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה הָאט עֶר גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז מֶען דַארְף אִים לֵייגְן אִין גַן

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ המשך

עֶדְן צוּזַאמֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ, וַוייל אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן צוּ זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מִיר אוֹיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן דֶערְפַאר.

וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ גוֹי אַ גְרוֹיסֶער חוֹקֵר אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט מִיט שֵׂכֶל אַ לַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר אִיז דָאס אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זָאגְן פַאר יֶעדְן, אוּן אַזוֹי וִוי דִי אַנְדֶערֶע גוֹיִם זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶערֶעגְט אוֹיף אִים וֶועגְן דֶעם, הָאט מֶען אִים גֶע׳הַרְגֶ׳ט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף אִים לֵייגְן אִין גַן עֵדֶן צוּזַאמֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ.

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: דוּ בִּיזְט בִּכְלָל נִישְׁט גְלַייךְ צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, וַוייל דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז דוּ בִּיזְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט דַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְלֵייבְּט אָן קֵיין שֵׂכֶל, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, יֶעדֶער הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט, יֶעדֶער הָאט אַ הוֹיז אוּן זִיצְט רוּהִיג אוּן עֶר מוּז זִיךְ אַרוּמְוַואלְגֶערְן, יֶעדֶער הָאט צוּ עֶסְן אוּן עֶר נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר מוּז גֵיין אוֹיף מִצְרַיִם, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זָאגְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קֵיין שׁוּם שֵׂכֶל, אוּן אֲפִילוּ עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי עֶר ווִיל זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שיחות מוהרא״ש ח״ד ערך אמונה)

***

## אִידִישֶׁע מַאמֶע

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאגְט: אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן, וַוייל פְרוֹיעֶן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּט׳עֶרְהֵייט אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט: אַז מֶען הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן אִין נָאמֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין וַוייבֶּער שׁוּהל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶס זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן זֶענֶען נָאךְ חָשׁוּב׳עֶר פוּן דִי מֶענֶער, אוּן וֶוערְן נָאךְ שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען, וַוייל אַ פְרוֹי הָאט גֶעווֶוענְדְלִיךְ אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אוּן זִי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער, אוּן דֶערְפַאר קֶען זִי נָאךְ שְׁנֶעלֶער פּוֹעֵל׳ן אַ יְשׁוּעָה פוּן אַ מַאן.

נָאךְ מֶער זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א מִיר זֶעעְן דָאךְ אַז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועְן אַן עֶזְרַת נָשִׁים אַ פְּלַאץ פַאר דִי פְרוֹיעֶן, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג וִוי עֶס אִיז גֶעוֶועְן גֶעבּוֹיעֶט, מִמֵּילָא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין וַוייבֶּער שׁוּהל?!

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי׳נְס תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועְן דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי׳ן.

וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן זַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד, וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶועְן גָאר גְרוֹיס, אָבֶּער אֵיין טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּהל טְרֶעפְט עֶר זַיין וַוייבּ זִיצְט אִין וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר פְרֶעגְט אִיר: ״פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?״ זָאגְט זִי: ״אוּנְזֶער יוּנְגֶל הַאלְט אִין אֵיין חַלָּשׁ׳ן אוּן אִיךְ קֶען אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶערְמִינְטֶערְן, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם רֶבִּי׳ן, בֶּעטְ אִים עֶר זָאל אַיינְבֵּייסְן פַאר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַארְן קִינְד!״ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן גֶעוֵויינְט: רֶבִּי, מֵיין יוּנְגֶל

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ המשך

חַלָּשׁ'ט אַוֶועק מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְמוּנְטֶערְן, בַּיים אֵיין פַּאר מֵיין קִינְד עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק" אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט ווַייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט בַּיים רֶבִּי'ן אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מֵיינְט אַז דֶער גְזַר דִין אִיז גֶע'חַתְמְ'נְט אוּן דֶער קִינְד אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

זַיין ווַייבּ אִיז אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען גֶעבְּן דֶעם קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל גֶעזוּנְט ווֶערְן, אוּן גְלַייךְ ווֶען אִיר מַאן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: "ווָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט?" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעווֵיין אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט!".

זִי אִיז נִישְׁט שְׁוַואךְ גֶעווָארְן זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן מִיטְן תְּפִלָּה מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּשְׁעַת אִיר מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט לָאמִיר כָאטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי דַאוֶונֶען וָתִיקִין מִיטְן רֶבִּי'נְס מִנְיָן, אָבֶער זִי הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן, זִי ווֶעט אוֹיפְבְּלַייבְּן אוּן זִי ווֶעט אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה, אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּהן, אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז זִי גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען וָתִיקִין צוּם רֶבִּי'ן, גְלַייךְ ווֶען עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיז אִים דֶער רֶבִּי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "מֵילָא אַז זִי הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז דָאס קִינְד ווֶעט זַיין גֶעזוּנְט פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט, נָאר זִי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶל'ט פַארְן קִינְד לַאנְגֶע לַאנְגֶע טֶעג אוּן גוּטֶע יָארְן!".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעווַאקְסְן אוּן גֶעלֶעבְּט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

הָאט מוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט: פוּן דֶעם קֶען אַ פְרוֹי זֶעהן ווִי חָשׁוּב זִי אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִי זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר, פַאר אִיר מַאן, פַאר אִירֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווַייל אִירֶע תְּפִלּוֹת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִי קֶען אוֹיס'פּוֹעֶל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שיחות מוהרא"ש ח"ד ערך נשים וחי"ב ערך אשה)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### צווייטע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית

ווי באקאנט האט מוהרא"ש שליט"א צוגעזאגט פאר די בחורים פון ישיבה זייענדיג אין קעמפ פארגאנגענעם זומער, אז ווער עם וועט ענדיגן 40 מאל מסכת תענית ביז ראש השנה, וועט א חתן ווערן ראש השנה.

מיטן אייבערשטנם הילף האלטן מיר שוין ביים צווייטן חתן החתן יחזקאל סאמעט נ"י, מיר וואונטשן אים א הערצליכן מזל טוב, ער זאל זוכה זיין צו זיין פרייליך א גאנץ לעבן.

\*

### צוויי פרישע מלמדים אויפגענומען אין תלמוד תורה

מיט גרוים פרייד איז אויפגענומען געווארן די נייעס אז אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע חשובע סטעף פון מלמדים יראי ה' אין תלמוד תורה איז יעצט אויפגענומען געווארן נאך צוויי חשובע מלמדים.

פאר כתה ג איז אויפגענומען געווארן הר"ר בנציון יאקאבאוויטש שליט"א, און פאר כתה ה איז אויפגענומען געווארן הר"ר שלום יוסף יאקאבאוויטש שליט"א. דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין זייער הייליגע ארבעט.

\*

### פתיחת הזמן אין ישיבתינו הק'

זמן החורף תשע"ב לפ"ק וועט זיך אנהייבן מיטן אייבערשטנס הילף דעם דאנערשטאג פרשת נח, עס וועט אי"ה פארקומען די דרשת פתיחת הזמן דורך דעם ראש הישיבה שליט"א.

הכל הולך אחר ההתחלה.

### ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר ר' אברהם הערש וועבערמאן נ"י מיוצאי ישיבתינו הק' צו די געבורט פון זיין מיידעלע בעבי.
אסאך יודיש נחת.

### מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר ר' שלמה זלמן גראם נ"י מחשובי אנ"ש צו די געבורט פון זיין מיידעלע בעבי.
אסאך יודיש נחת.

### סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר החתן יחזקאל סאמעט מתלמידי ישיבותינו הק' וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג.
שמחות ונחת לרוב.

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות......................5:42
מוצש"ק..............................7:09
סוף זמן ק"ש.......................9:24

פרשת נח, ראש חדש חשון, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 2


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה וגו'**, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נֹחַ עב:) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק: **נֹחַ נֹחַ** - נֵיְיחָא לְעֵילָאִין נֵיְיחָא לְתַתָּאִין, נֵיְיחָא לְעָלְמָא דֵין נֵיְיחָא לְעָלְמָא דְּאָתֵי, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"ו) אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, דַארְף עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, סַיי אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים גוּט גֵיין עֶר וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער מַצְלִיחַ זַיין, אוּן סַיי עֶר פַאלְט אַרָאפּ עֶר טוּט עֲבֵירוֹת זָאל עֶר אוֹיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ** - זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען רוּהִיג אוּן גֶעלַאסְן סַיי אוֹיבְן אוּן סַיי אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר: **אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה** - אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

(זאת התורה נח ב)

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: טַאקֶע וַוייל נֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעווּסְט קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, דֶער זוֹהַר הַקְ' זָאגְט אַז וֶוען נֹחַ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי תֵּבָה אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: דוּ נַעַר'ישֶׁע פַּאסְטוּךְ, יֶעצְט וֵויינְסְטוּ?! דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן נָאךְ פַאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי מַבּוּל, דֶעמָאלְט'ס וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַבּוּל.

פַארְוָואס הָאט טַאקֶע נֹחַ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן פָארְאוֹיס? וַוייל עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פַאר זֵיי.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אַ יוּד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינֶע נַעַר'ישֶׁע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר דַארְף דָאס הָאבְּן, זָאל עֶר עֶס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג, וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן וָואס עֶר דַארְף נָאר הָאבְּן, זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פִילְן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי צוּ אַ גוּטְן פְרֵיינְד.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ צוּרִיסְן רֶבִּי נָתָן'ס רֶעקְל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל פַארֶעכְטְן דַיין רֶעקְל", רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעטְרַאכְט: "אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקַייט זָאל אִיךְ אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! אִיךְ גִיבּ עֶס אַ נֵיי צוּ אוּן פַארְטִיג", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר טְרַאכְט אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם?!

וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיינְס טוּהן אָן אִיהְם, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען נָאר אִים בֶּעטְן אַלֶעס.

נָאךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין פוֹלִין, אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁנַיידֶער, עֶר הָאט גֶענֵייט קְלֵיידֶער פַאר פַּרְנָסָה, פְּלֶעגְט עֶר אֵייבִּיג זָאגְן: "אִיךְ בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייבִּיג


המשך בדף ג

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֶת הָאֱלֹקִים** - מִיטְן מִדַּת הַדִּין וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֱלֹקִים", **הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - אִיז נֹחַ גֶעגַאנְגֶען, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין דוֹר.

***

**כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ גוּף מִיט אַ נְשָׁמָה, פוּן אֵיין זַייט דַארְף דֶער גוּף עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף אַ אִיד דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, וֶוען עֶר וֶוערְט גֶעוואוּיר אַז מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, אַז אֲפִילוּ מִיט זַאכְן פוּנֶעם גוּף וִוי עֶסְן טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן א.ד.ג. זָאל מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי עֶסְן, מֶען עֶסְט נָאר כָּשֵׁר'ס א.א.וו.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "וָואס אִיז דֶען דָא תַּאֲוֹות אוֹיף דֶער וֶועלְט? עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען דַארְף מֶען, קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְן, פַּרְנָסָה גֶעלְט דַארְף מֶען הָאבְן, נָאר אַלֶעם דַארְף מֶען טוּהן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי אַלֶע זַאכְן".

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרָאבְּלֶעם בַּיים דוֹר הַמַּבּוּל, זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **כִּי הִשְׁחִית כָּל "בָּשָׂר" אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ**, זֵיי הָאבְן אָפְּגֶעטֵיילְט **"כָּל בָּשָׂר"** - דֶעם פְלֵיישִׁיג'ן גוּף, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט, נָאר נֹחַ אִיז גֶעבְּלִיבְּן, וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז מֶען קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעם וָואס גֵייט מִיט אִים פָּאר.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען קוֹדֶם, וִוי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: **וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אַחַת וּדְבָרִים אֲחָדִים**, אַלֶע הָאבְן גֶערֶעדְט **שָׂפָה אַחַת** - אֵיין שְׁפְּרַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּדְבָרִים אֲחָדִים** - פוּנֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן **וַיְהִי בְּנָסְעָם מִקֶּדֶם, וַיִּמְצְאוּ בִקְעָה בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר, וַיִּמְצְאוּ בִּקְעָה** - זֵיי הָאבְן גֶעטְרָאפְן אַ שְׁפַּאלְט, **בְּאֶרֶץ** - צְוִוישְׁן דִי פָּשׁוּטֶע עֶרְדִישֶׁע זַאכְן, **שִׁנְעָר** - בְּגִימַטְרִיָּא כֶּתֶר, צְוִוישְׁן דִי הוֹיכֶע זַאכְן וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן כֶּתֶר, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי הָאבְן גֶעמַאכְט דֶעם טָעוּת צוּ מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט עֶרְדִישֶׁע זַאכְן, נָאר אוֹיבּ ווִיל מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוּז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר: **וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ הָבָה נִלְבְּנָה לְבֵנִים וְנִשְׂרְפָה לִשְׂרֵפָה, הָבָה נִלְבְּנָה לְבֵנִים** - לָאמִיר זִיךְ אָנְטוּהן וַוייסֶע קְלֵיידֶער, **וְנִשְׂרְפָה לִשְׂרֵפָה** - לָאמִיר בְּרֶענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס אַלֶעם אִיז נָאר צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד דֶערְפוּן, אוּן דֶערְפַאר: **וַתְּהִי לָהֶם הַלְּבֵנָה לְאָבֶן, וְהַחֵמָר הָיָה לָהֶם לַחֹמֶר**: דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְן נָאר גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל אַלֶעם אִיז נָאר גֶעוֶוען פַאר דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד וִוי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער: **וַיֹּאמְרוּ הָבָה נִבְנֶה לָּנוּ עִיר וּמִגְדָּל וְרֹאשׁוֹ בַשָּׁמַיִם וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם פֶּן נָפוּץ עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ**, דָאס אַלֶעם אִיז נָאר גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען אַלְס גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה'.

אָבֶּער דֶער עִיקָּר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאר וֶועלְן זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, מִיט אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, בִּיז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(תוך הנחל ס"ג נח תשנ"ט)

## אויסצוגן פון מכתב קודש פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
## איבער די עפענונג פון די נייע מיידל שולע
## "בנות פיגא - היכל הקודש ברסלב"

בעזה"י יום ב' לסדר נח כ"ו תשרי ה'תשע"ב

שלום וברכה אל האברך היקר לי מאד ... נ"י

אזוי ווי עס איז געקומען צו מיר היינט צוויי עלטערן וואס זיי האבן טעכטער און קיינער וויל זיי נישט ארייננעמען לערנען אין זייער סקול, ווייל זיי זאגן זייערע יונגלעך לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך א רמז פון הימל אז מען דארף אויפמאכן א מיידל שולע, הן אמת ס'איז זייער שווער צו האלטן א תלמוד תורה מיט א גאנצע סטעף מלמדים, אבער אזוי ווי עטץ האט'ס געהאט ניסים ונפלאות א גאנץ יאר, האלט איך זיכער וועט איר מיט די מיידל שולע אויך האבן ניסים ונפלאות, מען דארף ביים אנפאנג נישט נעמען קיין מנהלת וכו', נאר איין אדער צוויי פרויען וואס זיי זאלן זיין די לערערענס, מען באצאלט זיי ארום דריי הונדערט פופציג דאלער א וואך, און זיי וועלן לערנען מיט די פאר מיידלעך הלכות, און שרייבן, און רעכענען, און שפראך, וכו' וכו', און אזוי וועט זיך אנהייבן די מיידל שולע.

עס איז באוויסט אז דער הייליגער סאטמאר רב זי"ע בעל "דברי יואל" האט אנגעהויבן זיין מיידל שולע "בית רחל" מיט צוויי תלמידות, און עס איז צעוואקסן געווארן א גאנצע אימפעריע, קרוב צו צען טויזנט מיידלעך כן ירבו, דאס איז מקובל פון צדיקים אז יעדע זאך וואס מען טוט מיט מסירת נפש און מיט אמת, האט הצלחה, אויב איינער האט אינזינען זיך וכו', ישות וכו', פרסום וכו', איז צום סוף פאלט דאס אוועק און ס'ווערט בטל ומבוטל כעפרא דארעא, איבער דעם ווייל קיין שום מוסד וויל נישט אריין נעמען אונזערע טעכטער, ווייל זייערע זוהן לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך נישט קיין אנדערע עצה, נאר אויפמאכן א מיידל שולע, מען דארף אנהייבן מיט קליינעם נישט מיט קיין גרויסן סטעף, וועט מען האבן גרויס הצלחה.

...אזוי ווי איך פאר אוועק דעם דינסטאג אויף ארץ ישראל, און איך וועל נישט דא זיין לכל הפחות דריי שבתים וכו', און אפשר מער וכו', זאלסטו מיר בלייבן געזונט, און דו זאלסט זיין זייער פרייליך, און עס זאל נתרבה ווערן גבולך בתלמידים.

המאחל לך ברכה והצלחה מן השמים

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

אַז דִי פָּאדִים זָאל גְרִינְגֶערְהֵייט אַרַיינְגֵיין אִינֶעם נָאדְל לָאךְ" ווִילֶענְדִיג אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם ווִי וַוייט אַ יוּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען זֶעהט אִין דִי גְמָרָא ווִי וַוייט אַ יוּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס עֶר דַארְף, דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית ד.) זָאגְט: דְרֵיי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אֱלִיעֶזֶר דֶער קְנֶעכְט פוּן אַבְרָהָם, וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "דִי מֵיידְל וָואס וֶועט מִיר גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶן אוּן אוֹיךְ פַאר דִי קֶעמְלֶען, זִי וֶועט זַיין דִי כַּלָּה פוּן יִצְחָק" זָאגְט דִי גְמָרָא: "וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּהן וֶוען עֶס קוּמְט אַ הִינְקֶעדִיגֶע אָדֶער אַ בְּלִינְדֶע מֵיידְל?" אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רִבְקָה.

זֶעהט מֶען פוּן דִי גְמָרָא אַז ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט יֶעדֶע קְלֵיינֶע פְּרַט, רוּפְט עֶס דִי גְמָרָא אָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, ווַייל עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְזָאגְן קְלָאר אַז עֶר דַארְף אַ גֶעזוּנְטֶע פַיינֶע מֵיידְל, דֶערְפַאר וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר אַרוֹיסְזָאגְן קְלָאר יֶעדֶע פְּרַט וָואס עֶר דַארְף.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ דֶעם רֶבִּי'נְס טָאכְטֶער אָדְל אָפְּגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז זִי לַיידְט אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים פוּן אִיר דִינְסְט, "וָואס קֶען אִיךְ טוּהן?" - הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט אִיר צוּרִיק: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אִין טָאג פוּן דַיין חוּפָּה?".

ווַייל מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, אוּן סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ווִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי טָאג וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעם גוּטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דִי עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זֵיי דַארְפְן, אִיז נָאר ווַייל זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס פַאר אַ כֹּחַ זֵיי הָאבְּן, זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶר קֶען אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל, אֲפִילוּ גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם לוֹיפְט עֶר אַרוּם צוּ אַלֶע צַדִּיקִים בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, כָאטְשׁ דָאס דַארְף מֶען טַאקֶע אוֹיךְ, מֶען דַארְף בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִּיק, (עי' לקוטי מוהר"ן ח"א סימן י) אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען קֶען אַלֵיינְס אוֹיךְ אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן וָואס מֶען ווִיל, עֶס אִיז נָאר אַ שָׁאד אַז דִי רֶבִּי'ס אוּן צַדִּיקִים לֶערְנֶען נִישְׁט אוֹיס פַאר זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן אִיד דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּפִלָּה, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּ'פּוֹעֶלְ'ן וָואס עֶר ווִיל נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט דָאס אוֹיס פַאר מֶענְטְשְׁן הָאט דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן "מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים".

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַ רוּסִישֶׁער יוּד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר גֵייט דוּרְךְ גָאר גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריְקַייטְן, אוּן אַסַאךְ צָרוֹת, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז זַיין שְׁוֶוער זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן ל"ע מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז דֶער מַצָּב אִיז גָאר עֶרְנְסְט, עֶר מוּז דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע אַפֶּערֶעיְשָׁאן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט זַיין שְׁוֶוער אַ פִילֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט?

דֶער רוּסִישֶׁער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר ווֵיינִיג גֶעוואוּסְט, אֲפִילוּ עִבְרִי הָאט עֶר שְׁוֶוער גֶעקֶענְט לֵיינֶען, אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶערְן קָאמִינִיזְים פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעם וָואס עֶס אִיז אוֹיף אַדוּרְךְ.

אוּן אַזוֹי שְׁמוּעֶסֶענְדִיג מִיט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה - זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, אוּן עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אַז נָאר אַזוֹי אִיז אַרוֹיס גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן רוּסְלַאנְד ווַייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן זַיין תְּמִימוּת, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיין אַז דוּ בִּיזְט אֵייבִּיג נָאר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ יֶעצְט וֶוערְן אַזוֹי צוּפַאלְן פוּן דַיין צָרָה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נִיצְן יֶעצְט אוֹיךְ דַיין עֵצָה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁוֶוער זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן מַאכְן דֶעם אַפֶּערֶעיְשָׁאן?!

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"שׁ המשך

ווִי עֶס זֶעהט אוֹיס אִיז דֶער אִיד זַייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן מוֹהֲרָ"אַ"שׁ שְׁלִיטָ"א'ס וֶוערְטֶער, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

פְּלוּצְלִינְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ, "וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ דַארְף מִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיף וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט?! אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רוּפְן אַ גְרֶעסֶערְן דָאקְטֶער אוּן עֶר זָאל זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג?!"

צוּ מָארְגְנְ'ס אִיז עֶר טַאקֶע אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן פַּארְלַאנְגְט אַז עֶר ווִיל מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דֶעם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסָאר וָואס אִיז דִי מֶערְסְטֶע בַּאקַאנְט מִיט דִי סָארְט קְרֶענְק, עֶר זָאל אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קְרַאנְקְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן ווִיפִיל עֶס וֶועט נָאר קָאסְטְן.

מֶען הָאט טַאקֶע אַרָאפּ גֶערוּפְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַּארְשִׁידֶענֶע טֶעסְטְ'ס אוֹיפְן קְרַאנְקְן, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶרְנְסְטֶע קְרֶענְק, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַּארְדָארְבְּן דֶעם מָאגְן פוּן אַ גֶעווִיסֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, אוּן מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם אַפֶּערֶעיְשָׁאן.

דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָ"אַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אוּן דֶערְצֵיילְט דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס, הָאט מוֹהֲרָ"אַ"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "אַסַאךְ מָאל אִיז דָא, אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, עֶר וֵייסְט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ נִיצְן, אוּן עֶר נִיצְט דָאס אָפְּט, אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אִין מִלְחָמָה אַרַיין וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַּארְלוֹירְן אוּן צוּמִישְׁט, אוּן עֶר וֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן, אִין דִי צַייט וָואס זַיין יְשׁוּעָה אוּן הִילְף לִיגְט אִין זַיין הַאנְט".

אוּן מוֹהֲרָ"אַ"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט: דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ זֵיי הָאבְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַ אִיד קֶען אַלֶעם אוֹיסְ'פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֶען זָאל הָאבְן "סֶעלְף קַאנְפִידֶענְדְס" - גְלֵייבְּן אִין זִיךְ אַלֵיינְס אַז מֶען הָאט דֶעם כֹּחַ צוּ פּוֹעֵל'ן אַלֶעם.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

(שיחות מוהרא"ש ח"ג ערך תפלה)

## ~ נייעס אינעראהלב מוסדותינו הק' ~

*והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד!*

### גרוים פרייד ביי אנשי שלומינו היקרים צו די עפענונג פון די נייע מיידל שולע "בנות פיגא – היכל הקודש ברסלב"

מיט גרוים פרייד איז אויפגענומען געווארן די נייעס אז עס עפנט זיך מיטן אייבערשטנ'ס הילף די נייע בית חינוך לבנות "בנות פיגא – היכל הקודש ברסלב", ווי אונזערע קינדער וועלן מחונך ווערן אין א געשמאקע אטמאספערע, אנגעפילט מיט אמונה, אמונת חכמים, צניעות, מדות טובות און נאך.

גלייך ווי עס איז אנגעקומען דער "מכתב קודש" פון כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א צו עפענען די מיידל שולע (זעה באזונדערע קעסטל פונעם "מכתב קודש"), האבן זיך די חברי הנהלת מוסדותינו הק' אריינגעווארפן ראשם ורובם צו אויספירן רצון צדיק ווי שנעלער.

מיט גרוים סיעתא דשמיא האט מען געטראפן גאר א גוטע פלאץ געאייגענט פאר די סקול, מען האט אויפגענומען גאר געלונגענע ערפארענע ערליכע טיטשער'ס, וואס וועלן אריינלייגן אין די קינדער די מאקסימום, צו די צופרידענהייט פון די חשובע עלטערן שיחי'.

גלייך דעם ערשטן טאג איז שוין אריינגעקומען א באדייטענע צאל אפליקאציעס פון עלטערן וואס ווילן די אמת'ע טובה פון זייערע טייערע קינדער.

און מיר האפן אז חפץ ה' בידינו יצליח, מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט די סקול זיין א סימבאל פאר די גאנצע שטאט, א ווינקעלע פון אמונה, אמונת חכמים, צניעות, מדות טובות און נאך.

**פאר רעגיסטראציע רופט אין אפיס 718-384-1652 #104**

**כן ירבה וכן יפרוץ!**

### פערדע יאר אין ישיבה אנגעהויבן מיטן אייבערשטנס הילף מיט גרוים הצלחה, מיט א גרעסערע צאל בחורים

די וואך איז מיטן אייבערשטנס הילף געעפנט געווארן שערי ישיבתינו הק' צום נייעם זמן, זמן החורף תשע"ב לפ"ק.

עס האט זיך אנגעזעהן א פארגרעסערטע צאל בחורים וואס זענען אריינגעקומען צום נייעם זמן, זיך אנצופילן מיט תורה, תפלה און יראת שמים, בהדרכת הראש ישיבה שליט"א.

מיט ערענסקייט האבן זיך די בחורים צוגעהערט צו די דרשת פתיחת הזמן פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט צווישן אנדערע ארויסגעברענגט די חשיבות פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אז דאס איז די איינציגסטע ישועה פאר א בחור אדורך צו גיין אלע זיינע שוועריקייטן אין לעבן.

נאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פונעם סדר דרך הלימוד מיט וואס דער הייליגער רבי האט אונז מזכה געווען, אז מען קען זאגן די הייליגע ווערטער פון די תורה הק' אפילו אן פארשטיין, און ספעציעל משניות וואס האט אין זיך גאר אסאך סגולות צו דערנענטערן א איד צום אייבערשטן, און דורך דעם קען יעדער בחור זוכה זיין לכתרה של תורה, און צום סוף וועט ער אוודאי פארשטיין אלעם.

די בחורים זענען זיך צוגאנגען נאך די דרשה מיט א פעסטע החלטה אנצופילן דעם נייעם זמן נאר מיט תורה, תפלה, און מעשים טובים.

כה לחי!

**הזמנה פרטית!**

מיט דאנק און לויב צום אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, וויל איך לאדענען אלע מיינע חברים וידידים אנשי שלומינו צו די חתונה פון מיין טאכטער הכלה תחי' עב"ג, וואס וועט פארקומען מיטן אייבערשטנס הילף דעם קומענדיגן זונטאג פרשת לך אין זאל פון פרדס פיגא אין וויליאמסבורג, איךווארט אייך צו ענטפאנגן מיט פרייד.

**שלמה זלמן גראס וב"ב**

די באווארפן וועט פארקומען די וואך שב"ק פרשת נח אין די ספינקא זאל אויף קיעפ סט.

## ברוך מתיר אסורים!

דער גליון איז נתנדב געווארן דורך
הבחור החשוב מנחם שטיינבערג נ"י
מחשובי תלמידי ישבתינו הק'

צום יארטאג פונעם גרויסן נס וואס ער איז גראטעוועט געווארן פון די רשעים וואס האבן אים שלעכט'ס געטוהן, והיא לא תצלח!

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל
טוב פאר ר' יואל ראזענבערג נ"י
מחשובי אנ"ש צו די געבורט פון
זיין מיידעלע בעבי.
אסאך יודיש נחת.

## מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל
טוב פאר ר' הענעך יצחק אינדיג נ"י
מחשובי אנ"ש צו די געבורט פון
זיין מיידעלע בעבי.
אסאך יודיש נחת.

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................5:34
מוצש"ק...............................7:00
סוף זמן ק"ש......................9:28

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................חולין קל"ב
ירושלמי...............ראש השנה ט"ו
תוספתא.............בכורות פרק ה'


פרשת לך, ח' חשון, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 3


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר ה' לְאַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב, הקדמה) אוֹיפְן פָּסוּק (יחזקאל לג) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם** - אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעוְוּיסְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צִיטוּהן גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, פוּן זַיין טַאטֶע תֶּרַח, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַזוֹי דַארְף טוּהן יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, וַוייבּ, קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר אִיז אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם **לֶךְ לְךָ** - גֵיי צוּ דִיר, זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס וִויל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי **מֵאַרְצְךָ** - פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין סְבִיבָה, סַיי **וּמִמּוֹלַדְתְּךָ** - פוּן דַיינֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה, סַיי **וּמִבֵּית אָבִיךָ**, זָאלְסְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן **אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** - אֶרֶץ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרַאכְט נָאר וִויאַזוֹי דוּ קֶענְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת התורה לך ב)

***

**וְגַם לְלוֹט הַהוֹלֵךְ אֶת אַבְרָם הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים** - אוֹיךְ לוֹט וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט שָׁאף אוּן רִינְדֶער אוּן גֶעצֶעלְטְן, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז לוֹט זָאל הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס? וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (ספר המידות צדיק, לג) אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק הָאבְּן זַיינֶע חֲסִידִים פַּרְנָסָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: (חיי מוהר"ן רע"א) וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ מִיר, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְפְט אִים שׁוֹין אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (ליקוטי מוהר"ן ח"א קכ"ט) אַז וֶוען אֵיינֶער גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אֲפִילוּ עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִּיק, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֵיינְס וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אַ צַדִּיק.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ גֶעלְט ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר צְדָקָה, דַארְף עֶר דִי עִיקָר רֶעדְן צוּ יֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוענְדְלִיךְ צוּבְּרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט, דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיז אִים מְחַזֵּק אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אָדֶער עֶר גִיבְּט אִים אַ סֵפֶר וָואס לֶערְנְט אִים אוֹיס אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיף זַיין נְקוּדָה וָואס בַּאדֶערְט אִים קֶען עֶר אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דֶערְפוּן, אוּן עֶר וַוארְפְט אִים זַיין גֶעלְט בְּשֶׁפַע.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אַז עֶר הָאט דָאס גֶעזֶעהְן נָאךְ אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי חָשׁוּבֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין אַמֶערִיקֶע נָאךְ גֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט נָאר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ יֶעדְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן קֵיין גֶעלְט, מֶען הָאט אִים אַלֵיינְס בַּאוָוארְפְן מִיט גֶעלְט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל אִין אַ שְׁטֶעטֶעלֶע אִין אֵייראָפֶּע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוֹיף שַׁבָּת, עֶר הָאט דָארְט גֶעפִירְט דֶעם שַׁבָּת, גֶעדַאוֶונְט, גֶעלֶערְנְט, גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט


המשך בדף ב

## **פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ** המשך

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער זוֹהַר הק' זָאגְט (לך פ:) אַז "לוֹט" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְטוּתָא" - פַארְשָׁאלְטְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק **וְגַם לְלוֹט** - אוֹיךְ אַ גֶעשָׁאלְטֶענֶע מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַהוֹלֵךְ עִם אַבְרָם** - אוֹיבּ גֵייט עֶר מִיטְן צַדִּיק, **הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים** - וֶועט עֶר צוּם סוֹף הָאבְּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וַוייל וֶוער עֶס דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִּיק וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(זאת התורה לך ז)

***

**וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד** - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב ז) דֶער עִיקָּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דַעַת, דָאס מֵיינְט צוּ וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד) **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן, וַוייל עֶר קֶען שֶׁעדִיגְן.
אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן רִשְׁעוּת לְשֵׁם רִשְׁעוּת, אָן קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, אַז זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּעֶן עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, א) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט עֲבֵירוֹת פַאר מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר רֶעדְט אִים נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה.
דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים** - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים, אָבֶּער **לַה' מְאֹד** - נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן.
(זאת התורה לך ח)

## **שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ** המשך

זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט גֶעקוּמֶען גֶעזֶעגֶענֶען פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט.
עֶס אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אַז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ גֶעלְט דָארְט אִין יֶענֶעם שְׁטֶעטְל, וֶוען אַ גֶעוִויסֶער בַּעַל דַּרְשָׁן אַ לִיטְוִוישֶׁער מַגִּיד הָאט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, אִיז עֶר אוֹיךְ אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע דְרָשָׁה, אָבֶּער צוּ זַיין וואוּנְדֶער הָאט עֶר כִּמְעַט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט קֵיין גֶעלְט, נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר דָאלֶער, אוּן עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועקגֶעפָארְן מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.
אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן בַּאגֶעגְנְט דֶעם צַדִּיק, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאט אִיר אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דָארְט אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט?"
הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוען אִיךְ זָאג תּוֹרָה רֶעד אִיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֱמוּנָה, תּוֹרָה, אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אִיךְ מַאךְ אַוֶועק גֶעלְט, אַז גֶעלְט אִיז גָארְנִישְׁט, אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פַארְן מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, אוּן דֶערְפַאר וַוארְפְט יֶעדֶער אֵיינֶער אַוֶועק זֵייעֶר גֶעלְט אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר מִיר, אָבֶּער דוּ, וֶוען דוּ זָאגְסְט אַ דְרָשָׁה, רֶעדְסְטוּ פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן גֶעלְט, אַז מֶען קֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְטוּהן מִיט גֶעלְט, מֶען קֶען דֶערְמִיט בּוֹיעֶן יְשִׁיבוֹת, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, כּוֹלְלִים, אוּן נָאךְ, אוּן דֶערְפַאר טְרַאכְט יֶעדֶער אֵיינֶער: 'אַז גֶעלְט אִיז יָא אַזוֹי חָשׁוּב, ווִיל אִיךְ עֶס הַאלְטְן פַאר מִיר, אוּן אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן', אוּן דֶערְפַאר הָאסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין גֶעלְט".
מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אַז מֶען זֶעהְט דָאס בְּחוּשׁ, וֶוער עֶס מַאכְט אַוֶועק גֶעלְט, אַז גֶעלְט הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם חֲשִׁיבוּת, מֶען דַארְף נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אֵייבִּיג גֶענוּג גֶעלְט אוּן עֶר קֶען נָאךְ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, אוּן פַארְקֶערְט וֶוער עֶס רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן גֶעלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן גֶעלְט, אִים פֶּעלְט אֵייבִּיג גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט.
מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי כָּבוֹד "כָּל הָרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד, הַכָּבוֹד בּוֹרֵחַ מִמֶּנּוּ, וְכָל הַבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד, הַכָּבוֹד רוֹדֵף אַחֲרָיו", דָאס מֵיינְט "וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ כָּבוֹד, לוֹיפְט דִי כָּבוֹד אַוֶועק פוּן אִים, אוּן וֶוער עֶס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן כָּבוֹד, לוֹיפְט אִים דִי כָּבוֹד נָאךְ", דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי גֶעלְט, וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, לוֹיפְט דִי גֶעלְט אַוֶועק פוּן אִים, אוּן וֶוער עֶס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן גֶעלְט, לוֹיפְט אִים דִי גֶעלְט נָאךְ, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה אוּן יֶעדֶער קֶען עֶס אַלֵיינְס פְּרוּבִּירְן, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז דָאס אִיז אֱמֶת.
אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ גֶעוִויסֶע רֶבִּי צוּ רֶעדְן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט וָואס עֶס גֵייט דָא פָאר, גֶעוֶוענְטְלִיך וֶוען עֶס קוּמְט אַ רֶבִּי פוּן אַמֶערִיקֶע צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּרֶענְגְט עֶר מִיט גֶעלְט, אוּן עֶר טֵיילְט אוֹיס פַאר אָרִימֶעלַייט אוּן שְׁלִיחַ מִצְוָה גֶעלְט א.א.וו., אוּן בַּיי אַייךְ אִיז גָאר פַארְקֶערְט, מֶען בְּרֶענְגְט גָאר גֶעלְט פַאר אַייךְ, אוּן אִיר פָארְט צוּרִיק קֵיין אַמֶערִיקֶע מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע".
מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ צוּ זֶעהְן אַז אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי זָאל נָאךְ נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַזַא נַעַר'ישֶׁע שְׁטוּת פוּן גֶעלְט, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דִי דִבּוּרֵי אֱמוּנָה פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶוערְט עֶר גָאר נִתְפָּעֵל פוּן דִי גֶעלְט וָואס מֶען בְּרֶענְגְט, אַזוֹי וַוייט אִיז דִי דוֹר גֶעפַאלְן, אַז אֲפִילוּ דִי רֶבִּי'ס אוּן מַנְהִיגִים טְרַאכְטְן נָאר פוּן גֶעלְט, מִמֵּילָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין חִידּוּשׁ אַז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן רֶעדְן פוּן גֶעלְט וַוייל דָאס זֶעהְן זֵיי בַּיי זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ המשך

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאגְט: ר׳ נָתָן זי״ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען הָאבְּן גֶעלְט, קוֹיף אִיךְ וֶוען אָפּ אַלֶע רֶבִּי׳ס אַז זֵיי זָאלְן הַאלְטְן פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ הָאבְּן זֵיי לִיבּ גֶעלְט, אוּן פַאר אַ בִּיסְל גֶעלְט, וֶועט עֶר הַאלְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל.

אָבֶּער בַּיים רֶבִּי׳ן - זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א - הָאט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעמַאכְט קֵיין עֵסֶק פוּן גֶעלְט, פַארְקֶערְט, עַל פִּי רוֹב הָאט מֶען זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן צוּם רֶבִּי׳ן וֶועגְן גֶעלְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט נָאר גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶעם וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן סוֹחֲרִים צוּ פַארְקוֹיפְן זֵייעֶר סְחוֹרָה בַּיים יְרִיד, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט׳ס גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שְׁמוּעֶס, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעיָאגְט, הָאבְּן זֵיי אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זֵייעֶר קְוִויטְל מִיט גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן אוֹיפְן טִישׁ, אַז דֶער רֶבִּי זָאל זֵיי אָנְוִוינְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן זֵיי נָאר וַוייטֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם תַּכְלִית, אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

דִי סוֹחֲרִים זֶענֶען גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין שְׁפֶּעט, הָאבְּן זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ רוּקְן זֵייעֶר קְוִויטְל נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי׳ן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אַוֶועקְגֵיין, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן, אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע צַדִּיק וָואס עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, עֶר רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער לַיידֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי קְלִיפָּה אוֹיךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלַבּ׳עֶ חֲסִידִים, אַז מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן גֶעלְט, אוּן מֶען נִיצְט גָאר דֶעם רֶבִּי׳ן זַאךְ צוּ מַאכְן בִּיזְנֶעס אוּן גֶעלְט, יֶעדֶער פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּבַּאקוּמֶען גֶעלְט אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע וֶועג, אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן דְרִיקְן דֶעם רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, אוּן פַארְקוֹיפְן עֶס פַאר גָאר בִּילִיג, אַז יֶעדֶער זָאל עֶס קֶענֶען קוֹיפְן, זָאגְט מֶען נָאךְ אַז מֶען מַאכְט בִּילִיג דֶעם רֶבִּי׳נְס נָאמֶען?! וַוייל מֶען מוּז דָאךְ מַאכְן גֶעלְט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֶבִּי׳נְס לִימוּדִים, פַארְוָואס זָאל מֶען עֶס טוּהְן אוּמְזִיסְט?!

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט: אַמָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א פוּן אַפָּאר לֵיידִיגֵייעֶר׳ס וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶערוּפְן בְּרֶסְלַבּ׳עֶ חֲסִידִים, אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי זֵיי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע עֵצָה וִויאַזוֹי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי מַחְלוֹקֶת זֵייעֶר גְרִינְג, אַז מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ טֵיילְן אַפָּאר דָאלֶער פַארְן עוֹלָם, וֶועלְן זֵיי גְלַייךְ וֶוערְן זַיינֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים, אוּן דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת וֶועט זִיךְ גְלַייךְ עֶנְדִיגְן...

עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א: זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז אִיךְ רֶעד סְתָּם אִין דִי וֶועלְט אַרַיין, עֶס אִיז שׁוֹין אַמָאל גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ, אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ,

המשך בדף ד

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

...עֶס אִיז בַּאקַאנְט אֵיינְמָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף ר׳ נָתָן זי״עַ, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע׳רוֹדְפְ׳ט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, סַיי ר׳ נָתָן זי״ע אוּן סַיי זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אַסַאךְ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען טַאקֶע דֶעמָאלְס אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, אוּן וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֶענֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן צוּ ר׳ נָתָן זי״ע אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס וֶועט דָא זַיין וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? מֶען רוֹדְפְ׳ט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן עֶס פַאלְט אַוֶועק פוּן אוּנְז אַזוֹיפִיל תַּלְמִידִים, עֶס זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס וֶועט נָאךְ עֶפֶּעס אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן אוּנְז״.

הָאט ר׳ נָתָן זֵיי גֶעזָאגְט, אַז עֶטְס פְרֶעגְט׳ס וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶנְטְפֶערְן: הַשּׁ׳ מֵר אֱמֶת לְעוֹלָם (תהילים קמו, ו) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אָפּ דֶעם אֱמֶת אוֹיף אֵייבִּיג, אַז קֵיינֶער זָאל עֶס נִישְׁט צוּרִירְן אָדֶער טֶשׁעפֶּענֶען, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶעם אֱמֶת, - אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח (שם פה, יב) דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט אַיינְזֶעהְן דֶעם אֱמֶת.

ר׳ נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל: ״עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן גָארְטְן, וָואס עֶס הָאבְּן דָארְט גֶעוַואקְסְן אַלֶע מִינֶע גְרָאז אוּן בְּלוּמֶען אוּן בֵּיימֶער וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אֵיין גָאר זֶעלְטֶענֶע בּוֹים הָאט דָארְט גֶעפֶעלְט, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט דִי בּוֹים עֶר הָאט עֶס שְׁטַארְק אַרוּם גֶעזוּכְט אוּן אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דִי קֶערְנְדְלֶעךְ פוּן דֶעם בּוֹים אוּן עֶר הָאט עֶס אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין זַיין גָארְטְן.

אָבֶּער וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְּלָאגְט עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, אוּן אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר גֶעשְׁטֶעלְט אַ סְפֶּעצְיֶעלֶער שׁוֹמֵר וָואס זָאל וַואטְשְׁן דֶעם בּוֹים, אַז עֶס זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען קֵיין שְׁלֶעכְטֶע פוֹיגְל אוּן אוֹיפְעֶסְן דִי קֶערְנְדְלֶעךְ, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי גָאר זֶעלְטֶענֶע בּוֹים זָאל שֵׁיין אוֹיפְוַואקְסְן.

הָאט ר׳ נָתָן אוֹיסְגֶעפִירְט: דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְן רֶבִּי׳נְס זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין יֶעדֶער דוֹר צַדִּיקִים אִין זַיין גָארְטְן, וָואס דָאס אִיז דִי וֶועלְט, אָבֶּער עֶס הָאט נָאךְ גֶעפֶעלְט אֵיין שֵׁיינֶעם בּוֹים, וָואס דָאס אִיז דֶער רֶבִּי, אוּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער ס״מ מִיט זַיינֶע חֶבְרָה, דִי שְׁלֶעכְטֶע פֵייגְל, וֶועלְן דָאס אַוַודַאי נִישְׁט קֶענֶען דֶערְלַיידְן, אוּן זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס אוּנְטֶערצוּבְּרֶענְגֶען, דֶערְפַאר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס גֶעוָוארְן דֶער שׁוֹמֵר פוּן דֶער וואוּנְדֶערְלִיכְן בּוֹים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז קֵיינֶער זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען.

הַשּׁוֹמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם...

(אַשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק פא דף יא)

## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א**

**27 Skillman St.**

### זמני תפלה לימי החורף הבעל״ט

**מנחה וקבלת שבת..............3/4 שעה אחר זמן הדלקה**

**שחרית..............................................9:15**

קידושא רבה אחר התפלה, שיעור בספה״ק סיפורי מעשיות

אחה״צ, שיעור בספה״ק חיי מוהר״ן בזמן הדלקה

**מנחה וסעודה שלישית..........1/2 שעה אחר זמן הדלקה**

שיעור בספה״ק ליקוטי מוהר״ן

**עונג שבת כאלף תעניות!**

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים, בִּיז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן דִי עֵצָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טֵיילְן דָאלֶער'ס אוּן בַּאקְסֶעס צוּגֶערֶעטְלֶעך, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז יֶעדֶער גֶעוָוארְן זַיין חַבֶר, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶר גֶעוָוארְן מִגְּדוֹלֵי אַנַ"ש, זֶעסְטוּ דָאךְ אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה, אֶפְשַׁר וֶועט אִיר אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶעם וֶועג...

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט: אָבֶער בַּיי אוּנְז - בָּרוּךְ ה' – לֶערְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן, בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן גֶעלְט, דֶער עִיקָר אִיז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ גֵייט מֶען צוּ מֶענְטְשְׁן רֶעדְט מֶען מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעבְּט זֵיי דֶעם רֶבִּי'נס סְפָרִים, אוּן אוֹיבּ וִוילְן זֵיי גֶעבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר אִיז גוּט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועגְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלָאזְט נִישְׁט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אִים, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## בית חינוך לבנות "בית פיגא" ברסלב
### בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

## חכם לב יקח מצות!

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א דאנק פאר הרבני הנגיד

**מו"ה זעליג ווייס נ"י**

CONDOR HOTEL

פארן מנדב זיין א הערליכן לאקאל אנצוהייבן אונזער מיידל סקול

ז אל דער אייבערשטער אים באגליקן

ע ר זאל זיך מיט אלעם גוט'ם דערקוויקן

ל ויטער נחת פון זיינע קינדער קוקן

י שועות און שמחות אים אייביג שיקן

ג אנצע זעק מיט שפע אויפפיקן

וואונטשן:

הנהלת המוסדות די קינדער און איינגעשטעלטע פון סקול

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### נייע מיידל סקול "בית פיגא - היכל הקודש ברסלב" אנגעהויבן מיט גרוים הצלחה

די נייע סקול "בית פיגא – היכל הקודש ברסלב" האט זיך אנגעהויבן די וואך מאנטאג, מיטן אייבערשטנ'ס הילף מיט גאר גרוים הצלחה מיט קרוב צו דרייסיג קינדער כן ירבו.

עס לאזט זיך נישט גלייבן וואס פאר א גרויסע סייעתא דשמיא עס האט אונז באגלייט די גאנצע וועג, עס איז קלאר מקוים געווארן וואס כ"ק מוהרא"ש שליט"א האט געשריבן אין זיין בריוו, "...**אבער אזוי ווי עטץ האט'ס געהאט ניסים ונפלאות א גאנץ יאר, האלט איך זיכער וועט איר מיט די מיידל שולע אויך האבן ניסים ונפלאות**".

און דאס האבן מיר טאקע געזעהן באשיינפערליך, ווי די סקול האט זיך אזוי שיין מסדר געווען אין אזא קורצע צייט פון קיים א וואך, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה!**

***

*רעדן צום אייבערשטן, דאס איז אונזער לעבן!*

### פרישע שיפמענט פון די נייע CD "איך רעד צום אייבערשטן"

צוליב דעם גרויסן פארלאנג פאר די נייע אויפגעכאפטע CD "**איך רעד צום אייבערשטן**" וואס איז יעצט ארויסגעקומען פאר ראש השנה, און עס איז גלייך צוכאפט געווארן, האט מען עס יעצט פריש ארויסגעגעבן.

די CD ענטהאלט אן אויסוואל פון הערליכע ניגונים אויף אידיש, וואס איז נתחבר געווארן צווישן די ווענט פון ישיבה, מיט וואס א איד קען זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן איבערשטן.

ווי באקאנט האט אונז דער הייליגער רבי אויסגעלערנט אז די איינציגסטע עצה פאר א איד דורך צו גיין זיין לעבן אויף דער וועלט בשלום, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, איז נאר ווען ער געוואוינט זיך צו, צו רעדן צום אייבערשטן, און אים פארציילן אלע פראבלעמען, און דער אייבערשטער הערט אויס יעדן איינעם, און ער העלפט יעדן איינעם.

אבער ווי פארשטענדליך אזוי ווי עס איז די בעסטע זאך, איז עס אויך די שווערסטע זאך, דערפאר האט דער הייליגער רבי אונז געגעבן אסאך עצות ווי אזוי מען קען זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און איינע פון די עצות איז דורך א ניגון, וואס דאס קען מען דאך יא, און דורך דעם רעדט מען צום אייבערשטן.

און דאס זענען די ניגונים וואס ווערן געזינגען אויף די נייע CD, און ווער עס הערט דאס זאגט אז דאס ציהט א איד צום אייבערשטן זיך אויסצורעדן און אויסזינגען דאס הארץ פארן אייבערשטן.

ווי אויך איז נאך געבליבן א קליינע צאל פון די ערשטע CD "**ניגונים פון תשובה**" מען קען עס באקומען אין היכל הישיבה אויף **27 Skillman St.** אין וויליאמסבורג, אדער אויף טעל נו. **347-452-0412**




## חברת "נאר פרייליך"

845-662-9474 nurfreilech@gmail.com

מיר גייען ארום צו שטובער פון צובראכענע אידן און חולים ל"ע, צו משמח זיין.

אויב ווייסט איר איינעם וואס דארף דאס האבן רופט:

**845-662-9474**

## קול אמונה

צו הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א, ווי אויך צו הערן לייוו הוק-אפ בשעת'ן שיעור רופט:

**212-444-9191**

## מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר ר' שלמה בראווער נ"י צו די אפשערן פון זיין טייער יונגעלע למזל טוב.

אסאך יודיש נחת.

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות......................4:24
מוצש"ק...............................5:54
סוף זמן ק"ש........................8:33

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................חולין קל"ט
ירושלמי.............ראש השנה כ"ב
תוספתא...............ערכין פרק ה'

פרשת וירא, ט"ו חשון, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 4

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר אדנ"י אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבוֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ**, אַבְרָהָם אָבִינוּ זִיצְט אוּן רֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּלוּצְלִינְג זֶעהט עֶר דְרַיי מֶענְטְשְׁן, זָאגְט עֶר פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוארְט אַ מִינוּט, אִיךְ וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי גֶעסְט אִין שְׁטוּבּ, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא (שבת קל"ה.): פוּן דָא לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס **"גְדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"**, עֶס אִיז חָשׁוּבֶ'ער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּבּ, וִוי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי שְׁכִינָה, צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען טַאקֶע פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז עֶס זָאל זַיין חָשׁוּבֶ'ער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה?

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן חלק א' קכ"ג) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ יוּד אִיז, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ עֶרְלִיכֶע אִיד.

אוּן דִי עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִּיק וֶוענְדְט זִיךְ, וִוי וַוייט עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאְרן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט, וֶוען עֶר שְׁפַּארְט זִיךְ אַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס, פַארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִּיק אִיז, אַז עֶר קֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר'ן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס זַיין עִיקָר צִיל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר זֵיי גֶעהֵייסְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר גוּט, אַז עֶס אִיז זִיכֶער חָשׁוּבֶ'ער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תוך הנחל ליל שב"ק תשנ"א)

***

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלוֹנֵי מַמְרֵא**, זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"ב נ) דִי מַחְשָׁבָה אִיז אִין דִי הַאנְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען עֶס דְרֵייעֶן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, דָאס מֵיינְט אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אַ מָאל, מְמֵילָא אוֹיבּ עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ, זַאכְן וָואס עֶר טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן, קֶען עֶר גְלַייךְ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

~ בָּחוּר ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: וִוי אַזוֹי אַ בָּחוּר פִירְט זִיךְ אוֹיף אִין זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, עֶר וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן, דִי פִיר פִינֶעף שָׁעָה פוּן דִי חוּפָּה אוּן פוּן דִי חֲתוּנָה וֶועט אִים גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר דִי זֶעלְבֶּע מֶענְטְשׁ וִוי פְרִיעֶר.

דֶערְפַאר אַ קְלוּגֶער בָּחוּר גְרֵייט זִיךְ צוּ נָאךְ אַלְס בָּחוּר מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָמוֹת, אַזוֹי אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאל עֶר וִויסְן וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַדוּרְךְ גֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דֶעם טָעוּת מַאכְן זֵייעֶר אַסַאךְ בַּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן שׁוֹין קוּים אַ חָתָן צוּ וֶוערְן, זֵיי לוֹיפְן אַרוּם צוּ אַלֶע שַׁדְכָנִים אוּן וִוילְן שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן, אוּן זֵיי רֶעדְן זִיךְ אֵיין אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועלְן זֵיי וֶוערְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, אוּן אִינְצְוִוישְׁן פַארְלִירְן זֵיי זֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, וָואס זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹי סַאךְ גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ פַאר זֵיי הָאבְּן דִי עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אוֹיפְן קָאפּ.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אַוַודַאי דָאס אִיז קֵיין סָפֵק נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ צַעַר אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דַארְף זִיךְ אַ בָּחוּר דֶערהַאלְטְן, אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין פִּינְקְטְלִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דִי טָאג אוּן דִי מִינוּט וָואס עֶר וֶועט אַ חָתָן וֶוערְן, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, אַזוֹי וִוי אַ פֶערְד וָואס ווִיל אַרָאפְּפָארְן פוּן גְלַייכְן וֶועג, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ בַּיי דִי לֵייצֶעס, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אִים אוֹיפְן פְּלַאץ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחְשָׁבָה, וֶוען עֶס ווִיל אַרָאפּ גֵיין פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג, אוּן עֶס ווִיל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן מֶען פִירְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג.

זָאגְט מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט **מַמְרֵא** וָואס אִיז ר"ת מַ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה **אַ'חֶרֶת**, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, טְרַאכְט מֶען גְלַייךְ אַן אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבָה.

וַוייל דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִי מַחְשָׁבָה, עֶר זָאל טְרַאכְטְן נָאר הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען עֶר זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם, עֶר דַארְף דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - אַז אַ אִיד ווִיל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאוַוייזְן, אוּן עֶר זָאל פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה, **בְּאֵלוֹנֵי** "**מַמְרֵא**" - מַ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה **אַ'חֶרֶת** - אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה זָאל עֶר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, **וְהוּא יוֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל** - אֲפִילוּ עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי טִיר, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן נָאךְ מֶער, **כְּחֹם הַיּוֹם** - עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי יֵצֶר הָרַע, אַ פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה - **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים.

(זאת התורה וירא א)

***

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו**, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בראשית רבה פמ"ח ס"ט) **אָמַר ר' לֵוִי** - ר' לֵוִי זָאגְט, אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ בֶּעקֶער, אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַן אַרַאבֶּער,

זָאגְט מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אבות פרק א') אוֹיף דְרַיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיף עֲבוֹדָה, אוּן אוֹיף גְמִילַת חֲסָדִים, אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרַיי אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב, אַבְרָהָם'ס מִדָה אִיז גֶעוֶוען גְמִילַת חֲסָדִים, יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוויזְן פַאר אַבְרָהָם, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעפָאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ מַלְ'ן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דִיר, וִוי עֶס שְׁטֵייט **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'**, יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי דְרַיי זַיילְן פוּן דִי וֶועלְט, תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, אוּן גְמִילַת חֲסָדִים.

דֶער בֶּעקֶער אִיז קֶעגְן חֶסֶד, וַוייל עֶר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער שִׁיפְּ'ס קַאפִּיטַאן פִירְט מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן יַם, וָואס אִיז קֶעגְן דִי יַם הַתַּלְמוּד, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אוּן דֶער אַרַאבֶּער וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "**יִשְׁמָעֵאל**" אִיז קֶעגְן תְּפִלָּה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית טז, א) עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן יִשְׁמָעֵאל "**כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ**" וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אוּן אוֹיף דִי דְרַיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

(זאת התורה וירא ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ המשך

אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז וִוי לַאנְג עֶר וַוארְט אוֹיף זַיין שִׁידוּךְ זָאל עֶר נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן, נָאר אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, תּוֹרָה, גְמִילוּת חֲסָדִים, דָאס מֵיינְט טוּהן חֶסֶד מִיט נָאךְ אִידְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק.

אוּן אוֹיבּ אַ בָּחוּר וֶועט אוֹיסְנִיצְן זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן אוֹיף אַזַא וֶועג, דֶעמָאלְס וֶועט עֶר גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה מִיט אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ אוּן אַ אַנְדֶערֶע יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט עֶר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֵּייט נָאךְ מֶער אוּן מֶער.

אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיסְנִיצְן זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר וֶועט אַרוּם ווִילְדֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַ פֶּרֶא אָדָם, וֶועט עֶר נָאךְ דִי חֲתוּנָה זַיין דֶער זֶעלְבֶּער פֶּרֶא אָדָם, אוּן דֶעמָאלְס וֶועלְן זִיךְ אָנְפַאנְגֶען זַיינֶע רִיכְטִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ פְרַייעֶ פוֹיגְל, עֶר הָאט גֶעקֶענְט פְלִיעֶן וואוּ עֶר הָאט גֶעוָואלְט, טוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר שׁוֹין מְשֻׁעְבָּד צוּ זַיין שְׁטוּבּ, עֶר דַארְף זִיךְ שֵׁיין אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זַיין וַוייבּ א.א.וו.

אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט דֶערְצוּ, וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין דַארְפְן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת אַז עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אִים, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן ל"ע.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א וָוארְנְט אֵייבִּיג אָן דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר זֶעהט אַז אַ בָּחוּר פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִילְד זָאגְט עֶר אִים שְׁטֶענְדִיג מוּסָר: "זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אֵיין מִינוּט אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ טוּישְׁן, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן דֶער זֶעלְבֶּער, אַזוֹי וִוי דוּ קְרִיגְסְט דִיךְ יֶעצְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיךְ, אָבֶּער זִי וֶועט נִישְׁט צוּפִיל לַיידְן פוּן דִיר, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט זִי אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט".

אֵיינְמָאל הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעטְרָאפְן אַ בָּחוּר וָואס פְלֶעגְט אַמָאל זִיצְן אִין יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אִים אַרַיין אַ נַעַר'ישְׁקֵייט אִין קָאפּ, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה א.א.וו., עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי יְשִׁיבָה, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן רוֹב נַאכְט, אוּן עֶר הָאט כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען,

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְלָאזְן זַיינֶע נַעַר'ישֶׁע וֶועגְן, אוּן זִיךְ צוּרִיק אַרַיינְזֶעצְן אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גֶעזָאגְט: דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר דוּ קֶענְסְט זִיךְ נָאךְ מַשְׁלִים זַיין אִין יְשִׁיבָה מִיט גוּטֶע מִדּוֹת. אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן פוּן וואוּ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט?, גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיף דֶעם, אוּן דָאס קֶענְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג בַּאקוּמֶען, אָבֶּער לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, אוֹיבּ וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט אַרַיינְכַאפְּן יֶעצְט, וֶועט דִיר שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן אַזֶעלְכֶע אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי יְשִׁיבָה אוּן גֶעגַאנְגֶען מַאכְן גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי אַוַודַאי נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מַשְׁלִים גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָמוֹת, אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט גֶט'ן ל"ע, אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם גֶט ל"ע, אוּן וָואס הָאבְּן זֵיי יֶעצְט גֶעהַאט פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט?!

וָואס מֵיינְסְטוּ וֶועסְטוּ פַארְדִינֶען פוּן אַרוּם לוֹיפְן זוּכְן גֶעלְט? דוּ וֶועסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט **"כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה"** מִיט דֶעם וָואס דוּ לוֹיפְסְט אַרוּם אִין דִי גַאסְן לֵייגְסְטוּ דִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט מִיטְן בָּחוּר, בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים בָּחוּר אַז עֶר זָאל צוּרִיק אַרַיינְגֵיין אִין יְשִׁיבָה.

אַסַאךְ מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּהן פַאר אוּנְז אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל פַארְשְׁטֵיין בָּחוּרִים אַזוֹי וִוי מִיר!", אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ הֶעלְפְן צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים, צוּ נֶעמֶען צוּבְּרָאכֶענֶע צוּקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת, אוּן מַאכְן פוּן זֵיי גְרוֹיסֶע חִידוּשִׁים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר טַאקֶע גֶעזֶעהְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וִוי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע חִידוּשִׁים דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א, אוּן טוֹיזֶענְטֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט זַיינֶע סְפָרִים אוֹיף אַלֶע עֶקְן וֶועלְט.

אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ר' נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אוּן מֵיין זַאךְ – זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א - אִיז בָּחוּרִים, אוּן צוּזַאמֶען קוּמְט עֶס אוֹיס **"רֶבִּי"**, **ר'**אשׁ הַשָּׁנָה, **י'**וֹם כִּיפּוּר, **בָּ'**חוּרִים, דָאס אִיז דֶער כֹּחַ פוּנֶעם **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל**, דֶער כֹּחַ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַן אַנְדֶערֶע מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת, מֶען נֶעמְט דִי סְכַךְ וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן פְּסוֹלֶת גוֹרֶן וְיֶקֶב - פוּן אָפְּפַאל, אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען נֶעמְט בָּחוּרִים אוּן מֶען מַאכְט זֵיי פַאר גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן עֶלְטֶערֶע בָּחוּר צוּ מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז אֵיין שׁוּרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אִין

המשך בדף ד

## מְפִיצִים דֶערְצֵיילְן...

עֶס דֶערְצֵיילְט אַ יוּנְגֶערְמַאן ר' ד. וו. נ"י אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֶפִּיזָאד וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי אַ קוּנְטְרֵס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אַ שָׁלוֹם בַּיִת פוּן צוּזַאמְפַאלְן.

אֵיין טָאג וֶוען עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵיסִים, וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי אֵיין טִיר שְׁטֶעלְט אִים אַ פְרוֹי אָפּ אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ מוּז אַייךְ דֶערְצֵיילְן וִוי אִיר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט!" אוֹיפְן אָנְפְרַאגֶע פוּנֶעם מֵפִיץ שְׁלִיטָ"א הָאט זִי פַארְצֵיילְט וִוי פָאלְגֶענְד: מִיט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק זֶענְט אִיר גֶעוֶוען בַּיי מַיין טִיר אוּן אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר צְדָקָה אוּן אִיר הָאט דָא אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אַ קוּנְטְרֵס וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס דוּרְךְ גֶעלֵיינְט אוּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער בַּאקוּם אִיךְ אַ טֶעלֶעפָאן קָאל פוּן מַיין טָאכְטֶער וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג פְרִיעֶר, זִי זָאגְט מִיר מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה אַז זִי הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן אִיר מַאן אוּן זִי ווִיל זִיךְ שׁוֹין גֶט'ן ל"ע.

הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט פּוּנְקְט יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס וֶועגְן דֶעם נוֹשֵׂא פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, לָאמִיר דִיר עֶס פָארְלֵיינֶען, זִי הָאט אִיר פָארְגֶעלֵיינְט אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעך, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט זִי אִיר אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט דֶעם קוּנְטְרֵס, וָואס מֵיינְט אִיר הָאט דֶער פְרוֹי אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט פַּאטָאס: **"שׁוֹין אַ יָאר אַרִיבֶּער וָואס מַיין טָאכְטֶער לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה מִיט אִיר מַאן נָאר אַ דַאנְק דֶעם קוּנְטְרֵס וָואס אִיר הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט"**.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק אִין דֶעם יוּנְגֶערְמַאן זֶעהְנְדִיג וִוי זַיין אַרְבֵּייט בְּרֶענְגְט פֵּירוֹת וִוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶוער וֵייסְט וִויפִיל נָאךְ מֶענְטְשְׁן עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אוּן עֶר וֵייסְט גָארְנִישְׁט.

***

נָאךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֶפִּיזָאד פוּנֶעם אוֹיבְן דֶערְמָאנְטֶער יוּנְגֶערְמַאן, זַייעֶנְדִיג אִין אוּמַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, טְרֶעפְט עֶר אַ אִיד, אוּן יֶענֶער גֶעבְּט אִים אַ בְּרֵייטְן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אַזוֹי וִוי עֶר קֶען אִים שׁוֹין לַאנְג.

דֶער מֵפִיץ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען פוּן וִוי עֶר קֶען דֶעם יוּנְגֶערְמַאן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וִוי קֶענְט אִיר מִיר?" זָאגְט יֶענֶער: "אִיר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אִיר הָאט מִיר גֶעטְרָאפְן אִין פְרָאנְט פוּן שׁוֹמֵר שַׁבָּת ביהמ"ד אִין בָּארָא פַּארְק אוּן אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן קוּנְטְרֵיסִים?"

דֶער מֵפִיץ הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וִוי עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן בַּיי שׁוֹמֵר שַׁבָּת, אָבֶּער דֶעמָאלְס הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶעהן גָאר וַוייט פוּן אִידִישְׁקַייט, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

**"דַיינֶע קוּנְטְרֵיסִים הָאבְּן מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִידִישְׁקַייט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט...**

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

זַיְינֶע סְפָרִים הָאט אִים גֶעמַאכְט תְּשׁוּבָה טוּהן, און אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וֶועלְכֶע שׁוּרָה, דִי שׁוּרָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר **"אֶרֶךְ אַפַּיִם"**, וָואס דָארְט שְׁטֵייט **"עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דֶער וֶועלְט וְוִי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר"**, הָאט דֶער בָּחוּר גֶעזָאגְט: "טַאקֶע אַזוֹי, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, עֶר פַארְשְׁטֵייט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: **דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכִיָּה פוּן הִימְל, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֶעדֶענְקֶען און נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז עֶר אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ בָּחוּר,** וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה, פַארְגֶעסְט עֶר אִינְגַאנְצְן אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, און עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין בָּחוּר, און וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ.

אָבֶער אִיךְ - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א - הָאבּ נָאךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִים זֵייעֶר גוּט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ אוֹיךְ, אַז אַ בָּחוּר קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, און זִיךְ זֵייעֶר מַשְׁלִים זַיין, אַזוֹי וְוִי אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ גֶעטוּהן אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלָאזְט נַעַר'ן, אִיךְ הָאבּ גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל אַ חָתָן וֶוערְן בַּיי דִי אַכְצְן יָאר, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל הֶערְשְׁט אַ חָתָן וֶוערְן בַּיי דִי צְוֵויי און צְוָואנְצִיג, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל אַ חָתָן וֶוערְן, אָבֶער אִינְצְוִוישְׁן הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַסַאךְ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, תּוֹרָה און תְּפִילָה, און דֶערְפַאר וֵוייס אִיךְ וָואסְפַארַא כּוֹחוֹת בָּחוּרִים הָאבְּן, און אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים און זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט זֵיי, זֵיי מְקָרֵב צוּ זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקָרֵב זַיין אַלֶע בָּחוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּקָרוֹב אָמֵן

(שיחות מוהרא"ש חלק ג ערך בחור)

**~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~**

*כי מעט אשר היה לך לפני ויפרוץ לרוב!*

### נייער סקול "בית פיגא – ברסלב" אריבערגעצויגן צו א נייעם גרעסערן לאקאל.

אין די קורצע צייט אפשניט פון קיום צוויי וואכן וואס די סקול האט זיך געעפנט, האט זיך עס קונה שם געווען אלם א גאר געלונגענע סקול, מיט א גוטע סטעף, וואס שיינען אריין אין די טייערע קידערלעך גוטע מדות, צניעות, און נאך.

עס האבן אריינגערופן א גרויסע צאל עלטערן איינצושרייבן זייערע מיידלעך, וויסענדיג אז דא קענען זיי זיין רוהיג אז זייערע קינדער וועלן באקומען דעם ריכטיגן ערליכן חינוך על דרך ישראל סבא.

צוליב די גרויסע צאל קינדער כן ירבו, איז שוין דער יעצטיגער פלאץ געווארן צו קליין, האט מען זיך אריינגעצויגן צו א נייע גרויסן פלאץ אויסגעשטעלט מיט שיינע ליפטיגע קלאסן, צו די גרוים צופרידנהייט פון די עלטערן און קינדער צוגלייך.

און מיטן אייבערשטן'ס הילף וועט מען אינעם נייעם בנין קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש מיט הרחבת הדעת.

***

*בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!*

### כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל אי"ה קומענדיגע וואך.

מוהרא"ש שליט"א קומט צוריק דעם קומענדיגן דינסטאג, נאכן וויילן אין ארץ ישראל די לעצטע דריי וואכן.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש שליט"א אויפגעשטעלט אין ארץ ישראל א ברסלב'ע שטעטל אויפן הייליגן רבינ'ס נאמען אין שטאט "יבנאל", א קהילה וואס ציילט זיך שוין היינט קרוב צו פיר הונדערט היימישע משפחות כן ירבו, מיט אלע מוסדות התורה אויפן שענסטן פארנעם, א תלמוד תורה, א מיידל שולע, ישיבה קטנה, ישיבה גדולה, א כולל, און נאך פארשידענארטיגע סניפים.

א יעדע שטיק צייט פארט מוהרא"ש שליט"א אויף ארץ ישראל, מחזק צו זיין די ארטיגע אידן, אריינבלאזן אין זיי א פרישע חיות ווייטער אנצוגיין אין לעבן.

אנשי שלומינו פון דאהי זענען פרייליך צו די גוטע בשורה אז מוהרא"ש שליט"א קומט שוין צוריק אהיים למעון קדשו.

אי"ה דעם קומענדיגן דאנערשטאג וועט ווייטער זיין דער שיעור ליל שישי, ווי א יעדע וואך 8:30 ביי מוהרא"ש שליט"א אין בית המדרש 1129 42th st. אין בארא פארק.



Sponsored by:

Big Appel Woodworking

Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling

Isaac Appel

718.636.9667

646.302.8957

**לע"נ ר' ישעי' בן ר' משה יצחק ז"ל**

**נלב"ע כ"א מרחשון תשס"ט לפ"ק**

**נתנדב ע"י נכדו ר' יעקב פיש נ"י**

**חברת "נאר פריילך"**

845-662-9474 nurfreilech@gmail.com

מיר גייען ארום צו שטובער פון צובראכענע אידן און חולים ל"ע, צו משמח זיין.

אויב ווייסט איר איינעם וואס דארף דאס האבן רופט:

**845-662-9474**

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

ר' ישעי' איידלים נ"י

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

צו די געבורט פון זיין מיידעלע בעבי.

**אסאך יודיש נחת.**

**מזלא טבא וגדיא יאה!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

ר' שלום יוסף יאקאבאוויטש נ"י

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

צו די געבורט פון זיין יונגעלע בעבי.

**אסאך יודיש נחת.**

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות.....................4:18
מוצש"ק.................................5:48
סוף זמן ק"ש........................8:38

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................בכורות ה'
ירושלמי............................יומא ז'
תוסופתא............מעילה פרק ג'

פרשת חיי שרה, כ"ב חשון, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 5

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה**, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִ"י, **בַּת ק' כְּבַת כ' לְחֵטְא, וּבַת כ' כְּבַת ז' לְיוֹפִי**, זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סב) דֶער עִקַּר אִיז דִי הַתְחָלָה - דִי אָנְהֵייבּ, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דִי אָנְהֵייבּ אִיז גֶעוֶוען, דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, כְּאִלוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר גֵייט צוּם צַדִּיק זָאל עֶר טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי עֶר גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם צַדִּיק.

אַזוֹי דַארְף אַ אִיד טוּהן סַיי בַּיים לֶערְנֶען, סַיי בַּיים דַאוֶוענֶען, סַיי בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, אִין אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, **אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן, עֶר הֵייבְּט אָן "פוּן יֶעצְט" קֶען עֶר קֵיינְמָאל אַרָאפְּפַאלְן.**

דָאס אִיז פְּשַׁט **בַּת ק' כְּבַת כ'** - וֶוען זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי זִי אִיז נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר, **וּבַת כ' כְּבַת ז'** - וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן גְלַייךְ וִוי זִי וָואלְט נָאךְ גֶעוֶוען זִיבְּן יָאר, אוּן דֶערְפַאר אִיז זִי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַזַא צְדֵיקֶת.

(זאת התורה חיי שרה א)

***

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק: **וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים**, צוּם סוֹף פָּסוּק: **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת ה', **אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן**, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר טְרַאכְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָבֶּער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, **בָּא בַּיָּמִים** - עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּהן אַ גוּטֶע זַאךְ? אוּן דֶערְפַאר, **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל** - הָאט עֶר אַזוֹי גוּט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן.

(זאת התורה חיי שרה ו)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ הֶעלְפְן אִידְן ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אֵייבִּיג: **"עֶס נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים" - אֵיינֶער וָואס הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע אִידְן זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין זְכוּת אִיז גָאר גְרוֹיס**, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיינֶע כֹּחוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶר הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְקָרֵב נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין זְכוּת גֶעטָאפֶּעלְט פִיל מֶער.

דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: **דִי אִידְן וָואס זֶענֶען מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים - זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק פַאר אַנְדֶערֶע, דַארְפְן הָאבְּן גָאר אַסַאךְ חִיזוּק**, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ קוּמְט עֶס מִיט גָאר אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים, עֶס נֶעמְט צוּ דִי גַאנְצֶע צַייט, רוֹב טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען דִי אִידְן שְׁטֶענְדִיג מְסֻפָּק: "לוֹינְט זִיךְ עֶס טַאקֶע אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר מִיר, צוּ עֶנְדִיגְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט טוּהן אַנְדֶערֶע זַאכְן, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע?!"

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

**וְאַשְׁבִּיעֲךָ בַּה' אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם וֵאלֹהֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא תִקַּח אִשָּׁה לִבְנִי מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר אָנֹכִי יוֹשֵׁב בְּקִרְבּוֹ**, אַבְרָהָם אָבִינוּ זָאגְט פַאר זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר: אִיךְ בַּאשְׁוֶוער דִיךְ אִין נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פוּן דִי הִימְל אוּן פוּן דִי עֶרְד, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַ פְרוֹי פַאר מַיין זוּהן פוּן כְּנַעַן, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, **אָמַר לוֹ עַכְשָׁיו הוּא אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם וֵאלֹהֵי הָאָרֶץ, שֶׁהִרְגַּלְתִּיו בְּפִי הַבְּרִיּוֹת, אֲבָל כְּשֶׁלְּקָחַנִי מִבֵּית אָבִי הָיָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם וְלֹא אֱלֹהֵי הָאָרֶץ, שֶׁלֹּא הָיוּ בָּאֵי עוֹלָם מַכִּירִים בּוֹ, וּשְׁמוֹ לֹא הָיָה רָגִיל בָּאָרֶץ**, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר: פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ פוּנְקְט יֶעצְט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר, אַז עֶר הָאט אוֹיסגֶלֶערְנְט יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אַז אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל זִיכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, אוּן אֱלִיעֶזֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְרֶעגְן **אוּלַי לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרַי אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת**, אֶפְשַׁר וֶועט דִי מֵיידְל נִישְׁט וֶועלְן קוּמֶען דָא וואוֹינֶען? הָאט אִים אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זַיין אוֹיךְ אוֹיף דִי עֶרְד, מִמֵּילָא וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלְן, וֶועסְטוּ מַאכְן אַ **"מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה"** - דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וִוי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט בַּאֲרִיכוּת וִוי אַזוֹי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי תּוֹרָה אִיז סְפֶּעצִיעֶל מַאֲרִיךְ אִין דֶעם, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן, אַז וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען.

**דֶערְפַאר יֶעדֶער וָואס הָאט סַיי וָואסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, עֶר זָאל זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ זַיין גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(תוך הנחל ס"ג חיי שרה תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ המשך

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז - זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א - **מֶען פַארְלִירְט גָארְנִישְׁט פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דֶעם, וַוייל וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זִיךְ פְּלָאגְן אוּן אַרְבֵּייטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אִין אַ קוּרְצֶע גְרִינְגֶערֶע וֶועג**, וַוייל דִי זְכוּת הָרַבִּים וֶועט אִים בַּיישְׁטֵיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן נִישְׁט בְּרוּחְנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת.

אֵיינְמָאל הָאט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: **"יֶעדֶער יְגִיעָה וָואס מֶען טוּט פַארְן רַבִּים, וֶועט צוּנִיץ קוּמֶען פַארְן מֶענְטְשׁ"**, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אַז וֶוען ר' נָתָן זי"עַ הָאט גֶעבּוֹיעֶט דֶעם קְלוֹיז - דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין אוּמַן, וִוי בַּאקַאנְט דִי גְרוֹיסֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעהַאט פַאר דֶעם, וִוי מֶען קֶען זֶעהן אִין זַיינֶע בְּרִיוְון אִין "עָלִים לִתְרוּפָה", אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן דִי קְלוֹיז, אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶע הָאלְץ אוֹיף זַיין קָאפּ, הָאט ר' נָתָן זי"עַ גֶעזָאגְט אַז דֶעמָאלְט'ס הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפְנְט פַאר אִים דִי "מַעֲיָנוֹת הַחָכְמָה", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף גָאר אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַ שֵׁיינֶע חִידּוּשׁ וָואס עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן גֵייעֶנְדִיג בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיטְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, הָאט אִים מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: **"וֶוען מֶען בַּאדִינְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פַארְקֶערְט מֶען בַּאקוּמְט נָאר אַ גְרֶעסֶערְן מֹחַ"**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן ר' נָתָן זי"עַ, אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אֵיינְמָאל פַארְנְדִיג מִיט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א צוּם דְרוּקֶער, צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְט זִיךְ זֵייעֶר אָפּ, אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיס פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֵיין חוּץ לָאָרֶץ פַאר אַפָּאר וָואכְן צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז אִים צוּשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר הַיּוֹם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן זַיינֶע שִׁעוּרִים אוּן עֶר הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם.

הָאט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט זָאלְסְט וִויסְן אַז שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר וָואס אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְדִיגְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צַעַר פוּן דֶעם, וַוייל וֶוען מֶען אִיז מְזַכֶּה אַנְדֶערֶע אִידְן, אִין נָאךְ דֶערְצוּ מִיטְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין דֶערְפַאר.

אוּן מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז **אֱמֶת'דִיג מְסִירַת נֶפֶשׁ מֵיינְט, אַז מֶען גִיבְּט זִיךְ אַוֶועק דֶעם גַאנְצְן נֶפֶשׁ אוּן אוֹיךְ דִי רוּחְנִיּוּת פַארְן רַבִּים**, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ אִין דִי צַייט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן זִיךְ אַלֵיינְס מַשְׁלִים זַיין, גִיבְּט מֶען אַוֶועק מְזַכֶּה צוּ זַיין נָאךְ אַ אִיד, דָאס הֵייסְט אֱמֶת'דִיג מְסִירַת נֶפֶשׁ.

אוּן מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: "אִיךְ וָואלְט זִיכֶער גֶעגֶעבְּן טוֹיזְנְט דָאלֶער אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען יֶעצְט זִיצְן בַּיי דִי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דִי נְסִיעָה וָואס אִיךְ פָאר יֶעצְט צוּם דְרוּקֶער, צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט פַארְקוֹיפְט אֲפִילוּ פַאר אַ מִילְיָאן דָאלֶער"...

אֵיינְמָאל הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אַז אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ יֶעצְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

המשך בדף ד

# מכתב קודש פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
## איבער די נייע מיידל שולע "בנות פיגא - היכל הקודש ברסלב"

בעזהשי"ת

יוֹם ד׳ לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ט חֶשְׁוָן ה׳תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נ"י, מְנַהֵל כְּלָלִי דְּמוֹסְדוֹת "הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ" ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

הַיינְט בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, וֶועגְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יַבְנְאֵל, וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין דָארְטְן אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ, נָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע אַלֵיין, אוֹיסֶער אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה אוּן אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אוּן צְוֵויי כּוֹלְלִים, וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס דָאס מֵיינְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא פַארְנֶעם אִין אַ וִויסְטֶע שְׁטֶעטְל וִוי יַבְנְאֵל אִיז גֶעוֶועוְן, וָואס דָארְט הָאט מֶען אוֹיסְגֶע׳שְׁמַד׳ט צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִּי תֵּימָנֶ׳ע אִידְן אוּן דִּי תּוּנִיס׳ע אִידְן, **אוּן דַוְקָא אִין דֶעם רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע אוֹיסְוְוּרְף וְכוּ׳, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶועוְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת דָאס אִיז אַ חִידּוּשׁ שֶׁבְּחִידּוּשִׁים,** צְוִוישְׁן אַזֶעלְכֶע פַארְבִּיסֶענֶע מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים שׂוֹנְאֵי הַדָּת זָאל מֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה קְדוֹשָׁה וָואס צֵיילְט שׁוֹין קָרוֹב צוּ פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, דָאס אִיז דִי גֶרֶעסְטֶע ווָאוּנְדֶער.

אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר מֶער פוּן אַלְדִינְג, דָאס אוּנְזֶערֶע לַייט אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג חֲסִידֵי בְּרֶסְלַב, הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשִׁיבָה, וָואס לֶערְנֶען דָארְטְן בָּחוּרִים מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְטְלִיכֶע הַתְמָדָה.

**אָבֶּער יֶעצְט אִיז מַיין שִׂמְחָה גָאר גְרוֹיס וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועוְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע מֵיידְל שׁוּלֶע, וָואס דָאס אִיז אַ חִידּוּשׁ שֶׁבְּחִידּוּשִׁים וְכוּ׳,** אַזַא זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶועוְן צְוִוישְׁן בְּרֶסְלַב׳עֶ חֲסִידִים, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, פַארְוָואס מַאכְט אִיר נִישְׁט עֶנְקֶערֶע פְרוֹיעֶן פַאר חֲסִידוּת׳טֶעס? עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז זַיין זַאךְ זָאל זַיין אִין גַאנְצְן שְׁטוּבּ, סַיי דָאס וַוייבּ סַיי דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ פִירְן אוֹיפְן דֶרֶךְ הָאֱמוּנָה, וָואס עֶר הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעפְלַאנְצְט, אוּן בָּרוּךְ ה׳ אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועוְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן יֶעצְט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אִין אוּנְזֶער דוֹר, **ווִי רַבֵּינוּ הַקָ׳ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים מִסַאטְמַאר זִי"עַ בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיג סֵפֶר "וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה"** (מַאֲמָר לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ סִימָן מ"א) **דָאס אִין אוּנְזֶער דוֹר דַארְף מֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית חִינּוּךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ,** אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִינִים וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זֵיי, צוּם בַּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת שַׁבָּת וָואס אִיז זֵייעֶר הָארְבּ, אוּן דִינֵי בְּרָכוֹת וָואס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אוּן אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן וְכוּ׳, אוּן דֶער עִיקָר אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי זָאלְן אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי אָבוֹת נְזִיקִין וְכוּ׳, וָואס טוּט זִיךְ הַיינְט אוֹיפְ׳ן גַאס, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין נֶעץ פוּן מִינִים אוּן אֲפִּיקוֹרְסִים אוּן אוֹיסְגֶעלַאסְנְקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט זֵיי ווִי זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּצְנִיעוּת וְכוּ׳ עַיֵּין שָׁם.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דָאס נָאךְ גְרוֹיס מִיה אוּן שְׁוֶועריַקֵייטְן הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע **"בֵּית פֵּיגָא"**, אוֹיפְ׳ן נָאמֶען פוּן דִי מַאמֶע פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס זִי אִיז גֶעוֶועוְן אַ טָאכְטֶער פוּן **אָדֶל ע"ה**, וָואס זִי אִיז גֶעוֶועוְן אַ טָאכְטֶער פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ.**

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פָּרָשַׁת נָשֹׂא) וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת, שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר, וָואס עֶס הֶערְשְׁט אַזַא הֶפְקֵירוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דַארְף מֶען אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ׳ס.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט וָואס אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ אוּן זָאגְן אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן "מֶען דַארְף זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן זִיכְן שִׁידוּכִים פוּן דֶער פְרֶעמְד".

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ גֶעבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה, אוּן **אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע, אַזוֹי ווִי אִיר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.**

שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקַייט צוּ שַׁאפְן דִי נוֹיטִיגֶע גֶעלְטֶער וָואס סְ׳פֶעלְט אוֹיס אוֹיפְצוּהַאלְטְן אַזֶעלְכֶע ווִיכְטִיגֶע מוֹסְדוֹת אוֹיפְן נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג, אוּן שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין.

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"שׁ המשך

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם: אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן וִויאַזוֹי אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעטְרַאכְט: **"וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן מִיר"** מַיין גַאנְצֶע חִיוּת אִיז גֶעוֶועןְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן וִוי אַ בָּחוּר אָדֶער אַ יוּנְגֶערְמַאן זָאגְט אַכְטְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ הַיינְט צוּ עֶנְדִיגְן אַכְטְצְן פְּרָקִים, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע חִיוּת, וֶוען אִיךְ זֶעה וִוי נָאךְ אַ אִיד מַאכְט אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעטַייטְלְט דֶעמָאלְס מִיטְן פִינְגֶער, אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס אִיז דֶעמָאלְס גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט **"פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר"**, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט, גְלֵייבּ מִיר אַז זַיין זֵיידֶע (וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּבֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ) הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל **"פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר"** בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א וַוייזְט שְׁטֶענְדִיג אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לִיבְשַׁאפְט אוּן קִירוּב צוּ דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען מֵפִיץ דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זֵיי שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק אוֹיף אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִים, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי מְפִיצִים דַארְפְן דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק וַוייל אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע דֶער בַּעַל דָבָר, זֵיי צוּ צוּבְּרֶעכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען וִוי אַ דָארְן אִין זַיין אוֹיג, דֶערְפַאר דַארְפְן זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חִיזוּק זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן.

**אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בִּיזְן סוֹף, וואוֹיל אִיז אִים אוּן וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק,** זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, עֶר הָאט דִי זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת אוֹיף אֵייבִּיג.

(שיחות מוהרא"ש ח"ג ערך מזכה את הרבים)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ!*

### בית חינוך לבנות "בית פיגא" ברסלב, ערשטע וואך אינעם נייעם בנין אריבער מיט געוואלדיגע הצלחה.

מען קען נישט געבוג דאנקן דעם אייבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים, זעענדיג די סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונז אויף טריט און שריט.

ווי געמאלדן פאריגע וואך האט זיך די מיידל שולע אריבערגעצויגן צום נייעם בנין, מיט העכליכע גרויסע לופטיגע קלאס צימערן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז שוין דורך געגאנגען א גאנצע וואך אינעם נייעם בנין מיט הרחבת הדעת צו די צופרידענהייט פון די עלטערן שיחיו.

ווי אויך זענען צוגעקומען די וואך פרישע משפחות וואס האבן אריינגעשיקט די קינדער, וויסענדיג אז דא וועלן זיי מיטן אייבערשטנ'ס הילף די ריכטיגע חינוך וואס זיי ווילן געבן פאר די קינדער על דרך ישראל סבא.

ווי געמאלדן איז מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל די וואך, נאכן ווייל דארט פאר א פאר וואכן מחזק צו זיין די ארטיגע אידן, מוהרא"ש שליט"א איז זייער נתפעל געווארן פון די סקול ווי שיין און הערליך עס האט זיך אהערגעשטעלט, ווי מוהרא"ש שליט"א דריקט זיך אוים אינעם פרישן "מכתב קודש" פאר הנהלת מוסדותינו הק' **"אבער יעצט איז מיין שמחה גאר גרויס וואס איר האט זוכה געווען אויפצושטעלן אזא שיינע מיידל שולע, וואס דאס איז א חידוש שבחידושים"**, (זעה באזונדערן קעסטל דעם גאנצן "מכתב קודש").

עס איז צום האפן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיך די סקול נאך מער פארברייטערן לשם ולתפארת, מיטן ציל אויסצולערנען פאר אונזערע קינדער צו לעבן מיט אמונה, לעבן מיטן אייבערשטן, מדות טובות, צניעות און נאך.

**עד הנה עזרונו רחמיך, ולא עזבונו חסדיך, ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח.**

***

*הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!*

### סיום מסכת ברכות פארגעקומען אין היכל ישיבתינו הק'.

א הערליכע מעמד איז פארגעקומען אין ישיבה ביים סיום מסכת ברכות, ווי באקאנט האט מען פארגאנגענעם יאר געלערנט אין ישיבה מסכת ברכות גמפ"ר ותוספות, ביז הלכה למעשה אין שלחן ערוך, וואס ווערט פארגעלערנט יעדן טאג דורכן ראש ישיבה שליט"א, וואס איז ברייט באקאנט מיט זיין רייכן כח הסברה ווי ער לייגט אראפ די גמרא כשלחן הערוך המוכן לאכול.

די בחורים זענען ארויס פונעם סיום מיט א געוואלדיגע שמחה און סיפוק הנפש, וויסענדיג אז זיי האבן אריינגעכאפט נאך א גאנצע מסכת כמונח בקופסא.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף הייבט מען יעצט נאכאמאל אן – בפקודת מוהרא"ש שליט"א – מסכת ברכות, און אויף אזא אופן וועלן די בחורים ווערן בקי אין די מסכת ישר והפוך.

אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!




## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

## צדיק בא לעיר!

שמחים אנו להודיע בשער בת רבים שבעזהשי"ת יתקיים

**סעודת מלוה מלכה** ביחד עם **סעודת ראש חודש**

**בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

מוצש"ק פרשת **תולדות** הבעל"ט

בהיכל בית מדרשינו **27 Skillman St.**

בשעה 8:00

**כל הקהל מוזמן!**

**לע"נ ר' יוסף מאיר בן לוי יצחק ע"ה**

**יארצייט כ"ג חשון**

נתנדב ע"י

ר' לוי יצחק פרענקל נ"י

קול אמונה

צו הערן שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, ווי אויך פארן הוק-אפ בשעת'ן שיעור רופט:

**212-444-9191**

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות..................4:14
מוצש"ק.............................5:44
סוף זמן ק"ש......................8:42

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................בכורות י"ב
ירושלמי.......................יומא י"ד
תוספתא...........קרבנות פרק ג'

פרשת תולדות, כ"ט חשון, שבת מברכים כסלו, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 6

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק,** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים סַיי גוּט'ס אוּן סַיי שְׁלֶעכְט'ס, אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר גֶעטוּהן פַאר זַיין גוּט'ס, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא - דֶער גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהילים נו) **בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר,** סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (ברכות ס.) **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד** - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג זָאגְן **"וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט".**

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען **חֶסֶד,** עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן יִצְחָק'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען **דִין,** עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק** - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יִצְחָק - מִדַּת הַדִּין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, **בֶּן אַבְרָהָם** - עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם - מִדַּת הַחֶסֶד, עֶס אִיז אַלֶעס חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דִי דִינִים - זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס שְׁלֶעכְט, קוּמֶען אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ווַייל **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק,** דִי שְׁלֶעכְט'ס אִיז אוֹיךְ אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(זאת התורה תולדות ג)

***

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ,** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ה) אַז וֶוען מֶען פַּסְקְ'נְט אָפּ אִין הִימְל אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען ווִיל עֶס מְבַטֵּל זַיין, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה, אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דָאס מֵיינְט, אַז דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, דוּ דֶערְצֵיילְט'סְט אִים דַיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶענֶער מֵיינְט אַז דוּ רֶעדְט'סְט צוּ אִים, **אָבֶער דוּ הָאסְט אִינְזִין אַז דוּ רֶעדְט'סְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

~ חֲתוּנָה ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן חֶסֶד אַז עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (סוטה ב':) אַז דָאס אִיז פּוּנְקְט אַזַא נֵס וִוי קְרִיאַת יַם סוּף - וִוי שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דְרֵייט אַרוּם מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ קֶען זֶעהן בַּיי זִיךְ.

אָבֶער גֶעוֶוענְטְלִיךְ פַארְגֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי חַתוּנָה, הֵייבְּט עֶר זִיךְ שׁוֹין אָן אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף זַיין ווַייבּ, אוֹיפְן שַׁדְכָן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דוּ פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז אֵיינְמָאל בִּיזְטוּ גֶעוֶוען אַ צוּבְּרָאכֶענֶע צוּקְלַאפְּטֶע בָּחוּר, אוּן דוּ וָואלְסְט גֶעצָאלְט דִי וֶועלְט'ס גֶעלְט אַז דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען סַיי וֶועלְכֶע ווַייבּ, אַבִּי דוּ זָאלְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין טַעֲנוֹת, אוּן דוּ פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּהן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (בראשית ג) "הָאִשָּׁה אֲשֶׁר נָתַתָּה עִמָּדִי, הִיא נָתְנָה לִי מִן הָעֵץ וָאֹכֵל" דִי ווַייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן, זָאגְט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

**הֶערְן דִי וֶוערְטֶער**, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן גְרִינְגֶער, וַוייל דִי מַלְאָכִים וָואס וִילְן מְקַטְרֵג זַיין, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דוּ בֶּעהְט'ס יֶעצְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי מֵיינֶען אַז דוּ שְׁמוּעֶסְט סְתָּם אַזוֹי.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'** - יִצְחָק הָאט גֶעוָואלט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְן גְזַר דִין, וַוייל זֵיי הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר, **לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ** - הָאט עֶר עֶס פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ שְׁמוּעֶס מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זַיין וַוייבּ אִיבֶּער זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז? מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער" אָבֶּער עֶר הָאט אוּנְזִין גֶעהַאט "**לַה'**" - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער אוּן אָנְנֶעמֶען דִי תְּפִלָּה, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

(זאת התורה תולדות ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י אַז דָא אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּהְן אַזַא גְרוֹיסֶע טוֹבָה מִיט אָדָם הָרִאשׁוֹן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שם ב) "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ, אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט "עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלֵיינְס אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אַ הִילְף, אַ וַוייבּ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף דֶעם (יבמות סב:) כָּל הַשָּׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה" - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין וַוייבּ דֶער הָאט נִישְׁט קֵיין גוּטְס, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִיל, וַוארְפְט מֶען גְלַייךְ דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ, אַז זִי אִיז שׁוּלְדִיג, אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ בְּחִירָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמוּזְט עֶסְן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת, פַארְוָואס וַוארְפְט עֶר אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף זַיין וַוייבּ?!

דָאס אַלֶעס קוּמְט, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוּן חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אִים גֶעטוּהְן, עֶר הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן פַאר עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין שִׁידוּךְ, וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יבמות ס"ב:) אַז דִי פְרוֹי מַאכְט לִיכְטִיג דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מַאן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים אוֹיף דִי פִיס, מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים?!

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט,

אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים אֵייבִּיג זַיין אַן אֱמֶת'דִיגֶע הִילְף, דֶעמָאלְס וֶועט עֶר זוֹכֶה הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע שְׁלוֹם בַּיִת, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל קְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ, וַוייל עֶר וֶועט גֶעדֶענְקֶען דִי גוּטֶע מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען אִים שְׁטַארְק אַרַיין אִין קָאפּ, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין פִינֶעף יָאר וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזַא גוּטֶע וַוייבּ, וָואס הֶעלְפְט אִים בְּרוּחְנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר גֵייט דָאס שׁוֹין אַזוֹי מֶער פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן עֶס אִיז נָאךְ בַּיי מִיר אַזוֹי וִוי נֵיי" (נ.ב. די שיחה איז געווען אין יאר תשמ"א לפ"ק).

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: וואוֹיל אִיז וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט זַיין חֵלֶק.

(שיחות מוהרא"ש ח"ג ערך חתונה)

***

## ~ דֶערְהַאלְטְן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען, אוּן וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע אִידְן, אִיז נָאר זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן וָואס אַ אִיד גֵייט דוּרְךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה בִּכְלָלִיוּת אוּן בִּפְרָטִיוּת, וַוייל אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַדוּרְךְ אַסַאךְ, שְׁוֶועריקַייטְן בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אָן הִתְחַזְקוּת אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְלוֹירְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן טַאקֶע פַארְלוֹירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג הִתְחַזְקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן ר' נָתָן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צָרוֹת, בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: ר' נָתָן זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חִידוּשׁ אִין הִתְחַזְקוּת, דָאס הָאט עֶר בְּעִיקָר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אֲפִילוּ בַּיים דוּרְךְ גֵיין גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ הַיינְט וֶוער עֶס לֶערְנְט רֶבִּי נָתָנ'ס סְפָרִים בַּאקוּמְט פוּן דֶעם אַזַא חִיזוּק אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר ר' נָתָן זי"ע, אַז ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק - אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן - הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען וִויסְן אַז מַיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן הַיינְט אִיז דִי זֶעלְבֶּע

המשך בדף ד

### מְפִיצִים דֶערְצֵיילְן...

עֶס דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַ אִינְגֶערְמַאן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטְן עֶפִּיזָאד, וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס וִוי וַוייט מֶענְטְשְׁן זִיכְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

עֶר אִיז אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע מוֹסָד, אֵיין טָאג פְרֶעגְט אִים אַ מִיטְאַרְבֶּעטֶער: "דוּ גֵייט'סְט אֶפְשָׁר אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ?" עֶנְטְפֶערְט עֶר "יָא", אוֹיב אַזוֹי - זָאגְט אִים יֶענֶער - בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שַׁאפְן דֶעם נַייעֶם סֵפֶר "אַשֶׁר בַּנַחַל בְּאִידִישׁ" "אִיךְ הָאב עֶס גֶעזֶעהְן בַּיי אֵיינֶעם, אוּן עֶס הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע מַהֲלַךְ הַחַיִּים, אִיךְ מוּז עֶס בַּאקוּמֶען!"

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים עֶס אַוַדאי פַארְשַׁאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי וַוייט אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

***

אַ מֵפִיץ דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אַן הֵיימִישֶׁע דָאקְטֶער, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען לֶעצְטְנ'ס בַּאהַאנְדְלֶען אַן עֶלְטֶערֶע פְרוֹי, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ סֵפֶר'ל אוֹיף אִידִישׁ, אוּן אִיךְ הָאב גֶעזֶעהְן דָארְט אַפָּאר שׁוּרוֹת וָואס הָאט מִיר אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, עֶס הָאט מִיר צוּגֶעגֶעבְן אַ שְׁטִיק לֶעבְן, אִיךְ וַוייז דָאס פַאר אַלֶע מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס קוּמֶען אַרַיין צוּ מִיר".

אוֹיפְן אָנְפְרַאגֶע פוּנֶעם דָאקְטֶער, הָאט זִי אִים גֶעוִויזְן דֶעם סֵפֶר "אַשֶׁר בַּנַחַל" אִין אִידִישׁ חֵלֶק ז', וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער עִיקָר זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז זַיין מַעֲלָה זֵייעֶר גְרוֹיס אִין הִימְל.

דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אִים אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ אִיז דִי לֶעבְן אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה הָאט אַלֶע בְּרָכוֹת".

וֶוען דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֵפִיץ דֶעם אַדְרֶעס, הָאט דֶער מֵפִיץ אִים גֶעזָאגְט אִיךְ הָאב דָארְט מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם אַשֶׁר בְּנַחַל.

אוּן דָאס הָאט גֶעגֶעבְן אַ פְרִישְׁן שְׁטִיפּ פַארְן מֵפִיץ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין זֶעהֶענְדִיג וִוי זַיין אַרְבֶּעט אִיז נוֹשֵׂא פֵּירוֹת.


# בית המדרש היכל הקודש - ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

בעזהשי"ת

# צדיק בא לעיר

שמחים אנו להודיע לכל תושבי עירנו וויליאמסבורג יצ"ו, שהגה"ק צדיק יסוד עולם, משיב רבבות רבבות ישראל לאביהם שבשמים, עמוד צלותהון דישראל ה"ה

## כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

נשיא ומנהיג מוסדות וקהילות "היכל הקודש ברסלב" די בכל אתר ואתר.

יופיע בעירנו

## לסעודת מלוה מלכה עם סעודת ראש חודש

מוצש"ק פרשת תולדות הבעל"ט

בהיכל בית מדרשינו

**27 Skillman St.**

**בשעה 8:00**

**וישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות המשיבים את הנפש**

## שמעו ותחי נפשכם

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

ווי נֶעכְטְן, וָואלְט אִיךְ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן שְׁוֶועל פוּן טִיר אוּן זִיךְ גֶעלָאזְט אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ מִיט אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד", וַוייל עֶר פְלֶעגְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס שַׁארְפְקַייט אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

וֶוען ר' נָתָן זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶער אִיךְ הָאבּ אַנְדֶערְשׁ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט עֶרְלִיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר, דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר", וַוייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר מְחַזֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, נָאר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶע אִיד, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק, נָאר עֶר אִיז צוּפִיל מְדַקְדֵק אוֹיף זִיךְ אוֹיבּ עֶר אִיז גֶענוּג יוֹצֵא, פַאלְט עֶר צוּם סוֹף אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ, אַז פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זַייעֶר שְׁטַארְק מְקַבֵּל דִי נְקוּדָה פוּן ר' נָתָן זי"ע, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וַוייט אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

אוּן דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶעהְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אִים אַסַאךְ רְשָׁעִים בַּעֲלֵי עֲבֵרָה וָואס הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן גֶע'רוֹדְפ'ט טֶעג אוּן יָארְן, מֶען הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן אִינְגַאנְצְן, מֶען הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט דִי פַּרְנָסָה, מוֹצִיא שֵׁם רַע גֶעוֶוען אוֹיף אִים אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זַיינֶע מִתְנַגְדִים, נָאר עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵק אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ.

אוּן וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט זִיךְ אָפּ פוּן אִים, אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג.

(שיחות מוהרא"ש ח"ג ערך התחזקות)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### גרויס פארשריט אינעם בית הדפוס "קרן הדפסה" שע"י מוסדות היכל הקודש ברסלב – וויליאמסבורג

ווי באקאנט האט מען די לעצטע יאר געעפנט א בית הדפוס אין וויליאמסבורג צו קענען דריקן און צושפרייטן דעם רבי'נס ספרים אויף א גרינגע ביליגע וועג.

במשך די פאר חדשים וואס מען האט געעפנט די בית הדפוס, האט מען שוין אפגעדריקט צענדליגע טויזענטער ספרים, וואס זענען צושפרייט געווארן און צוכאפט געווארן דורך אלע היימישע אידן בכל מקומות מושבותיהם.

בלויז אין די לעצטע וואך אליינס, האט מען אפגעדריקט אן ערך פון פינף טויזנט ספרים, וואס זענען אויפגענומען געווארן מיט דורשט דורך אלע אידן וואסווארטן אויף די דברי אלקים חיים, המשיבים את הנפש.

די וואך איז ארויסגעקומען דריי פרישע ספרים, צום ערשט איז ארויסגעקומען, אין די סעריע פון אשר בנחל אין אידיש, א פרישע חלק **"אשר בנחל חלק י"א"** א זאמלונג פון בריוון התעוררות והתחזקות געשריבן אויף אידיש פון מוהרא"ש שליט"א, וואס קומט יעצט ארויס צום ערשטן מאל.

ווי אויך זענען איבערגעדריקט געווארן אין א פרישע אויפלאגע נאך צוויי ספרים, דער ספר **"פרנסה טובה"** עצות מיט הדרכות צו א גוטע פרנסה, גענומען פון הייליגן רבי'נס ספרים.

ווי אויך דער ספר **"מציאת הזיווג"** עצות והדרכות און תפלות פאר בחורים און מיידלעך וואס דארפן טרעפן א שידוך.

מוהרא"ש שליט"א האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט זאגן די תפלות פון דעם ספר **"מציאת הזיווג"** פערציג טעג נאכאנאנד, וועט זיכער טרעפן זיין שידוך.

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו!**










**WORLD OF PACKELECH**

**פאר אלע אייערע פעקלעך געבורטכן ווי למשל**

**באווארפן אפשערן וואך נאכט א.ד.ג. רופט 347-451-6331**



Sponsored by:

**Big Appel Woodworking**

Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling

*Isaac Appel*

**718.636.9667**

**646.302.8957**

## קול אמונה

צו הערן שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, ווי אויך פארן הוק-אפ בשעת'ן שיעור רופט:

**212-444-9191**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר ר' מיכאל אלטמאן נ"י צו די אפשערן פון זיין טייערע יונגעלע יוסי נ"י.

**אסאך יודיש נחת.**

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות...................4:11
מוצש"ק...........................5:42
סוף זמן ק"ש.....................8:47

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................בכורות י"ט
ירושלמי........................יומא כ"א
תוספתא..............קרבנות פרק י'

פרשת ויצא, ז' כסלו, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 7

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ס"א) אַז וִוי אִידְן וואוֹינֶען, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס אִידְן וואוֹינֶען דָארְט, וֶוערְט דִי לוּפְט גֶעהֵיילִיגְט אַזוֹי וִוי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

רַשִׁ"י זָאגְט, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב**, פַאר וָואס דַארְף שְׁטֵיין פוּן וִוי עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג עֶס זָאל שְׁטֵיין **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה**, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ חָרָן, נָאר וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט גֵייט אוֹיךְ אַוֶועק דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט.

דֶער הֵיילִיגֶער "**קְדוּשַּׁת לֵוִי**" אִיז מַסְבִּיר דִי רַשִׁ"י אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר רַשִׁ"י פַארְוָואס שְׁטֵייט "**וַיֵּלֶךְ**" חָרָנָה - עֶר אִיז "**גֶעגַאנְגֶען**" צוּ חָרָן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "**וַיֵּרֶד**" חָרָנָה - עֶר אִיז "**אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען**" צוּ חָרָן, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (זְבָחִים נ"ד:) אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער.

נָאר וָואס דֶען - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער **קְדוּשַּׁת לֵוִי** - דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, מֵיינְט בְּרוּחְנִיּוּת, אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵייסְט עֶס אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַרוֹיס, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֵייט אַרוֹיס, גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיס דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט, דָאס מֵיינְט אַז עֶר גֶעמְט מִיט מִיט זִיךְ וִוי עֶר גֵייט, דִי שֵׁיינְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן שְׁטָאט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אִין חוּץ לָאָרֶץ, וֶוערְט דָארְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט דָאס פְּלַאץ מִיט קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר טוּט דָארְט.

(זאת התורה ויצא ב)

***

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶערְוֶועז פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעם פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

~ כָּבוֹד ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת, קֶען מֶען נִיצְן דִי מִדָּה פוּן כָּבוֹד אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, אַז מְ'זָאל מִיט דֶעם וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקָרֵב זַיין נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ר"ב) "וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד", מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן, הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, זַיין שֵׂכֶל אִיז נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ, אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִי עֵצָה דֶערְצוּ, אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, **מֶען זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּהִיגְן, עֶר וֶועט פִּילְן אַז עֶר אִיז יָא עֶפֶּעס וֶוערְד, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט,** אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן.

אוּן מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז **מִיט דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ וִויכְטִיגֶע שְׁלִיסְל אִין לֶעבְּן, אַז מֶען קֶען אוֹיסְנִיצְן דִי מִדָּה פוּן כָּבוֹד אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג,** סֵיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין, סֵיי בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, סֵיי מִיט אַ חָבֵר, סֵיי מִיט קִינְדֶער, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם שְׁלִיסְל, קֶען עֶר דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן.

**בַּיי זִיךְ אַלֵיין** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּילְט צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, מְיוּאָשׁ פוּן זַיין לֶעבְּן, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, זָאל עֶר זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, עֶר זָאל טְרַאכְטְן: **"אִיךְ הָאבּ זִיכֶער אוֹיךְ אַסַאךְ מַעֲלוֹת, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אוֹיפְטוּהן גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, צוּם סוֹף וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נָאךְ הֲנָאָה**

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

הֶערְט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוערְט עֶר שׁוֹין נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי מְקוּבָּלִים (עי' שַׁעֲרֵי אוֹרָה, הַשַּׁעַר הַשְּׁמִינִי, הַסְּפִירָה הַשְּׁלִישִׁית) אַז **"בְּאֵר שֶׁבַע"** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי זִיבֶּעטֶע מִידָה וָואס דָאס אִיז **מַלְכוּת** - דִי הֵיילִיגֶע **אֱמוּנָה.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב** - וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס, **מִבְּאֵר שָׁבַע** - פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - גֵייט עֶר צוּ חֲרוֹן אַף, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוּן נֶערְוֶועז פוּן אַ יֶעדֶע זַאךְ.

(זאת התורה ויצא ג)

***

**וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו,** זָאגְט רַשִׁ"י עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִוי אַ רִינְג אַרוּם זַיין קָאפּ, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער נָאר אַרוּם זַיין קָאפּ? דִי חַיוֹת קֶענֶען דָאךְ אִים בַּייסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע חֲלָקִים פוּן זַיין גוּף?

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ג) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַארְגֶעניגְן פוּן דֶעם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַסַאךְ מָאל בַּיי קֶעניגְן, אַז מֶען בְּרֶענְגְט פַאר זֵיי חַיוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן דִי קֶעניגְן הָאבְן גְרוֹיס פַארְגֶעניגְן פוּן דֶעם, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען טָהוֹר'ע חַיוֹת, אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַרוּם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, **אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל גְרוֹיס פַארְגֶענוּגֶען פוּן דֶעם.**

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ח) פוּן סֵפֶר יְצִירָה, אַז אוֹתִיּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שְׁטֵיינֶער.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁטֵיינֶער דִי אוֹתִיּוֹת פוּן תּוֹרָה, דִי אוֹתִיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אַרוּם זַיין קָאפּ, אַז עֶס זָאל אִים שִׁיצְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי אוֹתִיּוֹת, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר נֶעמְט תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת.**

**(זאת התורה ויצא ד)**

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

**הָאבְּן פוּן מִיר"** אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז עֶר זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵק.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אֲפִילוּ בַּיי אַ צַדִיק קֶען אוֹיךְ אַמָאל זַיין אַז עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר פִּילְט אַז עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ תַּלְמוּד אוּן בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר אִים, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער צַדִיק מְחוּזָק אוּן עֶר בַּאקוּמְט כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קכ"ו) פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַז וֶוען דִי חַבְרַיָא הָאבְּן גֶעלוֹיבְּט זֵייעֶר רֶבִּי'ן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אוֹיף אַ סוֹד וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זֵיי גֶעזָאגְט נָאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרוֹת, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעלוֹיבְּט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן חִיזוּק אַז עֶר זָאל מְגַלֶה זַיין נָאךְ וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, עֶר אִיז אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין תַּלְמִיד, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַאר אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין רֶבִּי'ן וָואס הָאט מְחַי' גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי עֶר הָאט דֶעמָאלְט'ס מַמָשׁ מְחַי' גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי'ן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יֶעצְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען, הָאסְטוּ מִיר מַמָשׁ מְחַי' גֶעוֶוען, אוּן מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מוֹחִין דְגַדְלוּת.**

**בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת** - צְוִוישְׁן אַ מַאן אוּן וַוייבּ אִיז דָאס זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ אוּן דֶעם, רוֹב מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז קוּמְט וֶוען מֶען הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי כָּבוֹד פוּנֶעם מַאן אָדֶער וַוייבּ, אוּן **וֶוען בֵּיידֶע וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי מִדָּה פוּן כָּבוֹד אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וִוי עֶס פַּאסְט, וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: אֵיין כְּלַל דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ: **"פַאר אַ גוּט וָוארְט בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּאטְשׁ",** מֶען דַארְף אֵייבִּיג הָאבְּן אַ גוּט וָוארְט אוֹיפְן צִינְג, וֶוען דֶער מַאן אִיז יֶעצְט צוּבְּרָאכְן עֶר הָאט נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, אִיז דִי פְרוֹי אִים מְחַזֵק, אוּן פַארְקֶערְט וֶוען דִי פְרוֹי אִיז צוּבְּרָאכְן זִי פִּילְט אַז זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט אִיז דֶער מַאן אִיר מְחַזֵק.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זִיכְן פֶעלֶערְן אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, צוּ זִיכְן צוּ קְרִיטִיקִירְן וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ פֶעלֶער, **אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט דִיר וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן יֶענֶעם וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ פֶעלֶער.**

פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען זֶעהְט אַז דֶער צְוֵוייטֶער אִיז יֶעצְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאךְ הֶעלְפְן, דֶער רֶעדְל וֶועט זִיךְ נָאךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן"** אַזוֹי בַּארוּהִיגְט מֶען יֶענֶעם, בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש המשך

**צְוִוישְׁן חֲבֵרִים** - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, נָאר מְחַזֵּק זַיין און אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם חָבֵר, אַנְשְׁטָאט זָאגְן פַאר אַ חָבֵר מוּסָר, אִים אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, **דַארְף מֶען אִים עֶנְדֶערְשְׁט אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ מַעֲלוֹת, אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיף אַזַא וֶועג בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף זַיין זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט**, און עֶר זֶעהט טַאקֶע אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, און עֶר ווִיל עֶס אוֹיסְנִיצְן צוּם גוּטְן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: "מִיט דֶעם וֶועג קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין אֲפִילוּ דֶעם גְרֶעסְטְן רָשָׁע, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיך אַ רָשָׁע ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אָבֶער וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, וֶוערְט צוּבְּרָאכְן זַיין שְׁלֶעכְטְס, און עֶר פָּאלְגְט וָואס מֶען זָאגְט אִים.

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט גֶעטוּהן מִיט אַ מָסוּר אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָ' (שִׁבְחֵי הר"ן סִימָן י"ט) וָואס הָאט זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט דִי אִידְן אִין טְבֶרְיָ', און וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר הַאלְט אִים פַאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְן מָסוּר: "אִיךְ הַאלְט אַז עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא עֶרְלִיכֶע אִיד ווִי דוּ, אַז דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַלֶע אִידְן, דוּ זָאלְסְט זָאגְן תְּהִילִים פַאר אִידְן, און אוֹיף אַזַא וֶועג הָאט אִים דֶער רֶבִּי אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ גֶעוֶוען".

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אֲפִילוּ מִיט אַ גוֹי דַארְף מֶען אוֹיךְ גֵיין אוֹיף אַזַא וֶועג, אִים צוּ הֵייבְּן און גְרוֹיסְן, און אַזוֹי צוּבְּרֶעכְט מֶען זַיין שְׁלֶעכְטְ'ס, אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן, וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט טוּהן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט עֶס אֵיינְמָאל אַלֵיינְס מִיטְגֶעהַאלְטְן, וֶוען מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט דִי מִקְוֶה אִינֶעם "בִּנְיַן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", וֶוען מֶען הָאט גֶעגְרָאבְּן דִי גְרִיבּ פַארְן בּוֹר, אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען.

דֶער בַּעַל הַבַּיִת (וָואס הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ אַרְבֶּעטֶער גוֹיִם) אִיז גֶעוֶוען אַ פוֹילֶער, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים פְּלָאגְן, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַן עֵצָה, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער און אָנְגֶעהוֹיבְּן הַאקְן אוֹיפְ'ן שְׁטֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, אָבֶער יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַז נָאר גָאר אַ שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשׁ, אַ גִבּוֹר עָצוּם, קֶען רִירְן דֶעם שְׁטֵיין", און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער טְרַאכְט אַז עֶר קֶען עֶס מַאכְן?" אֵיין גוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען רִירְט אַ שְׁטֵיין!" עֶר הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת און עֶר הָאט אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט בִּיז עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֵיין.

ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל

מיר וואונטשן אן הערצליכן ברכת מזל טוב פאר

**הרבני הנגיד מו"ה מעכיל פרענקל נ"י**

מתומכי מוסדותינו הק'

צום שידוך שליסן מיט זיין חשובן זוהן החתן **לוי יצחק** נ"י

עב"ג הכלה החשובה בת מו"ה **אברהם מארקאוויטש** נ"י

דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּהן פַאר זַיין בַּעַל הַבַּיִת: "דוּ בִּיזְט אַ שְׁוַואכֶער, נָאר אִיךְ בִּין שְׁטַארְק, נָאר אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען!" און דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גְרוֹיסְן: "אִיךְ זֶעה טַאקֶע אַז דוּ בִּיזְט זֵייעֶר שְׁטַארְק" עֶר הָאט אִים אַזוֹי גֶעגְרוֹיסְט בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע גַאֲוָוה, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן וָואס אִיךְ קֶען!" עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם שָׁאוּוֶל, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרָאבְּן מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ, בִּיז עֶר הָאט אַלֵיין אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן דֶעם גַאנְצְן גְרוּבּ, **עֶס הָאט זִיךְ טַאקֶע גֶעגָאסְן דִי שְׁוֵוייס פוּן אִים ווִי אַ טַייךְ, אָבֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיינְס, אַלֶעס וַוייל מֶען הָאט אִינְטֶערְגֶעקוֹיפְט מִיט אַבִּיסְל כָּבוֹד.**

נָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל עֶרֶב פֶּסַח וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים בַּאקְן מַצוֹת, פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָפְּגֶעלָאזְט דִי מַצוֹת, און עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם גַלַח פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר לַאנְג, כִּמְעַט בִּיז בַּיינַאכְט, אִינְצְווִישְׁן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעעֶנְדִיגְט בַּאקְן דִי מַצוֹת, גֶעזָאגְט הַלֵל, א.א.וו. צוּם סוֹף אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק גֶעקוּמֶען, און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט דִי מַצוֹת פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי לַאנְג גֶערֶעדְט מִיט דֶעם גַלַח? און נָאכְדֶערְצוּ פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער גַלַח הָאט דִי נַאכְט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּלוּט בּוֹלְבּוּל אוֹיף דִי אִידְן אִין שְׁטָאט, און דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט און גֶעגְרוֹיסְט, אִיךְ הָאבּ אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דִי פְרִישֶׁע מֶעד (אַ מִין וַויין) וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בַּיי זִיךְ, און עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּהן.

און מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי חִינוּךְ פוּן קִינְדֶער, אַ קִינְד קֶען נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן גֶעהֶערִיג, נָאר אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אִים און מֶען גְרוֹיסְט אִים, דִי עֶלְטֶערְן און מְחַנְּכִים פוּנֶעם קִינְד דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גְרוֹיסְן און לוֹיבְּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי קִינְדֶער, און וֶוען דֶער קִינְד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּהן עֶפֶּעס, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְפִירְן ווִי עֶס

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען עֶס אוֹיךְ אַרוֹיפְקוּקְן און אוֹיסְלוֹיבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, און זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אָבֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן און מְחַנְּכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען קוּקְט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי, מֶען גְרוֹיסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע חֵשֶׁק, און פוּן דֶעם וַואקְסְן אוֹיף פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת בָּנִים ק"ז) **"הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶן כַּעְסָן - דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ"** וַוייל וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן און פַארְשְׁטֵיין, זֵיי צוּ לוֹיבְּן און גְרוֹיסְן, גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אַנְטְשְׁטָאט דֶעם שְׁטִיפְּט עֶר אַוֶועק דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ, עֶר זָאגְט זֵיי אַז עֶר נִישְׁט קַיין צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַזוֹי קֶענֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן נָארְמַאל, און זֵיי בְּלַייבְּן נַעַר'ישׁ און צוּרִיקְגֶעבְּלִיבְּן.

וֶוער אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אֵיינְמָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, און עֶר הָאט אִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע טִיטְלְן, עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעגְרוֹיסְט און גֶעלוֹיבְּט, און וֶוען זִי הָאט גֶעלֵיינְט דִי בְּרִיוו הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, און זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטְן אַז **וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר אִיז צוּקְלַאפְּט און צוּבְּרָאכְן, דַארְף מֶען אִים מְכַבֵּד זַיין און גְרוֹיסְן,** מְמֵילָא אוֹיבּ מַיין טַאטֶע לוֹיבְּט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, און אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ...

זֶעהט מֶען וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶענוּצְט דִי עֵצָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז צוּבְּרָאכְן, הָאט עֶר אִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו און אִיר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט און מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז זִי זָאל וִויסְן אַז זִי יָא חָשׁוּב, און זִי קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, אַז זִי זָאל נִישְׁט אַזוֹי צוּבְּרָאכְן.

און אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ, **מֶען בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיינֶע מַעֲלוֹת, זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן יֶענֶעם, און אַזוֹי וֶוערְט יֶענֶער גֶעשְׁטַארְקְט וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטְס אִין זִיךְ, און דָאס גִיבְּט אִים דֶעם שְׁטוּפּ, דִי חִיזּוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן און קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.**

(שיחות מוהרא"ש ח"ב ערך כבוד)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### נאך א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית

פארגאנגענעם זומער, קיץ תשע"א לפ"ק, פאר חמשה עשר באב האט מוהרא"ש געשריבן א בריוו פאר די בחורים, אז ער גייט קומען אי"ה אויף חמשה עשר באב אין קעמפ, און ברענגן שידוכים פאר די בחורים.

ביי די חמשה עשר באב סעודה, אינמיטן די דרשה האט מוהרא"ש געפרעגט, פון די בחורים, אויב זיי ווילן חתנים ווערן, און ווי פארשטייט זיך האבן אלע בחורים געענפערט יא! האט מוהרא"ש דעמאלטס צוגעזאגט אז יעדער בחור פון זיבעציג יאר און העכער, וואס וועט ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית, פון דעמאלט'ס ביז ראש השנה, וועט ער ווערן א חתן דעם קומענדיגע יאהר, און מען וועט אנהויבן ברעכן טעלער גלייך נאך ראש השנה.

די בחורים האבן דאס אנגענומען זייער ערנסט, און אלע בחורים האבן זיך צוגעשטעלט, און געענדיגט יעדן טאג גאנץ מסכת תענית.

דעם דרייצנטן טאג, זונטאג פרשת שופטים, ווען די בחורים זענען אויפגעשטאנען אינדערפרי, האבן זיי צו זייער שרעק געזעהן ווי דער טייך וואס פליסט נעבן דעם קעמפ האט זיך געהויבן איבער די ברעגעס, עס האט זיך אראפגעלאזט א גאס רעגן, די "האריקעין איירין", און פארפלייצט דעם קעמפ, די אויטאריטעטן האבן נישט געלאזט בלייבן אין קעמפ צוליב די סכנה, אלע בחורים און משפחות זענען ארויסגעפירט געווארן דורך די פייער דעפארטמענט צו א פארזיכערט ארט.

עס האט זיך אבער נישט געגלייבט די אויגן צו זעהן ווי אין דעם גרויסן בהלה, אנטלויפענדיג פון די סכנה, האבן די בחורים מיטגעשלעפט צוויי זאכן, דעם תפלין בייטל מיט א גמרא מסכת תענית.

אויפן פייער טראק, אין פייער סטעישאן, אין טאון האל, זיך שלעפענדיג אין די טיפע פארפלייצטע גאסן, האבן די בחורים געלערנט מסכת תענית מיטן גרעסטן מסירת נפש.

פארנאכט'ס ווען די וואסער איז שוין אראפגעגאנגען, מען האט שוין געקענט צוריק גיין אין קעמפ, אבער די לעקטער איז נאך געווען פארלאשן, אלע בחורים האבן זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש, און מיט ליכט אין די הענט, האט מען געענדיגט די גאנצע מסכת ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

נאכן דורכגיין דעם שווערסטן נסיון, אז מען האט געקענט ענדיגן די מסכת אין אזא שווערע טאג פונעם שווערן האריקעין, איז עס שוין ווייטער געגאנגען, ביז ראש השנה האבן די בחורים געענדיגט יעדן טאג מסכת תענית.

און די ישועות האבן אנגעהויבן צו קומען, א טאג נאך ראש השנה איז געווען די ערשטע טעלער ברעכן, און יעצט ב"ה האלט מען שוין ביי די פערטע חתן הב' החתן לוי יצחק פרענקל נ"י פון די חשובע תלמידי הישיבה, א זוהן פון מו"ה מעכיל פרענקל נ"י פון די חשובע תומכי מוסדותינו הק' וועלכער איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אברהם מארקאוויטש נ"י אב"י בעיר בארא פארק.

דאס איז א שמחה פאר די גאנצע ישיבה פאר אלע בחורים זעענדיג ווי די ישועות קומען צו גיין, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן אלע בחורים חתנים ווערן בקרוב, און אויפשטעלן שיינע ערליכע אידישע שטובער.

**תורה מגינא ומצלי!**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר
הבחור החתן לוי יצחק פרענקל נ"י
מחשובי תלמידי ישיבתינו הק'
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג
**דבר נאה ומתקבל!**

## קול אמונה

צו הערן שיעורים פון
מוהרא"ש שליט"א, ווי
אויך פארן הוק-אפ
בשעת'ן שיעור רופט:
**212-444-9191**



Sponsored by:
BIG APPEL WOODWORKING
Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling
Isaac Appel
718.636.9667
646.302.8957


זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................4:11
מוצש"ק..........................5:41
סוף זמן ק"ש....................8:52

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................בכורות כ"ו
ירושלמי......................יומא כ"ח
תוספתא..........כלים ב"ק פרק ד'

פרשת וישלח, י"ד כסלו, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 8


## פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים לְפָנָיו** - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "**יוֹם**" - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיְין, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: "אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיְין", אוּן דִי זֶעלְבֶּע טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן וַוייל מֶען טְרַאכְט: "עֶס וֶועט מִיר זַיְין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהן פוּן הַיינְט אֵייבִּיג נָאר גוּטְס", **אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אוֹיף אֵיין טָאג קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פַארְנֶעמֶען צוּ טוּהן אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.**

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק מְרַמֵּז זַיְין, וֶוען עֵשָׂו וָואס דָאס גֵייט אַרוּיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט טְשֶׁעפֶּעגֶען יַעֲקֹב דֶעם אִיד, אִיז דִי עֵצָה **וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים**, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "**יוֹם**" - מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיְין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיִּשְׁלַח תש"ע לפ"ק)

***

**כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי**, זָאגְט רַשִׁ"י גַרְתִּי אִיז בְּגִימַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעווָאוֹינְט מִיט לָבָן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"א) אַז אַמָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעמְט עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר מַאכְט דָאס אוֹיסְזֶעהְן ווִי עֶס אִיז מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיְין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "**לָבָן**" - דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס טוּט זִיךְ אָן "**ווַייס**", עֶר מַאכְט זִיךְ ווִי עֶר ווִיל נָאר מִצְוֹת.

אֵיינְס פוּן דִי וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נִיצְט, אִיז צוּ צוּלֵייגְן מֶער מִצְוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְגְט אִים אוּן עֶר טוּט מֶער ווִיפִיל עֶר דַארְף, טוּט עֶר נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט, ווִי דִי תּוֹרָה

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

~ **אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט** ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר פְלֵייסִיג גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען לַאנְגֶע שָׁעָה'ן, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעהֶעריג צֵייט זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט.

אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז "**אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט**", אוֹיבּ קֶען מֶען יֶעצְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַסַאךְ, זָאל מֶען לֶערְנֶען כָאטְשׁ אַבִּיסְל, אוּן דָאס הָאט אִים אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דֶעם לֶעבְּן, וַוייל אוֹיף דֶעם ווֶעג, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין צֵייט צוּ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט עֶר כָאטְשׁ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, וְוִיפִיל עֶר הָאט יָא גֶעקֶענְט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיךְ נִיצְן דִי עֵצָה אִין לֶעבְּן, אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ וֶועגְן.

**בַּיים לֶערְנֶען** - עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מַצְלִיחַ זַיְין אִין לֶערְנֶען אָן דֶעם, וַוייל כִּמְעַט יֶעדְן טָאג מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן בִּלְבּוּלִים אָדֶער צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אָדֶער עֶר אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נָאר גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען.

אָבֶּער וֶוען דוּ ווֵייסְט אַז "**אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט**", וֶועסְטוּ אָפְּמַאכְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט: "אֲפִילוּ אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען, אוּן אִיךְ קֶען יֶעצְט נִישְׁט לֶערְנֶען, וֶועל אִיךְ אָבֶּער אַרַיְינְכַאפְּן נָאר אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן **לֹא תוֹסִיף עָלָיו** - זָאלְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, כְּדֵי **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ** - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּנֶעמֶען.

דָאס הָאט יַעֲקֹב גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַאר עֵשָׂו, פַאר דֶעם יֵצֶר הָרַע, **עִם לָבָן גַּרְתִּי**, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֲפִילוּ גֶעקֶענְט פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי יֵצֶר הָרַע וָואס הֵייסְט לָבָן, "**וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי**" אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן "נָאר" דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן זַיְינֶע צוּגֶעלֵייגְטֶע מִצְוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ב)

***

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוּיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶעמָאלְט'ס הָאט מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ע"ז סִימָן א') **וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**וְנִשְׂגָּב ה' לְבַדּוֹ**" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיין, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז עֶר גְּלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נָאר אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן הִילְף.

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוּן עֶר אִיז גְּלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר **וַיַּרְא כִּי לֹא יוּכַל לוֹ** - דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן, וַוייל יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ וֶוענְדְט עֶר זִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן.

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

תַּרְגוּם, דָאס קֶען אִיךְ דָאךְ יָא אַרַיינְכַאפְּן", אוּן נָאכְדֶעם אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ פָּסוּק אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בְּלַייבְּסְט בַּיי נָאר אֵיין פָּסוּק, דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וַוייל "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט זֵייעֶר טָרוּד אוּן פַארְנוּמֶען, כַאפּ אַרַיין כָאטְשׁ אֵיין מִשְׁנָה, פַארְדֶעם הָאסְטוּ דָאךְ יָא צַייט, אוּן רוֹב מָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם, דוּ וֶועסְט שׁוֹין אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, בִּיז אַ גַאנְצֶע פֶּרֶק, אוּן אַמָאל צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים אוֹיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי גְּמָרָא אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר שׁוּרוֹת אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אֲפִילוּ אֵיין סְעִיף אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע לִימוּדִים.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוער עֶס נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט" קֶען זִיךְ אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיְינֶע מִדּוֹת אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, יֶעדֶער וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, דֶערְפַאר גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט זַיין, אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹיפִיל מָאל אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט".

אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען אָבֶּער אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, טוּה כָאטְשִׁיג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט יָא, אֵיין מִינוּט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְמָאל הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, אֵיינְמָאל הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן כַּעַס רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייטְן, **אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ נָאר אֵיינְמָאל צוּרִיק אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט בַּיי דֶעם, פוּן אַבִּיסְל וֶוערְט אַסַאךְ, אוּן מִיט דִי צַייט גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.**

**בַּיי דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה** - קֶען מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִיצְן דִי עֵצָה "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וַוייל וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ? נָאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען נִיצְט דִי עֵצָה "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", פַאר **אֵיין מִינוּט וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אֵיין שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיךְ וֶועל זָאגְן אֵיין גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי קוּמְט צוּ נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.**

אוּן סְפֶּעצִיעֶל - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א - קֶען מֶען נִיצְן דִי עֵצָה, בַּיי דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, וֶוען עֶס קוּמְט אַ אָרִימַאן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין לֶחֶם לֶאֱכֹל, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶר דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וִוי אָנְצוּהֵייבְּן נֶעמֶען עֶפֶּעס גֶעלְט.

אַ יֶעדֶעס אִידִישׁ הַארְץ וֶוערְט בַּאנוּמֶען אוּן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "פַאר אַזַא חָשׁוּבֶע אָרִימַאן דַארְף אִיךְ גֶעבְּן כָאטְשִׁיג הוּנְדֶערְט דָאלֶער!" אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה קֶען אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעבְּן אַזוֹי פִיל, אִיךְ בִּין דָאךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר, אוּן דֶערְפַאר שִׁיקְט עֶר אַוֶועק דֶעם אָרִימַאן מִיט גָארְנִישְׁט.

אָבֶּער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וֶוער זָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל? **גֶעבּ אִים וִויפִיל דוּ קֶענְסְט יָא, אֲפִילוּ אַ דָאלֶער, אַ קְוָואדֶער, אוּן אֲפִילוּ אַ פֶּענִי, אוּן עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט אִים גֶעגֶעבְּן אַ מִילְיָאן דָאלֶער!** וַוייל דוּ הָאסְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט אַוֶועקְצוּשִׁיקְן קַיין אֵיין אָרִימַאן מִיט גָארְנִישְׁט, נָאר גֶעבְּן פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַבִּיסְל, אֲפִילוּ נָאר גָאר אַ קְלֵיינֶע סְכוּם, וֶועסְטוּ זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, און גֶעבְּן אַלְץ מֶער און מֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח, אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (עֵי' רַשִׁ"י בַּמִדְבָּר טז, ב) אַז קֹרַח הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶע'פַארְבּ'ט אִינְגַאנְצְן מִיט תְּכֵלֶת, און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ: "דֶער טַלִית דַארְף הָאבְּן צִיצִית?", וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט עֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים און גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע בֶּענְדֶעלֶע פוּן תְּכֵלֶת פַּטֶר'ט אַ גַאנְצֶע טַלִית, דַארְף אַ טַלִית וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת זִיכֶער זַיין פָּטוּר פוּן צִיצִית, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ: "אַ הוֹיז וָואס אִיז פִיל מִיט סְפָרִים דַארְף הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר? און וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז יָא, הָאט עֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ און גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה וָואס הָאט נָאר צְוֵויי קְלֵיינֶע פַּרְשִׁיוֹת פַּטֶר'ט אַ גַאנְצֶע הוֹיז, אִיז זִיכֶער אַז וֶוען אַ הוֹיז אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סְפָרִים אִיז עֶס פָּטוּר פוּן מְזוּזָה!",

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן קֹרַח, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִויאַזוֹי אַ קְלֵיינֶע בֶּענְדְל קֶען פַּטֶרְ'ן אַ גַאנְצֶע טַלִית, אָדֶער אַז אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה קֶען פַּטֶרְ'ן אַ גַאנְצֶע הוֹיז, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט אַז נָאר וֶוען עֶר וֶועט טוּהן גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר וֶועט אָנְפִילְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט סְפָרִים, אָדֶער עֶר וֶועט מַאכְן אַ טַלִית אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, נָאר דֶעמָאלְס הָאט עֶר עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּהן.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט אַזוֹי, **בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, און מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן,** און אַז עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, מֶען וֶועט וִויסְן אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וֶועט פוּן אַבִּיסְל וֶוערְן אַסַאךְ, און מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

המשך בדף ד

## אֲשֶׁר בַּנַחַל

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ זֶעהן צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּקַטְנוּת הַמוֹחִין קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, לְהֵיפַּךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִיהְם דֶעמָאלְט אִיז עֶר בַּאשִׁיצְט און אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג בְּגַדְלוּת הַמוֹחִין, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס מֶען זֶעהט פַאר דִי אוֹיגְן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַלֶעס אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף, אִין דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אַרַיינְלֵייגְן, און אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיג, וֶוערְט עֶר גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ זֶעהן גְרוֹיס נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּהן.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק און גָאוֹן רֶבִּי חַיִים וָואלָאזְשֶׁענֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר קוּמְט צוּ דִי יְדִיעָה בְּרוּרָה, אַ לוֹיטֶערֶע וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶערְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעי מִינוּט הָאט עֶר אַ יְשׁוּעָה, אָבֶּער אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאךְ, אֶפְשָׁר וְכוּ', דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ', דֶער וֶועט זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ וְכוּ', אִיךְ וֶועל טוּהן דָאס וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיךְ וֶועל טוּהן יֶענְץ וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז אִיהְם אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אָבֶּער דִי מִינוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס זָאל אִיהְם הֶעלְפְן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט זֶעהט עֶר אַ יְשׁוּעָה.

אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

כָּאטְשֶׁע מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שִׂמְחָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֶעהן צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, וָואס דָאס אִיז אַ שִׂמְחָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְבַטֵל זַיין, יֶעדֶע שִׂמְחָה קֶען זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אָנְטְשֶׁעפֶּען, אַזוֹי זֶעהט אוֹיס אַ אִיד? אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן? אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, און יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ דָאס עֶר אִיז אִיד און עֶר גְלֵייבְּט און בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַיֵים אַ מִצְוַות עֲשֵׂה, קֵיינֶער כַּאפְּט נִישְׁט, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוַות עֲשֵׂה שֶׁל יִחוּד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אִיךְ בִּין אַ אִיד, און אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הִיט שַׁבָּת און עֶס כָּשֵׁר וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַיֵים מִצְוֹת לָרוֹב, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהן מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם, און קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן.

עֶס אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם דוּ טוּה גוּטְס, און דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילָא אַרָאפְּפַאלְן, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף נָאר טוּהן מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה, און מְקַיֵים זַיין מִצְוֹת בְּשִׂמְחָה, און דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילָא אַרָאפְּפַאלְן.

תְּשׁוּבָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וָואס אִיז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, דָאס הֵייסְט וִוידוּי דְבָרִים, און חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁמִיַד שֶׁהֵם מִתְוַדִים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם מִיַד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶאֱמַר (וַיִקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבוֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ"; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהן שְׁטֶענְדִיג זָאגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן, און עֶר וֶועט דִיךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין.

נָאר זַיי פְרֵיילִיךְ און רֶעד שְׁטֶענְדִיג מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן שִׂמְחָה, און זַיי מְחַזֵק מֶענְטְשְׁן וֶועסְטוּ זֶעהן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבוֹרָךְ

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט: דָאס אִיז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען מוּז טוּהן אַלֶעס בִּשְׁלֵימוּת, עֶס זָאל זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָאָה הָאבְּן, אוֹיבּ אָבֶּער קֶען אִיךְ עֶס טוּהן נָאר אַבִּיסְל, וֶועל אִיךְ עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט טוּהן.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען זֶעהט בַּיי אַ צְוֵייטְן אַז יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ, יֶענֶער קֶען יָא אוֹיסְפִירְן זַאכְן גוּט אוּן פֵיין, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְפִירְן, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל מֶער גָארְנִישְׁט ווִילְן טוּהן מֶער, אֲפִילוּ דִי בִּיסְל וָואס מֶען קֶען יָא.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, עֶר קֶען נָאר טוּהן וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת עֶרְלוֹיבְּן אִים, **אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן, נָאר זֶעהן לוֹיט דִי צַייט, לוֹיטְן מַצָב, לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן, לוֹיט דֶעם זָאל עֶר פְּרוּבִּירְן אֲפִילוּ נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן עֶס דַארְף בַּיי אִים זַיין זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס ווִילְן,** אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן בִּשְׁלֵימוּת, פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א פִּירְט אוֹיס: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, דִי יְדִיעָה אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט" אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל עֶר פְּרוּבִּירְט מֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אִין צוּם סוֹף פַּאלְט אַלֶעס צוּזַאם, אוּן עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז נָאר זִיךְ מְחַיֵ' צוּ זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט יָא, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב עֶרֶךְ מְעַט וח"ז עֶרֶךְ

# ברכת מזל טוב!

א הארציגן מזל טוב פאר ידידינו היקר

## מו"ה אהרן וועבערמאן נ"י

מעמודי התווך מוסדותינו הק'

צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער תחי'

## עב"ג החתן אשר בער אינדארסקי נ"י

### בן מו"ה יעקב משה נ"י

און באזונדער א "ברכת מזל טוב" פארן חשובן זיידן

## מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א

**מחשובי אנשי שלומינו**

דער אייבערשטער זאל זיי געבן אסאך נחת דקדושה פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן.

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## מוהרא"ש שליט"א געפארן צו ארץ ישראל

די וואך מאנטאג איז מוהרא"ש געפארן אויף ארץ ישראל פאר א קורצע באזוך פון בערך א וואך, צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

מוהרא"ש וועט זיך צוריקקערן למעון קדשו מיטן אייבערשטנ'ס הילף דעם קומענדיגן מיטוואך.

די וואך וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע שיעור ליל שישי, קומענדיגע וואך וועט אי"ה ווייטער זיין דער שיעור ווי געווענטליך.

**מלמד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם!**

***

## שיינע שידוך געשלאסן צווישן אנשי שלומינו

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו די שיינע שידוך וואס איז געשלאסן געווארן צווישן די צוויי מחותנים אנשי שלומינו.

החתן היקר אשר בער אינדארסקי נ"י בן מו"ה יעקב משה נ"י פון קרית יואל, אן איידעם ביי מו"ה אברהם חיים פארקאש נ"י וועלכער האט זוכה געווען צו זיין דער אכסני' של תורה, אוועקגעבענדיג א דירה צו אויפשטעלן דעם בית המדרש "**בית נתנאל - היכל הקודש ברסלב**" אין קרית יואל, לשמו ולזכרו פון זיין טאטן מו"ה נתנאל פארקאש ז"ל.

ר' אברהם חיים איז ברייט באקאנט פאר זיין איבערגעגעבנקייט צו יעדע דבר שבקדושה, ובפרט צו מוסדותינו הק', ווי ער איז גרייט צו העלפן בכל עת ועונה.

דער אבי הכלה איז מו"ה אהרן (ב"ר שלום) וועבערמאן נ"י פון די עמודי התווך פון הנהלת מוסדותינו הק', וועלכער איז איבערגעגעבן בלב ונפש מיט מסירת נפש שוין די לעצטע פאר יאר לטובת מוסדותינו הק', ווען אימער מען דארף עפעס ערלעדיגן פאר די מוסדות, איז ר' אהרן שטענדיג גרייט מיטן גאנצן הארץ ארויסצוהעלפן מיט סיי וואס עס נאר שייך.

א שיינע מסיבת לחיים איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש אין בית המדרש, ווי מוהרא"ש האט אנגעוואונטשן פאר די מחותנים, אז עס זאל א קשר של קיימא, זיי זאלן זעהן נחת פון די קינדער און אייניקלעך, ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו.

**שישו ושמחו בשמחת אנ"ש!**

***

## נייעס פון בית חינוך לבנות "בית פיגא - ברסלב"

די וואך זענען צוגעקומען נאך משפחות וואס האבן אריינגעשיקט די קינדער אינעם סקול, אנערקענענדיג אז דא וועלן זיי באקומען דעם ריכטיגן חינוך, און אויפוואקסן אמת'ע ערליכע אידענעס.

די הנהלה באטראכט שוין פלענער פאר א נייעם גרעסערן לאקאל פאר די סקול, נאך די גרויסע פלייץ פון קינדער וואס קומען אריין אין סקול.

**ונברכו בך כל משפחות האדמה!**

## סיום טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

הבחור החתן **אפרים אהרן שטיין** נ"י

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג

**דבר נאה ומתקבל!**

## קול אמונה

צו הערן שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, ווי אויך פארן הוק-אפ בשעת'ן שיעור רופט:

**212-444-9191**




Sponsored by:

BIG APPEL WOODWORKING

Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling

Isaac Appel
718.636.9667
646.302.8957


זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וישב, כ"א כסלו, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 9


**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:12
מוצש"ק...............................5:43
סוף זמן ק"ש........................8:56

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................בכורות ל"ג
ירושלמי.........................יומא ל"ה
תוספתא..........כלים ב"מ פרק ד'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי,** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹם'ט אַז אַלֶע שְׁבָטִים הָאבְּן גֶעמַאכְט בִּינְטְלֶעךְ, אוּן יוֹסֵף'ס בִּינְטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן אַלֶע בִּינְטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעבִּיקְט פַאר זַיין בִּינְטְל.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה ג'), אַז אַ בִּינְטְל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּינְטְל, צַאמְגֶעבִּינְדְן אַסַאךְ תּוֹרוֹת פוּן אַסַאךְ פְּלֶעצֶער.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן, פְּשַׁט, רֶמֶז, דְּרוּשׁ, סוֹד, אָבֶער דִי בֶּעסְטֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען, וֶוען דָאס אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ, עֶס הֵייבְּט אִים אוֹיף, אַז עֶר זָאל מֶער דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער.

דָאס הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעזָאגְט: אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אָבֶער מַיין בִּינְטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, דָאס מֵיינְט אַז **מַיינֶע חִידוּשִׁים זֶענֶען גֶעמַאכְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע בִּינְטְלֶעךְ גֶעבִּיקְט צוּ מַיין בִּינְטְל,** וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַז עֶס זָאל זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

אוּן אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס וַוארְפְן אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְן אִים פִילְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה בְּרֵאשִׁית ה.) אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אֱמֶת'עֶ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם נַייעֶ הִימְלֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ פַאלְשֶׁע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם פַאלְשֶׁע הִימְלֶען.

זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען בַּאשַׁאפְט פַאלְשֶׁע הִימְלֶען? אוֹיבּ אִיז עֶס פַאלְשׁ, אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט קַיין הִימְל? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז אוֹיבּ דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאגְן, אַז פוּן הִימְל דַארְף מֶען דִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן, מֶען קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִיר פוּן הִימְל, דָאס אִיז דִי פַאלְשֶׁע הִימְלֶען, וַוייל בֶּאֱמֶת קוּקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן יֶעדְן אִיד.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

~ "כ"א כִּסְלֵו" ~

### שְׁטְרִיכְן צוּ דִי יוֹם הַצָּלָה וְהַשִׁחְרוּר פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זצוק"ל.

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים מִסַאטְמַאר זי"ע, צוּ רַאטֶעוֶועןן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וֶוען דִי דַייטְשֶׁע רְשָׁעִים דִי עֲמָלֵקִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט מִיט אַלֶע מִינֵי מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת וְאַכְזָרִיוֹת, אַ דְרִיטְל פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, זֶענֶען נָאךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי צִיוֹנִים, דִי עֵרֶב רַב, וָואס זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן אָפְּגֶעפִירְט מִילְיָאנֶען אִידְן פוּן יוּדִישֶׁע וֶועג, זֵיי רֶעדְן אָפְן קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֶעגְן אַלֶעס וָואס אִיז הֵיילִיג בַּיי אִידְן, אוּן זֵיי ווִילְן נָאר מַאכְן פַארְגֶעסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶעמָאלְט'ס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זִי"עַ, אוּן עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם דוֹר, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אָפְן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן זֵיי, מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם, נָאר אָפְן אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דוֹר דוֹר בִּיז משֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם, אוּן נָאר דוּרְךְ אִים אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

המשך בדף ג

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זָאגְן נָאר אַזֶעלְכֶע חִידוּשִׁים, וָואס הֵייבְּן אוּן שְׁטַארְקְן אַ אִיד, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיֵּשֶׁב תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען מִיט יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין הוֹיז פוּן זַיין מִצְרִי'שֶׁער הֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיד פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אוֹיבּ אָבֶּער עֶר גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג" וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב) אוֹיפְן פָּסוּק **וַיַּרְא אֲדוֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ**, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, פְּרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא'נֶער גוֹי פּוֹטִיפַר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז יוֹסֵף הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען בַּאדִינֶען זַיין הֶער, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער, עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר"**, אוּן פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט מִיר כִּישׁוּף?" הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעהְט אִים אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין" אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

**אוּן דֶערְפַאר הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָב וֶוען עֶר אִיז פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן קַיין מִצְרַיִם, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף, וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ, וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי, יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִצְרִי'שֶׁע הוֹיז, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב ט)

***

וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו, רַשִׁ"י זָאגְט, נָאכְדֶעם וָואס דִי תּוֹרָה הָאט שְׁנֶעל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֵשָׂו מִיט זֵייעֶרֶע מִלְחָמוֹת, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ דֶערְצֵיילְן בַּאֲרִיכוּת דִי מַעֲשֶׂה פוּן יַעֲקֹב, אוֹיף אַ לַאנְגֶע וֶועג, אַלֶעם וָואס עֶס אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר, אַז דִי עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ רֶעכְנְט זִיךְ, לוֹיט וִויפִיל עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֵשָׂו אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ מַאֲרִיךְ זַיין מִיט זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, וַוייל דִי רְשָׁעִים דֶערְהַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן.

אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ יַעֲקֹב, לוֹינְט זִיךְ יָא צוּ מַאֲרִיךְ זַיין אִין זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, וַוייל מֶען זֶעהְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת וַיֵּשֶׁב תשע"א לפ"ק)

# זמני הדלקת נר חנוכה

## אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## בכל לילה, תיכף אחר תפלת מעריב,

## בזמן מוצאי שבת.

**בביתו נאוה קודש**

**1129 42th St. למעלה**

**סימן טוב ומזל טוב!**

א הערצליכע ברכת מזל טוב צו

**מו"ה יצחק גרשון שטערן נ"י**

מחשובי אנ"ש

צו די אפשערן פון זיין אינגל למזל טוב

**דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך נחת פון אלע זיינע קינדער, ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן!**

## "כ"א כִּסְלֵו" המשך

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, וָואס וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעהֶערְט זַיין דַאוְוענֶען, אִיז אִים צוּגַאנְגֶען דִי הַארְץ, אוּן הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעוֵויינְט בַּיי דִי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת תּוֹרוֹת אַ יֶעדֶע וָואךְ, וּבִפְרַט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אוּן אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, וָואס וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעהֶערְט, הָאט עֶס אִים גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אוּן הָאט גֶעמוּזְט תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן גֶעטוּהן סַיי וָואס, עֶר הָאט נָאר גֶע'קְנַס'ט דֶעם בָּחוּר, אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דֶעם בָּחוּר, אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן זַיין טַאטְן דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב, וָואס הָאט עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער יִטַב לֵב, אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה.

אָבֶּער אוֹיסֶער דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט נָאךְ אַ טַעַם דֶערְבַּיי פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן קַיין בָּחוּרִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נְס שְׁטוּבּ אַ גַּלַח, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן, וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, הָאבְּן אִים דֶער גַּבַּאי, ר' פַּייוִויש אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל, נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, אָבֶּער דֶער גַּלַח הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, ר' פַּייוִויש הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּשְׁטִיפְּן מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים, אָבֶּער דֶער גַּלַח הָאט זִיךְ אֵיינְגֶע'עַקְשְׁ'נְט אַז עֶר ווִיל דַוְקָא אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

בִּיז ר' פַּייוִויש אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיין, אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן, אַז עֶס אִיז דָא אַ גַּלַח וָואס ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, מֶען זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן.

דֶער גַּלַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גְלַייךְ דֶערְקֶענְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן נָאךְ אִין קְרָאלִי, דֶער רֶבִּי מַאכְט אִים מִיט דִי הַאנְט ווִי אֵיינֶער זָאגְט: "וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶן מִיט דִיר?" דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ צִיוֵוייְנְט אוּן דֶערְצֵיילְט: וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן אִין קְרָאלִי, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן, אָנְגֶעפִירְט מַחְלוֹקֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַסַאךְ בִּיטוּל תּוֹרָה, בִּיז מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן מִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה מִיט בִּזְיוֹנוֹת, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעפַאלְן מֶער אוּן מֶער, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער פוֹרֵק עוֹל, אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט אוּן גֶעוָוארְן אַ גַּלַח, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט.

עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן נָאכְדֶעם לְמַעֲשֶׂה מִיט דֶעם תַּלְמִיד, אָבֶּער אַזוֹיפִיל ווֵייסְט מֶען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט'ס מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ עֶר זָאל טוּהן וָואס עֶר זָאל נָאר טוּהן.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, דֶעם לֶעצְטְן יָאר פוּן זַיין הֵיילִיג לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז אַפָּאר בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן זִיךְ צוּלָאזְט, אוּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ שָׁאדְן פַאר דִי יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי גְרוֹיס צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

דִי מְנַהֲלִים פוּן יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ טַעֲנָה, אַז מֶען מוּז שׁוֹין אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי בָּחוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר, מֶען קֶען זֵיי קְנַס'נֶען מִיט גְרוֹיסֶע קְנָסוֹת, אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן, דִי מְנַהֲלִים הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער אֵיינְגֶע'עַקְשְׁ'נְט אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט אִיז עֶס אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, דָאס מָאל מוּז מֶען יָא אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי בָּחוּרִים.

דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס זֵייעֶר שְׁוַואךְ עֶר הָאט קוֹים גֶעקֶענְט רֶעדְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַארְץ, אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "בִּיז הַיינְט דְרִיקְט מִיר נָאךְ בַּיים הַארְץ אַז אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר!", דִי מְנַהֲלִים הָאבְּן שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְן פְרֶעגְן, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִי בָּחוּרִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ט"ו) אַרְבַּע מִדּוֹת בְּתַלְמִידִים מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וְכוּ' עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ מִינֵי תַּלְמִידִים, אָבֶּער דֶער רֶבִּי דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"א) דְקָארֵי קָארֵי וּדְלָא קָארֵי לִיהֲוֵי צַוְתָּא לְחַבְרֵיהּ, וֶועלְכֶער תַּלְמוּד עֶס קֶען לֶערְנֶען זָאל לֶערְנֶען, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט, זָאל כָאטְשׁ זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, וֶועט עֶר צוּם סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

(זכוּת אָבוֹת, אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ט"ו)


**מוסדות היכל הקודש - ברסלב**

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**27 skillman St.**

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן וואונטשן מיט א הארציגן "ברכת מזל טוב" פאר

הרבני הנגיד המפואר

**מו"ה אברהם יודא ליכטענשטיין הי"ו**

הבריה התיכון של מוסדותינו הק'

צו די שידוך שליסן פון זיין אייניקל למזל טוב

רבי אברהם יודא הי"ו, האט זוכה געווען צו זיין דער אכסני' של תורה, מיטן צושטעלן די בנייני מוסדותינו הק', און שטייט שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן די מוסדות מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל אים געבן נאר שמחה ונחת לרוב, א גאנץ לעבן געזונטערהייט, אמן.

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן בִּיז פְרַייטָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וָואס אִיז אַ סְגוּלָה לַאֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן, (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואס מִשְׁנֶ״ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ״ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעלוֹיטֶערְט דִי נְשָׁמָה, אוֹיךְ מִשְׁנֶ״ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ״ה, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶענֶען זַיין יֵצֶר הָרַע, וְעַל כּוּלָם צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער סַמֶ״ךְ מֵ״ם וֶועט טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט לָאזְן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וָוארוּם עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד גְמָרָא, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רי״ד) אַז מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵּל פוּן זִיךְ דִי קְלִיפָּה וָואס וִויל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר ״וָוֵי הָעַמּוּדִים״ אַ זוּן פוּן שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶס דַארְף זַיין אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ חוֹב אָנְצוּטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי לִימוּדִים מִקְרָא, מִשְׁנֶה, גְמָרָא, דֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) ״וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה״ שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי צְוֵויי עַמּוּדִים חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בַּיי דַיין וַוייבּ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) אַז דוּרְךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וֶוערְט נִמְשַׁךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ חֵן, אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין הִימְל.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעכְטִיג אוּן זִיס לֶעבְּן

(אשר בנחל באידיש, חלק א׳ מכתב י״ד)




## ברכת מזל טוב!

א הארציגן מזל טוב פאר די צוויי חשובע חתנים

פאר החתן **יהושע אליעזר גליק** נ״י

און פאר החתן **אליעזר הירשפעלד** נ״י

מחשובי תלמידי ישיבתינו הק׳

וועלכער זענען חתנים געווארן די וואך למזל טוב.

**דבר נאה ומתקבל!**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### מוהרא״ש שליט״א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

די וואך מיטואך איז מוהרא״ש צוריק געקומען למעון קדשו, נאכן ווילן א וואך אין ארץ ישראל, צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

עס וועט אי״ה ווייטער אנגיין די שיעורים יעדן דאנערשטאג נאכט ווי געוועהנטליך, בשעה 8:30 ביי מוהרא״ש און בית המדרש אויף **1129 42th st.** שמעו ותחי נפשכם.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

### ״אשר בנחל - באידיש״ צו באקומען אויף פאסט

מיט פרייד איז אויפגענומען ביי שוחרי תורה די נייעס אז מען קען שוין באקומען די נייע ״אשר בנחל באידיש״ אויף פאסט.

ווי באקאנט קומט לעצטנ׳ס ארויס די נייע סעריע אשר בנחל אין אידיש, מיט וועלכען אידן זענען זיך מחי׳ מיט די דברי התחזקות והתעוררות המשיבין את הנפש.

יעצט קען מען זיך איינשרייבן צו באקומען אויף פאסט יעדע מאל וואס עס קומט ארויס א פרישע חלק.

זיך איינצושרייבן רופט **347-915-5667** און לאזט א מעסידזש.

**יפוצו מעינותיך חוצה!**

***

### זיבעטע און אכטע חתנים, רעזולטאט פון ״מסכת תענית״

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה, צו די פרישע שמחות, די צוויי חתנים, החתן **יהושע אליעזר גליק** נ״י און החתן **אליעזר הירשפעלד** נ״י, וועלכע זענען חתנים געווארן די וואך בשעטו״מ.

די צוויי חתנים האבן זיך געהאט אנגעשלאסן אין די לימוד מסכת תענית, פערציג מאל, פאריאר פון ט״ו באב ביז ראש השנה.

מוהרא״ש האט דעמאלט׳ס צוגעזאגט, אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית פון ט״ו באב ביז ראש השנה, וועט א חתן ווערן נאך ראש השנה.

**שמחות ונחת לרוב!**

## די וואכעדיגע גליון איז נתנדב געווארן דורך

**מו״ה שמואל חיים זאבעל נ״י**

מחשובי אנ״ש

צו די שמחת בר מצוה פון זיין חשובן זוהן

**הבחור יואל נ״י**

**דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך נחת דקדושה, און שמחות לרוב, אמן.**

***

ולע״נ **דוד בן אשר זאבעל** ז״ל

ולע״נ **שרה דרעזיל בת אשר מאנן** ע״ה

ולע״נ **אשר זעליג בן יצחק אהרן גאלדבערגער** ז״ל

ולע״נ **רחל בת אשר זעליג גאלדבערגער** ז״ל

זיך צו פארבינדן מיט די מערכת, צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....4:15
מוצש"ק.....5:46
סוף זמן ק"ש.....9:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי.....בכורות מ'
ירושלמי.....יומא מ"ב
תוספתא.....כלים ב"מ פרק י"א

פרשת מקץ, כ"ח כסלו, שבת חנוכה, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 10


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת חֲלֹמוֹ וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה,** פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹם'ט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת, עֶר הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶע זַיינֶע כִּישׁוּף מַאכֶער'ס, זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאשֵׁיידְן, ווִי רַשִׁ"י זָאגְט, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וְכוּ', אָבֶּער דִי אַלֶע פִּתְרוֹנוֹת אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין פַּרְעֹה'ס קָאפּ, בִּיז יוֹסֵף הָאט אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס טַאקֶע הָאט פַּרְעֹה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע פִּתְרוֹנוֹת, נָאר יוֹסֵף'ס פִּתְרוֹן?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ד עיי"ש) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה.

וַוייל וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דִי מוֹפְתִים וָואס אַ צַדִּיק הָאט בַּאוִויזְן, כָאטְשׁ דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר פַאר אַ אִיד, אָבֶּער דֶער עִיקָר צִיל אִיז, צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס מִיר קֶענֶען אוֹיךְ נָאכְמַאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים, אַז פוּן אָנְפַאנְג וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וֶוערְן צַדִּיקִים, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי גְרִינְג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים.

וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אוֹיף אַזַא וֶועג, מַאכְט מֶען, אַז מֶען זָאל עֶס וֶועלְן נָאכְמַאכְן, וַוייל מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער קֶען זַיין אַ צַדִּיק, אוֹיבּ מֶען ווִיל, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין דִי עֵצָה, אוּן דִי וֶועג, ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, אָבֶּער וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דֶעם מוֹפֵת פוּנֶעם צַדִּיק, מַאכְט עֶס טְרַאכְטְן: "אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, נָאר אֵיינֶער וָואס שְׁטַאמְט פוּן צַדִּיקִים, אָדֶער נָאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, קֶען וֶוערְן אַ צַדִּיק".

אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען קֵיינֶעמְ'ס פִּתְרוֹן אוֹיפְן חָלוֹם נָאר פוּן יוֹסֵף, וַוייל דִי אַלֶע כִּישׁוּף מַאכֶער'ס הָאבְּן נָאר גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין עֵצָה, וָואס מֶען קֶען טוּהְן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אָבֶּער יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי עֵצָה, אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי תְּבוּאָה פוּן דִי זַאטֶע יָארְן צוּ דִי מָאגֶערֶע יָארְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט פַּרְעֹה נָאר אָנְגֶענוּמֶען זַיין פִּתְרוֹן.

(תוך הנחל ליל שבת פרשת מקץ תשס"א)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חֲנוּכָּה ~

### ~ דִי קוּשְׁיָא פוּן בֵּית יוֹסֵף ~

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי קַשְׁיָא פוּן בֵּית יוֹסֵף וָואס פְרֶעגְט, אוֹיבּ דֶער נֵס אִיז גֶעוֶוען אַז אוֹיל וָואס קֶען בְּרֶענֶען נָאר אֵיין טָאג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג. אִיז דָאךְ דֶער נֵס גֶעוֶוען נָאר זִיבְּן טֶעג, וַוייל אֵיין טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דִי מִלְחָמָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים מִיט דִי יְוָנִים אִיז גֶעוֶוען, אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תענית כה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, אַז וֶוען זַיין טָאכְטֶער הָאט בְּטָעוּת אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת לִיכְט עֶסִיג אַנְשְׁטָאט אוֹיל, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט; **"דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען, וֶועט מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען"** אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי עֶסִיג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעווָאוּסְט דֶעם אֱמֶת, אַז דָאס וָואס אוֹיל בְּרֶענְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, עֶס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מַאכְן אַז עֶסִיג בְּרֶענֶען,

אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה אַכְט טֶעג, אֲפִילוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען, נָאר דִי אִיבֶּעריגֶע זִיבְּן טֶעג

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

**וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא תִכָּרֵת הָאָרֶץ בָּרָעָב.** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי עֶסְן פוּן דִי זַאטֶע יָארְן פַאר דִי הוּנְגֶער יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְן וִוי אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ ל"ע, וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ זֶעהֶענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָדֶער דֶער בְּלִינְדֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס וַוייזְט אִים דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דֶער בְּלִינְדֶער פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אָדֶער אוֹיפְן שְׁטֶעקְן, אַז זֵיי וֶועלְן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי בְּלִינְד, עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, עֶר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן,

אִין אַזַא צַייט אִיז דִי עֵצָה, זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעפִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן דָאס גִיבְּט דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט פִילְט מֶען עֶס נִישְׁט.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב**, דִי עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִין דִי זַאטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען פִילְט פוּן צַייט צוּ צַייט אִין עֲבוֹדַת ה', דָאס דַארְף מֶען אַוֶועקְלֵייגְן אוּן גֶעדֶענְקְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען פִילְט עֶס נִישְׁט.

(זאת הַתּוֹרָה מִקֵּץ א)

***

**עֶס קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר, וַוייל אִין דִי פַּרְשׁוֹת זֶעעֶן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען פַאר דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה.

אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט "**וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ**" - דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ דֶערְמַאנֶען יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: וַוייל יוֹסֵף הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַּשְׁקִים, אַז עֶר וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין תְּפִיסָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשָׁה, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע **חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.**

(זאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב יא)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ המשך

אִיז גֶעוֶוען דֶער נֵס, אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען? אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז פּוּנְקְט וִוי יֶעדֶער וֵוייסְט אַז זִיבְּן טֶעג אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, דִי זֶעלְבֶּע נֵס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, וַוייל שְׁטֶענְדִיג וֶוען אוֹיל בְּרֶענְט אִיז עֶס אַ נֵס, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין,

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ טֶבַע)

~~~

### ~ דֶער אוֹר הַגָּנוּז ~

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז אִין יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה שַׁיינְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שַׁיינְט אוֹיף אוּנְז דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם לִיכְט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דֶערְפַאר אִיז דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, **אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער חֲנֻכָּה קֶען מֶען גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת.**

אוּן נָאךְ מֶער בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לִיכְט, קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן זִיצְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה לִיכְט אוּן בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲנֻכָּה)

~~~

### ~ שַׁבָּת חֲנוּכָּה - אוֹר שֶׁל מָשִׁיחַ ~

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע זָאגְט, אַז שַׁבָּת חֲנֻכָּה שַׁיינְט דֶער "**אוֹר שֶׁל מָשִׁיחַ" - דֶער לִיכְט פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.**

המשך בדף ג

# זמני הדלקת נר חנוכה
## אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## בכל לילה, תיכף אחר תפלת מעריב, בזמן מוצאי שבת.

**בביתו נאוה קודש**

**1129 42th St. למעלה**

~~~
~~~

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש המשך

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה זֶענֶען "יְמֵי הוֹדָאָה" טֶעג צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה אִיז דִי צַייט אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זֶעהן דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן אִיז נָאר אַ מַתְּנַת חִנָּם, אַן אוּמְזִיסְטֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע אִידְן, אַז יֶעדֶער זָאל שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲנֻכָּה)

~~~

### ~ יֶעדֶער אִיד אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיים צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט וֶוערְט יֶעדֶער אִיד אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס הָאט גֶעצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ זָאגְט (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ), אוֹיף דֶעם מֶדְרָשׁ (בְּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ו סִי' ו') וָואס זָאגְט, אַז וֶוען אַהֲרֹן הָאט גֶעזֶעהן אַז זַיין שֵׁבֶט, שֵׁבֶט לֵוִי, הָאט נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע נְשִׂיאִים בַּיים חֲנוּכַּת הַמִשְׁכָּן, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישַׁת הַדַעַת, פַארְוָואס זַיין שֵׁבֶט אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּהִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: דַיין זַאךְ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר זַאךְ, וַוייל דִי קָרְבָּנוֹת אִיז נָאר דָא, וֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט, אָבֶּער דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ**.

פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער רַמְבַּ"ן, דִי מְנוֹרָה וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעצוּנְדְן אִיז דָאךְ אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט? פַארְוָואס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דִי מְנוֹרָה וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג? נָאר וָואס דֶען דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אֲפִילוּ אִין גָלוּת.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א, אַז מֶען זֶעהט פוּן דֶעם, אַז יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַז יֶעדֶער טַאטֶע זָאל צוּזַאם נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען **"חֲנוּכָּה"**, אִיז מְרַמֵז אוֹיף **"חִינוּךְ"**, אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז.

אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ **"מַה נוֹרָא הַמָקוֹם הַזֶה, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה "שַׁעַר הַשָׁמַיִם"**, דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אִיד אִינְדֶערְהֵיים, וָואס צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אִין וָואס מֶען בֶּעהְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם שַׁעַר הַשָׁמַיִם אוּן וֶוערְט שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֲנֻכָּה)


בית המדרש היכל הקודש ברסלב
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

בעזהשי"ת
צדיק בא לעיר
שמחים אנו להודיע לכל תושבי עירנו וויליאמסבורג יצ"ו
שבעזהשי"ת יופיע בעירנו
כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
לסעודת ראש חודש
אור ליום ג' ויגש, ב' דר"ח טבת הבעל"ט
בהיכל בית מדרשינו
27 skillman st.
בשעה 8:30
וישמיע דברות קודש דברי התחזקות
והתעוררות המשיבים את הנפש
בגודל קדושת ימי החנוכה
שמעו ותחי נפשכם
~~~

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

...אוֹיךְ גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה דוּרְכְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה); אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קֶען יֶעדְן טָאג עֶנְדִיגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם נְשָׁמָה, אוּן ס'בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים זֵיי הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תּוֹרָה" (הַדְרָכָה ו') פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מַגִּיד רֶבִּי מָרְדְּכַי מִטְשֶׁערְנָאבְּל זי"ע "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ"; (זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אָן אַ פֵּירוּשׁ כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.) אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי זְכַרְיָה מֶענְדְל מִיֶּערִיסְלוֹב זי"ע בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר "דַרְכֵי צֶדֶק" (אוֹת י"ט) אִין נָאמֶען פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּער דֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן זָאג יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין דֵיעוֹת, וֶועט דִיר גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן

(אשר בנחל באידיש, חלק א' מכתב כ')

## סימן טוב ומזל טוב!

א הערצליכן ברכת מזל טוב צו אונזער ידיד, וידיד כל בית ישראל, זוכה ומזכה את הרבים, דער באקאנטער מפיץ במסירת נפש, וועלכער האט שוין זוכה געווען ארייצוברענגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, מיט דעם הייליגן רבינ'ס לימודים, אין הונדערטער טויזענטער אידישע שטובער ה"ה

## מו"ה נתן יאקאבאוויטש נ"י

**צו די געבורט פון זיין אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך שמחה ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, און ער זאל ווייטער זוכה זיין צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס אור אויף דער וועלט, ביז משיח צדקנו וועט אונז אויסלייזן במהרה בימינו אמן!

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו:**

**breslevcenter@gmail.com**






## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

# בנין שבתי ואסתר מזרחי

## העפטיגע בוי ארבעט צו פארענדיגן אינגאנצן די בניני המוסדות לשם ולתפארת.

עס ענדיגט זיך יעצט א גאנץ יאר פון ווען מיר האבן זיך ארייגעצויגן אין די נייע גרויסע בניני המוסדות אויף סקילמאן סט, אין וויליאמסבורג.

די בנינים זענען נדבת ידידינו הרבני הנגיד המפואר מו"ה **שבתי מזרחי** נ"י וזוגתו תחי', וועלכער האט מנדב געווען דעם חלק הארי פונעם בנין, ועל שמם יקרא, עס ווערט גערופן: **"בנין שבתי ואסתר מזרחי"**.

ר' שבתי נ"י איז באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט לכל דבר שבקדושה, ובפרט פאר מוסדותינו הק', ווי ער העלפט ארויס שטענדיג, ווינטער און זומער, און ווען אימער.

ווי באקאנט שטייען די נייע בניני המוסדות צו דינסט פאר מוסדותינו הק', פון איין זייט איז די ישיבה, א גרויסער בית המדרש, א גרויסע לאנטש רום, און שטיבלעך.

פון די אנדערע זייט גייט מען אריין צו די תלמוד תורה מיט די הערליכע גרויסע לופטיגע קלאסן, גרויסע לאנטש רום, און שפיל פלאץ פאר די קינדער.

ווי אויך איז סטאנציאנירט אינעם בנין דער בית הדפוס **"קרן הדפסה - היכל הקודש"** מיט אלע העכסט סאפיסטיקירטע מאשינען, ווי עס ווערן געדריקט טויזענטער ספרים וועכנטליך, און ווערן צושפרייט בכל קצוי תבל.

ווי אויך זענען פלאצירט אינעם בנין די אפיסעס פונעם מוסד, פון ווי עס ווערן אנגעפירט אלע פארצווייגטע אקטיוויטעטן פון מוסדותינו הק'.

אין די יעצטיגע טעג גייט אן, מיטן אייבערשטנ'ס הילף, דער פראגראם צו פארענדיגן אינגאנצן די בנינים, די אלע קליינע פארעכטונגן וואס מען איז נישט אנגעקומען צו מאכן ביים זיך ארייניצען אינען בנין.

עס איז צום האפן אז יעצט וועט מען קאמפלעט פארענדיגן דעם בנין, און עס וועט ווייטער זיין ווי א ליכט טורעם אין שטאט, א בנין פון ווי עס גייט ארויס תורה ותפלה, אמונה, לשם ולתפארת.

**חכם לב יקח מצות!**

***

## הערליכע ספר "הדלקת נר חנוכה" ארויסגעקומען לכבוד יום טוב חנוכה

מיט פרייד איז אויפגענומען ביי שוחרי תורה דעם נייעם ספר "הדלקת נר חנוכה", וועלכער ענטהאלט אין זיך, דער נוסח וואס מען זאגט ביים צינדן, די ניגונים וואס מען זינגט, מיט א זאמלונג פון פערל ווערטער, דברי חיזוק והתעוררות, מעניני חנוכה.

עס איז גלייך צוכאפט געווארן ביים ארויסקומען פון דריק, יעצט האט מען איבערגעדרידט א פרישע אויפלאגע, עס איז דא צו באקומען אין היכל הישיבה, **27 Skillman St.** אין וויליאמסבורג.

**ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים!**

***

## סעודת ראש חודש וועט פארקומען בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אזוי ווי יעדן ראש חודש, וועלן מיר דאס מאל נאכאמאל האבן די זכי' אז מוהרא"ש וועט קומען אויף וויליאמסבורג, אויף א סעודת ראש חודש.

ווי באקאנט, קומט מוהרא"ש אויף וויליאמסבורג א יעדן ראש חודש, אויף א סעודה, ווי מען קען הערן דברי התחזקות והתעוררות ווי אזוי אנצוגיין אין לעבן, לויט די לימודים פון הייליגן רבי'ן.

דאס מאל קומט עס אויס בימי החנוכה ווען מיר וועלן האבן די זכי' צו הערן פון די גרויסקייט פון די הייליגע חנוכה טעג, אין וואס מיר געפינען זיך יעצט.

די סעודה וועט פארקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף דעם קומענדיגן מאנטאג נאכט אים **8:30** אין בית המדרש אויף **27 Skillman St.** אין וויליאמסבורג, די עזרת נשים וועט זיין אפען, אויך וועט מען קענען מיטהאלטן דעם שיעור אויף א לייוו הוק-אפ אויפן טעל נו. **212-444-9191** עקס. **11**

**שמעו ותחי נפשכם!**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות......................4:20
מוצש"ק..................................5:51
סוף זמן ק"ש..........................9:03

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................בכורות מ"ז
ירושלמי...........................סוכה ז'
תוספתא...........כלים ב"ב פרק ז'


פרשת ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 11


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיִּגַּשׁ, פַּרְשָׁה צ"ג, סִימָן ד') "הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה" יְהוּדָה הָאט נָאנְט-גֶעטְרֶעטְן מִיט תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד זֶעהט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל אִים מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַסַאךְ מִצְוֹת, אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶס אָבֶּער דָאךְ עֶפֶּעס גוּט'ס אִין זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

וַוייל וִוי עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס גוּט'ס אִיז עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, ט) **טוֹב ה' לַכֹּל**, מְמֵילָא וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּט'ס בַּיי דִיךְ, מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן דֶערְפַאר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר א', ב').

אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דַאוְוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ "וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת" אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ, הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה - וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן דַאוְוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן, **בִּי אֲדוֹנִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶפֶּעס גוּט'ס אִין מִיר, אוּן דֶעמָאלְט'ס, **יְדַבֵּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי** - דֶעמָאלְט'ס פִיהל אִיךְ אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ א)

***

**וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אוֹתִי הֵנָּה**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"**


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל
## צוּ דִי יָארְצַייט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, אַ גַאנְצֶע הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי פְּלַאץ פוּן דִי שְׂרֵיפָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם הוֹיז וֵויינְט זֵייעֶר, אוּן עֶר זוּכְט צְוִוישְׁן דִי אִיבֶּערְבְּלַייבֶּענִישְׁן אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְץ שְׁטִיקְל הָאלְץ אָדֶער אַייזְן, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען אִיבֶּער נִיצְן וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט'ס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ זַיין הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, זוּכְט עֶר נָאךְ אַלְץ וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן, אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין הוֹיז, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד טוּהן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים גֶעכַאפְּט, אוּן אִים אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי בִּיסְל גוּט'ס וָואס עֶר הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת ל"ב)

***

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דִיר, נָאר וֶוען אִיךְ וֶועל זֶעהן אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן דוּ וֶועסְט דִיךְ וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

וַוייל דֶער עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד מֶעסְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקַייטְן, בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ב)

***

אֵיינְמָאל הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַּאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶס


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ המשך

מֵיינְט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט "וְעַתָּה" מִיט תְּשׁוּבָה?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל, אַז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי, אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס זֶעהט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן "**פוּן יֶעצְט**" אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דֶעמָאלְט'ס אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְעַתָּה**, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דֶעמָאלְט'ס, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶעהן אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

***

**וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ז'): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק, וָואס אִיז אַזוֹי פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט כִּישׁוּף, אוּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וִוי דִי מִצְרִיִּים", דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט זֵיי יוֹסֵף אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֹשֶׁן, דִי וָוארְט "גֹשֶׁן" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "שִׂמְחָה", אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, חַס וְשָׁלוֹם, נָאךְ דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, זָאלְן זֵיי זַיין אִין "**גֹּשֶׁן**" וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "**שִׂמְחָה**", וַוייל אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף זֵיי קַיין שְׁלִיטָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ח)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים המשך

זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְלֶעשְׁל בְּרָאנְפְן אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף, אוּן זֶעעֶן אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, טְרִינְקְן זֵיי זִיךְ אָן אוּן לֵייגְן זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן, וַוייל זֵיי זָאגְן אַז וִוי לַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט קֶען מֶען נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, נָאר מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִלִים אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אוּן מֶען זֶעהט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, זָאל מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם תְּהִלִים'ל, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶועןפוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ח)

***

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט'ס דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִוויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן ד')

***

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְ'ס, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נַאכְטְמָאל אִין אַ גַאסְט הוֹיז, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּיין אִין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען דֶעם בֵּיין אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעשְׁטִיקְט הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ כָּאטְשׁ גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִילְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען כָּאטְשׁ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף טוּהן כָּאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן, ח')

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים המשך

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט וִוי אֵלִיָּהוּ אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי וֶוערְטֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ק׳) אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר קֶען אַ יֶעדֶער אִיד אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוֶואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן כ"ג)

***

וֶועגְן דַיין דַחְקוּת וְעַנִיוּת וְכוּ׳, וָואס דוּ לַיידְסְט וְכוּ׳, אִיז דָא אֵיין עֵצָה נָאר תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוֹיף פַּרְנָסָה. אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס אוֹיף רוּחְנִיוּת וְוִיאַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אוּן אֵיינְס אוֹיף גַשְׁמִיוּת וִוי מֶען קֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט אַן אֶמֶת אַז עֶס פֶעלְט דִיר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ט׳) אַז אַ אִיד בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֶמֶת עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר קְרִיגְט וָואס עֶר דַארְף. אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה דָאס שְׁפִּירְסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֶמֶת, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם מִיט אַן אֶמֶת אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט, וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיוּת אוֹיכֶעט". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן וָואס עֶס טוּט אִים בְּאֶמֶת וֵויי, אוּן אַזוֹי וִוי דִיר טוּט זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֶמֶת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

(אשר בנחל באידיש מכתב מ"ב)

***

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, וְוִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט צוּ אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אַ חָתָן אָפְּגֶערֶעדְט פַּאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר זַיין כַּלָּה א.א.וו. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן נָתָן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין כַּלָּה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט" הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר מִיר צוּגְלַייכְן צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ? דָארְט אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּשׁוּטֶע זַאכְן, עֶס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה" הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה!"

וַוייל בַּיי אַ יֶעדְן אִיד, וָואס עֶס גֵייט נָאר אוֹיף אִים דוּרְךְ, לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, זָאל מֶען נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

(אבניה ברזל דף פ"ח)

***

וֶוען מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דִי מַהֲרַ"ם שִׁיף, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעזָאגְט ׳אִיךְ קֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מַהֲרַ"ם שִׁיף, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין פְּשַׁט אִין אַ פָּשׁוּטְן אִיד, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נ"א) "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה" אוּן וֶוער וֵוייסְט וֶוער אִיז דֶער אֶמֶת׳ר לֵב נִשְׁבָּר.

(אשר בנחל באידיש מכתב קמ"ז)

***

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס וֶועגְן, עֶר אִיז מוּבְטָח אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבל׳ט זִיךְ דָא אוּנְטְן טוֹבל׳ט זִיךְ זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז מִקְוֶה זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ס׳אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע מִינֵי שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד, וְכוּ׳, וְכוּ׳,

(אשר בנחל באידיש מכתב כ"א)


מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

בעזהשי"ת

מודעה חשובה

בעזרת השי"ת נתאסף כלנו לסעודת הילולא של
מורינו הגאון הקדוש, אור נפלא, אשר כל רז לא אנים ליה

מורינו רבי נתן מברסלב זצוק"ל

אור ליום ה׳ פרשת ויחי (מיטוואך נאכט) הבעל"ט
בבית מדרשינו בבארא פארק
1129 42th St.
בשעה 8:00 בערב

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

ישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות
המשיבים את הנפש בגדולת מוהרנ"ת זצוק"ל

שמעו ותחי נפשכם



מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

בעזהשי"ת

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

צו די געבורט פון אן אור אייניקל
ביי זיין אייניקל ר׳ אלימלך שטערן נ"י
בן מו"ה ברוך שטערן שליט"א חדב"ן

עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו

כעתירת
מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| בית המדרש "היכל הקודש" | ישיבה "תפארת התורה" ברסלב | תלמוד תורה "היכל הקודש" | בית חינוך לבנות "בית פיגא" |
|---|---|---|---|

## אֲשֶׁר בַּנַּחַל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית? הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן, דוּ וֵוייסְט דֶען דֶער כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה? אוֹרַייְתָא בְּתִפְאֶרֶת בְּרִית בִּיְסוֹד, תּוֹרָה אִיז אַסַאךְ הֶעכֶער, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז עֶר מְבַטֵּל אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, סְ'אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת זָאגְן אוּן לֶערְנֶען וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נֶ'ה', אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנֶה נֶעמְט דָאס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ קוֹדֶם זָאגְן, נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן קוּק אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, לַאךְ זִיךְ אוֹיס וָואס יֶענֶער קְרוּמְט מִיט דִי נָאז וְכוּ', אוּן יֶענֶער בְּלָאזְט וְכוּ', אוּן יֶענֶער שְׁרַייט וְכוּ', דוּ נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אֵיין פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן, בִּיז דֶער מֹחַ וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט לֶערְנֶען גְמָרָא, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.) לְעוֹלָם לִיגְרֵיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דְמִשְׁתַּכַּח וְאַף עַל גַב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַסַאךְ זָאגְן אוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשֶׁ'ע גְמָרָא, אוּן מְמֵילֶא וָואס הָאסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל צוּ זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן? נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוּן דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכֶת, וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ מַסֶכֶת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ בְּרָכוֹת, אוּן נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן שַׁבָּת, אוּן נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן עֵירוּבִין, אוּן נָאכְדֶעם פְּסָחִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

(אשר בנחל באידיש מכתב קל"ב)






## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע סעודות ראש חדש אפגעהאלטן בהשתתפות מוהרא"ש שליט"א

אזוי ווי יעדן ראש חודש, איז מען זיך דאס מאל אויך צאמגעגעקומען בראשות מוהרא"ש שליט"א, צו א סעודת ראש חודש בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג.

עס איז געווען אן הערליכער מעמד, זעענדיג ווי עס זענען זיך צאמגעקומען אזא גרויסער ציבור פון גאנץ גרעטער ניו יארק, מיטן איינציגסטן ציהל, צו הערן דברי אלקים חיים, נאכאמאל איבער'חזר'ן וואס מיר האבן מקבל געווען פון הייליגן רבי'ן, אנצוהייבן נאכאמאל פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן, צו רעדן צום אייבערשטן, און צו לערנען די הייליגע תורה.

מוהרא"ש שליט"א האט ארומגערעדט פון דעם נושא, אזוי ווי עס ווערט יעצט זיבן און פופציג יאר, זינט ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, אלץ פופצין אהאלב יעריגע בחור, און מוהרא"ש האט זיך אויסגעדריקט: "אפילו עס איז שוין 57 יאר וואס איך ווייס שוין פון רבי'ן, איז עס אבער ביי מיר אזוי ניי, ווי א 15 יעריגע בחור".

ווייל דאס איז נישט די ריכטיגע וועג, אויב וויל מען באמת מקבל זיין פון רבי'ן, טאר מען נישט זאגן: "איך ווייס דאך שוין די אלע עצות, איך ווייס שוין פון רעדן צום אייבערשטן, איך ווייס שוין פונעם רבינ'ס דרך הלימוד א.א.וו." נאר מען דארף שטענדיג קומען צום רבי'ן מיט א פרישקייט, כאילו מען האט נאך קיינמאל נישט געהערט און נישט געוואוסט גארנישט, און נאר אזוי קען מען מקבל זיין דעם הייליגן רבינ'ס לימודים.

דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות ווייטער אנצוגיין אויפן הייליגן רבינ'ס וועג, וואס לערנט אונז, קיינמאל נישט אויפצוגעבן, נאר שטענדיג אנהייבן פון ניי צו דינען דעם אייבערשטן.

***

### נייגטע חתן - רעזולטאט פון מסכת תענית

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האלטן מיט שוין ביים נייגטן חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית, ווי באקאנט וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים פארגאנגענעם זומער, אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית, וועט דאס יאר א חתן ווערן.

דאס מאל איז החתן היקר יואל ב"ר ליפא מענדלאוויטש נ"י וועלכער איז די וואך א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת ר' משה מרדכי מאירס נ"י אב"י בעיר קרית יואל.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

### שיינע חתונה פארגעקומען פון תלמוד ישיבתינו הק', שיינע שבע ברכות אין ישיבה ערווארטעט

מיט גרויס פרייד האבן בחורי ישיבתינו הק' זיך מיטגעפריידט ביי די שמחה פון אונזער חבר החתן יצחק אהרן וויינבערג נ"י וועלכער איז געגאנגען אונטער די חופה בשעה טובה ומצלחת, דעם מיטוואך אין די ווישניצע זאל אין מאנסי.

מוהרא"ש שליט"א האט זיך באטייליגט ביי די חתונה, די בחורים האבן משמח געווען ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן, און געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים.

דעם קומענדיגן מאנטאג וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען א שבע ברכות בהיכל ישיבתינו הק' **27 Skillman St.** אים **6:00** אווענט, צוגעשטעלט דורך די ישיבה, אלע בחורים, ווי אויך אלע אבריכים יוצאי ישיבתינו הק' זענען געלאדנט, זיך קומען משתתף זיין און משמח זיין.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, שיקט אייער אימעיל אדרעס צו:

**breslevcenter@gmail.com**

## ברכת מזל טוב!

א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

מו"ה **יצחק אהרן וויינבערג** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

צו זיין חתונה למזל טוב

בשעה טובה ומצלחת

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

הב' החתן **יואל מענדלאוויטש** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג

**דבר נאה ומתקבל!**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................4:26
מוצש"ק..............................5:57
סוף זמן ק"ש........................9:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................בכורות נ"ד
ירושלמי.........................סוכה י"ד
תוספתא.............אהלות פרק ז'


פרשת ויחי, י"ב טבת, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 12


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה,** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, אוּן וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט, אַז מְנַשֶּׁה אִיז דֶער עֶלְטֶערֶער, דֶער בְּכוֹר, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויים אוֹיךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן אֶפְרַיִם.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט ווִי מֶען זֶעהט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט "סוּר מֵרָע" דַארְף מֶען אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְ'ס, נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט "וַעֲשֵׂה טוֹב" מֶען דַארְף טוּהן גוּט'ס, מֶען דַארְף טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי נֶעמֶען פוּן יוֹסֵף'ס קִינְדֶער, "**מְנַשֶּׁה**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְגֶעסְן**" ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) **כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי,** דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס, מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן "**אֶפְרַיִם**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְמֶערְן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פַארְמֶערְן צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וֶועלְכֶעס עֶס קוּמְט פְרִיעֶר, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז קוֹדֶם קוּמְט "**סוּר מֵרָע**", צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ טוּהן גוּט'ס.

ווִידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אוֹיב וֶועט מֶען קוֹדֶם זִיךְ נֶעמֶען נָאר צוּם סוּר מֵרָע, מֶען וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, וֶועט דָאס נֶעמֶען צוּ לַאנְג, אוּן מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם "**עֲשֵׂה טוֹב**", **דֶערְפַאר דַארְף מֶען צוּם עֶרְשְׁט זֶעהן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ אַ מִצְוָה, נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס.**

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר אֵיינֶעם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז) וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת ה', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "**דוּ זֶעה צוּ טוּהן אַסַאךְ גוּט'ס, אַסַאךְ מִצְוֹת, דִי גוּט'ס וֶועט בְּלַייבְּן, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס וֶועט מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זִיךְ קוֹדֶם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט מְנַשֶּׁה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, ווִידֶער

המשך בדף ב

## שִׁיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ כַּעַס ~

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ, וָואס מֶען זֶעהט פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן כַּעַס.

ווִי בַּאקַאנְט הָאבְּן דִי אִידְן אִין יֶענֶע צַייט אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע פְּרִיצִים, וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעדוּנְגֶען אַן אַרֶענְדֶע פוּן אַ פָּרִיץ, אוֹיב דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ דִי רֶענְט, הָאט דֶער פָּרִיץ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דֶעם אִיד מִיט זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אִין תְּפִיסָה גְרוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהן דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן בִּיז מֶען הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט פַארְן פָּרִיץ דָאס גֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן "פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם", וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אַ אִיד זִיצְט אִין תְּפִיסָה, הָאט עֶר גֶעטוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען ווִי שְׁנֶעלֶער.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ הָאט גֶעהֶערְט אַז אַ גֶעווִיסֶער אִיד אַן אַרֶענְדַאר, זִיצְט שׁוֹין אַפָּאר חֲדָשִׁים אִין תְּפִיסָה, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי רֶענְט פַארְן פָּרִיץ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גְלַייךְ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס גֶעלְט וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן גֶעשִׁיקְט אַ תַּלְמִיד עֶר זָאל גֵיין אוֹיסְלֵייזְן דֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה.

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן, אוּן אוֹיסְגֶעלֵייזְט דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֵיי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים מְזַכֶּה מִיט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן "פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם", אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אַרֶענְדַאר: "דוּ הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט דָאךְ אָבֶער גֶעוואוּסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, מִיט אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אֶפְרַיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, צוּ וַוייזְן אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער גוּט'ס מֶען קֶען, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה)

***

**אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה**, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס פוּן שִׁמְעוֹן אוּן לֵוִי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, אִיךְ וֶועל זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן צְוִוישְׁן דִי אִידְן.

זָאגְט רַשִׁ"י, אוֹיף שִׁמְעוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן זַיין מְלַמְדִים, סוֹפְרִים אוּן אָרִימֶעלַייט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרוּמְגֵיין צְוִוישְׁן דִי אִידְן, אוּן שֵׁבֶט לֵוִי וֶועט מוּזְן אַרוּמְגֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען תְּרוּמוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת פוּן דִי פֶעלְדֶער.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין גֶעלְט, וַוייל בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי כַּעַס אוּן סַיי גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהְט אַז עֶס דַארְף קוּמֶען אַ שֶׁפַע פוּן גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם דָאס גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, דֶערְפַאר, **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיְחִי ח')

***

**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, עֶר זָאגְט זֵיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק "**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶּה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת כְּסִדְרָן דַוְקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶּכֶת נָאךְ אַ מַסֶּכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) **בְּמִי אַתָּה מוֹצָא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה;** דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה; ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) **וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא;** זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיּוֹת מֶער וִוי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא.

אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') **אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיּוֹת;** אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אֶפְשָׁר בְּלַייבְּסְטוּ שׁוֹין בַּיי מִיר אוֹיף שַׁבָּת?", דֶער אֲרֶענְדַאר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת.

שַׁבָּת קֹדֶשׁ בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אֲפִילוּ בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אִים מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן נָאךְ מֶער פְּרוּבִּירְט עֶר מַכְשִׁיל צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן "כַּעַס", אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן אַ אִיד, דָאס בַּיי אִים דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוִוינְס.

אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ, אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֲרֶענְדַאר: "וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס נַייעֶס?" דֶער אֲרֶענְדַאר הָאט זִיךְ פַארְווְאוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים בִּין אִין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע תְּפִיסָה, פוּן וִוי זָאל אִיךְ הֶערְן נַייעֶס?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט: "דָאס מַיין אִיךְ טַאקֶע, וָואס אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס נַייעֶס דָארְט אִין תְּפִיסָה, וָואס הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דָארְט?" דֶער אֲרֶענְדַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזֶעהְן דִי פִינְסְטֶערֶע וֶוענְט פוּנֶעם גְרוּבּ, מֶען הָאט מִיר יֶעדְן טָאג אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַבִּיסְל עֶסְן מִיט אַ שְׁטְרִיק, פוּן וִוי זָאל אִיךְ הֶערְן נַייעֶס?"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אָבֶּער דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהֶערְט עֶפֶּעס קוֹלוֹת דָארְט אִין גְרוּבּ?" דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין דֶערְמַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "יָא רֶבִּי, אַ גַאנְצֶע וָואךְ פְלֶעג אִיךְ הֶערְן אַ קוֹל וָואס וֵוינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת נָאנְט צוּם זְמַן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער קוֹל לַאכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק".

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וָואס הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פַאר דוּ בִּיזְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן תְּפִיסָה?", דֶער אֲרֶענְדַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶע גֶעוֵויין, מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, אוּן עֶרֶב שַׁבָּת פַארְן זְמַן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט גָאר אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, אַסַאךְ מֶער וִוי אַ יֶעדֶע וָואךְ" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן דוּ וֵוייסְט וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פוּן וִוי זָאל אִיךְ ווִיסְן? אִיךְ וֵוייס נָאר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעצִיטֶערְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק".

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן אוּן זִיךְ גֶעווְאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל עֶנְק מַסְבִּיר זַיין דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט!" דָארְט אִין דֶעם תְּפִיסָה גְרוּבּ גֶעפִינֶען זִיךְ שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת, אוּן עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר עֶסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר אִיז מְיַחֵד יִחוּדִים, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֵויינֶען דִי קְלִיפּוֹת אַ גַאנְצֶע וָואךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל פוּן דִי עֲבוֹדוֹת פוּן דֶעם צַדִּיק, פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת.

אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן דֶער צַדִּיק גְרֵייט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

זִיךְ אָן אַ גְלֶעזְל וַוארִימֶע מִילְךְ, אוֹיסְצוּפַאסְטְן פַארְן זְמַן, נִישְׁט אַרַייְנְצוּגֵיין אִינֶעם שַׁבָּת פַּאסְטְנְדִיג, אוּן דֶעמָאלְט'ס מַאכְן שׁוֹין דִי קְלִיפּוֹת אַז דִי מִילְךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן דֶעם, אוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת קוּמֶען צוּרִיק צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר לַאכְן זֵיי אִים אוֹיס.

דֶער צַדִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּאמֶערְקְן אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, יֶעדֶע וָואךְ גִיסְט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיס דִי מִילְךְ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, הָאט עֶר זִיךְ אֵיין וָואךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן עֶר הָאט מְיַחֵד גֶעוֶוען נֵייעֶ יִחוּדִים, אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל וַוארִימֶע מִילְךְ, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר עֶס אַייְנְגֶעשְׁפַּארְט אִין זַיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע שַׁאנְק, וִוי עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע גֶעשְׁרִיבֶּענֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם שְׁלִיסְל דֶערְצוּ, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אַזוֹי וֶועט עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן.

דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דִי וָואךְ וֶועט עֶר עֶס שׁוֹין מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מֶער גֶעוֵויינְט יֶענֶע וָואךְ.

פַאר שַׁבָּת הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיין הוֹיז אַ גוֹי, וָואס הָאט פַארְקוֹיפְט הָאלְץ פַאר זֵייעֶר אַ בִּילִיגֶע פְּרֵייז, דִי רֶעבֶּעצִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ אִיר מַאן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז דָא יֶעצְט גֶעקוּמֶען אַ גוֹי מִיט זֵייעֶר בִּילִיגֶע הָאלְץ, גִיבּ מִיר שׁוֹין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן דִי הָאלְץ, אַזַא מְצִיאָה מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג!" עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי שְׁלִיסְלֶעךְ צוּ זַיין שַׁאנְק, אַז זִי זָאל נֶעמֶען פוּן דָארְט גֶעלְט, וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי שַׁאנְק, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי גְלֶעזְל מִילְךְ אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן...

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזֶעהְן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זַיין וַוייבּ: "וָואס דַארְף אִיךְ דִי גַאנְצֶע הָאלְץ?! זָאל עֶר זִיךְ גֵיין מִיט דִי בִּילִיגֶע הָאלְץ!" אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַרַיין אִין אַזַא גְרוֹיסֶע כַּעַס, זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי קְלִיפּוֹת זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעלַאכְט.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ צַאמְגֶעפַאלְן אוּן גֶע'חַלָשׁ'ט, וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְמוּנְטֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, אוּן יֶעדֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק פוּן וֶועם דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט.

זֶעהְט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל עֶרֶב שַׁבָּת, וָואס דֶעמָאלְט'ס פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מֶער, צוּ מַכְשִׁיל זַיין אַ מֶענְטְשׁ מִיט כַּעַס, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִיטִין נב.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, אוּן וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט פַאר רֶבִּי מֵאִיר, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּהְן דְרֵיי וָואכְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר, אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן דֶעם הוֹיז", דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער ס"מ, וָואס פְלֶעגְט מַאכְן מַחְלוֹקֶת יֶעדֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי יֶענֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי מִדָּה פוּן כַּעַס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע שִׁגָעוֹן וָואס כַּאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס הַרְגֶ'ט אִינְגַאנְצְן אָפּ אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וִוי מֶען קֶען זֶעהְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע זַאךְ, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט דֶערְנֶערְוִוירְט אִים, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע לֶעבְּן, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאל שְׁטֶענְדִיג אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, אוּן זַיין אַ רוּהִיגֶע גֶעלַאסֶענֶע מֶענְטְשׁ, אֵייבִּיג זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' עֶרֶךְ כַּעַס)

# "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית" הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם, אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

אוּן קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, נָאר דֶער רֶבִּי אַלֵיינְ'ס פַארְשְׁטֵייט פְּשַׁט אִין דֶעם.

רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הֲלָכוֹת תְּפִלִּין ה"ד אוֹת ד') וִוי אַזוֹי קֶען עֶס טַאקֶע זַיין? אַז דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זָאגְן אַז עֶס מֶען קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּהְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּהְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהְן, נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, מוּז דוּרְךְ גֵיין דֶעם נִסָיוֹן, אַז עֶר זָאל הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, גִיבְּט עֶר אוֹיף, אוּן עֶר טוּט טַאקֶע נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר שֵׂכֶל, גִיבְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף, נָאר עֶר קוּמְט נָאךְ אַלְץ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים זִיכֶער אוֹיס אוּן נֶעמְט אִים צוּרִיק, אוּן אִיז אִים אַוַדַאי מוֹחֵל אוֹיף וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּהְן.

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס זֶענֶען דָא טֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ אִיד, נָאר וֶוען עֶר אִיז שְׁטַארְק גֶעדְרוּקְט אוּן צוּמִישְׁט.

דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל, אַז אַ אִיד מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר

המשך בדף ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

בעזהשי"ת
קול רנה וישועה באהלי צדיקים
מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר
כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
צו די שמחת בר מצוה פון אן אייניקל
הבחור החשוב נחמן נתן נ"י
בן מו"ה משה אסטרייכער שליט"א חדב"ן
עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו
כעתירת
מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| בית המדרש | ישיבה | תלמוד תורה | בית חינוך לבנות |
|---|---|---|---|
| "היכל הקודש" | "תפארת התורה" | "היכל הקודש" | "בית פיגא" |

# ״שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים״

גֶעדְרוּקְט וֶועגְן דֶעם, אוּן דֶעמָאלְט׳ס קוּמֶען אַרוֹיס דִי טֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים אוּן דָאס אִיז אַ טוֹבָה פַאר דִי וֶועלְט.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעדְרוּקְט אִין פַּרְנָסָה, אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה עֶר זָאל קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן י״ג)

***

אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְּלַאץ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט אַ קְלֵיינֶע דִירָה, אוּן עֶר פַארְקוֹיפְט בְּרָאנְפְן פַאר גוֹיִם, אוּן דִי גוֹיִם זִיצְן דָארְט אָפּ אוּן שִׁיכּוֹר׳ן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דַיין עֲבוֹדַת ה׳ וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם, וָואלְט עֶר דִיר נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם מַצָּב, יֶעצְט אַז אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיזְט יָא אִין דֶעם מַצָּב אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז דוּ זָאלְסְט אִים דִינֶען אוֹיף אַזַא וֶועג״.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקפ״ח)

***

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר ״אַיָּלָה שְׁלוּחָה״ (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ) אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק פוּן זִידִיטְשׁוֹב זי״ע, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע, וָואס עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דָאס אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַן אַכְסַנְיָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָה זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ ״וִוילַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר עֶסְן נָאר קַאשֶׁע? לָאמִיר שׁוֹין עֶסְן אַמָאל לָאקְשְׁן״.

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי״ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְלַהֵב גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער דֶרֶךְ פוּן צַדִּיקִים וָואס פוּן יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן זֵיי תּוֹרָה, הָאט עֶר דָאס פַארְצֵיילְט פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי וֶוערְטֶער ״וִוילַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר עֶסְן נָאר קַאשֶׁע״, דָאס הֵייסְט וִוילַאנְג וֶועלְן מִיר נָאךְ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶועלְן מִיר עֶסְן... ״לָאמִיר שׁוֹין עֶסְן אַמָאל לָאקְשְׁן״ דָאס הֵייסְט לֹא-קַשְׁיָא, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶועלְן מִיר עֶסְן...

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב רס״א)




# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## שיינע שבע ברכות פארגעקומען אין ישיבה

פארגאנגענעם מאנטאג איז פארגעקומען א שיינע שבע ברכות אין ישיבה פארן חשובן תלמיד הישיבה החתן יצחק אהרן וויינבערג נ״י.

אין צוגאב צו די בחורים פון ישיבה, זענען זיך אויך צאמגעקומען אלע אבריכים יוצאי ישיבתינו הק׳, עס איז געווען אן הערליכער כינוס, אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו.

א רייכע סעודה איז סערווירט געווארן, יעדער האט זיך צוגעהערט מיט שפאנונג צו די פערל ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט״א, וועלכער האט אראפגעלייגט אז דער חתן איז א סימבאל פון די ישיבה, ווען ער האט אלץ בחור זיך נישט געלאזט נארן, נאר אויסגעניצט די בחורישע יארן מיט תורה און תפלה און עבודת ה׳, לויט ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, און דאס וועט זיכער באגלייטן צום גוטן זיין גאנץ לעבן.

אויך זענען געהערט געווארן טרעפליכע דיבורים פון די מחותנים שליט״א, וועלכע האבן ארויסגעברענגט זייער באגייסטערונג פון די ישיבה, ווי מען זעהט שטענדיג א שמייכל אויף די בחורים, וואס קומט נאר פון אן אינערליכע שמחה, וואס מען באקומט נאר פון לערנען מיט געשמאק, און דינען דעם אייבערשטן מיט א חיות, ווי דער פסוק זאגט ״פקודי ה׳ ישרים משמחי לב״.

נאכן בענטשן האט זיך אנגעהויבן די פרייליכע ריקודים, ווי מען האט משמח געווען דעם חתן, וואס האבן זיך געצויגן ביז די שפעטע נאכט שעה׳ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## יארצייט פון רבי נתן זצוק״ל אפגעהאלטן ביי מוהרא״ש שליט״א

מיטוואך נאכט איז מען זיך צאמגעקומען ביי מוהרא״ש שליט״א צו די יארצייט פון רבי נתן זצוק״ל.

עס זענען געהערט געווארן דברות קודש פון מוהרא״ש שליט״א איבער די גרויסקייט פון רבי נתן וואס נאר דורך אים איז געבליבן דעם הייליגן רבינ׳ס דיבורים, ווי דער רבי האט זיך אויסגעדריקט: ״ווען נישט נתן, וואלט נישט געבליבן פון מיר א בלעטל שֵׁמוֹת״.

כאטש רבי נתן איז אריבער אין זיין לעבן אסאך צרות און יסורים, האט ער זיך דערהאלטן, און ער האט נאך מחזק געווען אנדערע אויך, און ער האט איבערגעלאזט אזעלכע ספרים וואס זענען מחי׳ און מחזק יעדן, נאך ביזן היינטיגן טאג.

מוהרא״ש זאגט אז מען האט געזעהן אין אלע דורות, אז די וואס האבן געלערנט אסאך די ספרים פון רבי נתן, האבן זיך ספעציעל שיין דערהאלטן, ווייל רבי נתן האט אזעלכע דיבורים וואס לאזן נישט פאלן.

**תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו!**

***

## גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו, צו די חתונה פון אן אייניקל ביי מוהרא״ש שליט״א קומענדיגע וואך אי״ה

אנשי שלומינו בכל אתר ואתר גרייטן זיך מיט פרייד, צו די חתונה פון אן אייניקל ביי מוהרא״ש שליט״א, הכלה תחי׳ בת מו״ה משה אסטרייכער שליט״א חדב״ן, וועלכע וועט פארקומען אי״ה דעם קומענדיגן דאנערשטאג אין זאל פון אור החיים ווישניץ אין בארא פארק.

אנשי שלומינו וועלן זיך אי״ה משתתף זיין מיט בגדי שבת, זיך מיטפרייען מיט די שמחה ביי מוהרא״ש שליט״א.

לכבוד די שמחה וועט די וועכנטליכע שיעור פארקומען מיטוואך נאכט, ביי מוהרא״ש אין בית המדרש.

**בטוב צדיקים תעלוץ קריה!**

***

## ספר ״אוצר השובבי״ם״ פריש איבערגעדריקט.




צו די בעפארשטייענדע שובבי״ם טעג, האט מען יעצט פריש איבערגעדריקט דעם ספר ״אוצר השובבי״ם״ א זאמלונג פון עצות והדרכות, צו די שובבי״ם טעג, געבויעט אויפן הייליגן רבי׳נס דיבורים.

ווי באקאנט פון צדיקים, זענען די טעג פון שובבי״ם, ספעציעל מסוגל, צו תשובה און צו פארעכטן וואס מען דארף.

דערפאר איז יעצט די פאסיגסטע צייט, צו לערנען דעם ספר, ווי מען קען זעהן די ריכטיגע וועג, ווי אזוי צוריק צו קומען צום אייבערשטן אין יעדן מצב.

**לכו ונשובה אל ה׳!**

## ברכת מזל טוב!

א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**מו״ה בנציון יאקאבאוויטש נ״י**

מלמד מומחה במוסדותינו הק׳

צו די געבורט פון זיין מיידעלע

למזל טוב

**שמחות ונחת לרוב!**

## סימן טוב ומזל טוב!

אן הערצליכן מזל טוב פאר

**הב׳ החתן**

**יואל מענדלאוויטש נ״י**

מתלמידי ישיבתינו הק׳

צו זיין שמחת תנאים

**דבר נאה ומתקבל!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת שמות, י"ט טבת, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 13


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:33
מוצש"ק...........................6:04
סוף זמן ק"ש....................9:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי.....................בכורות ס"א
ירושלמי....................סוכה כ"א
תוספתא..........אהלות פרק י"ד

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**", אוּן עֶר זָאגְט "**הַבָּאִים**" - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "**יַעֲקֹב**", אוּן עֶר זָאגְט "**בָּאוּ**" - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען".

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְּרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן "**פוּן יֶעצְט**" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה.

דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, **וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יִשְׂרָאֵל**", אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְּרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ.

ווִידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ"**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יַעֲקֹב**" אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז "**בָּאוּ**", זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוֹיב מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, (שְׁבָחֵי הָרַ"ן אות י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן, אוּן וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶע פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל, וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַסַאךְ מָאל, אַז עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶעהט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתָּם וִויל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִיה אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סֵיי וִוי נִישְׁט, אוּן עֶר הֶערְט אִים סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס מַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶע צַדִיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶעדְן צוּם

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לִ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אֲ'רוּכִים לְ'עוֹלָם**, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיְין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיְין?

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ט) אַז מִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיְין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אַלֶעם פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דֶעמָאלְט'ס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵּז, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיְין, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעם פַארֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

***

**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ מֶער פַארְמֶערְט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ק"ע) אַז וִוי גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער לַיידְט עֶר יִסּוּרִים, אוּן דִי יִסּוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זֵיי נָאנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה**, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמוֹת, תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, נָאר עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

אוּן דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, וַוייל מֶען זֶעהט פוּן דֶעם, אַז יֶעדֶער קֶען דוּרְךְ דֶעם אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען פִילְט צוּמָאל אַז מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַלֶעס בְּלַייבְּט בַּיים אַלְטְן, קֶען מֶען נֶעמֶען דִי חִיזּוּק פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעפִילְט, אוּן וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר אִיז נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, מִמֵּילָא קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען, דוּרְךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב סימן צ"ו) "אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּהן דוּרְךְ'ן טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר דַארְף עוֹסֵק זַיְין אִין פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דִי פְּשַׁט אִיז, אַז וָואס מֶען טוּט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, זָאל מֶען טוּהן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין ווַייבּ

המשך בדף ג

## אויסצוגן פונעם "מכתב קודש" וואס מוהרא"ש שליט"א האט געשריבן די וואך פאר די בחורים

בעזה"י יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ג טֵבֵת ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח.

הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי וָואכְן וָואס מֶען לֵיינְט שְׁ'מוֹת וָ'אֵרָא בֹּ'א בְּ'שַׁלַּח יִ'תְרוֹ מִ'שְׁפָּטִים, זָאגְט דִי אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ דִי טֶעג זֶענֶען מְסוּגָּל צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ז) אַז דָאס אִיז גוֹרֵם פַאר אַ בָּחוּר עֶס זָאל אִיהְם שְׁוֶוער אָנְקוּמֶען טְרֶעפְן זַיין בַּת זוּג, אוּן אוֹיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועט אִיהְם אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶועט אִיהְם אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג דַארְף מֶען פַאסְטְן, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַאסְטְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין תַּעֲנִיתִים, עֶס אִיז עֶנְק אַלֶע בַּאוִויסְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי עֶנְק אִין דִי יְשִׁיבָה חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וָואס אִיז פֶערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, וֶועלְן טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידּוּךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלוּגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אֲפִילוּ עֶס אִיז זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע צַייטְן וְכוּ', וִוי פַארְפְלֵייצוּנְגֶען וְכוּ', אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶלֶעקְטְעֶרִיק וְכוּ', אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט לֶעכְט וְכוּ', הָאט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן יֶעדֶער אֵיינֶער אַ גוּטְן שִׁידּוּךְ, אוּן דִי וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וְכוּ', קֶען זַיין אַז זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק.

**אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ מַצִּיעַ כַּאפְּט אַרַיין כָאטְשֶׁע דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן הַיינְט אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אַנְשְׁטָאט צוּ פַאסְטְן, וֶועט עֶטְץ זֶעהְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס אַלֶע וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טוּהן גוּטֶע שִׁידּוּכִים, נָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין...**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"ש

אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּט'ס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וְכוּ' וְכוּ'.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג וָואס מֶען טוּט, טוּט מֶען נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְס פוּן דִי הוֹיפְּט סִיבּוֹת וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן מַאכְן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, מֵיינְט דָאס אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב וֶוען מֶען רֶעדְט אַ גַאנְצֶע שָׁעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוּן צַייט דֶערְצוּ, רֶעדְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט, אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט נָאר אַפָּאר קוּרְצֶע וֶוערְטֶער, אוּן מִיט אַפָּאר קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

מֶען קֶען עֶס זֶעהְן בִּמְצִיאוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל רֶעדְן מִיט זַיין חַבֵר, אוּן עֶר גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אָבֶּער טָאמֶער עֶר וֶועט סְתָּם אָנְהֵייבְּן רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, וֶועט זִיךְ קֶענֶען פַארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר שָׁעָה.

דִי זֶעלְבֶּע מַמָשׁ, אִיז בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע שָׁעָה אוֹיפְן זֵייגֶער, וֶועט אִים זֵייעֶר נִמְאָס וֶוערְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אוּן עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הַאלְטְן חָשׁוּב, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן אֵיין מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶר קֶען נָאר זָאגְן "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ", אַזוֹי בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְן גַאס, וֶוען מֶען גֵייט סַיי וִוי פוּן הוֹיז צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן דָאס גְלַייכְן, כַאפְּט מֶען אַרַיין אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי פָּאר דִיבּוּרִים דָא אוּן דָארְט, קֶען זִיךְ צוּזַאם קְלוֹיבְּן דוּרְכְ'ן טָאג אַפָּאר שָׁעָה, אוּן מֶען בַּאמֶערְקְט עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט.

אֵיינֶער וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט עֶר פוּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיוּת, וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף, גֶעלְט א.ד.ג., שְׁמוּעֶסְט עֶר עֶס אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט אַלֶעס רוּחְנִיוּת, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיינְס, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ, וַוייל וִוי עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְחַשֵׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב, וֶוען מֶען רֶעדְט אַ שָׁעָה אָדֶער צְוֵויי.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל, אוּן נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, אוּן עֶר כַאפְּט אַרֵיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג, כָאטְשׁ אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"ש ח"ב וח"ד עֶרֶך הִתְבּוֹדְדוּת)

# "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ יוּד, אַ יוּגְנְט-פְרַיינְד פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין שְׁטָאט מָאהֲלִיב, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן וואוֹינֶען, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן בִּיזְנֶעס.

עֶר הָאט זִיךְ צַאמְגֶעבָּארְגְט אַסַאךְ גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, מִיטְן פְּלַאן עֶס צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין זַיין נַייעֶ בִּיזְנֶעס, אוּן אַרוֹיסְגֵיין מִיט גְרוֹיסֶע רְוָחִים, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זַיין גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר אִיז נָאךְ שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלוֹיפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט פוּן וִוי צוּ בַּאצָאלְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטָאט, צוּ אַ וַוייטֶע פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אַז דָארְט וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען, וֶועט עֶר קֶענֶען דָארְט אָנְהֵייבְּן אַ פְרִישֶׁע פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן, פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּהן, עֶר הָאט גֶעהוֹיבְּן פִיס אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטָאט.

אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט, אַז דָארְט וואוֹינְט זַיין אַלְטֶע חַבֵר, רַבִּי נָתָן, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ רַבִּי נָתָן, אוּן רַבִּי נָתָן הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד, אוּן אִים צוּגֶעגְרֵייט צוּ עֶסְן, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט אִים רַבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט, וָואס עֶר מַאכְט, וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט אִים, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶר לוֹיפְט יֶעצְט אַוֶועק פוּן זַיין שְׁטָאט, וַוייל עֶר אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט בַּאצָאלְן, אוּן עֶר וִויל יֶעצְט גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אֶפְשָׁר גֵייט עֶר דָארְט מַאכְן גֶעלְט, אוֹיךְ הָאט עֶר דָארְט אַ קָרוֹב, אַ פַארְמֶעגְלִיכֶער אִיד, וָואס הָאט גֶעלְט, אוּן עֶר הָאפְט אַז זַיין קָרוֹב וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט גֶעלְט אָדֶער שַׁאפְן אַ פַּרְנָסָה שְׁטֶעלֶע.

הָאט אִים רַבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, דוּ הָאסְט טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער דַיין עֵצָה אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע עֵצָה, וַוייל וָואס וֶועט זַיין, וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ דַיין קָאזִין, וֶועט עֶר גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיזְט אָנְגֶעזֶעצְט, אוּן עֶר וֶועט נָאר וֶועלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִיר, עֶר וֶועט דִיר קוֹים גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מִיט אַ הַאלְבֶּע מוֹיל, מִיט דִי שְׁפִּיץ פִינְגֶער, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן צוּ עֶסְן אַ סְעוּדָה אָדֶער צְוֵויי, שְׁלָאפְן בַּיי אִים גְלֵייבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַז עֶר וֶועט דִיר לָאזְן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט וֶועלְן גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ שְׁלָאפְן, וֶועט דֶער גַבַּאי דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן, וַוייל עֶר קֶען דִיר נִישְׁט, אוּן עֶר וֶועט דִיר חוֹשֵׁד זַיין אַז דוּ בִּיזְט אַ גַנָב, דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר, אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין גוּטֶע עֵצָה צוּ טוּהן.

רַבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט: מֵיין עֵצָה אִיז, אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַוֶועקְלוֹיפְן, זָאלְסְטוּ נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן, גֵיי צוּרִיק צוּ דַיין שְׁטָאט אִין מָאהֲלִיב, אָבֶּער גֵיי נִישְׁט אַהֵיים, נָאר גֵיי גְלַייךְ אִין בַּית הַמִדְרָשׁ אַרַיין, אוּן הֵייבּ אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעהְן, אוּן הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָארְט אִין דַיין שְׁטָאט קֶען דִיר דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דוּ בִּיזְט נִישְׁט קֵיין גַנָב, נָאר דוּ הָאסְט פָּשׁוּט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, וֶועט דֶער גַבַּאי פוּן בַּית הַמִדְרָשׁ דִיר שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן, אוּן עֶר וֶועט דִיר אֲפִילוּ גֶעבְּן אַ קִישְׁן צוּ שְׁלָאפְן, אוּן וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז דוּ בִּיזְט אִין בַּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ נָאר שְׁוַוייגְן אוּן גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר וָואס דוּ ווִילְסְט זָאגְן, זָאלְסְטוּ נָאר זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ד

# ״שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים״

דִי אֱמֶת׳עֶ וֶוערְטֶער, וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם צַדִיק, זַיין אֱמֶת׳עֶ פְרַיינְד, זֶענֶען אַרַיין טִיף אִין זַיין הַארְץ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז רַבִּי נָתָן מֵיינְט אֱמֶתְ׳דִיג זַיין טוֹבָה, הָאט עֶר אִים גֶעפָאלְגְט, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין אַ ווִינְקֶל, מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין גְמָרָא פוּן אָנְהֵייבּ בְּרָכוֹת אִין וַוייטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן אָנְהֵייבּ אוֹרַח חַיִים אוּן וַוייטֶער, פוּן צַייט צוּ צַייט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וִויל דֶען גַנָב׳ן פוּן מֶענְטְשְׁן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין מַצָב? נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, אוּן דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן!״

אוּן אַלֶעס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי רַבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט, דֶער שַׁמָשׁ הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען, אוּן גְלַייךְ וִוי דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּרִיק דָא, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין וַוייבּ, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פַאר וֶועם עֶר אִיז גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג גֶעלְט, אוּן זַיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אַלֶע טַעֲנוֹת, אָבֶער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג, אוּן יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט גֶעקָאכְט וִוי אַ קֶעסְל מִיט דִי מַעֲשֶׂה, בִּיז אַפָּאר פוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע הָאבְּן רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, אוּן צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעלְט פַאר אִים, אוּן זַיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ קְלֵיינֶע סְטָאר, אַז זַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען מַאכְן אַבִּיסְל גֶעלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַז זַיין וַוייבּ הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן גֶעלְט, אוּן עֶר אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ אַפָּאר מָאל גֶעגַאנְגֶען אִיר הֶעלְפְן אִין סְטָאר, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז דִי סְטָאר גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער, אוּן זַיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ גֶעלְט, בִּיז זַיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועם זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג, אוּן עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיי צוּ לֶעבְּן בְּהַרְחָבָה.

אוּן דֶעמָאלְט׳ס הָאט דֶער אִיד טַאקֶע גֶעזֶעהְן אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אַז דִי בֶּעסְטֶע פְלַאץ צוּ אַנְטְלוֹיפְן אִיז נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְקוּת, אוֹת ס״ז)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

27 Skillman St.

בעזהשי״ת

## וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים

מיר ווינטשן א הארציגן מזל טוב פאר

## כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

צו די שמחת החתונה פון אן אייניקל

הכלה תחי׳

בת מו״ה משה אסטרייכער שליט״א חדב״ן

## עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו

כעתירת

מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| | | | |
|---|---|---|---|
| בית המדרש ״היכל הקודש״ | ישיבה ״תפארת התורה״ | תלמוד תורה ״היכל הקודש״ | בית חינוך לבנות ״בית פיגא״ |

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

*שובבי״ם בין כותלי הישיבה!*

## בחורים ענדיגן יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, לכבוד שובבי״ם.

די וואך זונטאג, אין אנהויב פון שובבי״ם, האט מוהרא״ש געשריבן א בריוו צו די בחורים, אז מען זאל פריש אנהייבן לערנען יעדן טאג מסכת תענית.

מוהרא״ש שרייבט אינעם בריוו, אז אזוי ווי אין קעמפ האט ער צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט זאגן פערציג מאל מסכת תענית פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועט א חתן ווערן נאך ראש השנה, און די בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו.

דערפאר האט מוהרא״ש יעצט ווידער אפעלירט צו די בחורים אז אזוי ווי דער הייליגער אר״י הק׳ זאגט אז מען זאל פאסטן שובבי״ם, אבער דער רבי האט דאך אונז אנגעזאגט אז היינט זאל מען נישט פאסטן, דערפאר אנשטאט פאסטן, זאל מען לערנען יעדן טאג מסכת תענית, (זעה באזונדער קעסטל דעם ״מכתב קודש״).

דער בריוו איז אנגעקומען צו די בחורים זונטאג, און נאך אין זעלבן טאג, האבן די בחורים שוין דורכגעלערנט גאנץ מסכת תענית און אזוי זענען זיי ממשיך יעדן טאג מיט גרויס התמדה.

עס איז אן ערהויבן בילד, אריינקומענדיג אין ישיבה, צו זעהן ווי די בחורים זענען איבערגעבויגן איבער די גמרות, און לערנען פלייסיג, עס איז נישט דא צו וועם צו רעדן, יעדער איז נאר פארנומען מיט די הייליגע גמרא, מיטן ציהל צו ענדיגן די גאנצע מסכת יעדן טאג.

און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן די בחורים ווייטער אזוי ממשיך זיין דעם גאנצן שובבי״ם, און אזוי וועלן זיי ארויסגיין פון די הייליגע שובבי״ם מיט עפעס אין די האנט, און דאס וועט זיי זיכער ווייטער באגלייטן א גאנץ לעבן.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## כתה ה׳ שטעלט זיך צום פארהער נאך חזרה

פון תלמוד תורה קומט די נייעס, אז כתה ה׳ האט יעצט געמאכט חזרה, אויף וואס מען האט געלערנט פון אנהייב יאר ביז יעצט, זיי האבן געלערנט גמרא פרק הכונס ממסכת בבא קמא.

ברוך ה׳ די קינדער האבן געענפערט די שאלות פונעם פארהערער, בטוב טעם ודעת מיט געשמאק, מען האט געקענט זעהן די כוחות וואס זיי האבן אריינגעלייגט, צו לערנען אין חזר׳ן.

**זרע ברך ה׳!**

***

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים!

דעם דאנערשטאג נאכט איז פארגעקומען די חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא״ש, אין די זאלן פון אור החיים ווישניץ אין בארא פארק.

עס איז געווען אן ערהארבן בילד צו זעהן ווי חסידים ואנשי מעשה טאנצן און פרייען זיך מיט די שמחה, מיט א שבח והודאה צום אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים ובפרט וואס מיר האבן זוכה געווען צו אזא מתנה פאר אונזער דור, די הייליגע ספרים, קונטריסים און דיבורים פון מוהרא״ש, וואס זענען מחי׳ און מחזק יעדן איינעם, אין יעדן מצב.

**ועל ידי זה ישפע שפע רב בכל העולמות!**




**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................**4:41**
מוצש"ק.........................**6:12**
סוף זמן ק"ש....................**9:05**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................ערכין ח'
ירושלמי.....................תענית ב'
תוספתא...............נגעים פרק ג'


פרשת וארא, כ"ו טבת, שבת מברכים שבט, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 14


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "אֱלֹקִים" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַדִּין, אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "ה'" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַחֶסֶד וְרַחֲמִים.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ב) אַז דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אִיז אַ שֵׁיינְקַייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט פַארְשְׁטַאנֶען פוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹי, וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חַס וְשָׁלוֹם דִי זֶעלְבֶּע שֵׂכֶל וִוי דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ קְלוּגֶער פוּן אוּנְז, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט זַיינֶע וֶועגְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אַמָאל אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְ'ס, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר גוּטְ'ס, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייט מֶען עֶס.

רַשִׁ"י זָאגְט **דִּבֶּר אִתּוֹ מִשְׁפָּט עַל שֶׁהִקְשָׁה לְדַבֵּר וְלוֹמַר לָמָה הֲרֵעוֹתָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים שְׁטְרֶענְג, וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק, **וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג צוּ מֹשֶׁה, מִיט מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, **וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'**, דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת "אֲנִי ה'" עֶס אִיז גָאר מִדַּת הָרַחֲמִים.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז אַלֶעס נָאר בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים, נָאר פַארְן טוֹבָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ז)

***

**וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו) אַז דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל פַאסְטְן אוּן דָאס גְלַייכְן, דָאס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט יָא אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּסְטוּ אָבֶּער נִישְׁט אִין דִיר, דוּ גְלֵייבְּסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן דִיר, אוּן דֶערְפַאר זוּכְסְטוּ צוּ טוּהְן דַוְקָא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין, וַוייל דוּ טְרַאכְסְט, אַז נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ סַבְלָנוּת ~

דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן אָן דֶעם, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן יֶעדְן טָאג, אֵיינֶער הָאט זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אֵיינֶער הָאט שְׁוֶועריקַייטְן פוּן דִי וַוייבּ, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, א.א.וו., אוּן נָאר מִיט סַבְלָנוּת, מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד, קֶען מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלֶעך לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, זָאל עֶר זָאגְן: **"זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל"**, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, אַז עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט.

אוּן אֲפִילוּ בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל מֶען וֶוערְט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר מִיט סַבְלָנוּת, פוּן אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט אַז זֵיי טוּעֶן עֶפֶּעס אוֹיף, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער "תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף", אַז יוּנְגֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַפְּדָן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, אֵיינְמָאל הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן צוּ זַיין סַנְדָק בַּיי אַ בְּרִית, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם בְּרִית, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית אָן אִים,


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אָבֶער וֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אִין דִיר אַלֵיין: **"יָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ פוּן מִיר הַנָאָה"**, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוַואלְדִיג הַנָאָה, פוּן דַיין פָּשׁוּטֶע אִידִישְׁקַייט, פוּן דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט, דוּ וָואלְסְט דִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דַיין אֱמוּנָה, מִיט דַיין צִיצִית, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט דַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה**, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **מִקֹּצֶר רוּחַ**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה (תְּהִלִּים קל"ה) **אַף אֵין יֵשׁ רוּחַ בְּפִיהֶם**, בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין רוּחַ, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה הֵייסְט דָאס מִקֹּצֶר רוּחַ, אוּן דֶערְפַאר, **וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה**, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו - תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תש"ע)

***

**וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וִוי עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט **"פְּדוּת"**, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"ד), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל).

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ח) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי תּוֹרוֹת, עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד פוּן צְווִישְׁן גוֹיִם.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִּיטִּין ס: ד"ה אתמוה) "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוֹיסֶעוֶוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעהט מֶען, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס נָאךְ מֶער מַסְבִּיר, אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט ווִיסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, **"מִשְׁנָה"** אִיז דִי אוֹתִיּוֹת **"נְשָׁמָה"**, וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג) **"כֶּסֶף מִשְׁנֶה"**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זָאגְט אַז **"מִשְׁנָה"** אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"פַּרְנָסָה"**, עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ**, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְווִישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דָאךְ דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אָבֶער דֶער וָוארְט **"פְּדֻת"** שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנָיוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אָבֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, אָבֶער דֶער פָּסוּק זָאגְט, **לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף קוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת.

אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ט)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאכְן בְּרִית, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דָארְט נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט.

מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן דִי סְעוּדָה, אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן מִיט צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"... מֶען הָאט אִים וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט: "וִוילְסְט אֶפְשָׁר עֶפֶּעס עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", "וִוילְסְט אֶפְשָׁר נָאךְ אַ טֶעלֶער? הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר אוֹיף אַלֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"...

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיזְט אֶפְשָׁר מְשׁוּגֶע גֶעוָוארְן?", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען הָאט זֵייעֶר גֶעלַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים דָא עֶפֶּעס מְרַמֵּז זַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם אָרִימַאן צוּ רֶעדְן מִיט אִים, אָבֶער אִינְצְווִישְׁן אִיז דֶער אָרִימַאן שׁוֹין פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים זָאגְן וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט פוּן הִימְל, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, נָאר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן "זָאל זַיין אַזוֹי..."

עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג, אָבֶער עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אָבֶער דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, אִיז נָאר וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעטוּהְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס,

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, אַלֶעס וָואס טוּט אִים וֵויי, בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים סֵיי וֶועלְכֶע צָרָה, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ, נָאר עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, אוּן אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ, צוּ דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֵיינֶער מַאכְט מִיט אַסַאךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דֶעם טָאג, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן פַּרְנָסָה.

וִוידֶער אִיז דָא אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן עֶלְטֶערֶע בָחוּרִים אָדֶער עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף פַאר צַעַר, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט צוּפָארְן אוּן צוּפְלוֹיגְן, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט גֶעדוּלְד, מֶען אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעהְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מֶען גֵייט אַלֶעס אַדוּרְךְ בְּשָׁלוֹם.

אַנְדֶערֶע גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶועריִקַייטְן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַ פְּרוֹי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג מִיטְן מַאן, דֶער מַאן וֶוערְט נֶערְוֶועז דֶערְפוּן, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַן אֵימָה יְתֵירָה, אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט דִי מַצָּב אִינְדֶערְהֵיים, עֶס וֶוערְט מַחְלוֹקֶת, קְרִיגֶערַייעֶן אוּן אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט אִין דִי הוֹיז, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צוּפַאלְן.

וֶוען דֶער מַאן הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, עֶר הָאט סַבְלָנוּת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶעהן אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען קוּקְן, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן אַ יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (גיטין ז.) "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט, וַוייל נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט דָאס צוּ אַסַאךְ קִלְקוּלִים, אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת קֶען מֶען הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אַ זִיסֶע לֶעבְּן, נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זִיכֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט קִינְדֶער, נִישְׁט אֵייבִּיג פָאלְגְן דִי קִינְדֶער מִיטְן עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן, נִישְׁט אֵייבִּיג פָאלְגְט דִי וַוייבּ וָואס דֶער מַאן הֵייסְט, אוּן אוֹיבּ דֶער מַאן וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָנְגַארְטְלֶען מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גָאר אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וֶועט זַיין הוֹיז אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן, פוּן דִי קְרִיגֶערַייעֶן פוּן דִי כַּעַס אוּן רְצִיחָה, פוּן דִי שְׁרַייעֶן אוּן קְלֶעפּ וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן כַאפְּן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, אַ הוֹיז וִוי מֶען הָאט סַבְלָנוּת אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

אוּן אֲפִילוּ בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג וֶוערְט מֶען גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן, עֶס קֶען אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין טֶעג אוּן יָארְן, אוּן מֶען זֶעהט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת!**

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד', ה', י"א, עֶרֶךְ סַבְלָנוּת)

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

אִין שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער"", עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"עַ.

דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אַ שְׁנַיידֶער, וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע, עֶר פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אָנְשְׁרַייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיפְהֶער.

רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע הָאט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה, אַזוֹי וִוי זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, נִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן קֵיינְמָאל אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד, אוּן גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, פַאר דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שְׁנַיידֶער: "יֶעצְט אֵיינְמָאל בֶּעהְט אִיךְ דִיר אַ טוֹבָה, אַז הַיינְט זָאלְסְטוּ מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ טוּהן, וֶועל אִיךְ מוּזְן צוּשְׁפַּארְן דִי טִיר, אוּן דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן צוּ דִי סְעוּדָה".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער שְׁנַיידֶער הָאט שוֹין יֶעצְט דַוְקָא גֶעוָואלְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, וֶוען רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַיין פְּלַאן אִיז, הָאט עֶר אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן, אוּן צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַז דֶער שְׁנַיידֶער זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְשֶׁעמֶען.

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט דִי הוֹיז, אוּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרַיין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשְׁרַייעֶן מִיט קוֹלוֹת אוֹיף רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע, אַלֶע מִינֵי בִּזְיוֹנוֹת, אוּן רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דֶערְפוּן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי מֶענֶדְעלֶע: "וָואס מֵיינְט דָאס? וֶוער אִיז דָאס?" הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "דָאס אִיז דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט, וָואס פַארְשֶׁעמְט מִיר יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין עֶס אֵייבִּיג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן, עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, אָבֶּער עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט מִיר פַארְשֶׁעמֶען.

הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיר פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען" וַוייל דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט זָאגְן: בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר מֶען כַאפְּט אַ בִּזָּיוֹן, אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה פַאר יֶעדֶע גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער דִי בִּזְיוֹנוֹת קוּמֶען דַאךְ פְּלוּצְלִינְג, מְמֵילָא וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוען צוּ גֵיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּט'ס.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיְחִי תשע"ב)

***

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "אוֹיבּ וִויל מֶען נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל, לַיידְט מֶען אַסַאךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים, אָדֶער פַארְשֶׁעמְט אִים, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, אוּן עֶר בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר נָאר לַיידְן אַבִּיסְל, עֶס וֶועט שְׁנֶעל אַדוּרְךְ גֵיין, אוֹיבּ אָבֶּער וִויל מֶען נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל, נָאר מֶען הֵייבְּט גְלַייךְ אָן זִיךְ צוּרִיק צוּ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם, וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן אַ גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, אוּן עֶר וֶועט לַיידְן אַסַאךְ.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק י"ד אוֹת ל"ד)

***

אוֹיבּ דוּ פִיהלְסְט בַּיי דִיר אַז דוּ בִּיזְט זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ דֶערְצֶערֶענְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ יֶעדֶע מִינוּט, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער גֶעדֶענְקְן, אַז אַזַא מֶענְטְשׁ וִוי דוּ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּהן עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ, אִיז עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַזַא מְגֻשָּׁם'דִיגֶער מֶענְטְשׁ טוּט אוֹיךְ אַ מִצְוָה.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח)

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

זָאלְסְט וויסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען הִתְחַדְשׁוּת אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אוּן קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, וְכוּ׳, וְכוּ׳. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ מַאכְן יֶעדֶעס מָאל אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, דֶעמָאלְטְס גֵייט דִי לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרַיין אִין אַ יִאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז גָאר קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ עֶס אִיז קַיין יִאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנֶען. אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, מִיטְן נָאמֶען הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוּרְדִינֶער זַ״ל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאר פוּן זִינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן ׳גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ׳, אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל וָואס עֶר שְׁרַייט ׳גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ׳, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן זָאלְסְט מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ מִדְזִיקוֹב זי״ע בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר ״עֲטֶרֶת יְהוֹשֻׁעַ״, אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן ווִיעֶן, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי יֶעדְן טָאג רֵיינִיגְט מֶען דִי גַאסְן, הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעטוּן דֶעם רֵיינִיגֶער, ״פַארְוָואס דַארְף מֶען רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג דִי גַאסְן?״ הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״רַאבִּינֶער אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט זִיךְ צֶעזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁמוּץ אִין גְרוֹיסְן... אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן...״ הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן פַארְן גַבַּאי׳ן, ״דוּ הֶערְסְט וָואס דֶער רֵיינִיגֶער זָאגְט? אַז מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֵיינִיגְן כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאמְלֶען דִי שְׁמוּץ, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן״. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיין עָבָר, כְּדַאי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעזַאם זַאמְלֶען אוֹיף אֵיינְמָאל דִי אַלֶע שְׁמוּץ מֶען זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען רֵיינִיגְן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַ אִיד דַארְף מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן נִישְׁט צֶעפַאלְן.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה מִיט דִי נוּסַח פוּן דִי אֲרִ״י זַ״ל, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) דָאס וֶוער עֶס זָאגְט דֶעם סֵדֶר אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, דֶער עִיקָר אִיז ווִידוּי דְבָרִים, זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הַיינְט אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זַיי מִיךְ מוֹחֵל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, דָאס הִתְגַבְּרוּת הַיֵּצֶר אִיז אוֹיף מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט עֶר אוּן אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, ווִי דִי חַזַ״ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַודִּים מִיַּד אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנֶה, סְ׳אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דֶער כֹּחַ פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי טוּמְאָה אוּן דִי זוּהֲמָא וָואס עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, וָואס דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנֶ״ה, אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו דוּרְךְ מִשְׁנֶה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט.

אַ גוּטְן שַׁבָּת

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### צענטע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית.

גרויס פרייד הערשט אין ישיבה, צום צענטן חתן אין ישיבה, אין רעזולטאט פון מסכת תענית.

ווי שוין דערמאנט מערערע מאל, האט מוהרא״ש צוגעזאגט פאר די בחורים, פארגאנגענעם זומער אין קעמפ, אז ווער עס וועט ענדיגן יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועט א חתן ווערן נאך ראש השנה.

יעצט האלטן מיר צען וואכן פון אנהויב זמן, און מיר האלטן שוין ביים צענטן חתן, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

דאס מאל איז עס החתן שאול ב״ר יעקב משה גאנץ, תלמיד ישיבתינו הק׳, וועלכער איז א חתן געווארן די וואך עב״ג בת ר׳ בנציון גרין נ״י אב״י בעיר קרית יואל.

גלייכצייטיג האלטן די בחורים ווייטער אן, וואס מוהרא״ש האט יעצט נאכאמאל געבעטן די בחורים, לכבוד שובבי״ם, אז די בחורים זאלן ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית, א גאנץ שובבי״ם.

יעצט האלט מען שוין סוף די צווייטע וואך פון שובבי״ם, און די בחורים זענען ווייטער ממשיך צו לערנען און ענדיגן יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, מיט חיות און געשמאק.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

### מוהרא״ש פארט אויף ארץ ישראל קומענדיגע וואך.

קומענדיגע וואך מיטוואך פארט מוהרא״ש אויף ארץ ישראל, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן, מיטן אייבערשטנ׳ס הילף פאר צוויי וואכן, מחזק צו זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די ליל שיעור פון מוהרא״ש.

**מלמד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם!**

## מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר ווונטשן אן הערצליכן ״ברכת מזל טוב״ פאר

**מו״ה מענדל קאהן נ״י**

מחשובי אנשי שלומינו

צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער

עב״ג למזל טוב בשעטו״מ

**דבר נאה ומתקבל!**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר ווונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**הבחור החתן שאול יצחק גאנץ נ״י**

מחשובי תלמידי ישיבתינו הק׳

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג

**דבר נאה ומתקבל!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**

**breslevcenter@gmail.com**



# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בא, ד' שבט, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 15


**זמנים**

הדלקת הנרות..................4:49
מוצש"ק..............................6:21
סוף זמן ק"ש.......................9:03

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................ערכין ט"ו
ירושלמי.......................תענית ט'
תוספתא..............פרה פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה,** דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען דִי לְבָנָה בַּאנַייט זִיךְ, זָאל מֶען מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דָאס דַוְקָא דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה?

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִצְוָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה אוּן גֶעזָאגְט: **"כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ"** - וֶוען דִי לְבָנָה זֶעהט אַזוֹי אוֹיס, זָאלְסְטוּ מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דִי מִצְוָה אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פִיהלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן זַיינֶע גוּטֶע טֶעג, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וֶוען עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן.

אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי לְבָנָה, אַ הַאלְבְּן חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק קְלֶענֶער, בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ זֶעהט מֶען עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס וַוייטֶער גְרוֹיס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶר פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען מֶען וַוייסְט אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אֵיינְמָאל פִיהלְט מֶען יָא אוּן אֵיינְמָאל נִישְׁט, וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט מֶען חִיזּוּק, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן מֶען גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, וַוייל דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי הַקְדָמָה צוּ אַלֶע מִצְוֹת, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט שׁוֹין אוֹיס אִינְגַאנְצְן פַארְלָאשְׁן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ יֶעצְט אִין מִצְרַיִם, אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַצָּב, וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ יֶעצְט מְחַזֵּק זַיין? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה, אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעהט נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה, קֶען מֶען שׁוֹין מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט נָאר אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן וֶוען זוּכְט מֶען טְרֶעפְט מֶען, מֶען קֶען בַּיי


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ סֵדֶר ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז וֶוען עֶר לֶעבְּט מִיט אַ סֵדֶר, מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר הָאט אַ סֵדֶר אוּן אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּפִילְן דֶעם טָאג.

וֶוען מֶען הָאט אַ סֵדֶר, אִיז דֶער סֵדֶר מְחַיֵּיב צוּ טוּהן, אוּן נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶן דִי צַייט, אוּן אַפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, שְׁטוּפְּט אָבֶּער דֶער סֵדֶר, אוּן פַארְלַאנְגְט: "יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דַאוֶוענֶען, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ לֶערְנֶען, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן," אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן חֲנוּכָּה, וֶוען מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִבְרֵי חִיזּוּק אִין עֲבוֹדַת ה', אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין מְסוּדָר'דִיגֶע מֶענְטְשׁ, הָאט מוֹהַרָא"שׁ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דִי שְׁמוּעֶס, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְסוּדָר, הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען זֶעהט בַּיים דְרֵיידְל, עֶס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אוּן אַרוּם, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין מְסוּדָר, אוּן גֵיין אוֹיף זַיין גֶעפְּלַאנְטְן סֵדֶר, אוּן וִויפִיל מֶען זָאל אִים נָאר נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן זָאל עֶר זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוֹיף זַיין סֵדֶר.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען וִויסְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶס וֶוערְט צוּמִישְׁט דִי סֵדֶר, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אֵייבִּיג פַאר דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶס קוּמְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט וִוי לְמָשָׁל אֶלוּל, שׁוֹבָבִ"ים, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט אַ צֶעטְל אוּן שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַ גַאנְצֶע פְּלַאן וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג צוּם גוּטְן, צוּפְרִי וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן לוֹיפְן אִין מִקְוֶה


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

יֶעדְן אִיד טְרֶעפְן גוּטְע נְקוּדוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אַלֶעם אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטְע צַייטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שבּ"ק בֹּא תשנ"ט לפ"ק)

***

**וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ, וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ,** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶער פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָּר פוּן אַ אִיד אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, צוּ טוּהן אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַלֶעם אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען, אוּן נִישְׁט וִוי דִי חוֹקְרִים זָאגְן אַז דֶער עִיקָּר אִיז נָאר צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת.

אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' דֶערְצוּ, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת אַז מֶען דַארְף נָאר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעם, וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיד קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי קְלוּג אַלֶעם צוּ פַארְשְׁטֵיין, זֶעהט מֶען אַז דֶער עִיקָּר אִיז נָאר צוּ טוּהן דִי מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (סוֹף קֹהֶלֶת) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר,** דֶער עִיקָּר אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ טוּהן זַיינֶע מִצְוֹת, **כִּי זֶה כָּל הָאָדָם,** וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּהן, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען נָאר טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם טַעַם דֶערְפוּן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אַלֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט, דַארְף מֶען כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַלֶעם גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז, אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ,** קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין הַאנְט, דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיינֶע הֶענְט, אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס דֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵייט פַארְוָואס, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין, **וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ,** אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין מִיט דַיין קָאפּ אוֹיךְ דִי טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּהן, דֶעמָאלְט'ס, **לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ,** וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אִין דַיין מוֹיל, וַוייל דוּ וֶועסְט ווִיסְן אַז דוּ קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר מִיט דַיין מוֹיל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תשמ"ה לפ"ק)

***

וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטוּהן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פְרֶעגְט רַשִׁ"י, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ אַז דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן מֶען הָאט עֶרְשְׁט גֶעקוֹיפְט דִי בְּהֵמָה פַארְן קָרְבַּן דֶעם צֶענְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ? נָאר וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן עֶס טוּהן, הֵייסְט עֶס אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן עֶס שׁוֹין גֶעטוּהן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז פַאר אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה דַארְף עֶר קוֹדֶם הָאבְּן דִי חֵשֶׁק דָאס צוּ טוּהן, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ קִינְד אַז מֶען וַוייזְט אִים אַ גוּטְע זַאךְ אוּן נָאכְדֶעם בַּאהַאלְט מֶען עֶס, אוּן דָאס רֵייצְט אוֹיף דֶעם אַפֶּעטִיט פוּנֶעם קִינְד עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, דִי זֶעלְבֶּע טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ חֵשֶׁק צוּ טוּהן אַ מִצְוָה, שְׁטֶעלְט עֶר אִים צוּ מְנִיעוֹת, אַז עֶר זָאל הָאבְּן שְׁוֶועריִקַייטְן דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן טוּהן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אֶמֶת'דִיג טוּהן אַ מִצְוָה, קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ שְׁטֶערְן דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס זִיכֶער אוֹיסְפִירְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה דָא, אַז יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ טוּהן דִי מִצְוֹת, זָאל מֶען ווִיסְן אַז דֶער עִיקָּר אִיז דִי רָצוֹן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל "וֶועלְן" זַיין וואוֹיל אוּן טוּהן מִצְוֹת, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תש"ע לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

נָאכְדֶעם וֶועט עֶר לֶערְנֶען פַארְן דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג צוּם גוּטְן, עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט, אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶעצְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַרָאפּ אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער אִים, אוּן שְׁטֶעלְט אוֹיךְ אוֹיס אַ גַאנְצֶע צֶעטְל וִוי אַזוֹי אִים צוּ שְׁטֶערְן זַיין פְּלַאן, אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ צוּשְׁטֶעלְן דִי מְנִיעָה, אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ שְׁטֶערְן אוֹיף דִי וֶועג, אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ שְׁטֶערְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אָן אַ סֵדֶר, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַ סְגוּלָה, וֶוען אֵיינֶער וִויל עֶפֶּעס אוֹיסְפִירְן סַיי וֶועלְכֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אַז עֶס זָאל זַיין אִין אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער גִיבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר, זָאל עֶר נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אַז עֶס זָאל מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר בִּשְׁלֵימוּת, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן דִי זַאכְן אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער "דַרְכֵי תְּשׁוּבָה" זי"ע וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין סֵפֶר "בְּאֵר לַחַי רֹאִי" אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן תִּיקוּנֵי זֹהַר, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט צְוֵויי פְּרָקִים אִינְמִיטְן דֶעם סֵפֶר, וֶועגְן דֶעם טַעַם, וַוייל וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְדַקְדֵּק אַז אַלֶעס זָאל זַיין מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר הָאט מֶען מֶער הַצְלָחָה.

אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דִי מִצְוָה פוּן שִׁיקְן אַ שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל, אִיז כְּדֵי צוּ גֶעבְּן פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא זֵייעֶר חֵלֶק, וִוי אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן וַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ בַּיי נָאךְ זַאכְן אַז דָאס זֶענֶען כְּדֵי צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן נָאכְדֶעם קֶענֶען זֵיי מֶער נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין אִידִישְׁקַייט, זָאל מֶען עֶס נִישְׁט מַאכְן אִין אַזַא פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען מְקַטְרֵג זַיין.

דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ב) אַז פוּן "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" דַארְף מֶען מַאכְן "כְּסֵדֶר", וַוייל דָאס וִויל דֶער רֶבִּי אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין סֵדֶר, זָאל עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן אוּן טוּהן וָואס עֶר קֶען יָא טוּהן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דַוְקָא אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם מַצָּב, צוּ זֶעהן אוֹיבּ עֶר וֶועט יֶעצְט אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זֶעהן זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם טָאג, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אַז אֲפִילוּ זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט פוּן פָארְאוֹיס, מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדֶע מִינוּט, וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט'ס טוּהן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זִיכֶער, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג', ד', עֶרֶךְ סֵדֶר)

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

דִי הוֹיז פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זַיין פְּטִירָה, אַלְץ יְרוּשָׁה צוּ זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֶּקֶת אָדְל עָלֶי' הַשָּׁלוֹם, אוּן דֶערְנָאךְ צוּ אִיר טָאכְטֶער פֵּיגָא עָלֶי' הַשָּׁלוֹם, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען דִי מַאמֶע פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ פָארְן קֵיין מֶעזְעבִּיזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, פְלֶעגְן זֵיי אַיינְשְׁטֵיין אִינֶעם הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס הָאט יֶעצְט בַּאלַאנְגְט פַאר רֶבִּי שִׂמְחָה אוּן זַיין וַוייבּ פֵּיגָא דִי עֶלְטֶערְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

אוּן אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פוּן צַדִּיקִים - אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן דֶעם מַגִּיד - פְלֶעגְן זֵיי בְּעִיקָר שְׁמוּעֶסְן פוּן תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג שְׁטֵיין נֶעבְן זֵייעֶר טִישׁ אוּן זִיךְ צוּהֶערְן וָואס זֵיי רֶעדְן, אוּן זֵיי הָאבְן נִישְׁט אִינְאַכְט גֶענוּמֶען, וִוי דֶער קְלַיינֶער אִינְגְל - דֶער רֶבִּי וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ דְרֵיי פִיר יָאר אַלְט - שְׁטֵייט נֶעבְן זֵיי, אוּן שְׁלִינְגְט מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מוֹיל, אוּן דָאס הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַארְץ אוּן אִין זַיין מֹחַ, אוּן זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט זֵיי נָאכְצוּמַאכְן אוּן צוּ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן.

אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס צוּ הֶערְן, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַייעֶנְדִיג אִינְגַאנְצְן פִינְף יָאר אַלְט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי: וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר - וָואס אִיז דֶעמָאלְט אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר - אוּן צוּ זַיין מַאמֶע שָׂרָה, אוּן תֵּיכֶף וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן אִיז זַיין מַאמֶע גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן וֶוען דֶער אִינְגְל - וָואס מֶען הָאט גֶערוּפְן "יִשְׂרָאֵל'יק" - אִיז אַלְט גֶעוָוארְן פִינְף יָאר, אִיז זַיין טַאטֶע שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין אִינְגְל אוּן צוּ אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ צַוָּואָה:

"זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, זָאלְסְט זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן מֵיין קִינְד, וַוייל עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פָארְשְׁטֶעלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר אוּן בֵּיי דִיר אוּן נֶעבְן דִיר, אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶוען דוּ וֶועסְט דַארְפְן עֶפֶּעס הָאבְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוֵויינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֵיין נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן יִשְׂרָאֵל'יק אִיז אַרוֹיס אוֹיפְן גַאס אוּן גֶעמַאכְט אַ טוּמְל, בִּיז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן בַּאעֶרְדִיגְט זַיין טַאטְן, אוּן יִשְׂרָאֵל'יק אִיז גֶעבְלִיבְּן אַלֵיינְס אַ יָתוֹם אָן אַ טַאטֶע אוּן אָן אַ מַאמֶע.

אָבֶער דִי וֶוערְטֶער וָואס יִשְׂרָאֵל'יק הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת הָאט זִיךְ גוּט שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַארְץ, אַז עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיינְס, וַוייל עֶר הָאט גֶעוְוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרוּמְוַואלְגֶערְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען בֵּייטָאג אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיינַאכְט אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִי, אָבֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעשִׁיקְט עֶסְן, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ גוּטֶע פְּלַאץ צוּ שְׁלָאפְן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פְּרִישֶׁע וֶועשׁ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֶבִּי גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט אִים זַיין הַארְץ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ דָאס נָאכְצוּמַאכְן זִיךְ אוֹיךְ - אוֹיךְ צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג - אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פוּן נָאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אָבֶער נִישְׁט דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׂפְּרַאךְ, אוּן דֶערְפַאר אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעהט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואסֶערֶע נְשָׁמָה עֶר הָאט, נִישְׁט קַיין חִילּוּק פוּן וֶועם עֶר שְׁטַאמְט, אוֹיבּ עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר וֶועט דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ, וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר וִויפִיל עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹת כד - כז, נח)

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ אוֹיף זֵיי מִתְגַּבֵּר וִוי אַזוֹי עֶר אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אוּן עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵּא מִיט וָואס עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵּא וְכוּ' וְכוּ', אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ וֶועט דֶער כֹּחַ הַתּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי זוּהֲמָא אוּן דִי טוּמְאָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן דַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, דַארְפְסְט נִישְׁט מַאכְן מִיט קֵיינֶעם קַיין חֶשְׁבּוֹן נִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן אוֹיף דִיר אַלֵיין, דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', דוּ זִינְדִיגְסְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', זֶעה הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִיהְם אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן, אוּן בֶּעהְט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל, וָוארוּם דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אִיז ווִידּוּי דְּבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּאוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲווֹנוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִיהְם, מֶען זֶעהט אַז אֵיינֶער הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן מְבוּלְבָּל וְכוּ', אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וַואנֶעט דָאס קוּמְט, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז דִי עֲווֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִיהְם, זֵיי מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָּע, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג') אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן וֶועלְדִיג ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי פִיל רוּחַ שְׁטוּת גֵייט אַרַיין אִין אִיהְם, אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָּע, אוּן עֶר אִיז מְבוֹהָל וּמְבוּלְבָּל צֶעטוּמְלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט וְכוּ', אוּן עֶר אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי עֲווֹנוֹת אַלֵיין זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִיהְם וְכוּ', הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה פַאר אִיהְם גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אֱלֹקוּת, ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי גֵייט אַרוֹיס פוּן אִיהְם דִי עֲווֹנוֹת, אוּן עֶס הֵייבְּט אִיהְם אָן צוּ לַייכְטְן דִי אֱמוּנָה, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶועזְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן; דָאס וָואס דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אֱמוּנָה וְכוּ', וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנָה וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶועזְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוֹיף דַיינֶע חֲטָאִים, אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהן נִישְׁט גוּט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גְלֵייבְן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם תְּשׁוּבָה אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר חָשׁוּב, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ד) בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיי אִיהְם, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

נָאר דִי צְוֵויי זַאכְן זָאל זַיין בַּיי דִיר שְׁטַארְק, זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש חלק ט"ו מכתב שט"ז)

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**
**breslevcenter@gmail.com**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### בחורים ניצן אויס די שובבי"ם טעג אין ישיבה.

עס דערקענט זיך אין ישיבה די אטמאספער פון שובבי"ם, ווען די בחורים ניצן אויס די געהויבענע טעג, מיט תורה, תפלה, און מעשים טובים.

א יעדן נאכמיטאג קומט פאר א דרשה דורכן ראש ישיבה, וואס ברענגט אריין א חשק אין די בחורים נישט אדורכצולאזן די הייליגע טעג מיט גארנישט, נאר אויסניצן די טעג, אריינצוכאפן ווי מער פרקים משניות און דפין גמרא, און נאך שיעורים וואס יעדער בחור האט, דאוועגען ערליך אויפן פלאץ מיט געשמאק, טוהן מצות און מעשים טובים.

דאנעשטאג נאכט "ליל שישי", זענען די בחורים ארויסגעפארן אויף קרית יואל, צום ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל, ווי מען האט אינאיינעם אויסגעזאגט גאנץ תהלים, דערנאך האט מען געזאגט די קאפיטלעך פון תיקון הכללי בציבור, וואס דער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט זאגן די צעהן קאפיטלעך תהלים פון תיקון הכללי, וועט ער זיכער פארעכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען.

דערנאך האט זיך יעדער אויסגעבעטן ביים אייבערשטן אויף אידיש אלעס וואס ער דארף, אזוי ווי דער רבי האט אונז אויסגעלערנט, ובפרט אויף אזא הייליג פלאץ ביים ציון פון א צדיק, וואס דער רבי זאגט (ספר המדות אות צדיק סימן קע"ג) "על ידי השתטחות על קברי צדיקים הקדוש ברוך הוא עושה לו טובות אף על פי שאינו ראוי לכך" - ווען מען גייט צו קברי צדיקים ווערט מען געהאלפן אפילו ווען מען איז נישט ראוי.

די בחורים זענען אהיימגעקומען פרייליך, וואוסענדיג אז זיי האבן זיכער אויסגע'פועל'ט אלעס גוט'ס.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

### נייע ספר "ארך אפים - באידיש".

די וואך איז ערשינען צום ערשטן מאל דער הייליג ספר "ארך אפים" איבערגעזעצט אויף אידיש.

דער ספר איז פון די ערשטע ספרים וואס מוהרא"ש האט ארויסגעגעבן, אין ספר געפינען זיך עצות און הדרכות אויף יעדן פרט אין לעבן, פאר א בחור וואס דארף א שידוך, פאר א אינגערמאן וואס דארף פרנסה און שלום בית, עצות ווי אזוי אומצוגיין מיט קינדער, עצות פאר א חולה, פאר א יתום, און נאך פיל מער, וועט איר טרעפן צווישן די בלעטער פונעם ספר.




פון ווען דער ספר איז ארויסגעקומען צום ערשטן מאל, איז עס שוין איבערגעדרוקט געווארן איבער הונדערט מאל, עס האט שוין מחי' געווען און מחזק געווען הונדערטער טויזענטער אידן איבער דער גארער וועלט.

יעצט איז עס צום ערשטן מאל ארויסגעקומען איבערגעטייטשט אויף אידיש, ווי א יעדער אן אויסנאם, וועט זיך קענען מחי' זיין מיטן ספר, און וויסן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי אומצוגיין אין לעבן.

**טוב ארך אפים מגיבור!**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר
הבחור החתן יואל ווייס נ"י
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג
**דבר נאה ומתקבל!**




# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:58
מוצש"ק...............................6:29
סוף זמן ק"ש........................9:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................ערכין כ"ב
ירושלמי.....................תענית ט"ז
תוספתא.............פרה פרק ח'

פרשת בשלח, י"א שבט, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 16

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי אָמַר אֱלֹקִים פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה**, וָוען פַּרְעֹה הָאט אַרויסְגֶעשִׁיקְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְכְן לַאנְד פְּלִשְׁתִּים, וַוייל עֶס אִיז נָאנְט צוּ מִצְרַיִם, און אֶפְשָׁר וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זֶעהן אַ מִלְחָמָה, וֶועלְן זֵיי צוּרִיקְגֵיין אויף מִצְרַיִם.

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן אַזֶעלְכֶע גְרויסֶע צָרוֹת אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, פַּרְעֹה הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער און זִיךְ גֶעבָּאדְן אִין זֵייעֶר בְּלוּט, מֶען הָאט זֵיי דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, און נָאכְדֶעם הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרויסְגֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גְרויסֶע נִסִּים פוּן מִצְרַיִם, זָאלְן דִי אִידְן נָאךְ וֶועלְן דָארְט צוּרִיק גֵיין?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לויט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אויפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים א, א) **וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב**, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן צְוִוישְׁן דִי לֵצִים, וָואס דָאס זֶענֶען דִי פְּלִשְׁתִּים, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרויסֶע לֵצִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְךְ פְּלִשְׁתִּים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרויסֶע לֵצִים, און דֶער כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי אַלֶע גְרויסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן, אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי וָואלְטְן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵצִים, וָואלְטְן זֵיי מִיט לֵיצָנוּת גֶעקֶענְט אַלֶעם אַוֶועקְמַאכְן און דִי אִידְן וָואלְטְן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אויף מִצְרַיִם.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן פוּן לֵצִים, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֵיין גֶעבְּן אַ לֵץ, וַוייל וִויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר הֶערְן גְרויסֶע זַאכְן פוּן אַ צַדִּיק, קֶען עֶס דֶער לֵץ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְמַאכְן, בִּיז דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִּיק, וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים וִוי פוּן פַייעֶר.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח א)

***

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "שְׁטֵייט'ס און זֶעהט'ס דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט עֶנְק "הַיינְט".

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט, לויט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ער"ב) אויפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם" אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אויפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, און אויף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: **"אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'"**, אוֹיבּ ווִילְט עֶטְץ זֶעהן דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ חִינוּךְ ~

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אֲפִילוּ וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, דַארְף עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלְץ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכִיָּ' צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

און דֶערְפַאר וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשָׁאנְקֶען קִינְדֶער, דַארְף ווִיסְן, אַז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ מצליח זיין מִיט קִינְדֶער, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"בַּאשֶׁעפֶער, שְׁ'כֹּחַ אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען קִינְדֶער, אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען גְרִינְג עֶרְצִיעֶן, אִיךְ זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין וואוֹיל, עֶרְלִיךְ, קְלוּג און פְרֵיילִיךְ, זֵיי זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, זֵיי זָאלְן זִיךְ חַבֶר'ן נָאר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן גוּטֶע שִׁידוּכִים, אִיךְ זָאל זֶעהן פוּן זֵיי נָאר אִידִישׁ נַחַת"

און אַזוֹי וַוייטֶער, בֶּעהְט יֶעדֶער אויף זַיינֶע קִינְדֶער, לויט זַיין מַצָּב.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר עֶר וֶועט הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זֶעהן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי, וַוייל אַלֶע וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין תְּפִלָּה.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי צוּם הֵיילִיגְן "חָפֵץ חַיִּים", און גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער?! דוּ דַארְפְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ און וואוֹיל".

אַזוֹי דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיךְ אויף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, און וֶוען מֶען הָאט אִים

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זָאלְט עֶטְץ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן "הַיינְטִיגְן טָאג", דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶטְץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוֹיף אֵיין טָאג קֶען מֶען אַלֶעם פַארְנֶעמֶען, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ב)

***

**וַיָּבֹאוּ מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מָרָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ הָאלְץ, עֶר זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן עֶס אִיז זִיס גֶעוָוארְן. מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) **וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם**, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, עֶר וֶוערְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ צַדִּיק, אוּן דֶעמָאלְט'ס גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, וָואס דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת, **וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן דֶעם "עֵץ" וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק (עי' תִּיקּוּנֵי זֹהַר כא.), מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן דֶעמָאלְט'ס, **וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם**, וֶועט אַלֶעם וֶוערְן זִיס, עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶטְץ מֵיינְט'ס אַז אִיךְ הָאבּ עֶס אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט מַיין קָאפְּל מִיט טְרֶערְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער.

אוּן אַזוֹי גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אִין "תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צֶעהְן קִינְדֶער, פִינְף זוּהְן אוּן פִינְף טֶעכְטֶער, אוּן יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, פַאר עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים.

זֶעהט מֶען אַז דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי, אוּן וֶוער עֶס וֶועט אַזוֹי טוּהן וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ וִויסְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ בּוֹים, אוֹיבּ עֶס בַּאקוּמְט דִי נוֹיטִיגֶע וַוארִימְקַייט, אוּן עֶס בַּאקוּמְט גֶענוּג וַואסֶער, דֶעמָאלְט'ס וַואקְסְט אַרוֹיס גוּטֶע פְרוּכְט, דִי זֶעלְבֶּע, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, פַאר אַ קִינְד דַארְף מֶען גֶעבְן גֶענוּג וַוארִימְקַייט, אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט, אוּן נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקְן, אַז בַּיי אַ קִינְד פּוֹעֶל'ט מֶען אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער מִיט גוּטְן וִוי מִיט בֵּייזְן, פוּן זִיךְ רֶעגְן אוּן שְׁרַייעֶן אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, וֶוערְן זֵיי נָאר מֶער צִיוִוילְדֶעוֶועט, פַארְקֶערְט וֶוען מֶען גֵייט מִיט גוּטְן: "וֶוער עֶס וֶועט זַיין וואוֹיל, וֶועט בַּאקוּמֶען אַ נַאשׁ, אַ גוּטֶע זַאךְ, אָדֶער עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע בַּאלוֹינוּנְג", וֶועט יֶעדֶער קִינְד וֶועלְן וַוייזְן אַז עֶר אִיז וואוֹיל, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בַּאלוֹינוּנְג, אוּן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין וואוֹיל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאלוֹינוּנְג, אָבֶּער סְתַּם פוּן זִיךְ רֶעגְן אוּן שְׁרַייעֶן אוּן שְׁלָאגְן, קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּט'ס, דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט דִי אִינְטֶערֶעסֶע צוּ זַיין וואוֹיל.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען מִיט קִינְדֶער גֵיין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, זֵיי גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט, זֵיי זָאלְן פִילְן אַז מֶען הָאט זֵיי לִיבּ, מֶען קוּקְט זֵיי אַרוֹיף וֶוען זֵיי זֶענֶען וואוֹיל, אוּן שְׁטֶענְדִיג זֵיי צוּזָאגְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין וואוֹיל, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער מִיט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס פְלֶעגְט טֵיילְן קֶענְדִיס פַאר אַלֶע קִינְדֶער, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל אוֹיבּ דֶער קִינְד דַארְף גָארְנִישְׁט טוּהן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי קֶענְדִי, וָואס זָאל אִים צִיעֶן צוּ זַיין וואוֹיל, דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז, צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַז וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּהל, עֶר וֶועט זִיצְן נֶעבְּן זַיין טַאטֶע, עֶר וֶועט שֵׁיין דַאוֶוענֶען, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן א.ד.ג., עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ קֶענְדִי, אוּן דָאס וֶועט אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער צוּ וֶועלְן זַיין וואוֹיל.

מֶען דַארְף אָבֶּער זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, עֶר הָאט גֶעשְׁטֶערְט אִין שׁוּהל, זָאל עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין קֶענְדִי, אֲפִילוּ עֶר פַארְפִירְט אוּן וֵויינְט, דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין קֶענְדִי, נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוֶוען וואוֹיל, אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין וואוֹיל.

אָבֶּער דֶער עִיקָּר דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְ'ס זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בַּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל וֶוען מֶען טְרִינְקְט אָן דֶעם בּוֹים גוּט מִיט וַואסֶער, קוּמֶען אַרוֹיס גוּטֶע פְרוּכְט, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ וֶועט פוּן זֵיי אַרוֹיסְקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער.

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפְּן, זֵיי קוּקְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מַאכְן נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען רוּהִיג אוּן גֶעלַאסְן, זֵיי רֶעגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיף, זֵיי שְׁרַייעֶן נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס אוֹיךְ נָאכְמַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג, הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי פַארֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶוען אִיךְ בִּין אַבִּיסְל עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז דָאס גֵייט נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי כָאטְשׁ פַארֶעכְטְן מַיין שְׁטָאט, וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז דָאס קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ פַארֶעכְטְן מַיין מִשְׁפָּחָה, וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז דָאס קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיר אַלֵיינְ'ס צוּ פַארֶעכְטְן".

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארֶעכְט זִיךְ אַלֵיין, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוֹיךְ זַיין וואוֹיל, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אִים נָאכְמַאכְן, אוּן זַיין אַזוֹי וִוי אִים.

אָבֶּער צוּ דִי אַלֶע זַאכְן, דַארְף מֶען אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, פַאר נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, וֶועט מֶען זִיכֶער הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ה עֶרֶךְ "יְלָדִים", ח"י עֶרֶךְ "חִינוּךְ", חי"ג עֶרֶךְ "ט"ו בִּשְׁבָט")

# ~ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר "חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט" וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער, דֶער פָּסוּק זָאגְט "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

## "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן"

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד קוּמְט זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ אִין דִי זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דִי בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט אִים שׁוֹין גוּט, גֶעשֶׁעהט וַוייטֶער אַ צָרָה אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט וֶוערְן.

אוּן וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

## "נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט"

אַן אִינְטְרֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהְן מִיר בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפַּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוּיסְן אוֹיף זַיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען בַּאגִיסְט זֵיי מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְטְשְׁטָאט צוּרִיק צוּ טוּהְן שְׁלֶעכְטְס, טוּהט עֶר נָאר צוּרִיק גוּטְס אוּן עֶר גִיבְּט אַרוֹיס פַיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'.

אוּן דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּהְן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעהט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסָיוֹן, אַז מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפְּגֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן גֶעמַאכְט סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

## "נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס"

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דִי עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## "נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיהט זִיךְ אַלֵיינְס זַיין לֶעבְּן פוּן דער עֶרְד, אוּן קֵיין אֵיין בּוֹים צִיהט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטֶע בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קֵיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אוּן וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, וַוייל עֶר זֶעהט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶע מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהְן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּהְן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אִים נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

וֶועגְן דֶעם אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּהְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס "ט"ו בִּשְׁבַט")


מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

מודעה חשובה

בעזרת השי"ת נתאסף כלנו לסעודת

חמשה עשר בשבט

אור ליום ד' פרשת יתרו (דינסטאג נאכט) הבעל"ט

בבית מדרשינו בבארא פארק

1129 42th St.

בשעה 8:30 בערב

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

ישמיע דברות קודש

דברי התחזקות והתעוררות

המשיבים את הנפש

שמעו ותחי נפשכם

## ״שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים״

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע הָאט גֶעדַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג פַארְן עָמוּד, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן בְּרָכוֹת הָאט עֶר פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי בְּרָכוֹת אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ פָּשׁוּטֶער אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״רֶבִּי, אִיר הָאט פַארְפֶעלְט אַ בְּרָכָה, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט!״ הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע אָנְגֶערוּפְן, ״אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי בְּרָכָה גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט מִיר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אַ בִּיטֶערְנִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דֶער אַרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן גֶעזָאגְט ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״, וִוי נִישְׁט אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען, אוּן מְמֵילֶא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ הֵיילִיגֶער צַדִיק אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹרָא׳דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז ״עֶר אִיז דֶער תְּפִילִין פוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, אוּן ״עֶר אִיז דֶער פְּאֵר הַדוֹר וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט וָואס מְחַיֶּה זַיין זִיךְ נָאר מִיט ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָּה אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וִוי אוּנְז דַארְפְן זִיךְ אַוודַאי אוּן אַוודַאי מִיט דֶעם מְחַזֵק זַיין. וָואס טוּסְטוּ אַז דוּ וֶוערְסְט גֶעבּוֹירְן אַ כִינֶעזֶער וְכוּ׳, אָדֶער אַ טֶערְק וְכוּ׳, אָדֶער אַ גוֹי פוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט אוּמָה? וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט, אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ אִיד וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין גִיוּר, מְגַייֵר זַיין זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי בִּיסְטוּ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם מוֹרָא׳דִיג פְרֵייעֶן.

(אשר בנחל באידיש מכתב קמ״ב)

***

דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַבֵּר צוּ זַיין דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי נִתְקַבֵּל וֶוערְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל וִוי דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עַד כְּדֵי כַּךְ, דָאס וֶוער עֶס נֵייט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם פוּן דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דַארְף מֶען שׁוֹין בּוֹדֵק זַיין אוֹיף אִים אוֹיבּ עֶפֶּעס פֶעלְט נִישְׁט אִין זַיין אֱמוּנָה אוּן אִין זַיין אִידִישְׁקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳. אַזוֹי הוֹיעֶךְ אִיז עֶר דֶערְגַאנְגֶען אַלְץ דוּרְךְ זַיין חַזֶרְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אֵיינְמָאל אָפְּלֶערְנֶען פֶערְצִיג-פוּפְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ סֵפֶר ״מַגִיד מֵישָׁרִים״ דָאס אִיז גִילוּיִים וָואס דֶער מַגִיד הָאט אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. דֶער חִידָ״א בְּרֶענְגְט אַז דָאס וָואס עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט, אִיז נָאר אַ צֶענְטְל פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, וָוארוּם דֶער מַגִיד פְלֶעגְט זִיךְ צוּ אִים מְגַלֶה זַיין יֶעדְן טָאג, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְשְׁטָאט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג אוּן טוּן גָארְנִישְׁט, חַזֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. נָאר וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, סְ׳אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס עֶס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי צוּ גֵיין לֵיידִיג, אוּן סְ׳אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, וִוי צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

(אשר בנחל באידיש מכתב קמ״ב)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### מוהרא״ש שליט״א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל.

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו, אז מוהרא״ש קומט אי״ה צוריק פון ארץ ישראל.

מוהרא״ש וועט אנקומען דינסטאג אינדערפרי, און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט דינסטאג נאכט פארקומען די חמשה עשר בשבט סעודה, ביי מוהרא״ש אין בית המדרש **1129 42th st.**, ווי אנשי שלומינו וועלן זיך צאמקומען צו מקבל פנים זיין מוהרא״ש, און צו הערן דברי אלוקים חיים, איבער די גרויסקייט פונעם טאג, און וואס דאס לערנט אונז.

**כי האדם עץ השדה!**

***

### פרישע CD קומט ארויס אין די נאנטע טעג

אין די סעריע פון ״אידישע ניגונים״, קומט יעצט ארויס א פרישע CD, מיט ווארימע ניגונים אויף אידיש, זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן.

נאכפאלגענדיג די ערשטע צוויי סידי׳ס, וואס זענען ברייט אויפגעכאפט געווארן איבער דער גארער וועלט, אן אויסוואל פון געשמאקע ניגונים אויף אידיש.

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי אונז אויסגעלערנט, אז די איינציגסטע עצה פאר א איד מצליח צו זיין אין לעבן, איז נאר ער זאל אנהייבן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס עס גייט אויף אים דורך, דאנקן אויף אלע גוטע זאכן, און בעטן אויף ווייטער.

אבער אזוי ווי עס איז די גרעסטע זאך, איז עס אויך די שווערסטע, עס איז זייער שווער צו עפענען דאס מויל, און אויסדערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס עס ליגט אויפ׳ן הארץ.

האט דער רבי געזאגט, אז ווען מען קען נישט רעדן צום אייבערשטן, קענען מען זיך מחי׳ זיין מיט א ניגון, און דאס זענען די אלע אידישע ניגונים וואס זענען נתחבר געווארן בין כותלי הישיבה, וואס דאס זענען אלע מיט ווערטער רעדענדיג צום אייבערשטן, און ווער עס הערט עס, קען מעיד זיין, אז עס עפנט די הארץ, און ציעט זייער צום אייבערשטן.

און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף, קומט יעצט ארויס א פרישע CD מיט נייע ניגונים אויף אידיש, מיט וואס יעדער וועט זיך זיכער מחי׳ זיין, און ניצן די ניגונים צו רעדן מיט דעם צום אייבערשטן.

**שירו לה׳ שיר חדש!**

הגליון נתנדב ע״י ר׳ **מרדכי אהרן חיים היילפרין וזוגתו** שיחיו

לע״נ זקנתו מרת **חנה עטל** בת רבי **יעקב** ע״ה

נפטרה י׳ שבט תשנ״ד

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה אהרן וועבערמאן נ״י**

מחשובי אנשי שלומינו

צו די געבורט פון זיין אינגעלע למזל טוב

**אסאך אידיש נחת!**

## סימן טוב ומזל טוב!

דער גליון איז נתנדב געווארן דורך

**מו״ה יעקב האלפערין נ״י**

צו די געבורט פון זיין אינגעלע למזל טוב

**דער אייבערשטער זאל אים געבן**

**אסאך אידיש נחת געזונטערהייט!**

## מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה הלל עזריאל יחיאל לעבאוויטש נ״י**

צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב

**שמחות ונחת לרוב!**









**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................5:06
מוצש"ק.........................6:38
סוף זמן ק"ש....................8:56

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................ערכין כ"ט
ירושלמי........................תענית כ"ג
תוספתא........................נדה פרק ג'


פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 17


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ, זָאגְט רַשִׁ"י, מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק,** וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְן פָּסוּק **תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי**, אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אָרִימְקַייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסוּרִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ **"הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?"**, - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט דִיךְ אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן דִיר צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?" אוּן דֶערְפַאר מוּז עֶר גֵיין צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ קַבָּלַת הַתּוֹרָה ~

אֵלֶה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה הָאָדָם וָחַי בָּהֶם (וַיִּקְרָא יח), דָאס זֶענֶען דִי מִצְוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּהְן אוּן עֶר זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד), דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען, אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּ לֶעבְּן, דָאס מֵיינְט אַז עֶס דַארְף מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ דִי תּוֹרָה מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֵיינְט דָאס אַז עֶר הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה זָאל עֶר עֶס טוּהְן פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען דַארְף עֶס טוּהְן, עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז, צוּ עֶר הָאט עֶס גֶעטוּהְן אִינְגַאנְצְן בִּשְׁלֵימוּת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים, וָואס קֶענֶען טוּהְן אַ זַאךְ אִינְגַאנְצְן בִּשְׁלֵימוּת, דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר דַארְפְן עֶס טוּהְן לוֹיט אוּנְזֶערֶע מֶעגְלִיכְקַייטְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוֹיף אַ גְרִינְגְן אוּן פְרֵיילִיכְן וֶועג, אַז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע סְפָרִים, אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען נָאר אִין אַ סֵדֶר, מֶען זָאל אָנְפַאנְגֶען יֶעדֶע סֵפֶר פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן עֶס אַדוּרְךְ לֶערְנֶען בִּיז צוּם סוֹף, מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער צוּ חַזֶר'ן, פַאר מֶען עֶנְדִיגְט נִישְׁט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, לְמָשָׁל מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, בִּיז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן עֶרְשְׁט דֶעמָאלְטְס זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זָאל מֶען מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג, אוּן לֶערְנֶען אַיין בְּלַאט נָאכְן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז אַלֶעם קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אוּן סַיי מִיטְן נָאמֶען - **אֱלֹקֶיךָ**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן, **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

צְוֵוייטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר מֶען עֶנְדִיגְט נִישְׁט גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג שַׁ"ס, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם), אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ וֶועלְן גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיף אַ גְרִינְגְן וֶועג, עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן עֶס אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶס וֶועט בְּלַייבְּן זַאכְן וָואס מֶען וֶועט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, לוֹינְט זִיךְ עֶס נָאךְ אַלְץ, וַוייל דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ, שְׁטַייגְט אִיבֶּער אַלֶעס.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.), "אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט", אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדֹשִׁים פ"ה:), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייעְט זִיךְ מִיט יֶעדְן וָוארְט".

וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת הַתּוֹרָה, ה"ו אוֹת ו), אַז יֶעדֶער יוּד ווִיל לֶערְנֶען, יֶעדֶער יוּד ווִיל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע סְפָרִים, פַארְוָואס דֶען לֶערְנֶען נִישְׁט אַלֶע אִידְן? וַוייל אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען נָאר אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, גְלַייךְ וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, אוּן וֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּהְן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן עֶר הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט פָאלְגְן, אוּן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט אַ סֵדֶר, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זַייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, וַוייל וֶוען אַ יוּד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער גוּף דַארְף עֶסְן, אוּן אוֹיבּ עֶר עֶסְט נִישְׁט קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ עֶסְן, אוּן אָן דֶעם קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין, אוּן דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ג) "וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת", וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעהְט עֶס אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, סְתָּם צוּ זָאגְן? וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם? וָואס וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהְן מִיט דֶעם? אֶפְשָׁר אִין דִי צַייט זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג? אוֹיף דִי אַלֶע קֻשְׁיוֹת, דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס גוּט אָנְקוּקְן, "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהְן בִּיז הַיינְט, אוּן וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט", אוּן וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט מֶען זֶעהְן אַז עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, וַוייל אוֹיבּ מֶען ווִיל נָאר לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן רוֹב צַייט קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, דֶערְפַאר גֵייט אַוֶועק דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אִים אָפּ פוּן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּי'נְס וֶועג, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אִין דִי צַייט וָואס עֶר זֶעהְט דָאךְ, אַז זַיינֶע טֶעג גֵייעֶן אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן כַאפְּט עֶר אַרַיין אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג, וָואס עֶס וֶועט אִים צוּנִיץ קוּמֶען דִי אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דִי אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן דִי אַלֶע סִימָנִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו), אַז וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶערְמַאנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (קֹהֶלֶת פ"א סל"ד), אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואלְט מֶען אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַפָּאר יָאר, אוּן נָאכְדֶעם וָואלְט מֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס מֶען לֶערְנְט, אַזוֹי וֶועט מֶען אֵייבִּיג לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאךְ בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) פוּן מֶדְרָשׁ, אַז דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיינֶעם, וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶער'ס, אַז זַיי זָאלְן אָנְפִילְן פֶעסֶער מִיט וַואסֶער, אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגִיסְן, אָבֶער דִי פֶעסֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעפִילְט וַוייל עֶס הָאט גֶעהַאט לֶעכֶער, הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע אַרְבֶּעטֶער'ס אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן, וַוייל מִיר טוּעֶן דָאךְ גָאר נִישְׁט אוֹיף, אָבֶער דִי קְלוּגֶע אַרְבֶּעטֶער'ס הָאבְּן וַוייטֶער גֶעגָאסְן, וַוייל זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, וָואס אִיז אוּנְז אַ חִילוּק צוּ עֶס פִילְט זִיךְ אָן אָדֶער נִישְׁט, מֶען צָאלְט אוּנְז סַיי וִוי דִי זֶעלְבֶּע גֶעלְט, לוֹיט וִויפִיל צַייט מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, דִי זֶעלְבֶּע אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, וֶועט עֶר נָאךְ אַלְץ בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר, אוֹיף יֶעדֶע מִינוּט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל פַארְצֵיילְן אוּנְז (יְרוּשַׁלְמִי הוֹרָיוֹת פ"ג ה"ה), וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה, הָאט עֶר אַ גַאנְצְן צַייט פַארְגֶעסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, בִּיז צוּם סוֹף הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אַ מַתָּנָה, אוּן דִי חַזַ"ל פִירְן אוֹיס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר יֶעדֶעם, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דֶעם, וַוייל צוּם סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פַאר אַ מַתָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶועט גֶעשֶׁעהֶן מִיט יֶעדְן וָואס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְס וֶועג, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן צוּם סוֹף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה בְּמַתָּנָה, אָבֶער אֲפִילוּ צוּם סוֹף וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדֶענְקֶן לוֹינְט זִיךְ עֶס נָאךְ אַלְץ, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וועלְט וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם זַייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

אוּן אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיפְן רֶבִּי'נְס וֶועג, דַארְף מֶער גַארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, וֶועט זַיין נְשָׁמָה וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן מִיט דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן מִיט דִי סִימָנִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פ"ד ה"ח), וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָּאר, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ בִּיזְט בַּיי מִיר אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּהן קֵיין עֲבֵירוֹת, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט (מְנָחוֹת ק"י.) אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיין שׁוּם קָרְבָּנוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים שׁוֹין פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן עֶס וֶועט אִים בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט), אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אָפְּמַאכְן אַז עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, אַ בַּאשְׁטִימְטֶע סְכוּם וִויפִיל עֶר דַארְף לֶערְנֶען, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אוֹיךְ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן זַייעֶר גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית? הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי גֶערֶעגְט אוֹיף אִים, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?!, דִי תּוֹרָה וֶועט מַאכְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן סַיי וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת עֶר טוּט נָאר".

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מֶדְרָשׁ רַבָּה, תְּרוּמָה, פל"ג ס"ח) אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן "פוּן יֶעצְט", אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ יָארְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן "פוּן יֶעצְט", וַוייל אַזוֹי וִוי אַ קִינְד פוּן אַ קֶענִיג, וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעפַאנְגֶען, אוּן אִים אַוֶועקְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ נֶעמֶען זַיין טַאטֶע'נְס יְרוּשָׁה, וַוייל דָאס בַּאלַאנְגְט דָאךְ פַאר אִים, דִי זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה אִיז דִי יְרוּשָׁה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ יוּד קֵיינְמָאל נִישְׁט שֶׁעמֶען אָנְצוּהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תָּבֹא), אִין אֶמֶת'ן וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט, אַז וֶוען עֶר וֶועט פַארְלֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, זָאל מֶען קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן, הָאט עֶר עֶס הַיינְט גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז, מִמֵּילָא אַ יוּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אָבֶער וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט פַארְלֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, וֶועט עֶר קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס תּוֹרָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(קוּנְטְרֵס "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד")

## אֲשֶׁר בְּנַחַל

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם מְקַאלִיסְק זי"ע וָואס הָאט סוֹף יָמָיו גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה, אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן אִיד פוּן אַכְצִיג יָאר וֵויינֶענְדִיג, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?", הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט, "סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן!" הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אַ שְׁרַיי גֶעטוּן אוֹיף אִים: "דוּ שׁוֹטֶה אֵיינֶער! אִיז נִישְׁט וֶוערְט נָאךְ צוּ לֶעבְּן נָאךְ אֵיין טָאג כְּדֵי צוּ לֵייגְן תְּפִילִין? דוּ וֵוייסְט דֶען וָואס תְּפִילִין אִיז? וֶוען אַ אִיד טוּט אָן תְּפִילִין וָואסְפַארַא לֶעכְט עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת? וֶוען דוּ וֵוייסְט דָאס וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, אוּן אָנְטוּן נָאכְאַמָאל תְּפִילִין, אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִילִין!".

וָוארוּם דוּרְךְ יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים וּבִפְרַט וֶוען עֶר טוּט דָאס מִיט אַ שִׂמְחָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט בַּאלַייכְט עֶר אַלֶע וֶועלְטְן, דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ מִתְרַשֵּׁל מִיט קִיוּם הַמִּצְוֹת? וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דוּרְךְ זַיינֶע מִצְוֹת וֶוערְט אַ יִחוּד אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, עֶר וֶוערְט פְלוּצְלִינְג אַן עָנָיו: "מַיינֶע מִצְוֹת אִיז עֶפֶּעס וֶוערְט? מַיינֶע מִצְוֹת טוּט עֶפֶּעס אוֹיף אִין דִי הִימְלֶען?" בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סא) אַז "אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז אַ כָּל יָכוֹל, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶע אִיד גְלֵייבְּן אִין זִיךְ", אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה צִיעֶט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זַיין נְשָׁמָה גְרוֹיסֶע לֶעכְט, מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ יֶעדֶע אִיד אָן אַן אוֹיסְנַאם. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אִים אַלֶע צָרוֹת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פו), "פַארְוָואס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבוֹדוֹת, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה

המשך בדף ד

# אֲשֶׁר בַּנַחַל

אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיכֶעט עֶפֶּעס וֶוערְט", אוּן עֶר בְּרֶענְגְט צוּ וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מח:) "מִי בָּז לְיוֹם קְטַנּוֹת" מִי גָרַם לְצַדִיקִים שֶׁיְבַזְבְּזוּ שׁוּלְחָנָם לְעָתִיד לָבֹא, קְטַנּוּת שֶׁהָיָה בָּהֶם; גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פַאלְן אַוֶועק וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט צֶעפַאלְן, אוּן דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּאוַוייזְן וֶוען דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן" דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ אַרַיינְגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵשֶׁק אוּן תְּשׁוּקָה דָאס דִי הַארְץ זָאל דִיר בְּרֶענֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם.

(אשר בנחל באידיש מכתב קמ"ד)

***

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעוֶועזְן רָב אִין שִׁינָאוְוא, אוּן דָארְטְן הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַ שֵׁד אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט נָאר אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן טוּן מִיט אִים גְרוֹיס רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוּוסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ מַעֲשֶׂה: אַז עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אִין לֶעמְבֶּערְג אַ גְרוֹיסֶער רָב, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִים הַכֹּהֵן רַאפָּאפָּארְט זַ"ל, וָואס דֶער שֵׁד אִין לֶעמְבֶּערְג הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט חָלִילָה וְחַס אוּמְבְּרֶענְגֶען, אוּן מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער שֵׁד פְּלַאנְט, אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין רֶעבֶּעצִין, "הֶער נָאר אוֹיס וָואס דֶער שֵׁד וִויל טוּן: עֶר וִויל מִיךְ מַעֲבִיר זַיין מִן הָעוֹלָם. לָאמִיר אַוֶועקְגֶעבְּן אֵיין נַאכְט פַאר תְּפִלָּה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן מִיר וֶועלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם עָרֵל!". וְכַךְ הֲוָה: דִי נַאכְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים אוּן זִי הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים, אוּן זֵיי הָאבְּן בֵּיידֶע אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים מִיט גְרוֹיס בְּכִיוֹת; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין וִוינְקְל, אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן דִי אַנֶדערֶע וִוינְקְל, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְט זֵייעֶרע צָרוֹת, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְּן. דֶערְוַוייל דִי נַאכְט אִיז דֶער שֵׁד פוּן לֶעמְבֶּערְג גֶעפָארְן אוֹיף אַ שְׁלִיטְן מִיט צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פֶּערְד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועזְן גוּט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען בְּגִילוּפִין, אוּן דִי פֶּערְד הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לוֹיפְן, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן שְׁלִיטְן, אוּן דִי פֶּערְד זֶענֶען גֶעוָוארְן וִוילְד אוּן זֵיי הָאבְּן אִים צוּטְרָאטְן אוֹיף טוֹיט. אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן לֶעמְבֶּערְגֶער רָב אַז דֶער שֵׁד הָאט גֶעהַאט אַ מַפָּלָה, אוּן עֶר הָאט גֶעפֵּייגֶערְט מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה.

דָאס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט, - "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט זָאגְן תְּהִלִים, אִיךְ הָאבּ מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מֵיין רֶעבִּיצִין אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן קֶען נִישְׁט אוֹיף זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט. אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט זִיךְ נוֹקֵם זַיין מַיין נְקָמָה", דֶערְוַוייל הָאט דֶער שֵׁד גֶעהַאלְטְן אַ בִּיקְס אִין דֶער הַאנְט, אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר אַ דְרִיק גֶעגֶעבְּן אוֹיפְן צִינְגְל פוּן דֶעם בִּיקְס, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזְן פוּל מִיט קוֹילְן, אִיז אִים אַרַיין אַ קוֹיל אִין פִּיסְק, אוּן אַדוּרְךְ דֶעם מוֹחַ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַ מִיתָה מְשׁוּנָה.

(אשר בנחל באידיש מכתב קנ"ה)

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**
**breslevcenter@gmail.com**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### דעלעגאציע פון הנהלת המוסדות
### אויף א בליץ-באזיך אין ארץ ישראל ביי מוהרא"ש.

א ענגע דעלעגאציע, דער ראש הישיבה מיט א חלק פון די הנהלת המוסדות, האבן זיך אריבערגעכאפט קיין ארץ ישראל, צו ווילן מיט מוהרא"ש אין יבנאל עיר ברסלב אויף שבת שירה.

מוהרא"ש האט זיי אויפגענומען מיט גרויס פרייד, און איינגעלאדענט די חברי ההנהלה צו איינשטיין און עסן די סעודות שב"ק ביי אים אינדערהיים.

שבת אינדערפרי, נאך די סעודה, האט מוהרא"ש ארויסגענומען די געסט אויף א לענגערע שפאציר איבער די גאסן פון יבנאל, ווי ער האט א לענגערע צייט געוויזן פאר די הנהלה אלע בניני המוסדות אין יבנאל, ארויסברענגענדיג, אז דאס דארף דינען אלץ סימבאל פון חיזוק, "אויב וויל מען, קען מען", נעמענדיג אין באטראכט, אז מען האט געקענט אהערשטעלן אזעלכע הערליכע מוסדות אין אזא פארשטופטע פלאץ אין ארץ ישראל, א קהילה וואס ציילט שוין היינט איבער פיר הונדערט משפחות, א נעץ פון מוסדות פון איבער זיבן הונדערט קינדער כן-ירבו, אויסער א ישיבה קטנה, ישיבה גדולה, און עטליכע כוללים.

אזוי האט מוהרא"ש זייער שטארק מחזק געווען דעם ראש ישיבה מיט די חברי ההנהלה, ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, אויפשטעלן דעם רבי'נ'ס מוסדות אין אמעריקע, און אויסלערנען פאר די גאנצע וועלט, די אלע טייערע לימודים פונעם רבי'ן, וואס נאר מיט דעם קען מען אריבערגיין די וועלט בשלום.

שפעטער ביי שלש סעודות, רעדענדיג פון די וויכטיגקייט פון "אמונת חכמים", האט מוהרא"ש געניצט די בחורי הישיבה אלץ א סעמפל פון "אמונת חכמים", מוהרא"ש האט דערציילט ווי ער האט געהייסן די בחורים פאריאר חמשה עשר באב צו ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית ביז ראש השנה, און די בחורים האבן עס אויסגעפירט מיט מסירת נפש, און אפילו ווען אינמיטן איז אונטערגעקומען די גרויסע האריקעין, די גאנצע קעמפ איז פארפלייצט געווארן מיט וואסער, און מען האט זאפארט געמוזט פארלאזן דעם קעמפ, האבן די בחורים אבער נישט אויפגעגעבן נאר מיטגעשלעפט די גמרא, און אויפן וועג אן לעקטער גענדיגט די גאנצע מסכת צו די שיין פון ליכט, און מוהרא"ש האט אויסגעפירט: "אט דאס איז א סימבאל פון "אמונת חכמים".

זונטאג אינדערפרי האט מוהרא"ש ארויסבאגלייט די געסט, וואונטשענדיג אלע ברכות, זיי זאלן זוכה זיין ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, און נישט קוקן אויף קיין שום מניעות, און שטרויכלונגען אויפן וועג.

די חברי ההנהלה זענען אהיימגעקומען מיט א פרישע התחדשות, ווייטער אנצופירן די ברייט-פארצווייגטע אקטיוויטעטן אינערהאלב מוסדותינו הק'.

**השבת נועם הנשמות!**

***

### שיינע חמשה עשר בשבט טיש ביי מוהרא"ש שליט"א.

א שיינע סעודה איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש, לכבוד חמשה עשר בשבט, עס זענען זיך צאמגעקומען א גרויסער עולם פון גאנץ גרעטער ניו-יארק, מיט צו האלטן דעם טיש, און צו מקבל פנים זיין מוהרא"ש וואס האט זיך יעצט צוריק געקערט פון ארץ ישראל.

מוהרא"ש האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פונעם טאג, ווי מיר דארפן זיך אפלערנען און נעמען חיזוק פון די ביימער, וואס מען זעהט אז כאטש עס גייט אויף זיי אריבער אסאך שוועריקייטן, שטארקע ווינטן, רעגן, שניי און האגל, אבער אויב דער בוים איז גוט איינגעווארצלט אין די ערד, וועט עס נישט אונטערברעכן.

די זעלבע איז מיט יעדן מענטש, אויב ער איז שטארק איינגעווארצלט מיט אמונה, ער איז שטארק מיטן אייבערשטן, מיט רעדן צום אייבערשטן, וועט ער קיינמאל נישט אונטערברעכן, נאר קענען ווייטער אנגיין מיט זיין עבודת ה'.

**כי האדם עץ השדה!**






# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת משפטים - שקלים, שבת מברכים אדר, כ"ה שבט, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 18


**זמנים**

הדלקת הנרות..................5:15
מוצש"ק..............................6:46
סוף זמן ק"ש.......................8:52

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................תמורה ג'
ירושלמי........................שקלים ד'
תוספתא...........מקואות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ פַאַרְטְרַייבְּן דִי גוֹיִם פַאר עֶנְק, בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ פַאַרְמֶערְן אוּן יַרְשְׁ'עֶנֶען דָאס לַאנְד.

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, יג) **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים**, זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהְן וָואס עֶר בֶּעהְט, עֶר זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ'ט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ**, אַלֶעם וָואס מֶען וִויל אוֹיסְפִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַלֶעם וָואס דוּ דַארְפְסְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִשְׁפָּטִים ז)

***

**מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת**, אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר שְׁטַארְבְּט, דַארְף מֶען אִים הַרְגְ'עֶנֶען.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק: "אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר שְׁטַארְבְּט", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "אוֹיבּ אֵיינֶער הַרְגְ'ט אָ מֶענְטְשׁ", נָאךְ אִיז שְׁוֶוער דֶער לָשׁוֹן **"מוֹת יוּמָת"**, פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן?

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ב) אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ צַדִיק וָואס קֶען מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אִים אַרוּם, אוּן שְׁטֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן קוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל אִיז דָא וָואס מֶען שְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּן צַדִיק אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס דֶער יְרֵא שָׁמַיִם רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם צַדִיק, אוּן אִין אַזַא מַצָב דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם צַדִיק, דוּרְךְ סֵיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

מְ'זֶעהְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, אוּן דֶער צַדִיק אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר הֵייבְּט טַאקֶע אָן מֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס קוּמְט אָן אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס פְּרוּבִּירְט


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ הִתְבּוֹדְדוּת ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת" - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה, אוּן אָן דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכ"ח) אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי אָבֶּער צוּפְלוֹיגֶענֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן אָן יִשׁוּב הַדַעַת, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אַ רוּהִיגֶע מֶענְטְשׁ מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז יֶעצְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף, וָואס עֶר פִילְט גוּט אוֹיסְגֶערוּהט מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ.

וַוייל יֶעדֶע מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריַקייטְן, יִסוּרִים, אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייסְט אַז עֶר הָאט אַ קִישֶׁעלֶע אוּנְטֶערְן קָאפּ אוֹיף וָואס עֶר קֶען זִיךְ אָנְלַיינֶען, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט בְּרוּחֲנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת, פַאר עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דוּרְךְ גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי דַארְפְן מִיר אוֹיךְ טוּהְן, פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט עֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעהט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דִי עֲבוֹדָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת" צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אִיז גְרֶעסֶער פוּן סֵיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת, וַוייל אִין וָואס פַארַא עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַרַיינְגֶעפַאלְן, וָואס פַארַא שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אִים אָפְּצוּרֶעדְן פוּן גֵּיין צוּם צַדִּיק, מִיט אַלֶע מִינֵי רְאִיּוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן גֶעדֶענְקֶען: "אוֹיבּ דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט מִיר מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים בְּשׁוּם אוֹפֶן".

אוּן דֶער "יְרֵא שָׁמַיִם" וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ, אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל אוֹיבּ נֶעמְט עֶר אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ פְּלַאץ, וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ, וֶועט עֶר - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה - אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **מַכֵּה אִישׁ וָמֵת**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן צַדִּיק, עֶר הַרְגְ'ט אִים נִישְׁט גְלַייךְ, אָבֶּער דָאס זֶענֶען אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, וָואס וֶועלְן אִים צוּם סוֹף הַרְגְ'עֶנֶען, עֶס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, דֶערְפַאר אִיז זַיין עוֹנֶשׁ, **מוֹת יוּמָת**, עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט יֶענֶעם אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תשס"ז לפ"ק)

***

**אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן דֶערְפַאר, בַּיינַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּהן נָאךְ אִין זֶעלְבְּן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ**, אוֹיבּ דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דַיין נְשָׁמָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, **עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, נָאךְ פַאר דִי זוּהן גֵייט אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ עֶס צוּרִיק גֶעבְּן, דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג תְּשׁוּבָה טוּהן, **כִּי הִוא כְסוּתוֹ לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב**, וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דַיין תּוֹרָה, דַיין תְּפִלָּה, דַיין עֲבוֹדַת ה', אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז נָאךְ אַלֶץ נִישְׁט דֶערְנָאךְ, מֶען קֶען נָאךְ אַלֶץ תְּשׁוּבָה טוּהן, **וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תש"ע לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, אוֹיבּ וֶועט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן אִים אוֹיס רֵיינִיגֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אָן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין מִיט חָכְמוֹת, וֶועט דָאס נָאר שְׁטֶערְן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מְ'וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן "מֶען הֶערְט מִיר דֶען אוֹיס?" "אֵיינֶער דַארְף מִיר דֶען הָאבְּן?" "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאוֶוען דָאךְ שׁוֹין שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב?" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן תֵּירוּצִים פַארְוָואס נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, וַוארְפְט עֶר אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן וָואסֶערֶע אֱמוּנָה? אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, וָואס גְלַייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אַזוֹי וִוי יֶעדֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זִי דַארְף אוֹיף אִיר מַאמֶע לָשׁוֹן.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶעהְן אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אִיד וָואס וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין צֵיין טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, אוּן מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶעהְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע צֵיין וֵוייטָאג, אִינְמִיטְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט דֶער אִיד אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל אוּן גֶעוִויזְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "דָא טוּט מִיר וֵויי, דִי צֵיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, בַּאשֶׁעפֶער הֵייל מִיר עֶס אוֹיס!"

דֶער וָואס הָאט דָאס צוּגֶעזֶעהְן פוּן דִי זַייט, הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהַרָא"ש דִי מַעֲשֶׂה, וִוי עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, זֶעהֶענְדִיג וִוי אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא תְּמִימוּת, וִוי עֶר זֶעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, אוּן עֶר וַוייזְט אִים וָואס עֶס טוּט אִים וֵויי.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דֶערְהֵיים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט, אַז אִין פּוֹילִין פַאר דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע אַ כּוֹפֵר אוּן אֶפִּיקוֹרֶס, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן אִידְן צוּ זֶעהְן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג, אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בְּרֶסְלַבֶּ'ע בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דָארְט מִיט גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: "אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם פִיל מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָא זֶעה אִיךְ אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט אִידְן וָואס רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְקְט וִוי זֵיי וָואלְטְן אִים יֶעצְט גֶעזֶעהְן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים", וַוייל דִי בְּרֶסְלַבֶּ'עֶ אִידְן פְלֶעגְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַז מֶען הָאט גֶעזֶעהְן וִוי זֵיי לֶעבְּן מַמָּשׁ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דֶער רָשָׁע אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן אַזוֹי רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וַוייל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ, אִיז עֶס אוֹיךְ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, עֶס קוּמֶען אַרַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִין קָאפּ פִיל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַ צָרָה, עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, בְּרֶענְגְט אִים דָאס קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס מַאכְט אִים שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַמשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס חִיזוּק אוֹיף דֶעם, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען פוּן דֶעם אַלֵיינְ'ס אוֹיךְ מַאכְן אַ תְּפִלָּה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵויים אַז מַיין גַאנְצֶע יְשׁוּעָה וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר דִיר, וֶועל אִיךְ זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּהן, אַז מַיין הַארְץ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ פִיל נִישְׁט אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, אִיךְ פִיל נִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר הָאבְּן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מִיר קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען נָאר פַאר דִיר, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועל אִיךְ זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן".

עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זִיסֶערֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דֶערְצוּ לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי אִין גַן עֵדֶן, וַוייל עֶר קֶען מִיט תְּפִלָּה פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י' עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זַ"ל, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוויינְט, פַארְוָואס הָאט עֶר אַ בִּיטֶער מַזָל, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט פְרֶעגְן "פַארְוָואס? פַארְוָואס? פַארְוָואס?". דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מִיט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, "פַארְוָואס, פַארְוָואס" וְכוּ' וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, דוּ בִּיסְט צוּגֶעגְלִיכֶנְט וִוי אַ גַאסְט וָואס קוּמְט אַרַיין שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר זֶעט וִוי דֶער גַבַּאי רוּפְט אוֹיף עֲלִיָּה אֵיינֶעם וָואס עֶר זִיצְט אִין מַעֲרִיב זַייט, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִינְמִיטְן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין דָרוֹם, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין צָפוֹן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט פָארֶענְט. נָאכְן דַאוֶונֶען גֵייט עֶר צוּ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם גַבַּאי'ן, זָאגְט מִיר נָאר, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס הָאט אִיר אוֹיסְגֶעקְלִיבְן נָאר דִי מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַן עֲלִיָּה, וָואס אִיז אֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן? הָאט אִים דֶער גַבַּאי גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּ בִּיסְט נָאר אַ גַאסְט, דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל בִּיסְטוּ דָא, וֶוען דוּ זָאלְסְט זַיין דָא אַ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אַפָּאר חֳדָשִׁים, וָואלְסְטוּ גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז רֶעכְט, דֶעם וָואךְ גֶעבּ אִיךְ דֶיעַ מֶענְטְשְׁן אַן עֲלִיָּה, אַן אַנְדֶערְן וָואךְ גֶעבּ אִיךְ דֶיעַ מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע וָואךְ גֶעבּ אִיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, קוּמְסְט אֵיין מָאל ווִילְסְטוּ שׁוֹין אַלֶעס וִויסְן? הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט - אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף דֶעם וֶועלְט זִיבֶּעצִיג-אַכְצִיג יָאר, אוּן עֶר אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים... וֶוען עֶר זָאל לֶעבְּן טוֹיזֶענְט יָאר וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת. פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? אֶפְשָׁר אִין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל בִּיסְטוּ גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין צְדָקָה? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער? אֶפְשָׁר אִין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל הָאסְטוּ מְצַעֵר גֶעוֶועזְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן? וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעלֶעבְּט טוֹיזֶענְט יָאר וָואלְט אַסַאךְ קַשְׁיוֹת פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל דוּ לֶעבְּסְט נָאר אַ קוּרְצֶע צַייט, וִוי ווִילְסְטוּ מֶען זָאל דִיר פַארֶענְטְפֶערְן דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת?

דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ מַעֲשֶׂה'לֶע, דָאס אִיז אַ לִימוּד אִין לֶעבְּן; אַ אִיד טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן "פַארְוָואס", וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט "לָמָּה, יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד זָאגְט אַזוֹי דַארְף דָאס זַיין, "כָּכָה" (תְּהִלִּים קמד, טו), "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ". עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ" - "וִוי אַזוֹי? אָט

המשך בדף ד

# ישיבה תפארת התורה

בעזהשי"ת

## זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן, אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויפקומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויפגיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר די בחורים זאלן ארויפקומען צו אייך, אפרעכטן א קומזיץ מיט די אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט געווארן, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

רופט שוין הבחור יעקב פיש נ"י

917-474-6118

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

~ המשך פון דף ד ~

גמרא, דאס שוין אויסער די טויזענטער פרקים משניות, טויזענטער קאפיטלעך תהלים, און נאך שיעורים וואס יעדער בחור האט זוכה געווען צו ענדיגן, אלעס א דאנק די סדר דרך הלימוד, וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט, אז מען זאל שטענדיג לערנען נישט קיין חילוק צו מען האט יא דעם קאפ אויפן פלאץ אדער נישט, צו מען פארשטייט יא אדער נישט, צו מען געדענקט יא אדער נישט.

און אזוי גייען די בחורים צו צום שבת מברכים אדר, מיט פילע קעשענעס מיט תשובה, תורה און תפלה, וואס נאר אזוי איז מען זוכה צו די ריכטיגע שמחה.

**משנכנס אדר מרבין בשמחה!**

***

### צוועלפטער חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית

נאך א מזל טוב איז געווען די וואך ווען נאך א בחור איז א חתן געווארן נאכן ענדיגן פערציג טעג גאנץ מסכת תענית פאר ראש השנה בפקודת וברכת מוהרא"ש.

דאס מאל איז עס החתן שמואל ב"ר פנחס שווארץ נ"י וועלכער איז א חתן געווארן עב"ג בת ר' שאול יחזקאל פראמאוויטש נ"י אב"י בעיר קרית יואל.

אלע בחורים וואס האבן זיך צוגעשטעלט צום קאמפיין פון מסכת תענית פרייען זיך מיט זיין שמחה און בעטן ביים אייבערשטן ער זאל האבן א גליקליך לעבן עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, מיט פיל שמחה ונחת.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

### שיינע חתונה פון תלמוד ישיבתינו הק'

פארגאנגענעם מאנטאג זענען זיך די בחורים צאמגעקומען מיט צו האלטן די חתונה פון אונזער חבר החתן בערל לעווי נ"י, ווי מען האט משמח געווען דעם חתן, מיט געהויבענע ריקודים ביז אין די שפעטע שעה'ן.

מוהרא"ש האט זיך באטייליגט ביי די חתונה, זיך מיטפרייענדיג מיט די שמחה פון נאך א תלמוד הישיבה, וואס האט זוכה געווען צו גיין אונטער די חופה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת.

מוהרא"ש האט זיך נאך די חתונה אויסגעדרוקט מיט גרויס באגייסטערונג, נאכדעם וואס דער חתן האט אים דערציילט ביי די חתונה, אז ער האט מסיים געווען צום יום החופה זיבעציג מאל ששה סדרי משנה און פופציג מאל מסכת תענית, אויסער וואס ער האט שוין געענדיגט צוויי מאל ש"ס, צוויי מאל ד' חלקי שלחן ערוך, און נאך פילע לימודים, וואו הערט מען אזוינס? וואו זעהט מען אזוינס?

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!**

# "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

אַזוֹי", עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶערֶע לַייט דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס זָאל זַיין בַּיי אוּנְז אַלֶעס רֶעכְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע קַשְׁיוֹת וָואס דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן דַיינֶע חֲטָאִים, וָוארוּם וֶוער ס'זִינְדִיגְט - בִּפְרַט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', דֶער אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן אִים פִינְסְטֶער מַאכְן דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר זֶעט נִישְׁט דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש מכתב צ"ח)

***

נָאר זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וָואס דָאס אִיז אוֹיכֶעט אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ', סוֹפֵי תֵּיבוֹת חַתָּ"ךְ, קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', סוֹפֵי תֵּיבוֹת חַתָּ"ךְ, אַז אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א), מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; הַצְלָחָה קוּמְט פוּן שִׂמְחָה. דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית יב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוּזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַקְּרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ) דָאס הֵייסְט אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה אִיז מְכַבֵּד צוּ זַיין דָאס וַוייבּ, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) דֶער עִיקָר הָעֲשִׁירוּת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען שָׁלוֹם צוּ מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד צוּ זַיין, וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין זְכוּת פוּן דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

(אשר בנחל באידיש מכתב ק"ב)

***

זֶע זִיךְ צוּ לֵייגְן יֶעדֶע נַאכְט גָאר פְרִי. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַמָאל פוּן אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף פְרִי, אוּן אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְרִי הָאט מֶען "אֲרִיכוּת יָמִים", דָאס הֵייסְט "לַאנְגֶע טֶעג", וָוארוּם אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ גָאר גָאר שְׁפֶּעט - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - שְׁטֵייט מֶען אוֹיף גָאר גָאר שְׁפֶּעט, אוּן אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף גָאר גָאר שְׁפֶּעט בִּיז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי, דַאוֶוענֶען, אִיז שׁוֹין נָאכְמִיטָאג, אוּן בִּיז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אִיז שׁוֹין בַּיינַאכְט, הָאט מֶען קִיצוּר יָמִים, קוּרְצֶע טֶעג, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף פְרִי, הָאט מֶען לַאנְגֶע טֶעג, דֶער טָאג אִיז לַאנְג.

(אשר בנחל באידיש מכתב צ"א)


## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה בערל לעווי נ"י

צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

דבר נאה ומתקבל!

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

הבחור החתן שמואל שווארץ נ"י

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג

דבר נאה ומתקבל!

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**

**breslevcenter@gmail.com**





# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

***השבת נועם הנשמות:***

## הערליכע שבת התאחדות פון "ישיבה תפארת התורה"

א הערליכער שבת איז אריבער אויף תלמידי הישיבה צוזאמען מיט אבריכים יוצאי הישיבה, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען בראשות הראש ישיבה, אויף שבת פ' יתרו - קבלת התורה, אין די פראכטפולע ראלי האטעל, כאיש אחד בלב אחד, זיך צו שטארקן אינאיינעם, מיטן הייליגן רבינ'ס עצות.

פרייטאג צו נאכט'ס נאך די סעודה איז פארגעקומען די באטע, ווי דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט באריכות פון די געוואלדיגע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז ווי אזוי א דורך צו גיין דעם לעבן בשלום, און מיר דארפן זיין זייער שטאלץ מיט דעם, כאטש עס איז ארויס א שלעכטע נאמען אויף ברסלב'ע חסידים אז זיי זענען משוגעים, דאס נעמט זיך נאר פון דעם וואס א פאר משוגעים האבן זיך גערופן ברסלב'ע, אבער באמת האבן זיי נישט קיין שום שייכות צו ברסלב, ווייל א ברסלב'ער חסיד איז נאר איינער וואס לערנט דעם רבינ'ס ספרים און פאלגט דעם רבינ'ס עצות, ער רעדט צום אייבערשטן, דאווענט מיט מנין יעדן טאג שחרית מנחה מעריב, פארברענגט נישט די צייט, לערנט אויפ'ן דרך הלימוד, און אזוי ווייטער אלע הייליגע עצות וואס דער רבי לערנט אונז.

און באמת קען יעדער איד ניצן די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, מען דארף נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד פאר דעם, ווייל אויף יעדן מענטש גייט דורך שוועריקייטן, און דער איינציגסטער וואס קען אים העלפן איז נאר דער אייבערשטער, און מען דארף נאר קומען צו אים, זיך אויסרעדן צו אים אויף די אייגענע שפראך אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו אן אמת'ן גוטן פריינד, און דאס קען יעדער מענטש טוהן.

בתוך הדברים האט דער ראש ישיבה אויסגעדריקט א שבח והודאה צום אייבערשטן, ארויסברענגעדיג ווי מען איז זיך צאמגעקומען אויף דעם זעלבן פלאץ פאר פיר יאר צוריק, מיט א קליינע צאל בחורים, און מען האט נישט געוואוסט אויב דאס וועט אנהאלטן אדער נישט, כי מעט אשר היה לך לפני ויפרוץ לרוב, יעצט זעהענדיג ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען אזא ריזן עולם פון בחורים, מיט אינגעלייט יוצאי הישיבה, רייסט זיך פון הארץ ארויס א דאנק צום אייבערשטן, אויף זיינע גרויסע חסדים, און גלייכצייטיג א תפלה אויף ווייטער, אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן ווייטער מרחיב זיין גבולי הקדושה.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה, ווי עס זענען צוגעקומען נאך בחורים און אינגעלייט וואס האבן נישט געקענט מיטהאלטן דעם שבת, דער ראש ישיבה האט ברייט ארומגערעדט דברי התחזקות והתעוררות געפלאכטן מיט סיפורי צדיקים, וואס האט באצויבערט אלע באטייליגטע.

נאכדעם האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ, וואס האט זיך געצויגן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן ווי מען האט זיך איניינעם משמח געווען אשר בנחל שם גורלינו, וואס מיר האבן זוכה געווען צו זיין פונעם רבינ'ס מענטשן, וואס דאס באגלייט אונז ביי טריט און שריט, אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**קה אכסוף נועם שבת!**

***

## בחורי הישיבה גייען ארויס פון שובבי"ם מיט פילע קעשענעס

מוהרא"ש האט געזאגט פאר שובבי"ם: "מיר גייען יעצט ארויס פון די חנוכה טעג, מיר האבן געצינדען די הייליגע ליכט, און מיר גייען אריין אין די שובבי"ם טעג, און מיר וועלן זיך משלים זיין מיט תשובה, תורה, תפלה, ומעשים טובים, און אזוי וועט מען קענען אריינגיין אין חודש אדר מיט שמחה ווי די חז"ל זאגן "משנכנס אדר מרבין בשמחה" און פרייליך קען מען נאר זיין ווען מען טוט תשובה".

און די בחורים האבן טאקע אויסגעניצט די שובבי"ם טעג אין ישיבה ווי עס דארף צו זיין, מיט תשובה און מעשים טובים, דער ראש ישיבה האט יעדן טאג געגעבן א שיעור אין חיזוק והתעוררות, וואס וועקט און מאנט פון די בחורים, זיך צו נעמען אין די הענט אריין און נישט דורכלאזן דעם טאג מיט גארנישט, אויסניצן די צייט צו די מאקסימום, מיט תורה און תפלה.

ווי זעהט מען נאך אזוינ'ס, אז בחורים זאלן אפרעכטן אזא שובבי"ם ווי דא אין ישיבה, אלע בחורים האבן געענדיגט יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, וואס דאס אליינ'ס קומט אן צו א קיימא-לן פון איבער פופציג טויזענט בלאט

המשך בדף ג

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות....................5:23
מוצש"ק...............................6:55
סוף זמן ק"ש.........................8:47

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................תמורה י'
ירושלמי....................שקלים י"א
תוספתא...........מקואות פרק ח'

פרשת תרומה, ב' אדר, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 19

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פַאר מִיר אַ תְּרוּמָה, לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין פָּסוּק, "**וְיִתְּנוּ" לִי תְּרוּמָה** - דִי אִידְן זָאלְן "**גֶעבְּן**" תְּרוּמָה, פַארְוָואס שְׁטֵייט "**וְיִקְחוּ**"?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם נִיצַל פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) **כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם**, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת פוּן הִימְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֶעבְּט צְדָקָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג) אַז אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט מֶען נִיצַל פוּן עֲבֵירוֹת וַוייל אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל (סוֹטָה ג.).

אוּן דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַארְן מִשְׁכָּן, שְׁטֵייט **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּרוּמָה תשס"ג לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **כְּרוּבִים - דְּמוּת פַּרְצוּף תִּינוֹק לָהֶם**, דִי כְּרוּבִים אוֹיפְ'ן אָרוֹן הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן אַ קִינְד, ווִידֶער גֶעפִינֶען מִיר אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ג, כד) **וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **אֶת הַכְּרוּבִים - מַלְאֲכֵי חַבָּלָה.**

לִכְאוֹרָה אִיז עֶס אַ סְתִירָה, דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט אַ קִינְד אוּן דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט מַלְאֲכֵי חַבָּלָה?

זָאגְט מוֹהַרְא"ש שְׁלִיטָ"א: אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה, בֵּיידֶע רֶעדְט מֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן קִינְד, נָאר אוֹיב דִי כְּרוּבִים לִיגְן אוֹיפְן כַּפֹּרֶת הֶעכֶער דֶעם אָרוֹן, וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַארְן קִינְד זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַן אֵיידְל עֶרְלִיךְ קִינְד.

ווִידֶער דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד אוֹיב לֶערְנְט עֶר נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן אָרוֹן, וֶוערְט עֶר אַ מַלְאַכֵי חַבָּלָה, עֶר וִויל נָאר צוּבְּרֶעכְן אוּן שֶׁעדִיגְן זַאכְן.

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ בֵּית הַמִּדְרָשׁ ~

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט: פַארְוָואס הֵייסְט אַ בֵּית-הַמִּדְרָשׁ, אַ "בֵּית-הַכְּנֶסֶת", וַוייל דָארְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַלֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא פִּנְחָס י') "כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן שָׁווֹת, כַּךְ אֵין דַעְתָּן שָׁווֹת" - אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן נִישְׁט אוֹיס אֵיינִיג, אַזוֹי טְרַאכְטְן זֵיי נִישְׁט אֵיינִיג, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז וֶוען אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען בְּאַחְדוּת, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו') וֶוער עֶס קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט, עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, פְרֶעגְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אוֹיף אִים וִוי עֶר אִיז, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען וַוייל עֶר אִיז קְרַאנְק, אָדֶער אָרִים אָדֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דֶערְפַאר, וֶועגְן דֶעם אַלֵיין לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִים, אוּן אִים הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, נִישְׁט וִוי אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגְן דִי קִינְדֶער אִין שׁוּהל וַוייל זֵיי טַאנְצְן

המשך בדף ב

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) אַז דֶער עִיקֶר אִיז אֱמוּנָה, אוּן סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לֵיידֶען כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וְחַלָאִים רָעִים פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דִי אַלֶע קְרֶענְק נֶעמְט זִיךְ פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר פִּילְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז בְּלוֹיז אֱלֹקוּת, הָאט עֶר אַ רְפוּאָה, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס עֶר לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוְון, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳ אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַ נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ׳, מִיט אֱמוּנָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

אֱמוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) דַארְף מֶען הָאבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוֹת, עֶס טוּט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיין, אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן אוֹיבְן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קֵיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְ'ל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל] אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן גָארְנִישְׁט טוּט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶה שֶׁמוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא; [דָאס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דֶעם צְוֵוייטְן גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אִיהְם], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַרְגִיתָא מִן שְׁמַיָא מַנוּ לִי; [דָאס אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּטֶע פַּרְנָסָה וִוי צוּ זַיין מְמוּנֶה אוֹיף דִי מִיסְט אוּן אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אִיז אוֹיכֶעט פוּן הִימְל]. אוּן אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אוּן אִין הַארְץ, דָאס הֵייסְט אֱמֶתְ'ע אֱמוּנָה, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

אָבֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה אוּן קֵיין שֵׂכֶל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן וְכוּ׳, אוּן לֶעבְּן אִין אַ שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁרֶעק וְכוּ׳, טָאמֶער הָאבּ אִיךְ דֶיעַ מַחְלָה וְכוּ׳, טָאמֶער הָאבּ אִיךְ יֶענֶע מַחְלָה וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ וְכוּ׳, וָואס דָאס קוּמְט פוּן דִי נֶערְוְון, [וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט אַז אַיינְרֶעדֶענִישׁ אִיז מֶער וִוי אַ קְרֶענְק], אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז אוּן זִיךְ שְׁרֶעקְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ וְכוּ׳, אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ"ד) אַז דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אוֹיכֶעט אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן דָאס אַלֵיין הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן ח׳) עַל יְדֵי עַצְבוּת אָדָם נֶחְלָשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר שְׁוַואךְ, ווִידֶערְאוּם זָאגְט עֶר (שָׁם סִימָן כ"ד) עַל יְדֵי יָגוֹן בָּא כְּאֵב לֵב; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס אַלֵיין שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וְכוּ׳.

(אשר בנחל באידיש חלק י"ד מכתב ש"ה)

# שִׁיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַרוּם אוּן שְׁטֶערְן, אָבֶער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶעהְן בַּיי דִי אִידְן אִין דַייטְשְׁלַאנְד, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק מְסוּדָר'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּרֶענְגְן דִי קִינְדֶער אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אָבֶער לַיידֶער זֶענֶען נָאכְדֶעם דִי קִינְדֶער אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה.

ווִידֶער דִי וָואס בְּרֶענְגְן יָא דִי קִינְדֶער אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אֲפִילוּ יֶעצְט טַאנְצְן זֵיי נָאךְ אַרוּם אָבֶער לְמַעֲשֶׂה כַאפְּן זֵיי אוֹיף וָואס אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז, מֶען גֶעבְּט זֵיי גוּטֶע זַאכְן אַז זֵיי זָאלְן שְׁיין זָאגְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי׳ רַבָּא, קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי וַואקְסְן אוֹיף וֶוערְן זֵיי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען פְלֶעגְט פַארְקוֹיפְן דִי זְכוּת פוּן רֵיינוּגֶען דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען פַארְקוֹיפְט דִי עֲלִיוֹת, מֶען הָאט גֶעפִיהלְט אַזַא גְרוֹיסֶע זְכוּת אַז מֶען קֶען אוֹיס רֵיינוּגֶען אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ.

אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן אוּן מַאכְן מַחְלוֹקוֹת אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶונֶען פַארְן עָמוּד אָדֶער עוֹלֶה צוּ זַיין אִין דִי טָאג פוּן אַ יָארְצַייט, אוֹיבּ דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַחְלוֹקוֹת.

פַארְוָואס דַאוְונְט מֶען פַארְן עָמוּד אִין אַ יָארְצַייט? כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַן עָלַי׳ פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם מַחְלוֹקֶת, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין עָלַי׳ פַאר זֵיי, פַארְקֶערְט עֶס מַאכְט זֵיי צַעַר אַז מֶען מַאכְט מַחְלוֹקֶת צוּלִיבּ זֵיי,

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, בְּרֶענְגְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ בֵּית הַכְּנֶסֶת)

***

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע, אַז וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צֶעזַאם צֶען אִידְן, אוּן אֲפִילוּ זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט נָאר מֶען זִיצְט צֶעזַאמֶען מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס אִיז מְחַיֶה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זֵיי אַזַא לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס דֶער מַלְאַךְ מִיכָאֵל - וָואס עֶר אִיז דֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זֵיי, פוּן רוֹב לֶעכְט וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט מוֹרָאדִיגֶע דִיבּוּרִים, בִּיז אַלֶע הָאבְּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט "פוּן וַואנֶעט נֶעמְט עֶר אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, דָאס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.) כָּל בֵּי עֲשָׂרָה שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא; אוּן מְמֵילָא אַז סְ'הָאבְּן זִיךְ פַארְקְלִיבְּן דָא אַ קִיבּוּץ אִידְן אִיז דִי שְׁכִינָה דָא, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן קוּמְט אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. פוּן דֶעם אַלֶעם זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּ דַאוֶוענֶען צֶעזַאמֶען אִינְאֵיינֶעם.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ו׳)

## ״שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים״

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָ׳ הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַגֵיפָה, אוּן מֶען הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטָאט.

דֶער רֶבִּי אִיז אַנְטְלָאפְן דוּרְךְ אַ הֵייל וָואס פִירְט צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם מוֹיעֶר, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזֶעהן קַיין שׁוּם טִיר, אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אִיבֶּער דִי מוֹיעֶר, אוֹיף דֶעם וֶועג צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטָאט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיבְן, אוּן אַרִיבֶּער גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ גֶעהָאנְגֶען אוֹיף זַיין הֶענְט אַרָאפּ צוּ טַאנְצְן, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט, וְוִי אוּנְטֶער זַיינֶע פִּיס אִיז דֶער יַם כִּנֶּרֶת...

וָואס טוּט מֶען יֶעצְט? אַרָאפּ טַאנְצְן קֶען מֶען נִישְׁט, מֶען פַאלְט גְלַייךְ אַרַיין אִין יַם, צוּרִיק גֵיין קֶען מֶען נִישְׁט, וַוייל עֶר הֶענְגְט שׁוֹין אוֹיף זַיינֶע הֶענְט, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קְרִיכְן, וָואס טוּט מֶען?

דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶענִיצְט זַיין עֵצָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּנֶעם פְּלָאנְטֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן בְּדֶרֶךְ נֵס אַז עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, זָאגֶענְדִיג אַז אַזוֹי דַארְף אַ אִיד שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפִיהלְט דָארְט הֶענְגֶענְדִיג אוֹיפְן מוֹיעֶר פוּן טְבֶרְיָ׳, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף יֶעדֶער אִיד וִויסְן אַז וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה, אַ פְּרָאבְּלֶעם, הָאט עֶר נָאר אֵיין אַדְרֶעס, עֶר זָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ זַיין גַאנְצֶער פְּרָאבְּלֶעם, אוּן דֶעמָאלְט׳ס וֶועט עֶר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָן רס״ז)

***

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וְוִי זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט פַאר עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פִינְף יָאר אַלְט: ״אִיךְ גֵיי טַאקֶע אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אָבֶּער דוּ בְּלַייבְּסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְּסְט זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״ אוּן אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי״ק גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ׳ן גַאס שְׁפַּאצִירְן, אוּן וְוִי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט עֶר אִין דִי צַייט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער סַמַךְ-מֶם הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן וְוִי אַ אִינְגֶעלֶע וַואקְסְט דָא אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס וֶועט אַיינֶעמֶען דִי וֶועלְט, הָאט זִיךְ דֶער סַ״מֶ פַארְשְׁטֶעלְט וְוִי אַ מֶענְטְשׁ, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֶעהט וְוִי אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט: ״וְוִי אַזוֹי דְרֵייסְטוּ זִיךְ דָא אַלֵיין אוֹיפְ׳ן גַאס? דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא?״ הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיינְ׳ס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אוּן אִיךְ רֶעד יֶעצְט צוּ אִים!״

דֶער סַ״מֶ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּצוּרֶעדְן: ״עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי, דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין יְחֶזְקֵאל ׳עָזַב ה׳ אֶת הָאָרֶץ׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער״ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן וְוִי יֶענֶער וִויל אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר טָאר דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁטֶעקְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הַאקְן אוּן שְׁרַייעֶן: ״יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן! יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן!״ אוּן

המשך בדף ד


# ישיבה תפארת התורה

בעזהשי״ת

## זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן, אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויפקומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויפגיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר די בחורים זאלן ארויפקומען צו אייך, אפרעכטן א קומזיץ מיט די אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט געווארן, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

רופט שוין הבחור יעקב פיש נ״י

**917-474-6118**

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**



# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

**27 Skillman St.**

בעזהשי״ת

## סימן טוב ומזל טוב!

**מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר**

## מו״ה אברהם משה שטראססער וזוגתו שיחיו

מנהל כללי ואדמיניסטרעטאר של מוסדותינו הקדושים

**צו די אפשערן פון זיין אינגעל כמר ישעי׳לע נ״י**

**א**פילו אלע הימלן זענען פארמעט, וכל הימים די**ו**
**ב**יימער זענען פעדער׳ס, און אלע מענטשן שרייבערי**ש**
**ר**עכענען איז נישט מעגליך, עס אפצושרייבן מיט ווערטע**ר**
**ה**מסירת נפש וואס איר האט אייביג פאר די ישיב**ה**
**מ**יט לייב און לעבן, אזוי איבערגעגעבן, מיט כוחות אל**ע**
**מ**יטן גאנצן הארץ, פון צופרי ביז ביינאכט, אן אפשטע**ל**
**ש**יינע דורות, מיט פיהל נחת, אן קיין סוף און קיין ע**ק**
**ה**שי״ת זאל אייך געבן געזונט פרנסה נחת מיט סייעתא דשמי**א**

וואונטשט:

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**

| בית המדרש | ישיבה | תלמוד תורה | בית חינוך לבנות |
|---|---|---|---|
| ״היכל הקודש״ | ״תפארת התורה״ | ״היכל הקודש״ | ״בית פינא״ |

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, מֶען הָאט אִים מֶער נִישְׁט גֶעזֶעהְן.

וַוייל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט'ס גְלַייךְ אַלְץ קִינְד פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דִיר אָפְּרֶעדְן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס דֶער סַ"מֶ אַלֵיין, אוּן מֶען דַארְף אִים פַארְטְרַייבְּן אוּן אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן חַס וְשָׁלוֹם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ פַּחַד)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב') עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אַרוֹיף צוּ וַוארְפְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים!

אִיךְ פִּיר זִיךְ, אִינֶדֶערְפְרִי וֶוען דֶער טָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן, גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אַלֶעס וָואס אִיךְ וֶועל טוּהְן, וָואס מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן טוּהְן, אָדֶער סֵיי וֶוער עֶס אִיז תָּלוּי אִין מִיר, אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט, וַוייל דֶעמָאלְט'ס דַארְף אִיךְ מֶער נִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פִירְן אַנְדֶערְשׁ בִּין אִיךְ מַסְכִּים, אִיךְ לָאז אַלֶעס אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ פִירְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיךְ וֶועל טוּהְן דֶעם שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, אַז אַלֶעס זָאל זַיין וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט בַּאזָארְגְט אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ גוּט פִירְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב')

***

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**הבחור החתן שאול יצחק גאניץ נ"י**

צו זיין שמחת תנאים למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**דבר נאה ומתקבל!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**




## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### מוהרא"ש איבערראשט די בחורים מיט א באזוך אין ישיבה

די וואך דינסטאג האט מוהרא"ש אפגעשטאט א באזוך אין ישיבה, ווי ער האט געזאגט א דרשה פאר די בחורים.

מוהרא"ש האט ארומגערעדט אז די בחורים דארפן זיך זייער פרייען אז זיי זענען זוכה צו לערנען אין אזא ישיבה ווי מען האט די געלעגנהייט צו לערנען אויף די סדר דרך הלימוד פון רבי'ן.

מוהרא"ש האט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט זיין התרגשות וואס ער האט געהאט ווען ער האט געהערט פון א חתן פון ישיבה אז ער האט געענדיגט ביום חופתו די זיבעציגסטע מאל ששה סדרי משנה און די פופציגסטע מאל מסכת תענית, אויסער וואס ער האט שוין געענדיגט צוויי מאל ש"ס און צוויי מאל ד' חלקי שולחן ערוך מיט נאך אסאך לימודים.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדריקט: "דאס איז א זאך וואס מען האט נאכנישט געהערט און געזעהן איבער די גאנצע וועלט, אוודאי איז געווען יחידי סגולה וואס האבן זוכה געווען דערצו, אזוי ווי דער הייליגער שאגת ארי' וואס מען זאגט אויף אים אז ער האט געענדיגט אכט הונדערט מאל ש"ס, און אנדערע זאגן אז ער האט געענדיגט טויזענט מאל ש"ס, אבער דאס זענען געווען נאר יחידי סגולה איינצעלע גאונים וצדיקים וואס האבן זוכה געווען אנצוקומען אזויפיל, אבער אז פשוט'ע בחורים זאלן זוכה זיין צו דעם אין אונזער דור, דאס איז א זאך וואס עס איז נישטא אין די גאנצע וועלט"

מוהרא"ש האט געזאגט אז מענטשן זענען יעצט זייער דערשראקן אז עס גייט זיין א דריטע וועלט מלחמה, מען האט מורא פון איראן, זאגט מוהרא"ש אז היינט ווען די עצות פון רבי'ן גייען אריין אין די וועלט, דארף מען נישט מורא האבן פאר דעם, ווען מען רעדט צום אייבערשטן, מען לערנט תורה, ובפרט אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, וואס אויף דעם  וועג קען מען שטענדיג לערנען, נישט קיין חילוק אין וואסערע מצב מען איז, און דער זכות וועט זיכער מגין זיין אויף אידישע קינדער און מען וועט אפגעהיטן ווערן פון אלעם שלעכט'ס.

מוהרא"ש האט אויסגעפירט, זאגענדיג פאר די בחורים, אז זיי זענען גאר גליקליך אז זיי זענען זוכה צו לערנען אין אזא הייליגע ישיבה, און זיי זאלן טאקע זעהן אויסצוניצן די צייט, און אריינכאפן ווי מער תורה הקדושה.

די בחורים זענען זיך צוגאנגען נאך די דרשה פיל מיט חיזוק, ווייטער אנצוגיין אין עבודת ה', ביתר שאת וביתר עז, צו לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטן.

דערנאך איז מוהרא"ש אריינגעגאנגען אין בית הדפוס, באטראכטענדיג פון דער נאנט די הייליגע ארבעט פון דריקן דעם רבי'נס ספרים וואס גייט אן מיטן פילן שוואונג, מוהרא"ש האט מחזק געווען די עוסקים במלאכת הקודש ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט און זיך נישט דערשרעקן פאר קיין שום זאך.

די פילע דרשה פון מוהרא"ש אין ישיבה, קען מען הערן אויפ'ן קול אמונה האט-ליין אויפ'ן נומער: **212-444-9191 #8211**

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

### אשר בנחל חלק י"ד ארויס פון דרוק

די סעריע פון אשר בנחל באידיש איז שוין ברייט באקאנט אויף די וועלט, בריוון וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויף אידיש, התחזקות והדרכות אויף אלע מצבים וואס א מענטש גייט אדורך אין לעבן.




ווי עס זאגן עדות גאר אסאך אידן, האבן די בריוון אינגאנצן געטוישט זייער מהלך החיים, זיי האבן אנגעהויבן צו לעבן א פרייליכע געשמאקע לעבן, א לעבן מיטן אייבערשטן, וואוסענדיג אז מען האט א קישעלע אונטערן קאפ, דער אייבערשטער איז שטענדיג גרייט מיך אויסצוהערן און מיר צו העלפן.

דערפאר איז יעצט גרויס די פרייד ווען עס איז ארויסגעקומען א פרישע חלק פון דרוק, עס איז גלייך צוכאפט געווארן דורך יעדן וואס ווילן הערן און זעהן די דברי אלקים חיים, וואס זענען מחי' נפשות.

**אשר בנחל שם גורלינו!**

***

### בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" אויסגעברייטערט מיט די נייעסטע מאשינערי

אין א פרישע שטאפל, אינעם פעלד פון דרוקן ספרים, האט מען יעצט פריש איינגעקויפט נאך גאר טייערע מאשינען, צו דרוקן קונטרסים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען שוין געדרוקט אינעם בית הדפוס צענדליגע טויזענטער ספרים, וואס ווערן צושפרייט פאר אידישע קינדער וואס זענען זיך מחי' מיט דעם, און דאס געבט זיי חיזוק ווייטער אנצוגיין אין לעבן מיט שטארקייט.

***

# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א



**זמנים**
הדלקת הנרות......................5:31
מוצש"ק....................................7:03
סוף זמן ק"ש...........................8:41


**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................תמורה י"ז
ירושלמי..........................שקלים י"ח
תוספתא...........טהרות פרק ז'


פרשת תצוה - זכור, ט' אדר, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 20


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ**, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְ'ן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן וַוייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס וַוייזְט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּהן, אוּן יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן וֶועג, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּהן זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּהן, וַוייל אִיךְ קֶען טוּהן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּהן.

אָבֶּער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי **"אוּרִים וְתוּמִים"**, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם **"אוֹר"** פוּן **"תְּמִימוּת"**, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן **"חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט"**, דָאס אִיז פוּן דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיינְ'ס מִשְׁפָּט'ן, יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפּ'גַנְבֶ'ענֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּה אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, הֶעלְף מִיר אוֹיף וַוייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס"** אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פּוּרִים ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַפּוּרִים) אַז אִין פּוּרִים שַׁיינְט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט וָואס שַׁיינְט נִישְׁט אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּן אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים.

דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן כ"א, דף נז) אַז פּוּרִים הֵייסְט אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים" אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאר אַזוֹי וִוי פּוּרִים, "כְּ'פּוּרִים" - אַזוֹי וִוי פּוּרִים, אָבֶּער פּוּרִים אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

פַארְוָואס אִיז פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים, דָאס מֵיינְט אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן צוּ זַיין צוּ גֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן בַּאנַייעֶן, אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן דֶעמָאלְס קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד) אַז פּוּרִים "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד לִטּוֹל - נוֹתְנִים לוֹ" וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט גֶעבְּט מֶען אִים, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז עֶס גֵייט אַרוֹיף אַז וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּרִים בַּאקוּמְט מֶען.

אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי שָׂטָן אוֹיף דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'.**

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי צִּיץ גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם צִּיץ, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיז טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים.

אַזוֹי וַוייט אַז, **וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'**, אַז עֶס זָאל מַמָּשׁ זַיין אַרַיין גֶעקְרִיצְט אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פוּן דֶעם וֶועלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשס"ח לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

מִיט לֵיצָנוּת אוּן הוֹלֵלוּת, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אִיז שׁוֹין דִי טָאג פַארְאִיבֶּער, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן בַּעַל דָבָר נָאר עֶר גַנְבְ'עֶט אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט, אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, דֶעמָאלְס קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ וִוינְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת וַוייל פּוּרִים קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֶלְ'ן אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יוּדְן וואוּנְטְשְׁן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט גֶעוֶוענְטְלִיך פַאר פּוּרִים, אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (מגילה ז:) "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא", דַארְף עֶס אָבֶּער זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכוֹת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג אַז מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת, מֶער וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן, אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען, נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקֶען זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַּאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, ק"ש, וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט דֶעם?

***

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פּוּרִים דֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶער וָואס אִיז שִׁיכּוֹר, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט עֶכְט שִׁיכּוֹר, נָאר עֶר מַאכְט זִיךְ צִיוִוילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר, פַאלְט פוּן דִי פִיס, אוּן עֶר בְּרֶעכְט זִיךְ אוֹיס, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם, פַארְקֶערְט עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער אִיז צִיוִוילְדֶעוֶועט, עֶר זֶעצְט אוּן שְׁלָאגְט מֶענְטְשְׁן, צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְ'ס, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן, הַאקְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּהְן, אוּן דֶערְפַאר פּוּרִים הָאט עֶר דִי גֶעלֶעגֶענְהֵייט אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזּוּת אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר אִיז שִׁיכּוֹר, אָבֶּער עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר וַוייל אַ אֱמֶתְ'עֶ שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם.

***

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אוֹיף דִי גְּמָרָא (מגילה ז:) "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי" אַז פּוּרִים אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם אַז מֶען זָאל קְלָאר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן פּוּרִים פוּן אָנְפַאנְג הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן אַז עֶס גֶעשֶׁעהְט נָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן קוֹדֶם הָאט אַחַשְׁוֵרוֹשׁ אַוֶועקְגֶענוּמֶען אֶסְתֵּר, נָאכְדֶעם אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָמָן הָרָשָׁע וָואס הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע אִידְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּם גוּטְן, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי אִידְן אִיז גֶעוֶוען גוּט.

אוּן דָאס אִיז אַ לִימּוּד פַאר יֶעדֶע אִיד, אִין יֶעדֶע מַצָּב אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אִים אוֹיס אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען זֶעהְן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", דָאס מֵיינְט אַז סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וָואס דָאס אִיז "אָרוּר הָמָן", אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט וָואס דָאס אִיז "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי" אִיז בֵּיידֶע גְלַייךְ וַוייל אַלֶעס אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

אוּן דָאס דַארְף דִי טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים בְּרֶענְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא יוֹם טוֹב פּוּרִים!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' וְחֵלֶק י"א עֶרֶךְ פּוּרִים)

### ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

זיכער אז ווער עס העלפט דעם אייבערשטנ'ס מוסדות, וועט אים דער אייבערשטער זיכער באצאלן מיט אלעס גוט'ס.




און דערפאר, נאך די גרויסע נאכפראגע ביי אנשי שלומינו, צו האבן אונזער פושקע אינדערהיים, האט מען באשטעלט א שיפמענט פון פושקעס, נאכצוקומען דעם פארלאנג.

צו באקומען די פושקע, אדער אויסצולליידיגן א פושקע, רופט אין אפיס **718-384-1652**

**והלך לפניך צדקיך!**

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק, אוּן עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפ׳ס אִיד, וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן פְרֶעגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אִים יוֹם טוֹב פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים דֶער דָארְפְס אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר׳ מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים.

אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר׳ מֵאִיר בַּאמֶערְקְט ווִי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְס אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט דִי שִׂמְחָה.

ר׳ מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ", הָאט דֶער דָארְפְס אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶּער וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט אַ צְבִי׳ אוֹיפְן קָאפּ?" וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְצְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צְבִי׳, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר׳ מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג?", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי׳ן: "אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי".

ר׳ מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֶענְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרַייט צוּם דָארְפ׳ס מַאן: הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", אוּן דֶער דָארְפ׳ס מַאן הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלַב׳עֶר אִיד אִיז דוּרְךְ גֶעוָוארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפ׳ס מַאן.

דִי עֶלְצְטֶע טָאכְטֶער צְבִי׳ הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַארְן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַארְן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן דָארְפ׳ס מַאן: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפ׳ס מַאן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים׳ אָבֶּער עֶר דַארְף עֶרְשְׁט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי׳ן׳ וֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין"

זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶעמָאלְס בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶעהְן, ווִי דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אַ יְשׁוּעָה, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל זֶעהְן אוֹיסְנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף וֶועט עֶר זֶעהְן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, אוֹת מ"ו)

***

ר׳ נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֶבִּי׳ן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן י׳) וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיף אִידְן, עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אוּן אִידְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְתַּק דִי דִינִים אוּן עֶס וֶוערְט בָּטֵל דִי גְזֵירוֹת.

הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט, וֶוען יוּדְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן וֶוערְט נִמְתַּק אַלֶע דִינִים, אוּן יֶעצְט וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז מֶען ווִיל מַאכְן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אָבֶּער אַזוֹי ווִי יֶעצְט קוּמְט פּוּרִים (דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה פַאר פּוּרִים) אוּן אִידְן וֶועלְן

המשך בדף ד




# ישיבה תפארת התורה

בעזהשי"ת

## לעצטע געלעגנהייט!!!

**עס זענען נאך געבליבן געציילטע אפוינטמענט'ס צו באקומען, אז די בחורי הישיבה זאלן ארויפקומען צו אייך אפרעכטן א קומזיץ מיט די אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט געווארן.**

**מיר ווילן נאכאמאל קלארשטעלן, אז מיר ווילן נישט ארויפגיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט!**

**ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

הבחור יעקב פיש נ"י

**917-474-6118**


## מודעה חשובה

## סעודת פורים

## אצל כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**בשעה 6:00**

**ואחר כך ריקודין בשירה וזמרה לכבוד היום**

לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה

## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

בעזהשי"ת

# זמנים לימי הפורים

קריאת פרשת זכור.................11:15

תפלת מנחה, תענית אסתר.........6:15

קריאת המגילה.......................7:15

תפילת שחרית.......................9:00

קריאת המגילה ביום...............10:00

נ.ב. די ווייבער שוהל וועט אי"ה זיין אפען.

הגבאים

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## דרייצענע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית

מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען די פרישע מזל טוב, פון נאך א בחור וואס האט זוכה געווען צו פאלגן מוהרא"ש, און געענדיגט גאנץ מסכת תענית פערציג טעג, פאריאר פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט עס טוהן וועט אי"ה א חתן ווערן דאס יאר.

דאס מאל איז עס הבחור החתן שמעון סאלמאנאוויטש נ"י וועלכער איז א חתן געווארן די וואך למזל טוב בשעה טובה ומצלחת, עב"ג בת מו"ה יחזקאל שפירא נ"י.

מיר וואונטשן אים אלע ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, און האבן א גליקליך לעבן עד ביאת הגואל.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

## צוויי פרישע ספרים ארויסגעקומען לכבוד יום טוב פורים







אין די יעצטיגע טעג האט מען פריש איבערגעדרוקט אינעם בית הדפוס "קרן הדפסה - היכל הקודש" לכבוד די בעפארשטייענדע יום טוב פורים.

די ערשטע איז דער ספר "אוצר הפורים" א זאמלונג פון קונטריסים, וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן די פארגאנגענע יארן איבער די גרויסקייט פונעם הייליגן יום טוב פורים און ווי אזוי אויס צו ניצן די הייליגע טעג, ארויסגענומען פון די הייליגע ספרים פונעם רבי'ן און פון רבי נתן, געפלאכטן מיט דברי חכמינו ז"ל.

דער צווייטער ספר איז דער ספר "גנזי המלך" א פירוש אויף מגילת אסתר, ווי אזוי די הייליגע מגילה לערנט אונז א וועג אין לעבן, ווי אזוי צו לעבן מיטן אייבערשטן, ווי אזוי אנצוגיין אין לעבן, אויפ'ן וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

ביידע ספרים זענען שוין ארויס פון דרוק, מען קען עס באקומען אין היכל הישיבה.

**כי הם חיינו!**

***

## אנשי שלומינו ווען זיך צוזאמקומען ביי מוהרא"ש אום פורים

אזוי ווי אלע יארן וועט מען זיך דאס יאר אויך צוזאמקומען ביי מוהרא"ש אין בית המדרש אין בארא פארק, זיך צו פרייען לכבוד היום.

די סעודה וועט זיך אנהייבן אי"ה אום זעקס אזייגער נאכמיטאג, נאכגעפאלגט מיט ריקודין בשירה וזמרה ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

## אנשי שלומינו נעמען אהיים די נייע פושקע פון מוסדותינו הק'

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו די נייע פושקעס וואס מען האט יעצט געמאכט צו די בעפארשטייענדיגע פורים טעג.

אזוי ווי עס איז איינגעפירט אלע דורות ביי אידישע קינדער, צו האבן א פושקע אינדערהיים, און ארייננווארפן צדקה בכל עת מצוא, פארן ליכט בענטשן, אדער צו יעדע עת רצון.

דער רבי זאגט (ספר המדות, צדקה, כז) "יתן צדקה בשתי ידים, ויהיה תפלתו נשמעת" – מען געבט צדקה מיט ביידע הענט, אז די תפלה זאל ווערן אנגענומען, און דערפאר ווען מען וויל פועל'ן סיי וואס, ווארפט מען אריין אין פושקע אפאר פרוטות, און מען פועל'ט אלעס גוט'ס.

ווי איז נאך דא אזא צדקה, ווי צו העלפן אונזערע מוסדות, וואס די מוסדות זענען אויפגעשטעלט געווארן מיט איין ציהל, אריינצוברענגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף דער וועלט, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז, איז דאך

המשך בדף ד

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**

**breslevcenter@gmail.com**

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

דָאךְ זִיכֶער טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִיכֶער בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת".

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל "יָא, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט".

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, אַז אַלֶע זַיינֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען זֵייעֶר טִיפֶע גְרוֹיסֶע תּוֹרוֹת, אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, אִיז אָבֶער דֶער עִיקָּר פוּן דִי תּוֹרָה, פָּשׁוּט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט צוּ טוּהְן, וִוי לְמָשָׁל דִי תּוֹרָה אַז טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים, מֵיינְט דָאס פָּשׁוּט אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען קְלַאטְשְׁט, וִוי לְמָשָׁל פּוּרִים, יָמִים טוֹבִים, אָדֶער בַּיי אַ חֲתוּנָּה, אוּן דָאס גְלַייכְן, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז טִיפֶע הוֹיכֶע זַאכְן, וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר הוֹיכֶע מֶענְטְשְׁן, נֵיין, עֶס אִיז גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד הָאט דִי כּוֹחוֹת, וֶוען עֶר טַאנְצְט אוּן קְלַאטְשְׁט, אִיז עֶר דוּרְךְ דֶעם מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים אוֹת כ"ב)

***

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן זָאגְן "אַ פּוּרִים'דִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ", וַוייל אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶעס אוֹיס פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אייבערשטן ווייל "כל הפושט יד נותנים לו".


**מודעה**

**משלוח מנות אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**עד שעה 5:00**

**שמחת פורים ושמחת תמיד!**


**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**הבחור החתן שמעון סאלמאנאוויטש נ"י**

מתלמידי ישיבתינו הק'

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב בשעה טובה ומצלחת**

**דבר נאה ומתקבל!**







# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................5:39
מוצש"ק.........................7:10
סוף זמן ק"ש...................8:35

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................תמורה כ"ד
ירושלמי...................שקלים כ"ה
תוספתא...........מכשירין פרק ג'

פרשת כי תשא, ט"ז אדר, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 21


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"א) **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי" אוּן פַאַרְקֶערְט, **רְ'שָׁעִים בְּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ** (שְׁמוּאֵל א' ב'), אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן קַיין רְשָׁעִים, בֵּיידֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים "**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז "**רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**", דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ תִּשָּׂא תש"ם לפ"ק)

***

**הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל לָתֵת אֶת תְּרוּמַת ה' לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְט זִיךְ אוּן עֶר זֶעהט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע אָנְהֵייבְּן זַיין וואוּיל, אוּן אַלֶעם וֶועט זַיין גוּט.

ר' נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר וַוייל עֶר וִויל גְלַייךְ שְׁלֵימוּת, עֶר ווִיל גְלַייךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיגְקַייט אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶע זַאכְן, גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן דִי קְלֵיינִיקַייטְן וֶועלְן אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּם סוֹף זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, אוּן פַארְקֶערְט דִי עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, עֶר נִיצְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַייט, אוּן אַזוֹי גֵייט אַדוּרְךְ טֶעג אוּן וָואכְן מִיט גָארְנִישְׁט.

מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶוער אִיז מַצְלִיחַ? אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט פְלַייסִיג, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי צַייט, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט אֵיין דְזַשׁאבּ גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּ דִי צְוֵוייטֶע, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּם דְרִיטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי צַייט מִיט סְתַּם פְּלוֹידֶערַייעֶן, עֶס אִיז דָאךְ אַ שָׁאד, עֶר קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט פַארְדִינֶען נָאךְ גֶעלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּגַשְׁמִיּוּת.

פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל אוֹיף רוּחְנִיּוּת, אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, מֶען קֶען דָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְ'ן פְרַיינְד, קֶען מֶען מִיט דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, קֶען מֶען אוֹיפְן וֶועג אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מִקְוֶה צוּם שׁוּהל קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַהֵיים, פוּן הוֹיז


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מְרַמֵּז זַיין, פוּן אֵיין זַייט, **הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה**, אֵיינֶער וָואס אִיז אַ עוֹשֶׁר בְּרוּחֲנִיּוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְהַאלְטְן, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מֶער,

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט**, אֲפִילוּ אַ אָרִימַאן בְּרוּחֲנִיּוּת, זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי קְלֵיין, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַ **"מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל"**, אֲפִילוּ נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, וַוייל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז עֶס נָאךְ אַלְס חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער **"לְ'כַפֵּר' עַ'ל' נַ'פְשׁוֹתֵיכֶם"** דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז **"נַעַל"**, אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז **"רַע"**, דָאס מֵיינְט **"נַעַל רַע"** - אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תָּם אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שְׁוַואכֶע שִׁיךְ, שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ וֶוערְן אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, **"נַעַל רַע"**, אֲפִילוּ אוֹיבּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זֶעט אוֹיס ווִי אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וֶועסְטוּ צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶע אִיד.
(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ג)

***

**וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ"**, אִיךְ ווִיל גְלַייךְ זֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דוּ וֶועסְט נָאר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶּער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶעהְן אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.
(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

צוּם אַרְבֶּעט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען מֶען הָאט לֵיידִיגֶע צַייט רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס וֶועט אִים אַסַאךְ צוּנִיץ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָאר נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוּבִּין ז"ל, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן יָאר תרע"ז, אִיז זַיין רֶבִּי ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן ז"ל שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת, ר' אַבְרָהָם הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּקְן אִין מַחֲזוֹר, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע יָארְן, זֶענֶען שׁוֹין זַיינֶע אוֹיגְן גֶעוֶוען גֶעשְׁוָואלְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים, עֶר זָאל אִים פָארְזָאגְן דִי פִּיוּטִים פוּן מַחֲזוֹר אוּן עֶר וֶועט נָאכְזָאגְן.

ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אוּן ר' אַבְרָהָם הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם אַיינְגֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶעמָאלְס הָאט ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן, גְלַייךְ הָאט זִיךְ ר' אַבְרָהָם אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן, מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן, אַ מוֹיל אִיז אַזוֹי ווִי אַ מִיל, כָּל זְמַן עֶס מָאלְט וֵוייץ, גֶעבְּט עֶס אַרוֹיס גוּטֶע מֶעהל, ווִי נָאר עֶס הֶערְט אוֹיף צוּ אַרְבֶּעטְן, גֶעבְּט עֶס מֶער נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶעהל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוֹעֵל'ט עֶר אוֹיס אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, ווִי נָאר עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַאקְט זִיךְ אָפּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת".

אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, אוּן אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם גוּט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט.

ר' לֵוִי יִצְחָק ז"ל פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז וֶוען אַלֶכְּסַנְדֶער מוֹקְדִין אִיז אַרוּם גֶעפָארְן דִי וֶועלְט, אִיז עֶר אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ וַואלְד, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָארְט אַ קְלֵיינֶע הַייזְקֶעלֶע, אוּן אַ אִיד זִיצְט דָארְט מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ צוּ זֶעהְן, דֶער אִיד אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס בְּרֶענְגְט דִיר אַהֶער? אוּן זָאג מִיר וָואס קֶען אִיךְ דִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן?"

הָאט דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף אִיז צַייט, אוּן דָאס ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט אַוֶועקְכַאפְּן דִי צַייט..." דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר אַלֶכְּסַנְדֶער מוֹקְדִין, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַסַאךְ גֶעלְט.

זֶעהְט מֶען ווִי מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט צוּכַאפְּן דִי צַייט.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן אוּן טֶעג מִיט נַארִישְׁקַייטְן,

הממשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

זָאל מֶען כָאטְשׁ אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְכַאפְּן פוּן יֶעצְט וָואס אִיךְ קֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ' סִימָן מ"ט): "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגְן אַז אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענֶען עֶפֶּעס אַרַיינְכַאפְּן ..." פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן צ"ח), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַ פַּאלַאץ אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זֵייעֶר שֵׁיין פַארְבְּן דֶעם פַּאלַאץ, מֶען הָאט צוּטֵיילְט דֶעם פַּאלַאץ אִין צְוֵויי, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְמָאלְן זַיין חֵלֶק, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט וֶוען דִי אַרְבֶּעט דַארְף זַיין פַארְטִיג.

אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זִיךְ לֶערְנֶען מָאלְן אוּן פַארְבְּן שֵׁיין, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שֵׁיין אוֹיסְצוּמָאלְן זַיין חֵלֶק אִין פַּאלַאץ, עֶר הָאט גֶעמָאלְן שֵׁיינֶע חַיוֹת, בְּהֵמוֹת, פֵייגְלֶעך, אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין.

דֶער צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ טוּהן גֶעמַאכְט פוּן דֶעם קֶענִיגְס בַּאפֶעל, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין חֵלֶק זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דֶעמָאלְס הָאט זִיךְ דֶער צְוֵוייטֶער גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ, אַז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע זַייט, אוּן עֶר הַאלְט נָאךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, "וָואס טוּט מֶען דָא?"

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, אַז עֶר וֶועט אַזוֹי טוּהן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁמִירְט זַיין חֵלֶק פַּאלַאץ מִיט אַ גֶעוִויסֶע שְׁוַוארְצֶע זַאךְ וָואס מַאכְט עֶס וִוי אַ שְׁפִּיגְל, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אַ פוּרְהַאנְג צְוִוישְׁן זַיין חֵלֶק אוּן דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס חֵלֶק.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע טָאג, וָואס דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז עֶס דַארְף זַיין פַארְטִיג, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעקוּמֶען קוּקְן דֶעם פַּאלַאץ, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעקוּקְט דֶעם עֶרְשְׁטְנְ'ס חֵלֶק, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעמָאלְן אַלֶע מִינֵי שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְן קֶענִיג.

נָאכְדֶעם אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס חֵלֶק, דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אַוֶועקְגֶערוּקְט דִי פוּרְהַאנְג, דִי זוּן הָאט גֶעשַׁיינְט אוֹיף זַיין שְׁפִּיגְל, אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט גֶעמָאלְן, הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אִינֶעם שְׁפִּיגְל, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אוֹיךְ אַלֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל אוּן טֵייעֶרֶע כֵּלִים וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּאלַאץ, הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אִין זַיין שְׁפִּיגְל, אוּן וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט נָאךְ אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין פַּאלַאץ, נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אָפְּשְׁפִּיגְלְן אִינֶעם שְׁפִּיגְל, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְן קֶענִיג.

בִּיז אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט.

דִי נִמְשָׁל פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז, עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דֶעם וֶועלְט, אֵיינֶער נִיצְט גוּט אוֹיס דִי צַייט, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשִׁים אִין דִי תּוֹרָה, עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

ווידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶער וָואס בְּרֶענְגְט אָן דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, נִישְׁט גֶענוּג וָואס עֶר דִינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְבְּרֶענְגְט עֶר נָאר דִי טֵייעֶרֶע צַייט, עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ גַאנְצֶע וָואכְן, חֳדָשִׁים, אוּן יָארְן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי דֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ וִוי אַן אוֹיגְנְבְּלִיק, אוּן בַּאלְד דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז אֵיין טָאג גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ בַּיים קָאפּ, "וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעטוּהן? אַזוֹיפִיל יָארְן זֶענֶען מִיר אַוֶועק מִיט גָארְנִישְׁט", עֶר

המשך בדף ד

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

דָאס אִיז דִי קוּנְץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן: "מִיר הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין". בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַסַאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין, וַוייל אוֹיף דִי עֲבֵירָה קֶען מֶען דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט נִישְׁט. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פו, ע"א): גְדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד - תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס גֵייט בִּיז דִי שְׁטוּהל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, שְׁמוֹת, פֶּרֶק יט, סִימָן ד): אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לְבְרִיָּה אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, יֶעדְן נֶעמְט עֶר אָן, הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס, יִכָּנֵס - דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, שִׁיר הַשִּׁירִים, פֶּרֶק ה, סִימָן ג): אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל: בָּנַי! פִּתְחוּ לִי פֶּתַח אֶחָד שֶׁל תְּשׁוּבָה כְּחֻדָּהּ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי פּוֹתֵחַ לָכֶם פְּתָחִים, שֶׁיִּהְיוּ עֲגָלוֹת וּקְרוֹנוֹת נִכְנָסִים בּוֹ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אוּנְז: "קִינְדֶער עֶפֶענְט מִיר אַ קְלֵיינֶע לָאךְ פוּן תְּשׁוּבָה וִוי דִי שְׁפִּיץ פוּן אַ נָאדְל, וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶפֶענֶען גְרוֹיסֶע טוֹיעֶרְן". נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִילִים ה): כִּי אֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וְעָשָׂה גְּדִישִׁין שֶׁל עֲבֵירוֹת, אוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: יַעֲשֶׂה אָדָם תְּשׁוּבָה, וּכְמִי שֶׁלֹּא חָטָא - אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן עֶס אִיז כְּאִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים גֶע'טַעֲנֶה'ט: "פַארְוָואס בַּאשַׁאפְסְטוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר גֵייט דָאךְ זִינְדִיגְן פַאר דִיר?" הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְפֶערְט: "אוּמְזִינְסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנוּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ בַּאשַׁאפְן תְּשׁוּבָה, זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהן פַאר מִיר!". דֶערְפַאר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲ"ל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן", וַוייל אוֹיף אַלֶעס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, זָאלְסְט פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אוּן זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ!", וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ב)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז בַּאלְד דַארְף עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין צָרוֹת, "וָואס טוּט מֶען דָא?"

עֶר גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן? אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעבְּרֶענְגְט מַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיךְ וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", אַזוֹי רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, בִּיז עֶס וֶוערְט וִוי אַ שְׁפִּיגְל, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אִין זַיין מוֹחַ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אוּן פוּן דֶעם הָאט דֶער קֶענִיג זֵייעֶר הַנָאָה, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֱמוּנָה, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אֱמוּנָה, ו') "דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן", (שָׁם, ל"ג) "דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען קְלוּג", (שָׁם כ') "קוֹדֶם דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיטְן שֵׂכֶל", (שָׁם, ל"א) "דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", (שָׁם, ל"ג) "אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין דַיינֶע עֲבֵירוֹת", קוּמְט אוֹיס אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ, אַז עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט זַיין צַייט, אִיז זַיין עִיקָר עֵצָה צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, וֶוען דוּ וֶועסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דַיין מוֹחַ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, אוּן דוּ וֶועסְט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, וָואס דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצֵייטְנְ'ס וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי וִוי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּהּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּהּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּהן".

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן אַז מֶען הָאט יָא פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט' וְחֵלֶק ו' עֶרֶך זְמַן)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### נייע CD "איך בעהט פון דיר טאטע" ארויסגעקומען

מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען געווארן די נייעס איבער די נייע cd **"איך בעהט פון דיר טאטע"** וואס איז יעצט ארויסגעקומען.

נאך די גרויסע הצלחה פון די ערשטע צוויי cd's וואס איז צוכאפט געווארן, האט מען שוין קוים געקענטווארטן אויף פרישע ניגונים, וואס איז יעצט ארויסגעקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

**"הכל חפצים ליראה את שמך"**, יעדער איד וויל זיין וואויל און ערליך, נאר נישט יעדער ווייסט די וועג, דערפאר האט אונז דער רבי אויסגעלערנט אז די וועג איז צו רעדן צום אייבערשטן, ווען א איד רעדט צום אייבערשטן, ער בעהט יעדן טאג: **"באשעפער, איך וויל זיין אן אמת'ער ערליכער איד"** וועט ער זיכער צום סוף זיין א צדיק.

נאר אזוי ווי דאס איז אזא גרויסע זאך, פארלייגט זיך דער יצר הרע זייער שטארק אויף דעם, און עס קומט אן זייער שווער, פון אנפאנג, צו רעדן צום אייבערשטן.

און דערפאר קומט זייער שטארק צוניץ די אידישע ניגונים, אז אפילו ווען מען קען נישט רעדן צום אייבערשטן, זינגט מען מיט די ניגונים צום אייבערשטן, און אזוי זינגט מען זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן וואס איז א "שומע תפלת כל פה", און מען ווערט געהאלפן מיט אלעס גוט'ס ברוחניות ובגשמיות.

די cd איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה 27 Skillman St. אין וויליאמסבורג.

**קרוב ה' לכל קוראיו!**

***

### מוהרא"ש פארט די וואך אויף ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש פארן נאך שבת אויף ארץ ישראל, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן פאר צוויי וואכן, מחזק צו זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די געוועגדליכע ליל שיעור פון מוהרא"ש.

**חזק ונתחזק!**

***

### שיינע פורים טיש ביי מוהרא"ש שליט"א

אנשי שלומינו זענען זיך צאמגעקומען צו די סעודת פורים ביי מוהרא"ש, נאך די סעודה איז מען ארויס מיט א טאנץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש "קימו וקבלו היהודים".

ובזמן הזה, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן צוברעכן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריקומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**


Best prices on
Toners & Office Supplies
We beat Staples & Amazon by 10%!
* Rest. Apply
Moshe Schnitzler
347-585-6166
moshe2401@gmail.com





Sponsored by:
BIG APPEL
WOODWORKING
Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling
Isaac Appel
718.636.9667
646.302.8957


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות...................6:46
מוצש"ק...........................8:18
סוף זמן ק"ש.......................9:28

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................תמורה ל"א
ירושלמי....................שקלים ל"ב
תוספתא.....................ידים פרק ב'

פרשת ויקהל - פקודי, פרשת פרה, שבת מברכים ניסן, כ"ג אדר, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 22

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב,** בְּצַלְאֵל אוּן אָהֳלִיאָב הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶענוּמֶען פוּן דִי צְוֵויי שְׁבָטִים, בְּצַלְאֵל פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה וָואס אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע שֵׁבֶט, אוּן אָהֳלִיאָב פוּן שֵׁבֶט דָן וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶער שֵׁבֶט, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶער אֵיינִיג.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז, וֶוען פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט צְווִישְׁן אוּנְז, עֶר אִיז בַּיי אוּנְז, נֶעבְּן אוּנְז, אוּן מִיט אוּנְז, הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קֶענֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן צַדִּיק, אַז עֶר קֶען נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי שְׁוַואכְסְטֶע שְׁבָטִים, צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, אוּן אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל.

**דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיַּקְהֵל ג)

***

**וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן,** אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, אוּן דִי מִשְׁכָּן אִיז פִיל גֶעוֶוען מִיטְן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דִי מִדַּת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ, וַוייל וִוי אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט? אוּן דֶערְפַאר מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַארְן מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## ~ חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק ~

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אַ חוּמָשׁ פוּן דִי חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, זָאגְט מֶען "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק".

*נָאךְ אַ פִינְפְטְל יָאר פַארִיבֶּער.*

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אַ חוּמָשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַ פִינְפְטְל פוּן דִי יָאר, דַארְף זִיךְ אַ אִיד אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן: "וִוי אַזוֹי אִיז מִיר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי פִינְפְטְל יָאר, וָואס הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִי צַייט?" אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט.

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דְרֵיי מָאל "חֲזַק", וַוייל יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ דְרֵיי מָאל שְׁטַארְקְן, אֵיינְס, אוֹיבּ אִיךְ זֶעה אַז דִי לֶעצְטֶע פִינְפְטְל יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְוֵוייטְנְ'ס, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס סְ'וֶועט זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, זִיךְ פַארְלָאזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

אוּן דְרִיטְנְ'ס, זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, פְּרוּבִּיר אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער דוּ קֶענְסְט הַיינְט טוּהן, אוּן דָאס אִיז דִי דְרֵיי מָאל "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק" פַארְן עָבַר, עָתִיד, אוּן הֹוֶה.

***

*מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין*

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג.

אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּנְטֶער דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, קֶען עֶר צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם מִשְׁכָּן, דִי מִשְׁכָּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט דָארְט, וֶוען מֶען ווִיל דָארְט אָנְקוּמֶען וֶוערְט עֶס בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, עֶס זֶעהט אוֹיס שְׁוַוארְץ אוּן טוּנְקֶל, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַז **וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דָארְט.

דֶערְפַאר וֶוען דוּ זֶעהסְט אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוַוארְץ אוּן פַארְוָואלְקְנְט, דוּ זֶעהסְט נִישְׁט קְלָאר דִי וֶועג, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּ אִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פְּקוּדֵי ג')

***

**לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**, דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אִיז אַ חֹק - אַ גֶעזֶעץ, וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס מְטַהֵר טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אִיז עֶס מְטַמֵּא דִי מֶענְטְשְׁן וָואס בַּאנִיצְן זִיךְ דֶערְמִיט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶעהט אַ מֶענְטְשׁ, אַז דַוְקָא וֶוען עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר ווִיל אָנְהֵייבְּן זַיין וואוּיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ, "פּוּנְקְט יֶעצְט וֶוען אִיךְ ווִיל זַיין וואוּיל, הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת?!"

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער זַיין וֶועג, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהן וָואס עֶר קֶען, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיכֶער מַשְׁלִים זַיין, אוּן זַיין צוּם סוֹף אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶע אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט **לְטַמֵּא טְהוֹרִים**, וֶוען עֶר ווִיל זִיךְ מְטַהֵר זַיין וֶוערְט עֶר גָאר טָמֵא, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זֶעהן, אַז אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וֶועלְן אִים גָאר צוּנִיץ קוּמֶען, **לְטַהֵר טְמֵאִים**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אִינְגַאנְצְן מְטַהֵר זַיין אוּן עֶר וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח סִימָן רפ"ה) אַז מֶען דַארְף יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח:) "כָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עַם הַצִּבּוּר, מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו" וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, וֶועט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים.

אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדֶער בְּגוּף אָדֶער מִיט גֶעלְט, אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז יָא מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט מֶען יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

פַארְוָואס טַאקֶע זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה?

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג') וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עַם הַצִּבּוּר", דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא פְרַייטָאג.

דֶער פַאקְט אִיז אָבֶּער, אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה אוֹיף אֵיין מָאל אִין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין ווִינְטֶער אִין דִי קוּרְצֶע פְרַייטָאג'ס, אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן נָאכְדֶעם לַיידְט מֶען פוּן דֶעם אַסַאךְ צָרוֹת.

דֶערְפַאר טָאר זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לָאזְן נַעַר'ן, אוֹיבּ דוּ זֶעהסְט אַז עֶס גֵייט דוּרְךְ אֵיין וָואךְ נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן דוּ בִּיזְט נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, קֶענְסְטוּ זִיךְ רוּהִיג פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס פְּסַקְ'נְט קְלָאר אַז מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג.

זָאלְסְט יֶעדְן טָאג אַרָאפְּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז שַׁבָּת הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

אוּן בַּיי דֶעם מֶעג מֶען זַיין אַ גַנָב, אוֹיבּ דוּ זֶעהסְט אֵיין טָאג, אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַפָּאר מִינוּט, גַנְבְ'עֶ אַרָאפּ אַפָּאר פְּסוּקִים פוּנֶעם צְוֵוייטְן טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ שׁוֹין פְרַייטָאג הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג'), אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, אַז עֶר הָאט יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, בִּיז סוֹף וָואךְ הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

אַוַודַאי אֵיינֶער וָואס קֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, אִיז דַאךְ זִיכֶער גוּט, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס זֶעהט אַז עֶר אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה פְרַייטָאג, קֶען עֶר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, צוּ אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם, מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע, אִין זְכוּת פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ זְמַן, חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ז' עֶרֶךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י)

## ״שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים״

אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶועןֹ אַ אַלְטֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען הָאט עֶס גֶערוּפְן ״חוּרְבָא דְרַבִּי יְהוּדָה״,

אֵיינְמָאל אִיז גֶעזֶעצְן דָארְט אַ אִיד אִין דִי זַייט, אוּן גֶעלֶערְנְט גְמָרָא בְּהַתְמָדָה, פְּלוּצְלִינְג זֶעהט עֶר וִוי דִי טִיר עֶפְנְט זִיךְ, אַ קִינְד לוֹיפְט אַרַיין, עֶר לוֹיפְט צוּ צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶר רוּקְט אַוֶועק דִי פָּרוֹכֶת, עֶר מַאכְט אוֹיף דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ וֵויינֶען:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין קַיין יָתוֹם! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַיְתוֹמִים!, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ קַאסְקֶעט מִיט רוֹיטֶע שְׁטְרִימְפּ! (דִי יְתוֹמִים פוּן בֵּית הַיְתוֹמִים פְלֶעגְן אִין יֶענֶע צַייט אַזוֹי גֵיין) רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ מַיין מַאמֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק״, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אִינְגֶל הָאט פַארְמַאכְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן. דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט צוּגֶעמַאכְט זַיין גְמָרָא, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְגֵיין דֶעם אִינְגֶל.

דֶער אִינְגֶל אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין הוֹיז הָאט זִיךְ גֶעטוּהן אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ פְרֵיילִיכֶער אוֹיסְרוּף: ״זִי בְּרֶעכְט, זִי בְּרֶעכְט״,

וָואס אִיז גֶעוֶוען? דִי מַאמֶע הָאט גֶעגֶעסְן פִישׁ, אוּן עֶס אִיז אִיר שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְּן אַ בֵּיין אִין הַאלְז, אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט לֹא עָלֵינוּ, אוּן אִין דִי צַייט וָואס דֶער אִינְגֶל אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט זַיין מַאמֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּרֶעכְן, אוּן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי בֵּיין.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם וָואס עֶס הֵייסְט שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֶמֶת דֶער אִינְגֶל הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֶמֶת אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

(קוּנְטְרֵס תְּפִלַּת הַנָּשִׁים)

***

וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אִיז עֶר אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֵיינְט עֶס זִיכֶער נָאר פַאר זַיין גוּט׳ס, אוּן מִיט דֶעם שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ.

אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט אַ בִּיטֶער לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַ צָרָה, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, מְמֵילָא הָאט עֶר אַ בִּיטֶער לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּט׳ן.

(שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נ״ג)

***

## ״אַשֶׁר בַּנַחַל״

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט וִויסְן גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּן אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (חוּלִין ז׳) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעֲלָה, אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס קוֹדֶם אוֹיבְן, יֶעדֶער זַאךְ אִיז מֶען גוֹזֵר קוֹדֶם אוֹיבְן.

אִיבֶּער דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טוּ מִיט מִיר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, אוּן הִיט מִיךְ אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן בַּאגְלִיק מִיךְ מִיט שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט גֶעבִּיטְן וֶוערְן, פוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וֶועסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין פְרֵיילִיכְקֵייט, פוּן סְפֵיקוֹת וֶועסְטוּ אַרַיין גֵיין אִין זִיכֶערְקֵייט וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קנ״ה) אַז אוֹיבּ אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה הָאט עֶר אֲרִיכוּת אַפַּיִם, וָואס דָאס הֵייסְט סַבְלָנוּת, עֶר הָאט גֶעדוּלְד, גָארְנִישְׁט צֶעבְּרֶעכְט אִים, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים וְכוּ׳, אֲפִילוּ מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים וְכוּ׳, לַאכְט עֶר זִיךְ פוּן אַלֶעם אוֹיס, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר נֶעמְט אָן אַלֶעס פַאר כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, מִיט דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן עַבוֹדוֹת וְכוּ׳, מֶען קֶען זַיין אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ׳, אוּן מֵיינֶען מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע עוֹבֵד, מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם כַּאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, אִין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אִין יִאוּשׁ, אִין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דָאס זָאלְסְטוּ וִויסְן: שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, עַצְבוּת דָאס אִיז דִי טוּמְאָה. יֶעצְט מֶעסְט זִיךְ וואוּ דוּ בִּיסְט; בִּיסְטוּ טְרוֹיעֶרִיג? אִיז אַ סִימָן דוּ בִּיסְט אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבָן, בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ? אִיז אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט אִין דִי קְדוּשָׁה, אַז וואוֹיל אִיז דִיר. אִיבֶּערְדֶעם הַבּוֹחֵר יִבְחַר, וֶוער סְ׳הָאט שֵׂכֶל קְלוֹיבְּט אוֹיס צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ. אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אִידְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ פְרֵיילֶעךְ זַיין, מִיטְן ״שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי״ מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִידְן, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועןֹ דִי תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג.

(אַשֶׁר בַּנַחַל באידיש מכתב מ׳)

אוֹיבּ זֶעהְסְטוּ אַ סֵפֶר וָואס אִיז זֵייעֶר מַחְמִיר אִין דִי זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם סֵפֶר אִיז נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר דִיךְ צוּ וַוייזְן דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי עֲבֵירָה אַז לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט טוּהן, אָבֶּער אוֹיבּ הָאסְטוּ עֶס שׁוֹין גֶעטוּהן זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּהן. מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת: ״וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ טוּהן דִי עֲבֵירָה?״, בִּפְרַט וֶוען דִי הָאסְט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶועןֹ אוֹיף דִיר דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּהן אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּהן דִי עֲבֵירָה, וָואס דֶעמָאלְסְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף זִיךְ: ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן?״. דַארְפְסְטוּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי מִיט סַבְלָנוּת, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר טְרַאכְטְן: ״אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט

המשך בדף ב

# "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

מִיר, און אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַלֶעס פַארְגֶעסְן און אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה!".

(אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק ב)

***

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן און דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, און אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטְרֶעבְּן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת נִישְׁט צוּ בַּאלֵיידִיגְן דֶעם צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטַאמְט פוּן אַ גְרוֹיסְן יִחוּס. ווידֶערוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְאוֹן הַגְאוֹנִים און אַ חַרִיף עָצוּם און אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, זַיין אָפְּשְׁטַאם אִיז פוּן שְׁטָאט אוּהֶעל וָואס דָארְטְן הָאט גֶעווּאוֹינְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע.

הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז בֵּיידֶע זֶענֶען חַתַנִים גֶעוָוארְן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זי"ע און דֶער הֵיילִיגֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זי"ע, און זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם זֶעלְבְּן שַׁבָּת אַן אוֹיפְרוּף. הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען פַארְמִיטָאג זָאל זָאגְן אַ דְרָשָׁה דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זי"ע, עֶר אִיז דָאךְ דֶעם רָבְּ'ס אַן אֵיינִיקְל, און נָאכְמִיטָאג זָאל דֶער צְוֵוייטֶער חָתָן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע זָאגְן אַ דְרָשָׁה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב גֶעזָאגְט אַ דְרָשָׁה אִין דֶעם שַׁבָּת פוּן דֶעם אוֹיפְרוּף.

און סְ'קוּמְט נָאכְמִיטָאג און מֶען זוּכְט דֶעם חָתָן רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע, און עֶר וִויל נִישְׁט זָאגְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין מַאמֶען וָואס עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, און מֶען הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן אַז זִי זָאל פּוֹעְלְן בַּיי אִיר זוּן, הָאט זִי גֶעזָאגְט, "אַז מַיין זוּן וִויל נִישְׁט הָאט עֶר מִן הַסְתָּם אַ טַעַם פַאר דֶעם, און אִיךְ קֶען בַּיי אִים נִישְׁט בֶּעטְן," שְׁפֶּעטֶער הָאט דִי מַאמֶע גֶעפְרֶעגְט "פַארְוָואס הָאסְטוּ טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב אִיז דֶעם רָבְּ'ס אַן אֵיינִיקְל, און עֶר זָאגְט אַ דְרָשָׁה, און אַז אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַ דְרָשָׁה, און סְ'קֶען זַיין אַז מַיין דְרָשָׁה וֶועט מֶער גֶעפֶעלְן דֶעם עוֹלָם וֶועט עֶר הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַחְלִישׁ אֶת הַדַעַת זַיין דֶעם רָבְּ'ס אֵיינִיקְל." - דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען בֵּיידֶע בָּחוּרִים חַתָנִים אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען נִתְפַּרְסֵם גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם, בִּפְרַט חֲבֵרִים וָואס מֶען לֶערְנְט פוּן זֶעלְבְּן צַדִיק און זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּם זֶעלְבְּן צַדִיק דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם און נִישְׁט יֶענֶעם ווַיי טוּן.

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יחזקאל סאמעט נ"י**

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**דבר נאה ומתקבל!**

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## בחורי ישיבתינו הק' זייער שיין אויפגענומען דורך נדיבי עם בעצם יום הפורים

פארגאנגענעם יום טוב פורים זענען די בחורים פון ישיבה ארומגעגאנגען צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר מוסדותינו הק'.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדלט זיך, א ישיבה וואס די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה ווי יעדער בחור לערנט יעדן טאג מיט התמדה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט מדות טובות און איידלקייט וואס מען טרעפט נישט.

עס זענען געווען צוויי גרופע'ס, איינס אין וויליאמסבורג און איינ'ס אין בארא פארק, די בחורים זענען ארויפגעגאנגען און געזינגען די אלע אידישע ניגונים צום אייבערשטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן ווי די חשובע נגידים האבן זייער הנאה געהאט און זיך אנגערופן מיט גאר ווארימע סכומים.

דא איז די פלאץ צו באדאנקן פאר די צוויי חשובע בחורים וואס האבן אנגעפירט מיטן פראגראם, הבחור החשוב יעקב פיש נ"י וואס האט אנגעפירט די גרופע פון בארא פארק, און הבחור החשוב מנחם מענדל שימשאוויטש נ"י וואס האט אנגעפירט די גרופע אין וויליאמסבורג,ביידע האבן אלעס אנגעפירט מיט גרויס גענויקייט.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**מצוה גדולה להיות בשמחה!**

***

## קמחא דפסחא קאמפיין אנגעהויבן

נאך די גרויסע הצלחה דעם פארגאנגענעם יאר, מיט די קמחא דפסחא קאמפיין, א קאמפיין אויסצוצאלן אלע מלמדים און איינגעשטעלטע אין מוסדותינו הק', בעפאר דעם יום טוב פסח.

און עס איז ברוך ה' געקרוינט געווארן מיט געוואלדיגע הצלחה, אלע איינגעשטעלטע זענען געווארן אינגאנצן באצאלט געווארן פאר יום טוב, און געקענט צוגיין צום יום טוב מיט רוהיגקייט און ישוב הדעת.

דאס יאר האבן זיך די מוסדות נאך מער אויסגעברייטערט מיטן אייבערשטנ'ס הילף, סיי אין תלמוד תורה האט מען אויפגענומען פרישע מלמדים און סטעף, און סיי מיט די עפענונג פון אונזער מיידל סקול "בית פיגא", און דערפאר האפן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף אז דאס יאר וועט זיך דער עולם נאך שענער אנרופן מיט גרויסע סכומים צו קענען צאלן די חשובע איינגעשטעלטע וואס געבן זיך א גאנץ יאר אפ מיט די טייערע קינדערלעך.

דער קאמפיין ווערט אנגעפירט דורך מו"ה אייזיק אפפעל נ"י, וואס נעמט צוזאם די נדבות פונעם חשוב'ן ציבור, מען קען אים רופן אויפ'ן נומער **646-302-8957** און ער וועט אפנעמען נדבת לבכם הטוב.

עס איז צום האפן אז דער עולם וועט זיך אנרופן גאר ווארים, אז די אלע חשובע איינגעשטעלטע זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט א רוהיגן געמיט.

**והלך לפניך צדקיך!**







**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויקרא, פרשת החודש, ראש חודש ניסן, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 23


**זמנים**

הדלקת הנרות.................6:54
מוצש"ק..........................8:25
סוף זמן ק"ש...................9:21

**שיעורים כסדרן**

בבלי............כריתות ה'
ירושלמי.........מגילה ו'
תוספתא............ברכות פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים, וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; "קוּם צוּ מִיר" "רֶעד צוּ מִיר" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן וִויל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דֶעמָאלְט'ס "**וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו**", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

***

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין, סַיי גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

ווידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "**עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "**אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, דֶעמָאלְט'ס אִיז עֶס "וַיִּקְרָא" - "**עֶר הָאט גֶערוּפְן**", עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ ~

### ~ חוֹדֶשׁ נִיסָן ~

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בִּיז יֶעצְט.

וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ" - "נֵיי", דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, אַז יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

כָאטְשׁ בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, אָבֶּער יֶעצְט פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶעהן וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּהן גוּטֶע זַאכְן.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיפְ'ן יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּהן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין**".

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.
(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

***

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען זֶעהט אֲפִילוּ נָאר אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי נֵייעֶ לְבָנָה, וֵוייסְט מֶען אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ חוֹדֶשׁ.

מוֹהַרְא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּט'ס, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע.

אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ זֶעהְסְט אוֹיף דִיר, אָדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶען, אַז עֶר אִיז פִּיל מִיט שְׁלֶעכְטְ'ס, דַארְפְסְטוּ פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף דִיר אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס גוּט'ס אִין זִיךְ, עֶר הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן.

אוּן וֶוען דוּ קוּקְסְט אוֹיף דִי גוּט'ס, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע"** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וִוי עֶר אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט'ס, **"וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"** וֶוען דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם קוּקְן אוֹיף אִים, אִיז עֶר שוֹין גָארְנִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז שוֹין גָאר אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה.

דִי אִידְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים צוּ דִי לְבָנָה, וַוייל אַזוֹי וִוי בַּיי דִי לְבָנָה וֶוען מֶען זֶעהט אַ פִּינְטֶעלֶע וֶוערְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי פִּינְטֶעלֶע גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ אִיד, אוֹיף דִי פִּינְטֶעלֶע גוּט'ס וָואס עֶר הָאט, דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט צוּם סוֹף אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, ויק"פ, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, תשמ"ב לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְא"שׁ

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִּילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

***

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל"** אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּהן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אַפָּאר מָאל אַ טָאג, וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידּוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען" אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידּוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן.

***

אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט'ס קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיט כַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי, אוּן דֶעמָאלְט'ס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גְרוֹיסֶע פֶעלְד, אוּן מֶען קֶען אִיבֶּעְרָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דַאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אִין אַלֶע צֵייטְן, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

***

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (עַי' אַגְרָא דְּכַלָּה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס זָאלְן קוּמֶען אִין דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאר, לְמָשָׁל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן נִיסָן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: **"בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח, אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף אִין דֶעם חוֹדֶשׁ"** אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי צְוֵויייטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָּיר **"בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, אִיךְ זָאל מִיר פְרֵייעֶן אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר"**, דִי דְרִיטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן, **"בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט פְרֵייד"**, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהְט מֶען אוֹיף יֶעדְן חוֹדֶשׁ, לוֹיט יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אִידִישֶׁע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע נָשִׂיא, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס לֵיינֶען דִי פַּרְשַׁת הַנְּשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים אוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מֵיינְט שׁוֹין אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען יֶעצְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיס'פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶך פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס לָאזְט אִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְן גְזֵירוֹת?" (אִין יֶענֶע צַייט הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דֶער רֶעגִירוּנְג ווִיל מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן חַס וְשָׁלוֹם).

וַוייל וִוי נָאר אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ, עֶר בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, וַוארְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים אוּן גְזֵירוֹת, עֶר לֵייגְט אַלֶעס אִין אַ זַייט, אוּן עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ נָאר מִיט דֶעם אִיד, אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן אִים צוּ הֶעלְפְן.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע')

***

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אֵיינֶעם, מֶען זֶעט אַ גְרוֹיסְן פֶעלְזְן שְׁטֵיין וָואס נַאטוּרְלִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר הַארְט, וֶוען מֶען לָאזְט טְרָאפְּן וַואסֶער אוֹיפְן דִיקְן הַארְטְן פֶעלְזְן שְׁטֵיין, אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ, אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ וְכוּ' וְכוּ', צוּם סוֹף לֶעכֶערְט עֶר דָאס דוּרְךְ, וִוי שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט ס'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶער אַז ס'טְרָאפְּט אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער, לֶעכֶערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם פֶעלְזְן שְׁטֵיין וְכוּ';

אַזוֹי אוֹיכֶעט, אוֹיב אַ אִיד הָאט אַ לֵב אֶבֶן, אַ פַארְשְׁטֵיינֶערְט הַארְץ, אוֹיב עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר וְכוּ' וְכוּ', צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דָאס פַארְשְׁטָאפְּט הַארְץ אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְן אִים. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', נָאר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. אוּן אֲפִילוּ ס'דַאכְט זִיךְ דִיר אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט אִיז חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש מכתב פ"ב)

***

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען סוֹחֲרִים, זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זֵייעֶר וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אָבֶער אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַכְטְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, צְוִוישְׁן אֵיין קוֹנֶה אוּן דִי צְוֵוייטֶע הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ פֶּרֶק, אַזוֹי בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְדִיגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי אַרַיינְכַאפְּן דָא אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים דָארְט אַ קַאפִּיטְל, בִּיז צוּם סוֹף פוּנֶעם טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

זֵיי פְלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערזָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אוּן צוּ טְרִינְקֶען

המשך בדף ד

# פַאֶרְעֶנְטְפֶערְט דֶעם הָאֶרְבְּן רַמְבַּ"ם...

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶעהְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוּן דְרָשׁוֹת לְכָבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארֶענְטְפֶערְט שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם'ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶער אִיךְ פַארֶענְטְפֶער אֵיין שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט.

דֶער רַמְבַּ"ם פְּסַק'נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצוֹת אִין פֶּסַח, אֲפִילוּ אַ אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן מַצוֹת פֶּסַח, וִוידֶער פְּסַק'נְט דִי רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָב'עֶנֶען, אִיז עֶס לִכְאוֹרָה אַ סְתִּירָה, אוֹיבּ טָאר מֶען נִישְׁט גַנָב'עֶנֶען, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח?

דֶעם שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם פַארֶענְטְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט, זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מְמֵילָא אִיז שׁוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארֶענְטְפֶערְט...

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֶמֶת'עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט): "מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח" זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וֵוייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח", לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

אָבֶער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן, אַז דִי עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט פַאר פֶּסַח.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט פַאר פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶך חוֹדֶשׁ נִיסָן)

***

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין צוּזַאם נֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"א) צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מַצַּת, סְגוּלָה לְחוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן לְפַזֵּר צְדָקָה, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּיבוֹת נָפַל, וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם, אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיךְ עֶס נִישְׁט צוּ הָאבְּן בְּרוּחֲנִיוּת, נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא תשע"ב לפ"ק)

***

**אויב ווילט איר זיך זוכה זיין אין די געוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן די אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק' אויף יום טוב פסח.**

**רופט מו"ה אייזיק אפפעל נ"י**

**646-302-8957**

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִילִים".

און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען עֶס אִיז זֵיי אוֹיסְגֶעקוּמֶען, וְוִי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ שִׁיעוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מְחַבֵּר רְמָ"א,

און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶענִיצְט זֵייעֶרֶע טֶעג אוֹיף דֶעם וֶועלְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וואוֹיל אִיז זֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, סִימָן ק"ח)

***

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְּן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּקַטְנוּת הַמוֹחִין קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, לְהֵיפַּךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִיהְם דֶעמָאלְט אִיז עֶר בַּאשִׁיצְט אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג בְּגַדְלוּת הַמוֹחִין, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס מֶען זֶעהט פַאר דִי אוֹיגְן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַלֶעס אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף, אִין דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אַרַיינְלֵייגְן, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיג, וֶוערְט עֶר גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ זֶעהן גְרוֹיס נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּהן.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִים וָואלָאזְשֶׁענֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי יְדִיעָה בְּרוּרָה, אַ לוֹיטֶערֶע וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶערְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעי מִינוּט הָאט עֶר אַ יְשׁוּעָה, אָבֶּער אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאך, אֶפְשָׁר וְכוּ', דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ', דֶער וֶועט זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ וְכוּ', אִיךְ וֶועל טוּהן דָאס וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיךְ וֶועל טוּהן יֶענְץ וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז אִיהְם אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אָבֶּער דִי מִינוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס זָאל אִיהְם הֶעלְפְן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט זֶעהט עֶר אַ יְשׁוּעָה.

אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

(אשר בנחל באידיש מכתב ר"פ)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### קמחא דפסחא קאמפיין אין פולן שוואונג

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך, האט מען שוין אנגעהויבן דעם "קמחא דפסחא קאמפיין", אזוי ווי אלע יארן, אויסצוצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח, אז זיי זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט הרחבת הדעת.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך דער עולם זייער ווארים אנגערופן צום קאמפיין, עס איז ברוך ה׳ אריינגעקומען באדייטענע סכומים.

אבער אין הקומץ משביע, מען קען נאך ניצן נאך געלט, און דערפאר, ווער עס וויל זיך משתתף זיין, קען זיך מעלדן צום חשוב׳ן עסקן העוסק במלאכת הקודש, מו"ה אייזיק אפפעל נ"י אויפ׳ן נומער **646-302-8957**.

**והלך לפניך צדקיך!**

***

### מוהרא"ש קומט צוריק פון ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט מוהרא"ש זיך צוריק קערן די וואך פון ארץ ישראל נאכן ויילן דארט פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדע וואך וועט ווייטער פארזעצן די וועכנטליכע ליל שישי שיעורים ווי געוועינדליך.

**הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

## סימן טוב ומזל טוב!

**מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר**
**מו"ה לוי יצחק פרענקל נ"י**
**צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת**
**שמח תשמח רעים האהובים!**






**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**
**breslevcenter@gmail.com**






# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת צו, שבת הגדול, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 24


**זמנים**

הדלקת הנרות......................**7:01**
מוצש"ק.............................**8:33**
סוף זמן ק"ש......................**9:14**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................כריתות י"ב
ירושלמי...................מגילה י"ג
תוספתא..................פאה פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, זָאגְט רַשִׁ"י אֵין צַו אֶלָּא לָשׁוֹן זֵירוּז, מִיַּד וּלְדוֹרוֹת, אָמַר ר' שִׁמְעוֹן: בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר קוֹדֶם הֵיילִיגְן זַיינֶע זִיבְּן לִיכְט אוֹיפְ'ן פָּנִים, וָואס דָאס זֶענֶען: דִי צְוֵויי אוֹיגְן, צְוֵויי אוֹיעֶרְן, צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל, עֶר זָאל זֵיי אַלֶע נִיצְן נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אוּן נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפַאר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ דֶעקְל פַאר דִי אַלֶע זַאכְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי אוֹיגְן הָאבְּן אַ דֶעקְל וָואס מֶען קֶען גְלַייךְ צוּמַאכְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זֶעהְן.

דִי אוֹיעֶרְן, זָאגְט דִי גְּמָרָא (כְּתוּבּוֹת ה.): פַארְוָואס זֶענֶען דִי פִינְגֶערְס שְׁפִּיצִיג? אַז וֶוען מֶען הֶערְט עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל מֶען גְלַייךְ אַרַיינְלֵייגְן דִי פִינְגֶער אִין דִי אוֹיעֶרְן, אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי אוֹיעֶרְן וֵוייךְ? צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּן דִי אוֹיעֶרְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן.

דִי מוֹיל, זָאגְט דִי גְּמָרָא (עֲרָכִין ט"ו) הָאט צְוֵויי מוֹיעֶרְן דִי צֵיין אוּן דִי לִיפְּן.

ווִידֶער דִי נָאז הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מוֹיעֶר, דִי נָאז גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, "**חֲרוֹן אַף**", אוּן דָאס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר רֶעגְט זִיךְ זַייעֶר שְׁנֶעל אוֹיף, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס**, בַּיי דִי נָאז וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דַארְף דִי תּוֹרָה אַסַאךְ וָוארֶענֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, נָאר גֶעדֶענְקֶען אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה צַו א)

***

**הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, גֶעשֶׁעהט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, "**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת הַגָּדוֹל ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג נָאךְ אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל, דָאס וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחְרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ד') "כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", "וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים", זֶעהט מֶען, אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) "סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע", דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהְן, אוּן דִי גְּמָרָא זָאגְט (מְגִילָּה כ"ז) אַז אַלֶעס נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהְן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהט מֶען וִוידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין טוּר (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, **יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקֶל בַּיי אִים, עֶר פִּילְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר פִּילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט'ס זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן שְׁוַוארְץ.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענְגֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ, דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריַקייטְן, אוּן עֶר פִּילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז בַּייַנאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל, דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס, אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶעמָאלְט'ס בִּיזְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן.

דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּהן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעהְט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל מִיר פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּהן, אוּן אִיךְ טוּה עֶס, **אִיךְ פְרֵיי מִיר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִּין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן**, אוּן אַז אִיךְ וֶועל מִיר פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק צַו-שַׁבַּת הַגָּדוֹל תשס"ט לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס הָאט דֶעמָאלְט'ס פַּאסִירְט, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָוארְנְט דִי מִצְרִיִים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶע'ס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁעהן אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט'ס אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶע'ס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!"

זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים.

וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּהן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִים זֶענֶען דֶעמָאלְט'ס גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעהְט מֶען וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים עֶס אִיז דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהן, אוּן אַלֶעס דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּהן, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהן דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל וִויסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּ קֶענְסְט אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן בַּיי אִים, דוּ דַארְפְסְט נָאר עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ ווילְסְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): "דָאס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִיז מְרַמֵּז, אַז דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה', אַז פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פַּרְנָסָה עַיֵּי"שׁ".

דָאס מֵיינְט, אַז וִוי בַּאקַאנְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי כִּמְעַט אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְטְלִיכְן פְּלַאץ וִוי מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְטְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז דָאס אִיז קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, אוּן מֶען עֶסְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט'ס גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְטְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה, דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארֶערְכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן טַאקֶע דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּהִיגְקַייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל, אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "טַאטֶע, עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ פֶּסַח, אוּן מִיר הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, וָואס וֶועט דָא זַיין?".

דֶעמָאלְט'ס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען גָאר שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערוֹדְפְ'ט, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אֲפִילוּ צוּ רֶעדְן מִיט אִים, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס אִין זֵייעֶר אַ גֶעדְרִיקְטֶע מַצָּב.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "טָאכְטֶער'ל, דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח"

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ פֶּסַח, דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוֶוען אָנְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר פֶּסַח אוֹיף אַ גַאנְץ פֶּסַח, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אָנְצוּשֶׁעפְּן אַ פָּאר פֶעסֶער וַואסֶער עֶס זָאל גֶענוּג אוֹיף פֶּסַח.

הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער: "בָּרוּךְ ה' אַז וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא", אָבֶּער דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "אָבֶּער טַאטֶע, אוֹיסֶער דֶעם הָאבְּן מִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח", רֶבִּי נָתָן הָאט אִיר וַוייטֶער מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אַז דִי אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן וֶועט אוֹיךְ זַיין".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַן עוֹשֶׁר, אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעטְרַאכְט: "וֶוער וֵוייסְט צוּ רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן?" עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדוּנְגֶען אַ וָואגְן, אוּן אָנְגֶעפִּילְט מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מַצּוֹת, וויין, קַארְטָאפְל, אֵייעֶר, אוֹיל, אוּן נָאךְ, עֶר הָאט אַלֶעס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי נָתָן אוֹיף עֶרֶב פֶּסַח, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף פֶּסַח.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, הָאבּ אִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעמֵיינְט דֶעם מֶענְטְשׁ", דָאס מֵיינְט אַז אִיךְ פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְלָאזְט אַז עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט שְׁטֶענְדִיג וֶוער עֶס בֶּעהְט אִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶערְפַאר, יֶעדֶער אִיד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח, הָאט נָאר אֵיין עֵצָה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

# תְּפִלָּה נוֹרָאָה וְנִפְלָאָה לְאָמְרָהּ בְּשַׁבָּת הַגָּדוֹל:

(מהגדת אור זרוע)

**יְהִי** רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתְּזַכֵּנִי לְהִתְעוֹרֵר עַכְשָׁו בְּשַׁבַּת הַגָּדוֹל בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, וְלִזְכֹּר אֶת גֹּדֶל הַנִּסִּים שֶׁעָשִׂיתָ עִם עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה, שֶׁרָצוּ הַמִּצְרִים לַעֲשׂוֹת הָרַע לְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וְעָשִׂיתָ נֵס גָּדוֹל, שֶׁהָרְגוּ בָּהֶם הַבְּכוֹרִים כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלו, י): "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", וְעַל יְדֵי זֶה נִצְּלוּ עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל מֵהֶם.

**וְלָכֵן**, אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, כְּמוֹ שֶׁעָשִׂיתָ נִסִּים לְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַזֶּה, כֵּן תַּעֲשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים נִגְלִים בַּיּוֹם הַזֶּה, וְתַצִּילֵנוּ מִכָּל מִינֵי אוֹיְבִים וּמַשְׁחִיתִים שֶׁקָּמִים עָלֵינוּ, תַּכְרִיתֵם וּתְבַטְּלֵם מֵאִתָּנוּ לְגַמְרֵי, וְיִתְבַּטְּלוּ כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא, וְלֹא יוּכְלוּ לַעֲשׂוֹת הָרַע לָנוּ וּלְזַרְעֵינוּ בְּשׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם.

**אָנָּא ה'**, זַכֵּנִי לוֹמַר הַיּוֹם אֶת סֵדֶר הַהַגָּדָה מִתְּחִלַּת "עֲבָדִים הָיִינוּ" עַד "לְכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ", שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר עַכְשָׁיו וּלְהַמְשִׁיךְ עָלַי כְּבָר הַיּוֹם הַזֶּה אֶת הֶאָרַת חַג הַפֶּסַח, אֲשֶׁר מַתְחֶלֶת לְהָאִיר מֵהַיּוֹם הַזֶּה, כִּי כָּל הַנִּיסִים וְהַיְשׁוּעוֹת שֶׁמְּאִירִים וְנִמְשָׁכִים בְּאֶמְצַע הַשָּׁבוּעַ, כְּבָר מַתְחִילִים מִיּוֹם הַשַּׁבָּת שֶׁלְּפָנָיו, וְעַל כֵּן בָּזֶה שֶׁאֶקְרָא אֶת הַהַגָּדָה מִתְּחִלַּת "עֲבָדִים הָיִינוּ" עַד "לְכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ", עַל יְדֵי זֶה אֶזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר בִּתְשׁוּבָה אֲמִיתִּית, וּלְהַזְכִּיר עַצְמִי שֶׁהָיִיתִי עֶבֶד לְתַאֲוֹתַי וּלְמִדּוֹתַי הָרָעוֹת כָּל הַשָּׁנָה, וְעַל יְדֵי הִרְהוּר תְּשׁוּבָה שֶׁיִּהְיֶה לִי, עַל יְדֵי זֶה תְּכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתַי, וְתַעֲשֶׂה עִמִּי נִסִּים נִגְלִים עַכְשָׁו בְּחַג הַפֶּסַח הַזֶּה.

**וְזַכֵּנִי** לוֹמַר הַיּוֹם אֶת הַפְטָרַת "וְעָרְבָה לַה' מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּוֹת" (מַלְאָכִי ג, ד), אֲשֶׁר שַׁיֶּכֶת לַשַּׁבָּת הַזּוּ שֶׁהִיא שַׁבַּת הַגָּדוֹל, שַׁבָּת קוֹדֶם הַגְּאֻלָּה, אֲשֶׁר בָּהּ נֶאֱמַר (שָׁם כג): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא", שֶׁסּוֹבֵב עַל הַגְּאֻלָּה הָעֲתִידָה, אֲשֶׁר קוֹדֶם בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בָּא יָבוֹא אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לְיַשֵּׁר אֶת לְבוֹת נִשְׁמַת יִשְׂרָאֵל, וּלְבַשְּׂרָן עַל הַגְּאֻלָּה, וְלָכֵן בְּשַׁבַּת קוֹדֶשׁ זוּ שֶׁנִּקְרֵאת 'שַׁבַּת הַגָּדוֹל', הֲכָנָה לִגְאֻלָּתֵנוּ, אוֹמְרִים אֶת הַהַפְטָרָה הַזּוּ דַּיְקָא, וְזַכֵּנִי לְהִתְעוֹרֵר אָז מְאֹד מְאֹד בְּעֵת אֲמִירַת הַהַפְטָרָה, וְלַחֲזֹר בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה.

**אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם!** זַכֵּנִי לִשְׁמוֹעַ בְּשַׁבָּת זוּ דְּרָשָׁה מֵרַב כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם אֲמִתִּי, שֶׁדּוֹרֵשׁ בְּהִלְכוֹת הֶחָג, וּמְעוֹרֵר אֶת הַלֵּב לִתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה, וְשָׁמְרֵנִי מִכָּל מִינֵי שֵׁדִין יְהוּדָאִין הָעוֹקְרִין אֶת בְּנֵי אָדָם מִמְּךָ, כִּי דִּבּוּרָם וּדְרָשׁוֹתֵיהֶם נִמְשָׁכִים מֵהָאַלְפִין הַנְּפוּלִין מֵהַשֵּׁדִים.

**זַכֵּנִי** לִשְׁמוֹעַ דְּרָשָׁה רַק מֵרַב כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם אֲמִתִּי, וְאֶזְכֶּה לְקַבֵּל אֶת חַג הַגְּאֻלָּה בִּרְצִיצָה וּבְחֶדְוָה וּבְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, לִהְיוֹת כְּלִי לְהַמְשָׁכַת אוֹר זִיו שְׁכִינַת עֻזְּךָ מִמַּעְלָה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה:

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

די זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר יֶעצְט גֶעזָאגְט, אִיז אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וָואס עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיף יֶעדֶע מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריַקַייטְן, מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים אוּן מֶען וְויל שׁוֹין מַאכְן אַ שִׁיעוּר, פַּאלְט מֶען פוּן דִי כּוֹחוֹת, אוּן מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: "נוּ! וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ דַף גְמָרָא אָדֶער אַ סִימָן שֻׁלְחָן עָרוּךְ? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי סֵיי וִוי גָאר נִישְׁט! אִיךְ וֶועל עֶס דָאךְ סֵיי וִוי פַארְגֶעסְן!", מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי סֵיי וִוי נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען, אַנְשְׁטָאטְס צוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן, נֶעמְט מֶען אַ צַייטוּנְג אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל, אָדֶער זִיצְט מֶען אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, מֶען פְּלוֹידֶערְט מִיט דִי וַוייבּ אָדֶער מִיט חֲבֵרִים, בִּיז עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיקְל צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קֵיין גְמָרָא אוּן עֶר בְּלַייבְּט אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ.

חוּץ מִזֶה, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג אוּן דִי שָׁעָה וָואס דוּ וֶועסְט דַארְפְן צוּרִיקְגֶעבְּן דַיין נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶס זַיין נַאקֶעט אָן קְלֵיידֶער, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז גָאר נִישְׁט חָשׁוּב נָאר דִי בִּיסְל תּוֹרָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אָבֶער וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר עֶפֶענְט אוֹיף דִי גְמָרָא אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיין אֵיין וָוארְט הֵייבְּט עֶר אָן זָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אוּן עֶר נֶעמְט אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן אָנְהֵייבּ אוֹרַח חַיִּים, עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן אַ סִימָן נָאךְ אַ סִימָן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַ דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶוען עֶר הָאט נָאר אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כֻּלוֹ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג, עֶר וֶועט דַארְפְן צוּרִיק גֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין נַאקֶעט אָן קְלֵיידֶער, עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט וָואס צוּרִיקְצוּגֵיין, עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס קֶענֶען זִינְגֶען וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן.

אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, פֶּרֶק נב, סִימָן ג): אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת בְּמִי שֶׁעָמֵל בָּהּ? בְּיוֹם אַחֲרוֹן - וֶוען זֶעהט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהן מִיט זַיין תּוֹרָה? בַּיי דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן. וַוייל אִין דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּנֶעם לֶעבְּן, זוּכְט מֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן אִין גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּן מֶען דֶערְמַאנְט עֶס אִים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל אַ יֶעדְן טָאג וִוי לְמָשָׁל אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַפָּאר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַפָּאר שִׁירוּת גְמָרָא א.א.וו. אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן, אָבֶער בַּיים לֶעצְטְן טָאג קוּמְט אִים אַלֶעס צוּנִיץ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (שָׁם): וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן, מַהוּ לְיוֹם אַחֲרוֹן? שֶׁכָּל מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים מְתֻקָּן לָהֶם לָעוֹלָם הַבָּא - אַז בַּיים לֶעצְטְן טָאג פוּנֶעם לֶעבְּן, וַוייזְט מֶען פַאר דִי צַדִּיקִים זֵייעֶר שְׂכַר.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם בּאידיש, פרק ט')

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### צווייטע הכנסת ספר תורה בבית מדרשינו אין קרית יואל

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו די הכנסת ספר תורה, די צווייטע ספר תורה וואס ווערט יעצט אריינגעגעבן צו אונזער בית המדרש "היכל הקודש" אין קרית יואל, דורך מו"ה אברהם חיים פארקאש מחשובי אנשי שלומינו.

די הכנסת ספר תורה וועט אי"ה פארקומען דעם שבת קודש, פאר קריאת התורה, בהיכל הבית המדרש אויף 6 העיס קט.

כתיבת האותיות איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש דאנערשטאג נאכט נאכן שיעור, ווי מוהרא"ש הארט צוגעענדיגט דעם ספר תורה.

דער בית המדרש איז שוין ברוך ה' ברייט באקאנט געווארן אין קרית יואל אלץ א פינת יקרת, א טייערע ווינקל, ווי אידן קומען שטענדיג אריין צו הערן דעם רבי'נס ווערטער און זיך מחזק זיין אנצוגיין ווייטער אין לעבן.

דער בית המדרש ווערט אנגעפירט דורך מו"ה יואל פארקאש נ"י, וועלכער לערנט פאר שיעורים אין בית המדרש דברי חיזוק והתעוררות, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ווי עס זאגן עדות אלע באי בית המדרש וואס זענען זיך מחי' מיט די דיבורים וואס גיבט זיין מוט און כח, אדורך צו קומען אלע שוועריקייטן אין לעבן.

עס איז באקאנט וואס רביה"ק שרייבט בכתיבת יד קדשו אינעם הייליגן ספר ויואל משה (שלש שבועות סי' ק"נ) נאכדעם וואס ער ברענגט אראפ דעם רבי'נס ווערטער אין שיחות הר"ן איבער דעם מצב ווי אזוי עס וועט אויסזעהן בעיקבתא דמשיחא, פירט ער אויס: "דאס איז א רוח הקודש וואס ער האט געזעהן ווי אזוי עס וועט אויסקוקן אונזער דור".

און דערפאר זעהט מען טאקע א גרויסע התעוררות ספעציעל אין קרית יואל, דעם רבי'נס שטעטל, צו הערן דעם רבי'נס דיבורים, וואס זענען גאר צוגעפאסט פארן היינטיגן דור, צו קענען איבערקומען אלע שווערע נסיונות פונעם דור.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך דער בית המדרש זייער שיין צואוואקסן, עס איז געווארן א צענטער פונקט פאר אידן וואס ווילן הערן דברי חיזוק.

דעם שבת הגדול וועלן זיך אלע צוזאמקומען צו די הכנסת ספר התורה, זיך פרייען מיט די הייליגע תורה.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

### מוהרא"ש צוריקגעקומען פון ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך מוהרא"ש צוריקגעקערט די וואך פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

דער וועכנטליכער שיעור איז ברוך ה' ווייטער פארגעקומען, ווי מוהרא"ש האט ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון שבת הגדול, און ווי אזוי צוצוגיין צום הייליגן יום טוב פסח.

**הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה יואל ישראל ווייס נ"י

צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**שמח תשמח רעים האהובים!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:**

**breslevcenter@gmail.com**

Best prices on
Toners & Office Supplies
We beat Staples & Amazon by 10%!
* Rest. Apply
Moshe Schnitzler
347-585-6166
moshe2401@gmail.com



Sponsored by:
BIG APPEL WOODWORKING
Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling
Isaac Appel
718.636.9667
646.302.8957

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

יום טוב פסח, שנת תשע"ב לפ"ק | גליון מספר 25


**זמנים**

הדלקת הנרות..................7:08
מוציו"ט............................8:41
סוף זמן ק"ש......................9:07

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................כריתות י"ט
ירושלמי.......................מגילה כ'
תוספתא...........................דמאי פרק ו'

## הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

### ~ בְּלִיצְן אוֹיף דִי הַגָּדָה, פוּן הַגָּדַת אוֹר זָרוּעַ ~

### סֵדֶר

**דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "סֵדֶר נַאכְט"**

דֶער טַעַם פַארְוָואס עֶס וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְש פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט'ס גֵייט אִים אַלֶעס נִישְׁט אִין אַ סֵדֶר, עֶס זֶעהְט אִים אוֹיס אַז זַאכְן גֵייעֶן אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, אָבֶער וֶוען אַ אִיד ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֵייט אִים אַלֶעס וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, ווייל עֶר ווייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ סֵדֶר. דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן דִי נַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ משֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער" רוּפְט מֶען עֶס אָן מִיטְן נָאמֶען "סֵדֶר".

***

### סִימָנֵי הַסֵּדֶר

דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי סִמָּנִים, **"קַדֵּשׁ וּרְחַץ א. א. וו."**, ווייל וֶוען אַ אִיד ווִיל אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין ווָאויל אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ לִיסְטֶע, אַ צֶעטְל וָואס עֶר ווִיל אַלְם טוּהן, אוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאכְן, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם סֵדֶר, מֶען ווִיל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט מֶען קוֹדֶם אַ לִיסְטֶע פוּן וָואס מֶען ווִיל טוּהן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן.

***

### וּרְחַץ - כַּרְפַּס

אִין דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוען מִיר וֶוערְן גֶעוָואר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי מִיר זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים, דֶערְפַאר וַואשְׁן מִיר זִיךְ דִי הֶענְט, צוּ ווַייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט.

אוּן וֶועגְן דֶעם ווַאשְׁן מִיר זִיךְ פַאר מֶען עֶסְט דִי כַּרְפַּס, אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל גְרִינְצֵייג, צוּ ווַייזְן אַז אֲפִילוּ צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצֵייג, דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אָן אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אוּן גְלַייכְצַייטִיג צוּ ווַייזְן אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז פוּנְקְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס", פַארְלָאז מִיר זִיךְ אוֹיף אִים, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ גֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס", וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה ""חוּר כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת" וָואס דָאס מֵיינְט טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

המשך בדף ב

## סִפּוּרֵי צַדִּיקִים

### ~ דָא וואוֹינְט אַ אִיד ~

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זִי"עַ.

שַׁבָּת בַּיים טִישׁ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מְכַבֵּד גֶעוֶועְן רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער צוּ זָאגְן תּוֹרָה.

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן פָּסוּק, אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט אִין מִצְרַיִם בַּיי מַכּוֹת בְּכוֹרוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע'הַרְגֶ'ט אַלֶע בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִיִים, אוּן בַּיי דִי אִידִישֶׁע הַייזֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן אוּן גֶעלָאזְט לֶעבְּן אַלֶע אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִויאַזוֹי טַאנְצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּער אַ הוֹיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעְרָאל?, עֶר אִיז אֵייבִּיג אִין דִי הוֹיז אוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם הוֹיז, וִויאַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן?

נָאר וָואס דֶען, הָאט ר' משֶׁה לֵייבּ זִי"עַ גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי אִידְן טוּעֶן וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן, "דָא וואוֹינְט אַ אִיד!" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד!".

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן, "דָא וואוֹינְט אַ אִיד!" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד!".

***

### ~ פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ הָאט אַמָאל גֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד, רֶבִּי דָוִד פוּן

המשך בדף ב

# הַגָדָה שֶׁל פֶּסַח

און אִיך דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס" וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, און אִיךְ בֶּעהט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער, פַאר דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" דִי טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

***

## הָא לַחְמָא עַנְיָא

**כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל** - וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן.

אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אָבֶּער דֶער גָלוּת אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ קַארְגֶער, עֶר וִויל נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן זַיינְס אַ זַאךְ פַאר אַ צְוֵויטְן, וַוייל עֶר וֶועט דָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, וֶועגְן דֶעם דִי נַאכְט הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַ בְּרֵייטֶע שֵׂכֶל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן, קֶען מֶען שׁוֹין גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵויטְן, און דֶערְפַאר זָאגְן מִיר "כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל" מִיר טֵיילְן פַאר יֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ.

***

## עֲבָדִים הָיִינוּ

דִי תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אִיז "**עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם**", מִיר הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז עֶפֶּעס טוּהן אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַלֶע צָרוֹת, אָבֶּער יֶעצְט פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ לֶעבְטִיגְקֵייט, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קְנֶעכְט פַאר קֵיינֶעם.

***

## כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ הַלֵילוֹת

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל פַאר אַ אִיד, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

***

## מִתְּחִילָה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה

דָאס אִיז דִי מַעֲלֶה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן תֶּרַח, וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, און פוּן דֶעסְוֶועגְן הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדֶע אִיד, וֶוען עֶר פִילְט אַז עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת, און עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאךְ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ, און עֶר כַאפְּט אַרַיין מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***

## "וְהִיא" שֶׁעָמְדָה

דָאס וָוארְט "הִיא" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי דָאס וָוארְט "אַיֵה", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אַיֵה" מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, דָאס מֵיינְט, אַ אִיד פְרֶעגְט "וִוי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ אִיד וָואס פִילְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער וִוי בִּיזְטוּ? אִיךְ וִויל דִיר זֶעהן, אִיךְ וִויל פִילְן אַז דוּ בִּיזְט מִיט מִיר, און דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס", און אַזוֹי וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

המשך בדף ג

# סִפּוּרֵי צַדִיקִים

מִיקוּלֵייב זִ"יעַ, צוּ דִי לַאנְד בּוּקֶעוִוינֶע, צוּ אָנְגְרֵייטְן וֵויין אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, און פַאר אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל אִין אוּקְרַיינֶע וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ הָאט גֶעוואוֹינְט, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין גוּטֶע טְרוֹיבְּן צוּ מַאכְן וֵויין.

רֶבִּי דָוִד אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן נָאךְ אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, און דוּרְךְ גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין בּוּקֶעוִוינֶע, און דָארְטְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דִי וֵויין מִיט גְרוֹיס זְהִירוּת און אָפְּגֶעהִיטְנְקַייט אַז עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוֹיף פֶּסַח.

עֶר הָאט אַלֵיינְ'ס אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי טְרוֹיבְּן, אַלֵיינְ'ס גֶעקְוֶועטְשְׁט דִי טְרוֹיבְּן, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט דֶערְצוּ, נָאר עֶר אַלֵיינְ'ס הָאט אָפְּגֶעהִיטְן דִי וֵויין וִוי אַן אוֹיג אִין קָאפּ, אֲפִילוּ בַּיינַאכְט אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן נֶעבְּן דִי וֵויין, עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת גֶעוֶוען פוּן דִי וֵויין אַ גַאנְצְן צַייט.

בִּיז נָאךְ חֳדָשִׁים פוּן אַרְבֶּעט אִיז דִי וֵויין שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט, און עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק, צוּ בְּרֶענְגְן דִי וֵויין פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ.

וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר נָאנְט צוּם הוֹיז פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, שְׁטֶעלְט אָפּ דִי פָּאלִיצֵיי, און פְרֶעגְן אִים: "וָואס הָאסְטוּ דָא אִין דִי פַאס?", רֶבִּי דָוִד עֶנְטְפֶערְט: "וֵויין וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִין בּוּקֶעוִוינֶע" דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן אִים אָבֶּער נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט און גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר הָאסְטוּ דָארְט בְּרָאנְפְן, וָואס דָאס טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד לוֹיטְן גֶעזֶעץ?" רֶבִּי דָוִד הָאט צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶס אִיז נָאר וֵויין, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, בִּיז דֶער גוֹי הָאט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד גֶעמַאכְט אַ קְלֵיין לָאךְ אִינֶעם פַאס, און פַארְזוּכְט דִי וֵויין, און דֶעמָאלְטְ'ס הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט אַז עֶס אִיז טַאקֶע וֵויין, און עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן רֶבִּי דָוִד און זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

אָבֶּער יֶעצְט אִיז שׁוֹין דִי וֵויין גֶעוָוארְן "יֵין נֶסֶךְ", אַזוֹי וִוי אַ גוֹי הָאט גֶעטְרִינְקֶען דֶערְפוּן, קֶען מֶען עֶס מֶער נִישְׁט נִיצְן.

רֶבִּי דָוִד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ און אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, מַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן אַזוֹיפִיל צַייט און טִירְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי וֵויין אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען קֶען נִישְׁט נִיצְן דִי וֵויין, עֶס אִיז גֶעוָוארְן יֵין נֶסֶךְ, זָאל מִיר דֶער רֶבִּי זָאגְן וָואסֶערֶע עֲבֵירָה הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהן אַז עֶס קוּמְט מִיר אַזַא עוֹנֶשׁ?".

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט טַאקֶע אַלֶעס זֵייעֶר גוּט גֶעטוּהן, הָאסְט

המשך בדף ג

# סִפּוּרֵי צַדִּיקִים

גֶעהִיטְן אוֹיף דִי וֵויין זֵייעֶר גוּט, נָאר אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ פַּארְגֶעסְן, דֶעם פָּסוּק "אִם ה' לֹא יִשְׁמָר עִיר, שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר" אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט נִישְׁט דִי שְׁטָאט, קֶען עֶס קֵיינֶער נִישְׁט הִיטְן, דוּ הָאסְט טַאקֶע גֶעהִיטְן דִי וֵויין, אָבֶּער דוּ הָאסְט פַּארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס הִיטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

(שִׂיחוֹת מוֹהָרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג פֶּסַח)

***

## ~ אוֹיסְגֶעבֶּעטֶענֶע מַצּוֹת ~

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער פְלֶעגְט צוּגְרֵייטְן זַיינֶע מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְהִירוּת, מַמָּשׁ אוֹיסֶער גֶעוֶוענְטְלִיךְ, עֶר פְלֶעגְט אִין וִוינְטֶער אַלֵיינְ'ס אַיינְפְלַאנְצְן דִי וֵוייץ, אַלֵיינְ'ס גֶעגָאסְן וַואסֶער, אַלֵיינְ'ס גֶעשְׁנִיטְן אוּן גֶעמָאלְן, אַלֵיינְ'ס גֶעקְנֶעטְן אוּן גֶעבַּאקְן, אַלֶעס מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְטְלִיכֶע זְהִירוּת.

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח נָאכְן בַּאקְן דִי מַצּוֹת, אִיז רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מַצּוֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח.

אוֹיפְ'ן וֶועג בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס גֵייט אוֹיךְ אַהֵיים מִיט זַיינֶע מַצּוֹת, אוּן דֶער אִיד גֵייט אַזוֹי טַאנְצֶענְדִיגֶערְהֵייט, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ פְרֵיילִיךְ לִיד, רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: "דֶער אִיז אִיז נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן מִיר מִיט זַיינֶע מַצּוֹת, וָואס מֵיינְט דָאס?" עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאלְסְט וִויסְן רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת וִוי דֶער רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע מַצּוֹת, בִּין אִיךְ נֶעכְטְן אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיינַאכְט, אוּן אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, אוּן בַּיים דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מַצּוֹת, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּאקְן מַיינֶע מַצּוֹת, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי מַצּוֹת זֶענֶען זִיכֶער גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ".

וֶוען רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם אִיד: "אִיךְ בֶּעהְט דִיר אֶפְשָׁר לָאמִיר מַאכְן אַ טוּישׁ, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן מַיינֶע מַצּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דַיינֶע מַצּוֹת, וַוייל אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז מִיט דַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאסְטוּ אַסַאךְ מֶער אוֹיפְגֶעטוּהן, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב פוּן מֵיינֶע מַצּוֹת"

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהָרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג פֶּסַח)

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

## וְאֶת לַחֲצֵינוּ - זוֹ הַדְּחַק

דֶער עִיקָר סִיבָּה פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז "זוֹ הַדְּחַק", אַז דֶער מוֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּקְוֶועטְשְׁט, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר קֶען עֶפֶּעס אַלֵיין טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר טוּט זַאכְן אוּן עֶס גֶעלוּנְגְט נִישְׁט, רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, אָבֶּער וֶוען אַ יוּד וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזַא יוּד הָאט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

***

## כַּמָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת

מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעטוּהן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ יוּד הָאט צָרוֹת, זָאל עֶר גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים אוֹיךְ אַסַאךְ גוּט'ס, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּט'ס, אוּן אַז עֶר וֶועט דָאס טוּהן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

***

## מָרוֹר זֶה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז דִי כְּזַיִת מָרוֹר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין פַּרְנָסָה.

מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי כְּזַיִת בִּיטֶערֶע מָרוֹר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, גֶעדֶענְקְט עֶר אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּט'ן, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

***

## בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען יְצִיאַת מִצְרַיִם, וַוייל אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז אוּנְז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט,

המשך בדף ד


בית המדרש היכל הקודש ברסלב

קרית יואל יצ"ו

8 Hayes Ct.

צדיק בא לעיר

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיר וועלן האבן די זכי' אז

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

וועט קומען צו אונז און געבן א שיעור

דברי התחזקות והתעוררות בקדושת ימי הפסח

מאנטאג נאכט חול המועד

בשעה 9:00

בהיכל בית מדרשינו

שמעו ותחי נפשכם

## הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

דִי זֶעלְבֶּע הַיינְט, וֶוען אַ יוד הָאט צָרוֹת און עֶר זֶעהט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס וֶועט אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

***

## מְקִימִי מֵעָפָר דָּל - לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז און גֶעבְּרֶענְגֶט צוּם צַדִיק, און מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן צַדִיק און מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

***

## רָחֲצָה

פַארְן עֶסְן דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט צוּ וַוייזְן אַז נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט הָאבְּן מִיר פַּרְנָסָה, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אוּנְז אַלֶעם.

***

## בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא, און מוֹהֲרַא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט בֶּענְטְשְׁן וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע און הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

***

## הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ יוד וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ "אֱמוּנָה", צוּ גְלֵייבְּן אֱמֶת'דִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אֱמוּנָה.

און אוֹיבּ קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אַלֵיינְ'ס, אַז עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן, און אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוד.

***

## מִן הַמֵּיצַר קָרָאתִי קָה

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי אוֹיל פוּן דִי אֵיילְבִּירְטְן נָאר אוֹיבּ מֶען צוּקְוֶועטְשְׁט עֶס, דִי זֶעלְבֶּע דִי יוּדְן קוּמֶען נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מֶען צוּקְוֶועטְשְׁט זַיי, זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, דֶערְפַאר "מִן הַמֵּיצַר" - וֶוען אַ יוד אִיז צוּקְוֶועטְשְׁט, עֶר הָאט צָרוֹת, אִיז דִי עֵצָה "קָרָאתִי קָה" - עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***

## אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה

אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים - יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁטֵיין וָואס אִיז נִישְׁט גָארְנִישְׁט וֶוערְט, הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה - דִי צַדִיקִים הָאבְּן מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, וָואס מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

***

## זֶה "הַיּוֹם" עָשָׂה ה'

אַ יוד דַארְף גֶעדֶענְקְן "זֶה הַיּוֹם", אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעטוּהן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, נָאר טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ קֶען "יֶעצְט" אַרֵיינְכַאפְּן אַ גוּטֶע זַאךְ.

***

## כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר אוֹתוֹ

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעדֶענְקְט דִי נִסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרָיִם, אַזוֹי זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקְן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אַלֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּנְז.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### סדר הלימודים אין ישיבה האלט ווייטער אן במשך "בין הזמנים"

א גרויסער דורכברוך בעולם הישיבות, ווען מען האט איינגעפירט בישיבתינו הק' נישט צו מאכן קיין "בין הזמנים", די בחורים זיצן ווייטער לערנען א גאנץ חודש ניסן מיט גרויס התמדה, עס קומען ווייטער פאר די טעגליכע שיעורים פון ראש ישיבה, אלעס גייט ווייטער ווי געהעריג.

ווי באקאנט האבן אלע צדיקים געבלוטיגט אויף דעם "בין הזמנים", ווען מען ברענגט אן די צייט מיט אלע נארישקייטן, מוהרא"ש ברענגט אין קונטרס "בין הזמנים", אז עס איז נאר דא איין צייט וואס א מענטש האט "בין הזמנים", דאס איז בין מיתה לקבורה, נאכן שטארבן פארן באערדיגן, אבער א גאנץ לעבן דארף א איד שטענדיג אריינכאפן נאך תורה ומצות, און נישט חס ושלום פארברענגן די צייט, וואס דאס ברענגט צו די ערגסטע ח"ו.

די בחורים האבן זיך זייער שטארק צוגעכאפט דערצו, צו קענען ווייטער זיצן בין כותלי הישיבה, און לערנען די הייליגע תורה שיעורין כסדרן, ובנוסף צו קענען הערן נאך שיעורים פון ראש ישיבה, וואס זענען מחי' נפשות, וואס געבן אריין חיות אין די בחורים, און דערנענטערן זיי צום אייבערשטן,

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

### שיעורים פון מוהרא"ש חול המועד

אי"ה מאנטאג נאכט וועט פארקומען א שיעור פון מוהרא"ש אין אונזער בית המדרש אין קרית יואל אום 9:00 ביינאכט.

די געווענטליכע שיעור וועט זיין אי"ה מיטוואך נאכט חול המועד אום 8:30 ביי מוהרא"ש אין בית המדרש אין בארא פארק.

**שמעו ותחי נפשכם!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר אונזער טייערע

חבר, וועלכע איז איבערגעגעבן בלב ונפש צו העלפן

ראטעווען אידישע קינדער, ער שטייט גרייט

ארויסצוהעלפן מוסדותינו הק' בכל עת ועונה ה"ה

**מו"ה לייבי שלעזינגער נ"י**

צו די שמחת בר מצוה פון זיין טייער זוהן

**הבחור החשוב שמואל נ"י**

דער אייבערשטער זאל אים געבן פיהל אידיש נחת, מיט

אלעם גוט'ס ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.........................7:16
מוציו"ט.................................8:47
סוף זמן ק"ש..........................9:02

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............כריתות כ"ה
ירושלמי..........מגילה כ"ו
תוספתא.........תרומות פרק ד'

שביעי של פסח, שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 26


# מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה

**דִי סְעוּדָה פוּן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", אוּן אוֹיךְ "בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם נֵס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דֶעם טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגֶן מָשִׁיחַ.**

**מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה בַּיי דִי סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, מִיר וֶועלְן עֶס דָא אַרָאפּבְּרֶענְגֶען לוֹיט וִוי מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט דָאס, לוֹיט וִוי עֶר הָאט מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.**

### מֶעזֶעבִּיזְשׁ

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ", דָאס אִיז טַאקֶע אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעטְל אִין אוּקְרַיינֶע, אָבֶּער פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא לֶעכטִיגְקֵייט, וָואס הָאט בַּאלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיין זַאךְ, אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אִיז נָאר וִוי לַאנְג מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין, אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וִוי נָאר אַ יוּד לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט, אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶר אַ גְלִיקְלֶעך לֶעבְּן, וֵוייל עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְ'ס, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קוּמֶען אַסַאךְ יוּדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וַוייל יֶעדֶער הָאט לִיבּ צוּ הֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס פְּלֶעגְן קוּמֶען אַלֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן סַיי פָּשׁוּט'עֶ יוּדְן שׁוּסְטֶער'ס אוּן שְׁנַיידֶער'ס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן חָשׁוּב'עֶ יוּדְן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע צָרוֹת נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדְן אוֹיס, אוּן עֶר הֶעלְפְט.

אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְן "מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה", אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אַסַאךְ מוֹפְתִים, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער קְלֵיין שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ" גֶעוָוארְן וִוי אַ מַאגְנֶעט, וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ אַסַאךְ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי מִתְנַגְּדִים

אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קֵיין מִתְנַגְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג וֶוען אַ צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס גוּטֶע זַאכְן פַאר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, וִוי מִיר טְרֶעפְן שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן קְוֶועלֶער וַואסֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט קְוֶועלֶער פוּן אֱמוּנָה, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵיצִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן זֵייט דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהט אַזוֹי בַּיי יֶעדְן צַדִּיק, אַז עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף זֵיי.

### דִי וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט

אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וִוי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער גְּרָ"א זי"ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער זֵייעֶר מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן נִישְׁט וִוי סְתַּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט סְתַּם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֵוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ נַייעֶ וֶועג, אוּן מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיס נַייעֶ גְרִינְגֶע וֶועגְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע יוּדְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל אִיז נָאר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעֲנֶה'ט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "וֶוער הָאט אֵייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דַיין נַייעֶם וֶועג? מִיר הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זוּכְן קֵיין נַייעֶ וֶועגְן, ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר קוּמֶען מִיט נַייעֶ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט?!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם נַייעֶ זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי פְּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה, וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת. "אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען פַאר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט, צוּ דֶערְמַאנֶען יוּדְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ טָמֵא'נֶער גוֹי רֶעדְן, אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ שְׁלִיחוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם דִיר גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן.

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעטַאנְצְן פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם! חַס וְשָׁלוֹם!" ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ טָמֵא'נֶער גוֹי אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אוּן יֶענֶע מִינוּט הָאט אַ גוֹי, וָואס פַארֶערְכְט קְלֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן, אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט "אֶפְשַׁר אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ פַארֶערְכְטְן דָא?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "קֶענְסְט גֵיין, בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה' אַלֶעס פַארֶערְכְטְן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ פַארֶערְכְטְן דָא", אָבֶּער דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשַׁר אִיז דֶער טִישׁ אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען עֶס פַארֶערְכְטְן?" זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער טִישׁ אִיז בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר גוּט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן" דֶער גוֹי פְּרֶעגְט וַוייטֶער: "אֶפְשַׁר אִיז דֶער בֶּעט אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?" זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער בֶּעט אִיז בָּרוּךְ ה' אוֹיךְ זֵייעֶר פַיין" דֶער גוֹי לָאזְט נִישְׁט אָפּ עֶר פְּרֶעגְט וַוייטֶער: "אָבֶּער דָאךְ קוּק גוּט אִיבֶּער, אֶפְשַׁר אִיז דָאךְ דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף דָא פַארֶערְכְטְן?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶנְטְפֶערְט אִים וַוייטֶער: "קֶענְסְט גֵיין אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' פַארָאכְטְן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפְן" דֶער גוֹי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.

רוּפְט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן צוּ דֶעם גָאוֹן, וָואס הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם גוֹי, עֶר אִיז דָאךְ מַיין "מוּסַר סֵפֶר" עֶר אִיז מִיר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען, אַז אִיךְ זָאל מִיר נָאכְאַמָאל גוּט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, אוֹיבּ אִיךְ בִּין גוּט אוֹיבּ אִיךְ פִיר מִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה' אַלֶעס פַארַאכְטְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז טַאקֶע ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארָאכְטְן, אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט.

**דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע צָרוֹת נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדְן אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְט.**

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם גָאוֹן: "יֶעצְט זֶעהְט אִיר דָאךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שִׁיקְן אַ גוֹי פַאר אַ שְׁלִיחַ מִיר צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן!"

## דוּ קֶענְסְט נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ נָאךְ אָנֶעמֶען פוּן אֵייךְ, וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהְט נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ טָמֵא'נֶער גוֹי קֶען זַיין אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנֶעמֶען!"

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ דָאס אָנֶעמֶען, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווִילְן וֶועסְטוּ קֶענֶען!".

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים שְׁטֶעלְט אַ גוֹי אָפּ דֶעם וָואגְן פוּנֶעם גָאוֹן אוּן זָאגְט ווֵיינֶענְדִיג: "אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר מִיר קוּמֶען הֶעלְפְן מַיין וָואגְן מִיטְן פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע פְּרוּכְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן בִּיטֶע קוּמְט'ס מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן".

זָאגְט אִים דֶער גָאוֹן: "דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן אַ וָואגְן" דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ מִיךְ הֶעלְפְן, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן!" וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק, יֶעצְט הֶער אִיךְ דָאךְ מַמָּשׁ אַ שְׁלִיחוּת פוּן הִימְל דוּרְךְ אַ גוֹי" עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וָואגְן וָואס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם גוֹי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוייל יֶעצְט הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם גוֹי אַז עֶר קֶען יָא נָאר עֶר ווִיל נִישְׁט מְמֵילָא קֶען עֶר יָא גְלֵייבְּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "בִּיזְט שׁוֹין מִן הַסְתָּם אוֹיךְ גֶעוָואוֹיר גֶעוָוארְן וָואס אַסַאךְ אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

## דִי נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהְן דָארְט ווִי עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס עֶר הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶע נַאכְט תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶס פְּלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אַסַאךְ נְשָׁמוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט

אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז פוּן דִי רוּחַ דְאַצִילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ אוּן עֶר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֵיינְס קוּמְט פוּן דִי נֶפֶשׁ דְאַצִילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אִים טְרֶעפְן וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי צוּזַאמֶען קֶענֶען אוֹיךְ אַרָאפּ בְּרֶענְגְן דִי נְשָׁמָה דְאַצִילוּת פוּן דָוִד אוּן אוֹיךְ דִי חַיָה אוּן יְחִידָה דְאַצִילוּת אוּן אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען אוּן עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז פָארְן צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים צוּ טְרֶעפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אִיךְ קוּם אָן עֶרְגֶעץ אוֹיבְן אִין הִימְל טְרֶעף אִיךְ שׁוֹין דָארְט דֶעם סְפַרְדִי״ מֵיינֶענְדִיג מִיט דֶעם דֶעם הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין הֵיילִיגֶער שְׁוָואגֶער ר׳ גֶרְשׁוֹן קִיטֶעוֶוער וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז עֶר זָאל פְּרֶעגְן דֶעם אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ אוֹיבּ עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ הָאט צוּרִיקְגֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אַז עֶר זָאל קוּמֶען וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז דֶער בְּרִיוו קוּמְט צוּרִיק, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אוּן וֶוען דֶער בְּרִיוו אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדֶע פְּרַייז, עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זַיין טָאכְטֶער אָדְל מִיט זַיין סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי ז״ל אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פוּן דָארְף צוּ דָארְף בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אָדֶעס, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּארְטְן פוּנֶעם שְׁוַוארְצְן יָם, פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ שִׁיף צוּ טֶערְקַיי אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אִינְסְטַאנְבּוּל מַמָשׁ פַאר פֶּסַח.

דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל אִיז גֶעוֶוען אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט צְוֵויי שְׁטָאקְן, דִי אִינְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִיז גֶעוֶוען פַאר אָרִימֶעלַייט אוּן אָרְחֵי פָּרְחֵי וָואס זֶענֶען דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען,

אוּן אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען דִי חָשׁוּבֶע יוּדְן מִיט עֲשִׁירִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען פְּלוּצְלִינְג מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּן מִיט זַיין תַּלְמִיד דֶער סוֹפֵר, קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם גֶעלְט מִיט זִיךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט אַרוֹיסְצוּפָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶפֶּעס דַארְפְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי פְּלַאצִירְט אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק מִיט דִי אָרִימֶעלַייט.

דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶער פַאר דִי טָאכְטֶער דִי צַדֶיקֶת אָדְל הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ קוֹיפְן זַאכְן פַאר פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין פְרִישֶׁע וֶועשׁ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.



עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פַאר פֶּסַח דִי צַדֶיקֶת אָדְל הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵיין הֶעמְד פוּן אִיר טַאטְן, זִי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֶעמְד אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם עֶס אוֹיסְוַואשְׁן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל כָאטְשׁ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד אוֹיף יוֹם טוֹב, זִי אִיז גֶעזִיצְן בַּיים יַם אוּן גֶעוַואשְׁן דֶעם הֶעמְד אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי

זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס אוֹיף פֶּסַח, אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּלָאזְן דִי הֶעמְד פוּן אִיר הֶענְט, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אַ הֶעמְד הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט פַאר אִיר טַאטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זֶענֶען דָא אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד, מָארְגְן אִיז שׁוֹין פֶּסַח אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין מַצוֹת אוּן וַויין אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן יֶעצְט הָאב אִיךְ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי לֶעצְטֶע הֶעמְד אוֹיךְ, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר!״

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט אַ פָּאר-פָאלְק אַ מַאן אוּן אַ וַוייבּ אוּן זֵיי זֶעהֶן וִוי אַ פְרוֹי זִיצְט אוּן וֵויינְט הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער בִּיזְטוּ? אוּן פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קֵיינֶעם דָא אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אוּן זִי זִיצְט דָא אוּן זִי בֶּעהט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן.

דִי פָּאר-פָאלְק זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶערוּפְן אוֹיפְן וָואגְן, זִי אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיין תְּפִלָה, מִיר הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן נַייעֶ וֶועשׁ אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט, עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק פוּן דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעהָאלְפְן אַרוֹיף שְׁלֶעפְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן זֵיי הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג.

## דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט מוֹפְתִים

וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פָּאר-פָאלְק? אִין דִי צַייט וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעְסְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נָאר פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַ יֶעדֶע צָרָה וָואס מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן זָאגְט עֶר אַז מֶען זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט און מֶען זֶעהט גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיי אִים, קְרַאנְקֶע וֶוערְן גֶעזוּנְט, אָרִימֶעלַייט בַּאקוּמֶען גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין דִי שְׁטָאט בֶּערְלִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אַ פָּאר-פָאלְק אַ מַאן און וַוייבּ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן און אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעלָאפְן צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹרִים אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער, און זֵיי זָאלְן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

אֵיינְמָאל הָאט צוּ זֵיי אַרַייְנְגֶעקְלַאפְּט אַ יוּד נָאךְ צְדָקָה, דֶער יוּד הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי פָּאר-פָאלְק זֶענֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? וָואס פֶעלְט עֶנְק דֶען? אִיר הָאט דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלְט און אַזֶעלְכֶע מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאצְן?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִין דִי צַייט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער און עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער", הָאט זֵיי דֶער גַּבַּאי צְדָקָה גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִין דֶעם שְׁטֶעטֶעלֶע מֶעזֶעבִּיזְשׁ אִין אוּקְרַיינֶע וואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס עֶס אִיז נִישְׁט זַיינְ'ס גְלַייכְן אִין דִי וֶועלְט, עֶר הֵייסְט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב און עֶר מַאכְט מוֹרָא'דִיגֶע מוֹפְתִים, אַסַאךְ יוּדְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער בַּיי אִים, אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶערָאטְן אַז אִיר זָאלְט אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ אִים און בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, עֶר הָאט זֵיי שְׁטַארְק צוּגֶערֶעדְט אַז זֵיי זָאלְן פָארְן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס קֶענְט אִיר דֶען פַארְלִירְן? כַאפְּט אַייךְ אַרִיבֶּער און אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן!".

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער און זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אָז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ פֶּסַח הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַיינְגֶעפַּאקְט צוּ עֶסְן פַאר אַ גַאנְצֶע פֶּסַח מַצוֹת, וַויין, פִישׁ, און פְלֵייש, און אַלֶעס גוּט'ס אַז אוֹיבּ זֵיי בְּלַייבְּן אִינְמִיטְן וֶועג אוֹיף פֶּסַח זָאלְן זֵיי נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיין מֶענְטְשְׁן נָאר אַדְרַבֶּה זֵיי זָאלְן נָאךְ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּ מֶעזֶעבִּיזְשׁ.

נָאךְ אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע רַייזֶע זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מֶעזֶעבִּיזְשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וואוֹינְט, אָבֶּער מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דִי וָואךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ אוֹיפְן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און מֶען הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דֶער וֶועג וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין סַיי וִוי גֶעפָארְן אַזַא לַאנְגֶע וֶועג בִּיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין וַוייטֶער נָאכְפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, כְּדֵי אִים צוּ כַאפְּן און בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער.

> **דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, און עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.**

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן פוּן דָארְף צוּ דָארְף פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אָבֶּער וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט דָא גֶעוֶוען, און עֶר אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט אַוֶועקְגֶעפָארְן לוֹיפְט אִים נָאךְ וֶועט אִיר אִים אֶפְשָׁר נָאךְ כַאפְּן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גַאנְצְן צַייט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אָדֶעס צוּם יַם, און דָארְט הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף קֵיין טֶערְקַיי, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שִׁיף מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ אוֹיף פֶּסַח און גֶעפָארְן צוּ טֶערְקַיי און זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אִינְסְטַאנְבּוּל, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ צוּגֶעפָארְן צוּ דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים און זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ שְׁטוּבּ אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק וִוי דִי עֲשִׁירִים שְׁטֵייעֶן אַיין און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט אוֹיף פֶּסַח.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּפְרֶעגְן וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דָאס אִיז, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צְוִוישְׁן דִי אָרִימֶעלַייט און זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעזֶעהן אַ אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁער חָכָם פוּן אוֹיסְלַאנְד אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּם יוֹם טוֹב, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי גֶעוואוֹיר וֶוערְן וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפִינְט זִיךְ, עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי עֶר אִיז, און אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בָּארְטְן פוּן יַם און דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ פְרוֹי וֵויינֶען, און זִי דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און זֵיי הָאבְּן אִיר אֵיינְגֶעלַאדְנְט אַז זִי זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף פֶּסַח.

### דִי סֵדֶר נַאכְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל

אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֲפִילוּ זִי הָאט גֶעוֵוייְנְט אַז זִי הָאט נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אָבֶּער זִי הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן דִי פָּאר-פָאלְק וָואס הָאט זֵיי אַרַיין גֶענוּמֶען אוֹיף פֶּסַח.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ מִנְחָה און דֶערְנָאךְ צוּ מַעֲרִיב.

נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט שׁוֹין זַיין טָאכְטֶער אִים אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן און אִים גְלַייךְ גֶעפִירְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִין דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ

און אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיפְן בַּעַל




שֵׁם טוֹב, דער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארנִישְׁט געפְרֶעגְט נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט אוֹיבְּן אָן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָדָה, אוּן אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה וָואס דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי סְעוּדָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דִי פָּאר-פָאלְק אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווֵייס אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען דָא, וַוייל אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר ווָאוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אָן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד!"

גְלַייךְ וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן ווַייס ווִי דִי ווַאנְט אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְּלַאץ מִיט פְרֵייד אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: "ווָועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא!" אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

זַיין טָאכְטֶער אָדֵל הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּשַׁט דֶערְפוּן אַז אַזוֹי ווִי דִי פָּאר-פָאלְק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער אוּן ווַייל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי אָנְגֶעוָואוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ קִינְד אוּן כְּדֵי דָאס זָאל גֶעשֶׁעהֶן הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁעהֶן אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַרוֹיס פוּן דֶרֶךְ הַטֶבַע, דֶערְפַאר הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא, דֶערְפַאר אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעוָוארְן אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר ווֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז יֶעצְט גֵייט עֶר שׁוֹין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ'ס, אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאךְ מֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָזוֹן אוּן ווַייטֶער גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַלֵל הַגָדוֹל.

## לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּ'חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ ווֵיינֶענְדִיגֶע קוֹל עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ בֶּעטֶענְדִיגֶע ווֵיינֶענְדִיגֶע נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן אוֹיךְ זַיין ווַייבּ, נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן נָאכְדֶעם דִי צַדֶיקֶת אָדֶל, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף עֶר זִינְגְט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

## דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקַיי

דֶער סוּלְטַאן, דָאס מֵיינְט דֶער קֶענִיג, פוּן טֶערְקַיי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער קֶענִיג עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ פְּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזֶעהֶן ווָאס עֶס פֶעלְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט, פַאר אֵיינֶעם אַ דָאקְטֶער אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווָאוּסְט פוּן ווִי עֶר ווֵייסְט ווָאס עֶס פֶעלְט פַאר יֶעדְן.

עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט יָארְן לַאנְג בִּיז אֵיינְמָאל ווֶוען עֶר אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט הָאבְּן אִים רוֹיבֶּער'ס גֶעכַאפְּט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווָאוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן אִים סְתָּם אַזוֹי גֶעכַאפְּט אוּן צוּגֶענוּמֶען זַיין גֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים גֶעווָאלְט הַרְגְ'עֶנֶען.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעווָאנְדְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיר זָאלְט מִיר הַרְגְ'נֶען ווַייל אִיר קֶענְט מַאכְן פוּן מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אִין מַאכְן טֶעפִּיכֶער אִיךְ קֶען מַאכְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעפִּיכֶער, אוּן דִי טֶעפִּיכֶער קֶענְט אִיר פַארְקוֹיפְן אוּן פוּן דֶעם מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט" דֶער פְּלַאן אִיז גֶעפָאלְן פַאר דִי רוֹיבֶּער'ס אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן צוּ זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דֶערְפַאר אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן טֶעפִּיכֶער.

אִינְצְווִישְׁן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶעזוּכְט אָבֶּער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן, ווִי דֶער עֶרְד ווָאלְט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

ווֶען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם עֶרְשְׁטְן טֶעפִּיךְ, הָאט עֶר אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶער זַייט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי רוֹיבֶּער'ס אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "נֶעמְט'ס דֶעם טֶעפִּיךְ אוּן גֵייט'ס צוּ דֶעם יוּדִישְׁן ווַיין סוֹחֵר אוּן עֶטְץ זָאלְט'ס עֶס אִים פַארְקוֹיפְן נָאר פַאר גָאר טַייעֶר גֶעלְט אִיר זָאלְט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ בִּילִיגֶערֶע פְּרַייז בְּשׁוּם אוֹפֶן.

דֶער מֶענְטְשׁ צוּ ווֶעם דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשִׁיקְט אִיז גֶעוֶוען אַ יוּד ווָאס הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט ווַיין אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּשְׁטֶעלְן דִי ווַיין פַארְן קֶענִיג'ס פַּאלַאץ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְן קֶענִיג.

דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען אַרוֹיס מִיט דֶעם טֶעפִּיךְ זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְקוֹיפְן קוֹדֶם אוֹיף אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער

אָבֶער קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע פְּרַייז וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוערְט אַזוֹיפִיל, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן הָאבְּן אִים אָנְגֶעטְרָאגְן צוּ קוֹיפְן דֶעם טֶעפִּיךְ פַאר טַייעֶר גֶעלְט, דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס זֵיי בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט עֶר הָאט בַּאטְרַאכְט דֶעם טֶעפִּיךְ אוּן בַּאמֶערְקְט ווִי אִין דִי זַייט אִיז אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּנֶעם קֶענִיג'ס נָאמֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אֶפְשַׁר הָאט דֶער טֶעפִּיךְ עֶפֶּעס צוּ טוּהְן מִיט דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי רוֹיבֶּער'ס: "אִיךְ זֶעה אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער טֶעפִּיךְ אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט עֶס אָפְּצוּקוֹיפְן פַאר טַייעֶר גֶעלְט אוּן אִיךְ ווִיל אַז אִיר זָאלְט מִיר בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַסַאךְ פוּן דִי סָארְט טֶעפִּיכֶער.

דִי רוֹיבֶּער'ס זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר גֶעפַאנְגֶענֶעם, דֶער קֶענִיג, אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר טַייעֶר גֶעלְט אוּן עֶר דַארְף נָאךְ פוּן דִי סָארְט, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן נָאךְ אַסַאךְ פוּן דִי טֶעפִּיכֶער אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ אֵיין אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר אַז דֶער קֶענִיג אִיז גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים פַארְקוֹיפְן דִי טֶעפִּיכֶער עֶר הָאט עֶס שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי רוֹיבֶּער'ס בִּיז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם קֶענִיג אוּן אִים בַּאפְרֵייט.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעלַאזְט רוּפְן דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַארְן רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר וָואס אִיךְ קֶען דִיר בַּאצָאלְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעטוּהְן אַז דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן?"

דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן קֶענִיג: "אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' פוּן אַלֶעם גוּטְן, אַיין טוֹבָה ווִיל אִיךְ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג אַז אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ "רְשׁוּת צֶעטֶל" אַז וֶוען אִיךְ ווִיל קֶען אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג'ס פַּאלַאץ, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן פַארְאוֹיס אַיינְמֶעלְדְן.

דֶער קֶענִיג הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ רְשׁוּת צֶעטֶל אַז עֶר אוּן זַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְקוּמֶען אִין פַּאלַאץ, אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט שְׁטַארְבְּן וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג'ס פַּאלַאץ וֶוען זֵיי ווִילְן בַּייטָאג צוּ בַּיינַאכְט.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּן הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּהְן הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי וַויין גֶעשֶׁעפְט אוּן אוֹיךְ דִי רְשׁוּת צֶעטֶל פוּנֶעם קֶענִיג אַרַיינְצוּגֵיין וֶוען עֶר ווִיל אִין קֶענִיג'ס פַּאלַאץ.

**בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז יֶעצְט גֵייט עֶר שׁוֹין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינ'ס, אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאךְ מֶער.**

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַזוֹי נָאנְט מִיט דֶעם נַייעֶם וַויין סוֹחֵר אָבֶּער דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג הָאט זִיךְ יָא נָאנְט גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אִיר מַאן.

## פַארְטְרַייבְּן דִי יוּדְן

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט גֶעהַאט אַן עֵצָה-גֶעבֶּער אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וָואס הָאט זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט יוּדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיסְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי יֶענֶע צַייט הָאבְּן אִין טֶערְקַיי גֶעוואוֹינְט נָאר מוּסְלִימֶענֶער אוּן דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ מוּסְלִימֶענֶער עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קְרִיסְט.

דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְרֶעדְן דֶעם קֶענִיג קֶעגְן יוּדְן, בִּיז זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם קֶענִיג'ס קָאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַיינְט צוּ הָאבְּן יוּדְן בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע יוּדְן פוּן אִינְסְטַאנְבּוּל, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָאס טוּהְן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, מֶען וֶועט פְלוּצְלִינְג אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע יוּדְן מוּזְן שׁוֹין פַארְלָאזְן אִינְסְטַאנְבּוּל אוּן אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט מֶען הַרְגֶ'נֶען, דֶער עֵצָה גֶעבֶּער מִיטְן קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן נָאר זֵיי בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם.

## דֶער חָלוֹם פֶּסַח בַּיינַאכְט

יֶענֶעם סֵדֶר נַאכְט, אַ נַאכְט פַאר מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר גֵייט שְׁלָאפְן נָאכְן סֵדֶר, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט ווִי זַיין טַאטֶע קוּמְט צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: "מַיין קִינְד זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אוֹיפְ'ן שְׁטָאט דֶער קֶענִיג ווִיל מָארְגְן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע יוּדְן פוּן שְׁטָאט, גֵיי שְׁנֶעל נֶעם דֶעם רְשׁוּת צֶעטֶל וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קֶענִיג'ס פַּאלַאץ, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם פַּאלַאץ, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶערְצֵייל אִיר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט עֶטְץ גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן קֶענִיג אַז עֶר זָאל ווִיסְן אַז זַיין עֵצָה גֶעבֶּער מֵיינְט גָארְנִישְׁט זַיין טוֹבָה ווַייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט שִׁיקְן סָאלְדַאטְן יֶעצְט אַיינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ דֶעם עֵצָה גֶעבֶּער וֶועט מֶען זֶעהְן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסְן צְלָם הֶעכֶער זַיין קָאפּ.

דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ עֶס אִיז דָאךְ נָאר אַ חָלוֹם אוּן עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶּער וֶוען דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעחַזֶר'ט אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּם קֶענִיג.

גֶעזָאגְט און גֶעטוּהן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל און עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוֹיפְן וֶועג צוּם פַּאלַאץ אִיז עֶר אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים און עֶר הֶערְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער וִוי אֵיינֶער זִינְגְט מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, דֶער סוֹחֵר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "וֶוען דֶער יוּד זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיר דַארְפְן יֶעצְט וָואלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט אַזוֹי אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען" און עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאלַאץ.

דִי רְשׁוּת צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טִירְן און טוֹיעֶרְן, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן, עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף און גֶעוֶוייְנְט פַאר אִיר זִי זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִי יוּדְן, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, זִי - דִי מַאמֶע - וָואס הָאט שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען פַאר דֶעם וַויין סוֹחֵר, הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט גֵיין מִיט אִים צוּם קֶענִיג און אִים בֶּעטְן מְבַטֵל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה.

צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג און אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, דֶער יוּד דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט און גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: "דֶער עֵצָה גֶעבֶּער וָואס הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי יוּדְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט אִיז גָאר נִישְׁט קֵיין מוּסְלִימֶענֶער עֶר אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט און אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעצְט שִׁיקְן מִילִיטֶער צוּ זַיין הוֹיז וֶועט מֶען זֶעהְן וִוי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע צֵלֶם הֶעכֶער זִיךְ.

דָאס הָאט שׁוֹין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט דֶעם קֶענִיג, "דֶער עֵצָה גֶעבֶּער אוֹיף וֶועם עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלָאזְט אִיז גָאר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט?!" עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט סָאלְדַאטְן צוּ דֶעם עֵצָה גֶעבֶּער'ס הוֹיז צוּ זֶעהְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת, און וֶוען דִי סָאלְדַאטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז הָאבְן זֵיי טַאקֶע גֶעזֶעהְן וִוי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ צֵלֶם, דָאס הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט וַוייל דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְן זֵייעֶר פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, אַז זֵיי הָאבְן אִים גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ נָאךְ אִינְמִיטְן שְׁלָאף, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז גְלַייךְ בָּטֵל גֶעוָוארְן, און דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.



אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים און עֶר הֶערְט וִוי דֶער יוּד זִינְגְט נָאךְ אַלְץ דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" אָבֶער דָאס מָאל מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער נִיגוּן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַהֵיים שְׁפַּאצִירְט.

פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל, אִיז דֶער וַויין סוֹחֵר אַרוֹיף אוֹיפְן בִּימָה און גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן דִי נַאכְט, אִין אֵיין וֶועגְס הָאט עֶר אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַ יוּד זִינְגְט קוֹדֶם דֶעם פָּסוּק לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן און דֶערְנָאךְ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן.

מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אִיז מֶען גֶעוְואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, און אַזוֹי אִיז זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי דִי יוּדְן אִין אִינְסְטַאנְבּוּל.

## אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְד אוֹיפְן יַם

נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג יוֹם טוֹב הָאבְן דִי פָּאר-פָּאלְק זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵיי הָאבְן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי בְּרָכָה וָואס אִיר הָאט אוּנְז אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן קִינְדֶער?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז זֵיי זָאלְן אִים קוֹיפְן דְרֵיי זִיצְן אוֹיף אַ שִׁיף צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ טוּהן און זֵיי הָאבְן גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס פָארְט אִין חוֹל הַמוֹעֵד צוּ דִי שְׁטָאט יַפוֹ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְן גְלַייךְ גֶעדוּנְגֶען דְרֵיי פְלֶעצֶער פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל, און פַאר דֶעם סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי.

חוֹל הַמוֹעֵד זֶענֶען זֵיי דְרֵיי אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף אִין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן אוֹיפְן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט דֶער יַם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ וַוארְפְן און שְׁטוּרִימֶען עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְד און עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז דִי שִׁיף וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן און אַלֶע וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין יַם, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהֵייסְן פַאר יֶעדְן אַרַיינְצוּוַוארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין יַם גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן דֶעם שִׁיף אָבֶער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי שִׁיף הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַיינְזִינְקֶען.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְד אִיז צוּלִיבּ אִים, און אַז עֶר הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אַרַיין צוּ וַוארְפְן אִין יַם זַיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, (עֶס אִיז דָא וֶוער עֶס זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דָוִד הַמֶלֶךְ אַלֵיינְ'ס, און עֶס אִיז דָא וֶוער ס'זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִיק רֶבִּי אָדָם בַּעַל שֵׁם) אָדֶער דַארְף זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַרַיינְפַאלְן אִין יַם.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶנְדֶערְשְׁט גֶעוָואלְט טוּהן דִי צְוֵייטֶע וֶועג, וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין טָאכְטֶער אָדְל דִי צַדֵיקֶת וֶועט זִיכֶער גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, און אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אָדְל הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשְׁט אַרַיינְוַוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ, וַוייל פוּן אִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִינְד וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע און בֶּעסֶערֶע סְפָרִים פוּן דֶעם, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן און דֶער יַם הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח און דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט.

דֶער קִינְד פוּן וָואס אָדְל הָאט גֶערֶעדְט,

הָאט זִי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל וִוי בַּאקַאנְט הָאט אָדְל גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן און אֵיין טָאכְטֶער, דִי צְוֵויי זוּהְן דִי צַדִיקִים רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזשׁ זי"עַ און רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן סְדִילְקוּב זי"עַ דֶער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם הָאבְּן בֵּיידֶע נִישְׁט אִיבֶּער גֶעלָאזְט צוּפִיל סְפָרִים אָבֶּער דִי טָאכְטֶער פֵיגָא הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ סַאךְ סְפָרִים, וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים וָואס בִּיז הַיינְט זֶענֶען זִיךְ נָאךְ אַלֶע יוּדְן מְחַיְ' מִיט דֶעם, און דָאס הָאט אָדְל גֶעמֵיינְט, און דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלַבּ'ע חֲסִידִים צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז דִי צַדֵיקֶת אָדְל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן און דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

## גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי רוֹיבֶּערְם

דִי שְׁטוּרֶעם וִוינְד הָאט זִיךְ טַאקֶע אָפְּגֶעשְׁטִילְט אָבֶּער דִי שִׁיף אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן עֶרְגֶעץ בַּיי אַ בָּארְטְן פוּן אַ אִינְזְל, דָארְט אוֹיפְן אִינְזְל הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט רוֹיבֶּער'ס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס, אַזוֹי וִוי דִי רוֹיבֶּער'ס הָאבְּן גֶעזֶעהְן וִוי אַ שִׁיף אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף און גֶעכַאפְּט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִיס, און גְלַייךְ גֶענוּמֶען זִיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן דִי מֶעסֶער'ס צוּ שֶׁחְטְ'ן דִי מֶענְטְשְׁן און זֵיי אוֹיפְעֶסְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעלִיגְן אוֹיף דִי עֶרְד גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִיס נֶעבְּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען, רֶבִּי צְבִי פְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי וָואס טוּעֶן מִיר דָא? וִוי אַזוֹי גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אִיךְ גֶעדֶענְקְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?, רֶבִּי צְבִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר דִי "אַלֶף-בֵּית" גֶעדֶענְק אִיךְ" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן דִי א-ב" רבי צְבִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן און דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע אוֹת.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי א-ב הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק אַלֶעס דֶערְמַאנְט און עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט הוֹיךְ פַייפְן פוּן שִׁיפְן וָואס קוּמֶען אָן, אָדֶער פַייפְן פוּן רַייטֶער'ס וָואס קוּמֶען צוּ פָארְן, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, און אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, און אַזוֹי זֶענֶען זַיי שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

## דִי סוֹד פוּן דִי אוֹתִיוֹת

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אוֹתִיוֹת וַוייל אַלֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוֹתִיוֹת, און דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יוּדִישׁ אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף און נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

און אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִיצְן דִי אוֹתִיוֹת דוּרְךְ דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, א - אוֹיגְן, מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן זָאל נִישְׁט וֵויי טוּהן, אֱמוּנָה, מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹרְחִים, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים, אוּמַן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַן, און אַזוֹי וַוייטֶער, ב - בָּנִים, גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, ג - גֶעלְט, מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט און אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהט יֶעדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לוֹיט דִי א-ב.

## צוּרִיק אַהֵיים

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן, און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְד אִיז נָאר גֶעשֶׁעהן וֶועגְן אִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן, עֶר זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, און עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁ'עֶנֶען יֶעצְט צוּ גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְד וָואס הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעטְרָאגְן צוּרִיק אוֹיף טֶערְקַיי און בִּיז אַפָּאר שָׁעָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּרִיק אִין טֶערְקַיי, פוּן דָארְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַהֵיים גֶעפָארְן, און עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## שְׁלוֹם

דִי גְרוֹיסֶע נֵס אִיז גֶעשֶׁעהן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, און אַלְץ זֵכֶר צוּ דֶעם מַאכְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע יוּדְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִים אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן נֵס, און מֶען רוּפְט דִי סְעוּדָה "דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", אַנְדֶערֶע רוּפְן דָאס "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה" וַוייל דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי א-ב וָואס דָאס מֵיינְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה" וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און וִוי וואוֹיל און גוּט אִיז פַאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים זִיכֶער זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:23
מוצש"ק...........................8:55
סוף זמן ק"ש....................8:55

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................מעילה ה'
ירושלמי.........................מגילה ל"ד
תוספתא.............שביעית פרק ב'


פרשת שמיני, כ"ט ניסן, מברכים חודש אייר, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 27


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן,** זָאגְט רַשִׁ"י אַז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַהֲרֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶועט גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דוּרְךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט זַיין דוּרְךְ מִיר אָדֶער דִיר, אָבֶּער יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גְרֶעסֶער פוּן מִיר אוּן דִיר".

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז עֶם מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִים ב') **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי"** אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת זָאל עֶר קוּקְן אוּן עֶר וֶועט זֶעהן אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה קֶען עֶר טְרֶעפְן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דֶערְמִיט גֶעהָאלְפְן אוֹיךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער "בַּעַל הָרַחֲמִים" אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שִׁיקְט אַ צָרָה אִיז עֶס אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין דִי צָרָה אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וֶוען אֵיינֶער קֶען אִים מְחַזֵק זַיין, אוּן זָאגְן: **"שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, דִי צָרָה וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן בִּיז דֶעמָאלְס קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר יָא גֶעהָאלְפְן".**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן דִי גְרוֹיסֶע צָרָה אוּן אַהֲרֹן'ס צְוֵויי קִינְדֶער נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: **"נֶעם אַרוֹיס דִי גוּטֶע חֵלֶק דֶערְפוּן, אוּן זֶעה אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים".**

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמִינִי ז')

***

**כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען נָאר עֶסְן אוֹיבּ עֶס הָאט **"סְנַפִּיר - פְלוֹס פֶּעדֶערְן"** וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ **"קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן"** וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין **"בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב"**, דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן ווִי מֶער גוּט'ס, אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט,


המשך בדף ב


## מכתב קודש לכלליות אנשי שלומינו מאת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

בעזה"י יום ד' לסדר שמיני כ"ו ניסן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל כְּלָלִיּוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים חַסִידֵי בְּרֶסְלַב דִּי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר הוי"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד

אֵין מִילִים בְּפִי לְהוֹדוֹת לָכֶם עַל הַחֶסֶד חִינָּם שֶׁעֲשִׂיתֶם אִתִּי וְהִתְפַּלַּלְתֶּם עֲבוּר בְּרִיאוּתִי, שֶׁאֲנִי בָּטוּחַ שֶׁרַק בִּזְכוּת זֶה הֶחֱזִיר לִי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הַחַיִּים, יַעֲזוֹר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁתָּמִיד נוּכַל לְבַשֵּׂר וּלְהִתְבַּשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת מְשַׂמְּחוֹת תָּמִיד.

תְּהִילָּה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ רֶבִּי גָּדוֹל מְאֹד שֶׁהוּא מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק וּמְעוֹדֵד אוֹתָנוּ, וְלָכֵן רָאוּי לָנוּ לְהִתְאַחֵד יַחַד בְּאַחְדוּת אֶחָד, וְאִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יֹאמַר חֲזַק, וּכְבָר אָמַר רַבֵּינוּ זַ"ל הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַל גּוֹדֶל הָאַהֲבָה שֶׁיִּהְיֶה בֵּינֵינוּ, וְיָדוּעַ שֶׁמּוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל תָּמִיד הָיָה אוֹמֵר לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִם הֱיִיתֶם מַחְזִיקִים אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אַתֶּם לֹא יְכוֹלִים לְתָאֵר אֶל אֵיזֶה מַדְרֵיגוֹת וְהַשָּׂגוֹת הָיָה מֵבִיא אֶתְכֶם.

וּכְבָר יָדוּעַ לָנוּ מַה שֶּׁאָמַר לָנוּ רַבֵּינוּ זַ"ל בְּעֵת שֶׁעָזַב אֶת עִיר בְּרֶסְלַב לִנְסוֹעַ לְאוּמַן לְהִסְתַּלֵּק לְעֵילָא וּלְעֵילָא, "אִם תַּחֲזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי אֲלֵיכֶם", רוֹאִים מִזֶּה אֶת גּוֹדֶל הַמַּעֲלָה כְּשֶׁכְּלָלִיּוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים מַחֲזִיקִים אֶת עַצְמָם בְּיַחַד וּמְחַזְּקִים אֶחָד אֶת הַשֵּׁנִי, וּמִתְפַּלְּלִים אֶחָד עֲבוּר הַשֵּׁנִי.

יַעֲזוֹר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁנִּזְכֶּה לִשְׂמוֹחַ בְּשִׂמְחוֹת יַחַד.

הַמְּאַחֵל לָכֶם בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

אליעזר שלמה שיק

אליעזר שלמה שיק
ראש מתיבתא
היכל הקודש חסידי ברסלב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, **"אִיךְ בִּין טַאקֶע אַדוּרְךְ גֶעפַאלְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דִי הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) **"וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"**, אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) **"הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם"**, אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) **"שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'"**, קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

אוּן דֶער אִיד דַארְף הָאבְּן **"סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת"**, פוּן אֵיין זַייט **"סְנַפִּיר - פְלוּם פֶעדֶערְן"** צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, **"קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן"**, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיבּ מֶען זֶעהְט אַז דִי פִישׁ הָאט **"קַשְׂקֶשֶׂת - פְלוּם פֶעדֶערְן"**, אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט **"סְנַפִּיר - שׁוּפְּן"**, דָאס אִיז מְרַמֵז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זַייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

***

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ג

תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובנוסף וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווי די קינדער זענען שטענדיג פארנומען צו דערציילן "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

די הארץ ווערט איבערגענומען, ווען מען הערט ווי די תמימות'דיגע קינדער דערציילן, ווי אזוי זיי בעטן דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות און ווי אזוי דער אייבערשטער העלפט זיי שטענדיג, עטליכע קינדער האבן דערציילט פארן מלמד נאך פסח, אז זיי האבן נישט געוואלט מוטשטן זייערע עלטערן צו באקומען א גוטע אפיקומן, אנשטאט דעם מוטשען זיי ענדערשט דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט זיי זיכער העלפן.

און ווען דאס ווערט איינגעבאקן אין די אינגע הערצער צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט דאס מיטוואקסן מיט זיי אלע יארן, און זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן, אין יעדן מצב וואס זיי וועלן נאר זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער גייט מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס דערמאנט זיך די התחלה פון די תלמוד תורה, ווען די חברי ההנהלה זענען געזיצן ביי מוהרא"ש חול המועד פסח תש"ע, איבערצוגיין אלע דעטאלן איבער די תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דעמאלט'ס דערציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט די ערשטע ברסלב'ער בית המדרש אין וויליאמבורג.

בימים ההם איז "ברסלב" געווען א נייע זאך וואס קיינער האט דערפון נאכנישט געהערט, און מען האט זיך זייער געמוטשעט מיט מנין, מאכט זיך אמאל אז דער גבאי פון בית המדרש האט זיך זייער אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך דאמאלטס געווען א יונגע אינגערמאן - אז מען מוטשעט זיך זייער מיט צוזאמשטעלן מנין יעדע שבת אין בית המדרש, האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ער תלמוד תורה" און ווען עס זענען אריבער געפארן דארטן באסעס פון פארשידענע תלמוד תורה'ס האט מוהרא"ש געזאגט: דו זעהסט די באסעס? אזוי וועלן ארומפארן באסעס וואס וועט שטיין דערויף "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב".

פאר דעם גבאי'ן איז דאס געווען ווי א ווילדער חלום, האט ער זיך אנגערופן צו מוהרא"ש: "איר חלומ'ט בהקיץ". יעצט האט מוהרא"ש אויסגעפירט, אז ברוך ה' ער זעהט אז די חלום איז מקויים געווארן.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך די תלמוד תורה, אין די צוויי יאר נאך מער פארברייטערט, צו די צופרידענהייט פון אלע עלטערן.

**להגדיל תורה ולהאדירה!**

**וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן.

רַשִׁ"י זָאגְט, פַארְוָואס זֶענֶען נָדָב אוּן אֲבִיהוּ גֶעשְׁטָארְבְּן? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'פְּסַק'נְט הֲלָכוֹת פַאר זֵייעֶר רֶבִּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ אַ צְוֵוייטֶע טַעַם, פַארְוָואס זָאגְט רַשִׁ"י אַן אַנְדֶערֶע טַעַם פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א), אַז דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק, דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל נָאר טוּהְן דֶעם רְצוֹן ה', דַארְף עֶר אָבֶער נָאךְ אַלְץ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַלֵיינְ'ס קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נַעֲר'ן, עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן פוּן אִים.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי קֹרַח וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיכֶער מִיט דֶעם, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר מוּז מֶען הָאבְּן אַ צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּ הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר, אַ פֵייעֶר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אָבֶער וִוי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען דָאס צוּ טוּהְן? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים גֶעפָאלְגְט, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי בֵּיידֶע טַעֲמִים זֶענֶען אֵיינְס, נָאר רַשִׁ"י זָאגְט דִי סִיבָּה וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן דֶעם פְרֶעמְדְן פֵייעֶר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ה לפ"ק)

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

**״סַבְלָנוּת פַּאר מְלַמְּדִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, מַגִּידֵי שִׁיעוּר״**

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ מַגִּיד שִׁיעוּר, דַארְפְן הָאבְּן מוֹרָא׳דִיג אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ דִי תַּלְמִידִים, זֵיי דַארְפְן זִיךְ פִּירְן מִיט זֵיי אוֹיף אַ רוּהִיגֶע אוּן אַ זִיסֶע וֶועג, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט. אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען תַּלְמִידִים, וָואס עֶס הֶעלְפְט בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ יוּנְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים זֶענֶען אָפְּגֶעפָארְן פוּן יוּדִישֶׁע וֶועג וֶועגְן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״מִיט גוּטְן פּוּעֶלְ׳ט מֶען גִיכֶער וִוי מִיט בַּייזְן, אוּן אוֹיבּ מֶען פּוּעֶלְ׳ט שׁוֹין יָא אַמָאל מִיט בַּייזְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיט גוּטְן וָואלְט מֶען גִיכֶער גֶע׳פּוּעֶלְ׳ט״, דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר פִירְט זִיךְ מִיטְן תַּלְמִיד אוֹיפְן גוּטְן וֶועג, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיפְן תַּלְמִיד, קוּמְט עֶר אָן אַסַאךְ שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וִוי דֶער וָואס שְׁרֵייט אוּן רֶעגְט זִיךְ אוֹיפְן תַּלְמִיד, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן תַּלְמִיד, אוּן עֶס הָאט גֶעהָאלְפְן, דַארְף מֶען וִויסְן, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט מִיטְן תַּלְמִיד רוּהִיג אוּן שֵׁיין, וָואלְט עֶר בֶּעסֶער אוֹיפְגֶעטוּהן. דֶער תַּנָא זָאגְט אוּנְז (אָבוֹת, פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ה): לֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד - אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, מִיר גֶעפִינֶען בַּיי רֶבִּי פְּרֵידָא (עֵירוּבִין נד, ע״ב), עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין תַּלְמִיד פִיר הוּנְדֶערְט מָאל אַן הֲלָכָה, דֶער תַּלְמִיד הָאט פַארְגֶעסֶען דִי הֲלָכָה, אִיז עֶר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי הֲלָכָה נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אַז עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּ לֶעבְּן.

אַ מְלַמֵּד דַארְף צוּ וִויסְן, אַז עֶס לִיגְט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת, וַוייל עֶר אִיז מְחַנֵּךְ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁט אוּמְזִינְסְט זָאגְן חֲזַ״ל (סַנְהֶדְרִין יט, ע״א): כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין תַּלְמִיד, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים גֶעבּוֹירְן. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיפְן תַּלְמִיד אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין אַ גָדוֹל, אָדֶער אַ צַדִּיק, וָואס גֶעוֶוענְדְלִיך וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר לֶערְנְט מִיט אַ צַדִּיק, אַ בַּעַל מַדְרֵיגָה, וָואלְט עֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ רֶעגְן, נָאר אַלֶעס וָואלְט צוּ גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי זָאל עֶר זִיךְ פִּירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים.

אַ קִינְד וִוי מֶער מֶען וַוייזְט אִים לִיבְּשַׁאפְט, וִוי מֶער מֶען הֵייבְּט אִים, וֶוערְט זַיין מֹחַ מֶער אָפְן אוּן עֶר בַּאקוּמְט מֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען. אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן, אַז שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וִוי מֶער מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַ קִינְד, וֶוערְט זַיין מֹחַ מֶער פַארְמַאכְט אוּן צוּמִישְׁט״.

וֶועגְן דֶעם! וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר, זָאל זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת מְלַמְּדִים יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, בִּפְרַט סְעִיף ט, וָואס דָארְט שְׁטֵייט: אַפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם, אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין - אֲפִילוּ דַיין תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן, וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט עֶר נָאךְ פַארְשְׁטֵיין. דִי סְעִיף אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן קַיין שׁוּם תַּלְמִיד, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג

המשך בדף ד

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

המשך פון דף ד

מוהרא״ש אין שפיטאל.

דינסטאג איז מוהרא״ש אראפ פון בעט און ער איז שוין אביסל ארומגעגאנגען אפאר טריט, צו די גרויס פארוואונדערונג פון די דאקטורים איבער די גאר שנעלע ערהוילונג, מען האט אריבער געפירט מוהרא״ש צו א צווייטע ברייטע שטוב זיך צו ערהוילן.

מיטוואך האט מוהרא״ש געשריבן דעם ערשטן בריוו פאר אנשי שלומינו, זיך באדאנקענדיג פאר אלע וואס האבן מתפלל געווען פאר אים, וואס נאר אין דעם זכות האט אים דער אייבערשטער געגעבן דאס לעבן, און גלייכצייטיג בעהט זיך מוהרא״ש אז מען זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און מתפלל זיין לרפואתו, מוהרא״ש דערציילט אינעם בריוו, וואס דער רבי האט געזאגט ווען ער האט פארלאזט די שטאט ברסלב צו פארן קיין אומן, האט דער רבי געזאגט דעמאלט׳ס: ״אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט איר מיר קענען ממשיך זיין״ זעהט מען פון דעם די גרויסקייט ווען אנשי שלומינו האלטן זיך צוזאמען, און בעטן איינער פארן צווייטן, און מוהרא״ש פירט אויס: ״דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך נאר פרייען אויף שמחות אינאיינעם שטענדיג״.

(זעה באזונדער קעסטל דעם מכתב קודש).

אבער כאטש די שנעלע ערהוילונג פון מוהרא״ש, איז מוהרא״ש נאך זייער שוואך, און מיר בעטן אלע אידן איבער די גאנצע וועלט נישט אויפהערן מתפלל זיין און איינרייסן לרפואת ״רבינו אליעזר שלמה בן מלכה״ פאר א גענצליכע רפואה שלימה, מיר זאלן זוכה זיין אז מוהרא״ש זאל נאך לעבן מיט אונז לאורך ימים ושנים געזונטערהייט, און אונז פירן קעגן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**והן קל כביר לא ימאס תפילת רבים!**

***

## דער נייער זמן אנגעהויבן אין ישיבה

גלייך נאך פסח האט זיך אנגעהויבן דער פרישער זמן אין ישיבה, מיט נאך פרישע בחורים וואס זענען צוגעקומען, צו שעפן פונעם ריינעם קוואל, נחל נובע מקור חכמה, בהדרכת הראש ישיבה שליט״א.

דער קול תורה הילכט שוין אפ בין כותלי הישיבה, מיט די צענדליגע בחורים וואס זיצן און לערנען בהתמדה רבה.

עס קומען ווייטער פאר די צוויי טעגליכע שיעורים דורכ׳ן ראש ישיבה, דער פארמיטאג שיעור, א שיעור עיון גמ׳ רש״י תוספות ביז הלכה למעשה אין שלחן ערוך לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, און נאכמיטאג א שיעור אין הלכה און התחזקות, ווי אזוי אנצוגיין אין לעבן מיט א שטארקייט, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי׳ן, אויפ׳ן וועג ווי מוהרא״ש לערנט אונז.

הכל הולך אחר ההתחלה, מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך דער נייער זמן אנגעהויבן מיט א שטארקייט, און ווי עס זעהט אויס וועט עס זיין מיטן אייבערשטנ׳ס הילף, א געלונגענע זמן, ווי די בחורים ווערן זיך אנפילן מיט תורה ועבודה.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## צוויי יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון ״תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב״

אין די יעצטיגע טעג ווערט צוויי יאר, פון ווען מיר האבן געעפנט די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, ״תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב״, אין דעם קורצן צייט אפשניט, האט שוין די תלמוד תורה געהאט א ווייט גרייכנדע אפקלאנג, אלץ א פלאץ ווי די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים, על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי׳ן, אויפ׳ן וועג ווי מוהרא״ש לערנט אונז.

הכרת פניהם ענתה בם, ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, אז מען זעהט אויף די קינדער א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט און ערליכקייט, וואס מען טרעפט נישט, וואס דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די

המשך בדף ב

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

אָפְּצוּפָּארְן חַס וְשָׁלוֹם.

דֶערְפַאר! דַארְף אַ מְלַמֵד הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל אָן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קֵיין מְלַמֵד, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט אַזוֹי מַחֲמִיר גֶעוֶועֶן אַז אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן אוּן טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין בַּיינַאכְט (עַיֵין רְמָ"א, שָׁם, סְעִיף יז), וַוייל גֶעוֶועןְדְלִיךְ וֶוען מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט אוּן מֶען עֶסְט נִישְׁט, וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז, וֶועגְן דֶעם! וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין סַבְלָן אוּן וֶוערְט כְּסֵדֶר גֶערֶעגְט, טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קֵיין מְלַמֵד!

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן אַז מֶען דַארְף מוֹרָא'דִיג מְכַבֵּד זַיין אַ מְלַמֵד, אוּן נִישְׁט זִיךְ אוֹיף פִירְן צוּ אִים שֶׁלֹּא בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין, אוּן נִישְׁט טִיפֶּען. עַל פִּי רוֹב לֶעבְּן דִי מְלַמְדִים אִין אַ דַחְקוּת, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע אָרִימֶע גֶעהַאלְט וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען, אוֹיף דֶעם קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ וַוארְטְן וָואכְן אוּן צוּמָאל חֲדָשִׁים. אַ מְלַמֵד דְרֵייט זִיךְ אַרוּם כְּסֵדֶר מִיט חוֹבוֹת, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ טַאקֶע אַז אַסַאךְ מָאל וֶוערְט דִי מְלַמֵד אוּמְגֶעדוּלְדִיג.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע טָעוּת, אַז אוֹיף אַלֶע לוּקְסוּס, שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים גִיבְּט מֶען אוּיס שְׁוֶועֶרֶע גֶעלְטֶער, אָבֶער פַארְן מְלַמֵד, מַשְׁגִיחַ, מַגִיד שִׁיעוּר, וָואס גִיבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דַיין זוּהְן, רוֹב טָאג אִיז עֶר אוּנְטֶער זֵיי, עֶר לַיידְט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פוּן זֵיי, מַה דָאךְ דִי פָּאר שָׁעָה וָואס דֶער זוּהְן אִיז אוּנְטֶער דִיר, קֶענְסְטוּ נִישְׁט אוּיסְהַאלְטְן פוּן זַיין צִיוִוילְדֶעוֶועט קֵייט, דוּ וֶוערְסְט שִׁיעוּר מְשׁוּגָע, נוּ! וָואס זָאל שׁוֹין דֶער מְלַמֵד זָאגְן? דֶער מְלַמֵד הָאט דָאךְ אַ גַאנְצֶע כִּתָּה.

בְּאֶמֶת וָואלְטְן זִיךְ דִי טַאטֶעס פוּן דִי כִּתָּה גֶעדַארְפְט צַאמְנֶעמֶען אוּן זֶעהְן אַז דִי מְלַמֵד זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַבִּיסְל הַרְחָבָה, אֲפִילוּ נִישְׁט הַרְחָבָה, כָּאטְשִׁיג נִישְׁט קֵיין דַאֲגוֹת הַפַּרְנָסָה, אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין חֵדֶר, זָאל עֶר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען מִיט קֵיין טַעֲנוֹת צוּ דִי מְלַמְדִים, וַוייל דִי מְלַמְדִים לַיידְן צָרוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר ווִילְדֶע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, נָאר פַארְקֶערְט מֶען דַארְף דַן זַיין דִי מְלַמֵד לְכַף זְכוּת.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם באידיש, פרק ה')

***

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי וִוי דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב ז"ל פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער יוֹם טוֹב אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, נָאר עֶס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אוּנְז".

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ, אוּן מִיר הָאבְּן מְקַיֵים גֶעוֶועֶן אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אַלֶע מִצְוֹת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא אוּן דְרַבָּנָן, אוּן אַלֶע מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה וָואס הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיטְן יוֹם טוֹב אוּן מִיט דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

(אַשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק ע"ב מִכְתָּב ט"ו תמ"ב)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו!*

### מוהרא"ש שליט"א ערהוילט זיך, נאך אסאך תפלות ישראל.

ווי שוין באקאנט איז מוהרא"ש שליט"א אריבערגעגאנגען דעם יום טוב א שווערע הארץ אטאקע, און מיט גרויס ניסים, מיט גאר אסאך תפלות פון אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט בכל מקומות מושבותיהם, ערהוילט זיך מוהרא"ש ברוך ה' דערפון מיט געוואלדיגע ניסים.

מיר וועלן דא אראפ ברענגן די גאנצע השתלשלות הדברים אין א סדר.

דעם פארלאפענעם פרייטאג צונאכט'ס אחרון של פסח, נאכן דאווענען, האט מוהרא"ש געפילט שטארקע ווייטאגן אויפ'ן הארץ, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט שפעטער צו זיין אן הארץ אטאקע לא עלינו.

די הצלה האבן באלד אריינגעפירט מוהרא"ש צו די דערנעבענדע מיימאנודיס שפיטאל, ווי מוהרא"ש האט דארט קורצליך דערנאך געליטן פון א פרישע הארץ אטאקע, דער גרויסער נס איז געווען אז דאס איז שוין געשעהן אין שפיטאל, ווי די דאקטורים האבן עס גלייך געקענט באהאנדלן.

נאכן פרובירן וואס זיי האבן געקענט, האבן די דאקטורים געזאגט אז מוהרא"ש וועט מוזן אדורך גיין א שווערע הארץ אפעראציע, ווי פריער.

מוהרא"ש איז די גאנצע צייט געווען פולשטענדיג ביי זיך, ער האט געשמועסט מיט די אנשי שלומינו וואס זענען געווען מיט אים, ער האט געבעטן אים צו ברענגן א גמרא, און מוהרא"ש האט געלערנט גמרא פאר די אפעראציע.

מוצאי שבת קודש האט זיך אנגעהויבן די אפעראציע, וואס האט זיך געצויגן פאר לאנגע שעות.

די ידיעה האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט, אידן איבער די גאנצע וועלט האט איינגעריסן פאר א רפואה שלימה, געדענקענדיג די אלע טובות וואס מיר האט באקומען פון מוהרא"ש אלע יארן, **כמעט יעדער איד איבער די וועלט האט שוין געזעהן און געלערנט די הייליגע ספרים און קונטריסים פון מוהרא"ש, און דאס האט אים געגעבן חיזוק און כח ווייטער אנצוגיין אין לעבן און נישט ווערן צופאלן פון קיין שום זאך**, און דערפאר האט יעדער יעצט געפילט אליין הכרת הטוב צו מתפלל זיין און איינרייסן לרפואתו השלימה.

און צענדליגע בתי מדרשים דאהו און אין ארץ ישראל זענען פארגעקומען מניני תהלים צו אויס'פועל'ן ביים מלך רחמן, א שנעלע און גענצליכע רפואה פאר מוהרא"ש.

"תפלות ישראל עשתה רושם" זונטאג אינדערפרי האט זיך געענדיגט די אפעראציע, וואס די דאקטורים האבן עס באצייכנט אלץ געלונגען, און יעדער האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים, און גלייכצייטיג געבעטן אויף ווייטער, אויף די גענצליכע ערהוילונג.



לאנגע שעות נאך די אפעראציע, האט זיך מוהרא"ש צוביסלעך אויפגעוועקט, איינע פון די ערשטע זאכן האט מוהרא"ש געשריבן א יישר כח, און אז די תנוקות של בית רבן די טייערע קינדערלעך, זאלן מתפלל זיין פאר אים, (בייגעלייגט א בילד פון דעם זעלטענעם בריוו).

גלייכצייטיג האט מוהרא"ש געבעטן בכתב אז מען זאל אים ברענגן זיינע ספרים, ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט זיינע שיעורים קבועים טראץ זיין גרויסע שוואכקייט.

זונטאג נאכמיטאג האט שוין מוהרא"ש געקענט אביסל רעדן צו די ארומיגע.

די דאקטורים האבן אויסגעדרוקט גרויס פארוואונדערונג, ווען א טאג שפעטער מאנטאג נאכמיטאג, איז מוהרא"ש שוין אראפ פון בעט און געזיצן אויף א בענקל ווי ער האט געלייגט טלית ותפלין און געלערנט זיינע שיעורים.

פון ארץ ישראל זענען אנגעקומען א דעלעגאציע פון אנשי שלומינו צו זיין מיט

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................7:30
מוצש"ק.............................9:02
סוף זמן ק"ש......................8:49

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................מעילה י"ג
ירושלמי.........................חגיגה ז'
תוספתא............כלאים פרק א'

פרשת תזריע-מצורע, ו' אייר, אבות פרק ב', שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 28

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן,** מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיְין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז **"תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן",** מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'".**

**ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּט'ס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶם פֶעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּהן, אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם,** דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶעהְן אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן,** מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִּיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א')

***

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט, **וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח הַשָּׁעַר,** דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה מ"ז.) דִי פִיר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גֵּחֲזִי מִיט זַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ דִי טֶעג פוּן סְפִירָה ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן אַ וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אַ יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ, צוּבְּרֶעכְט עֶר אִים, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֵייט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, קוּמְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ אָן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶס דַארְף נָאךְ אַדוּרְךְ גֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, עֶס דַארְף זִיךְ אַדוּרְךְ דְרֵייעֶן מִיט אִים אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה" אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַנְדֶערֶע מַצָּבִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֵּחֲזִי אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא, וֶוען נַעֲמָן דֶער גֶענֶערַאל פוּן אֲרָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין קְרֶעץ, הָאט אֱלִישָׁע נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶער גֵּחֲזִי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נַעֲמָן אוּן לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז אֱלִישָׁע הָאט צוּרִיק גֶעצוֹיגְן עֶר ווִיל יָא נֶעמֶען גֶעלְט אוּן נַעֲמָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ מַתָּנוֹת, וֶוען גֵּחֲזִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע הָאט אֱלִישָׁע אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז דִי קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אִים אוּן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין אַ צַדִיק, וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף לְדוֹרוֹת, ווִי מֶען זֶעהט אַז גֵּחֲזִי אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פוּן גְלֵייבְּן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעם.

וֶוען נַעֲמָן אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֱלִישָׁע עֶר זָאל אִים הֵיילְן, הָאט אִים אֱלִישָׁע גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין טוֹבְל'ן זִיבְּן מָאל אִין יַרְדֵּן אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערְן, פוּן אָנְפַאנְג הָאט נַעֲמָן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אֱלִישָׁע וֶועט מַאכְן אַן אָפֶענֶעם מוֹפֵת, אוּן אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן יֶעצְט הֵייסְט עֶר אִים אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע בֶּעדֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ בָּאדְן דָארְט, פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַהֶער קוּמֶען?!", בִּיז זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דֶער נָבִיא הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, פָאלְג אִים, וֶועסְטוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן" אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט אִין יַרְדֵּן זִיבְּן מָאל, אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין קְרֶעץ.

זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶם זֶעהט אוֹיס ווִי אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ, ווַייל אַמָאל זָאגְט דֶער צַדִיק צוּ טוּהְן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶער אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵיט צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְט וָואס עֶר הֵייסְט, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין גָאר שְׁטַארְק, בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, מְצוֹרָע, תשע"א לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהְן גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען צוּ שְׁבוּעוֹת, צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

***

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג.

פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אִים יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ ווִיכְטִיגֶע טָאג, אוּן יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ" אַ חֵלֶק טָאג אִיז ווִי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, מֶען זֶעהט זִיךְ צוּם סוֹף טָאג, אַז דֶער טָאג אִיז פַארִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג, אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶוען אִיךְ דַאוֶוענֶען", ווַייל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַפָּאר מִינוּט פוּנֶעם טָאג, אוֹיבּ וֶועסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי פָּאר מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַרַיינְצוּכַאפְּן לֶערְנֶען עֶפֶּעס, אָדֶער טוּהְן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדְן טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶע טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ אוֹיסְנִיצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶוען מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)


**מוסדות "היכל הקודש" ברסלב - יבנאל עיר ברסלב**

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**פרייליכע מעלדונג!**

**פאר די וואס פארן אויף מקומות הקדושים מירון צפת טבריה**

אין די יעצטיגע טעג אין צוגרייטונג צום יארצייט פון התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי, ווי אויך במשך דעם גאנצען יאהר, סיי ווען איר פארט קיין ארץ ישראל, אויב זיכט איר א היימישע געשמאקע פלאץ זיך אפצושטעלן, קומט אריבער אויף יבנאל, בלויז צוועלף מינוט צו פארן פון טברי' - ציון רבי מאיר בעל הנס.

- מנינים שחרית פון ותיקין ביז חצות (אויך שב"ק).
- מנינים מנחה ביז שפעט, מנינים מעריב ביז שפעט ביינאכט.
- מקואות טהרה.
- עסן בחינם יעדן נאכט א ברייטע נאכטמאהל אין בית התבשיל אהל אברהם.
- טעימה קלה קאווע מזונות אד"ג א גאנצן טאג.

*

**הערליכע ניי געבויעטע דירות אויף די הערליכע רואיגע יבנאל בערג צו פארדינגען פאר גאר ביליגע פרייזן**

עס איז דא א גרויסע אויסוואהל פון דירות/צימערן, צו פארדינגן אויף טאג/וואך/שבתים, ארומגענומען מיט די ריינע לופט און די שענסטע פאנאראמע פון די יבנאל בערג.

**פאר מער אינפארמאציע, אדער צו דינגען א דירה,**

**רופט אין צענטראלע אפים אויף 011-972-4-6708356**

## "שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים"

מְען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער "חָפֵץ חַיִּים" זי"ע פְלֶעגְט בַּיינַאכְט צְווִישְׁן די בַּחוּרִים מְען זָאל גֵיין שְׁנֶעל שְׁלָאפְן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מַתְמִידִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן אוֹיף אוּן לֶערְנֶען פְלֶעגְט דֶער חָפֵץ חַיִּים מַאכְן טוּנְקֶל אוּן שִׁיקְן יֶעדְן שְׁלָאפְן.

עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, וַוייל אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶע בָּחוּר'ל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטֶעטְל אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רַב פוּנֶעם שְׁטָאט וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ זָקֵן מוּפְלָג זֵייעֶר אַן אַלְטֶע אִיד שׁוֹין אִיבֶּער דִי נֵיינְצִיג אָבֶּער עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג אוּן פְרִישׁ וִוי אַ יוּנְגֶע בָּחוּר, אוּן דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִין לֶערְנֶען, דֶער רַב הָאט גֶעקֶענְט גַאנְץ שַׁ"ס בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי קְלָאר, מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים אַזוֹי וִוי אֵיינֶער קוּקְט אוֹיף זַיין הַאנְט פְלַאךְ, דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם רַב אִין לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס, פוּן גְרוֹיס תַּעֲנוּג זֶעהֶענְדִיג וִוי אַזַא אַלְטֶע אִיד אִיז נָאךְ אַזוֹי פְרִישׁ מִיט אַזַא גוּטֶע זִכָּרוֹן.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן צֶען אַזֵייגֶער הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט פַארְן חָפֵץ חַיִּים "אַ גוּטֶע נַאכְט, מְען גֵייט שְׁלָאפְן!", דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם רַב, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשָׁן'ט "אֶפְשַׁר קֶענֶען מִיר נָאךְ שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל?" אָבֶּער דֶער רַב הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשָׁן'ט "יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, גֵיי שְׁלָאפְן".

הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט פַארְן חָפֵץ חַיִּים: "דוּ ווֵייסְט ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַזוֹי פְרִישׁ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער מִיט אַזַא קְלָארְן זִכָּרוֹן? וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלֶע מַיינֶע יָארְן גֶעהִיטְן אוֹיפְן שְׁלָאף, וֶוען מְען הִיט דֶעם שְׁלָאף בְּלַייבְּט מְען פְרִישׁ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער".

פוּן דֶעמָאלְס אָן הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן, אוּן מִיר זֶעהְן טַאקֶע אַז דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט זֵייעֶר לַאנְג מַאֲרִיךְ יָמִים גֶעוֶוען.

זֶעעְן מִיר פוּן דֶעם, וִוי מְען דַארְף הִיטְן אוֹיף דֶעם שְׁלָאף אוּן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם, וַוייל אוֹיבּ שְׁלָאפְט מְען וֵוינִיג שַׁאדְט דָאס פַארְן מוֹחַ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּמִישְׁט, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ע"ב מִכְתָּב ט"ו תקמ"ה)

***

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן דָאס דֶער סוֹד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אֵיין וָוארְט "הִתְחַזְּקוּת", דָאס הֵייסְט מְען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, וָואס מְען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן בֶּעטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אִיךְ ווֵייס פוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, סַיי וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אוּן סַיי וָואס דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט וְכוּ', נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער וְכוּ', דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַוֶועק ס'טוּט זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין עֵצָה צוּ וֶוערְן אַזוֹי צוּפַאלְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, כָּאטְשֶׁע ס'אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גְלֵייבּ מִיר דוּ בִּיסְט נִישְׁט קֵיין אֵיינְצִיגְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט מִיטְמַאכְן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת.

(אשר בנחל באידיש מכתב שס"ה)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

וויליאמסבורג, צו קענען דרוקן און פארשפרייטן דעם רבינ'ס ספרים אויף א גרויסע פארנעם.

אין דעם קורצן צייט אפשניט פון ווען די בית הדפוס איז געגרינדעט געווארן, זענען שוין געדרוקט געווארן שווערע הונדערטער טויזנטער ספרים, וואס זענען צוכאפט געווארן מיט פרייד, דורך אלע אידן וואס לעכטצן אוןווארטן אויף די דברי אלקים חיים, וואס זענען מחי' נפשות פון די וואס לערנען דאס.

טראץ די טויזנטער ספרים וואס ווערן געדרוקט וועכנטליך אינעם בית הדפוס, קומט מען נאך אלץ נישט אן מיטן פארלאנג, און דערפאר איז מען יעצט פריש אריינגעשפרינגען, ווען מען האט די וואך געקויפט א פרישע גאר גרויסן טייערן מאשין, וואס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף קענען דרוקן גאר אסאך ספרים אין א קורצע צייט, צו קענען נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג.

א פרישע פליגל איז געווארן צוגעבויעט די וואך צום בית הדפוס, צו קענען אקאדעמירן דעם נייעם גרויסן מאשין, וועלכע וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זיין א גרויסע הילף, צו קענען דרוקן נאך פיל מער ספרים פון ביז יעצט.

**ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה!**

***

### צווייטע ספר תורה געקויפט דורך קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג

גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו נאכן קויפן די וואך א פרישע ספר תורה, פארן באנוץ פון בית מדרשינו אין וויליאמסבורג.

בנוסף צו די ערשטע ספר תורה וואס איז געקויפט געווארן דורך אלע חברי הקהלה מיט עטליכע יאר צוריק, האט מען יעצט געקויפט נאך א ספר תורה, וואס וועט שטארק צוניץ קומען, אין די ימים טובים, און ווען אימער מען דארף ליינען אין צוויי ספרי תורות.

דער נייער ספר תורה וועט נתחדש ווערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף, דעם קומענדיגן יום טוב שבועות, ווען עס וועט פארקומען די הכנסת ספר תורה בבית מדרשינו.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

### צוויי נייע ספרים די וואך ארויס פון דרוק




די פארגאנגענע וואך איז ארויסגעקומען צוויי פרישע ספרים אינעם בית הדפוס, "קרן הדפסה היכל הקודש".

די ערשטע איז א פרישע חלק אין די סעריע פון "אשר בנחל באידיש", דאס מאל איז שוין ארויס געקומען חלק י"ז.

ווי באקאנט איז די אשר בנחל'ס אין אידיש, זייער שטארק אויפגענומען געווארן ביים היימישן ציבור, דאס זענען בריוון געשריבן דורך מוהרא"ש, איבער אלע אנגעלעגנהייטן אין לעבן פון א מענטש, עס ענטהאלט א רייכער אוצר פון חיזוק און הדרכה, געבויעט אויפ'ן רבינ'ס דיבורים, ווי אזוי עס צו ניצן פראקטיש אינעם טאג טעגליכן ווירשאפט.




די צווייטער ספר איז "אוצר ל"ג בעומר" כשמו כן הוא, עס ענטהאלט אן אוצר פון קונטריסים וואס זענען שוין ארויסגעקומען די פארגאנגענע יארן איבער די גרויסקייט פון דעם טאג ל"ג בעומר, און וואס מיר קענען ארויס לערנען דערפון, ווי אויך איז דא דארט עטליכע קונטריסים אויף די ימי הספירה, ווי אזוי אויסצוניצן די הייליגע טעג צום גוטן.

ביידע ספרים קען מען באקומען בהיכל הישיבה אויף **27 Skillman St.**

**חזק ונתחזק!**

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין דִי יְשִׁיבָה, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע רֶעדְן, סְ'אִיז אַ ווּאוּילֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אִינְטֶער דֶעם, בִּפְרַט אַז אַלֶע בָּחוּרִים לֶערְנֶען עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען זֵיי חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן זֵיי פַארְפֶעלְן נִישְׁט קַיין אֵיין וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען אַלֶע רַשִׁ"י'ס פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן סְ'אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, וִוי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה) וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י; אַז עֶר לֶערְנְט הֵן רַשִׁ"י אוֹיף דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן הֵן דֶעם תַּרְגוּם, זָאגְן צַדִיקִים אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן זֵיי לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועןְ דֶער דֶרֶךְ צוּ אַסַאךְ זָאגְן, נִישְׁט מִיד וֶוערְן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס טוּט אוֹיף פַאר דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאלְסְט זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דָאס וֶועט קִילְן דַיין יֵצֶר הָרַע וְכוּ', אוּן דָאס וֶועט אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם בְּרֶען אוּן דֶעם פַייעֶר פוּן דִי שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אִין דִיר אָנְגֶעקְלֶעבְּט, וָוארוּם וֶוען דִי בָּחוּרִים וָואלְטְן גֶעוְויסְט וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואלְטְן זֵיי יֶעדְן טָאג דוּרְכְגֶעזָאגְט לְכָל הַפָּחוֹת אַ גַאנְצְן סֵדֶר אִין מִשְׁנַיוֹת, אַ בָּחוּר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט אוּן לֵיידִיג רוֹב טָאג אוּן רוֹב נַאכְט, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ סֵדֶר אִין מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר יֶעדֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַ גוּזְמָא, אָבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן דָאס בַּאוִויזְן, אוּן דָאס הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', פוּן טְרוֹיעֶרְקֵייט וְכוּ', אוּן פוּן פוֹילְקֵייט וְכוּ', וָוארוּם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה. וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אוֹיכֶעט אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס, זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף גְמָרָא אָן רַשִׁ"י אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, וָוארוּם בַּיים אָנְפַאנְג אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר צוּ כַאפְּן דֶעם לִימוּד, אָבֶּער וֶוען עֶר גֶעוְואוֹינְט זִיךְ צִי, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר דַפִּים גְמָרָא, אִיז בַּיים סוֹף וֶוערְט עֶר צוּגֶעוְואוֹינְט צוּ דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן דִי גְמָרָא, אוּן עֶר זֶעט אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען דָא אַ רַשִׁ"י אוּן דָארְטְן אַ רַשִׁ"י, אוּן דָא אַ תּוֹסְפוֹת'ל וְכוּ', אוּן דָא אַ תּוֹסְפוֹת'ל וְכוּ', בִּיז מֶען גֶעוְואוֹינְט זִיךְ צִי אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער נִצָּחוֹן פוּן אַ אִיד.

וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, כָּל זְמַן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' מַאכְט אוֹיף יֶעדְן טָאג דִי גְמָרָא, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ אִיד. אָבֶּער אַז עֶס גֵייט אַוֶועק אַ טָאג אָן לִימוּד גְמָרָא, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט אַלֶעס טוּן נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין גְמָרָא, וָוארוּם גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) תַּלְמוּ"ד אִיז דִי גִימַטְרִיָא פוּן דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת, וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט לֵצָנוּת פוּן דֶעם, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", בִּיסְטוּ קְלוּג, בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, זָאלְסְטוּ וִויסְן דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ, נִישְׁט פוּן יֶענֶעם. אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, אוּן עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט אִים אַוַודַאי גוּט זַיין.

(אשר בנחל באידיש מכתב שס"ט)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### חסדי ה' יתברך, מוהרא"ש ערהוילט זיך

מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען געווארן די נייעס אז מוהרא"ש שליט"א איז ברוך ה' ארויס געלאזט געווארן פון שפיטאל, דעם פארגאנגענעם זונטאג, און ער ערהוילט זיך אינדערהיים מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

גלייכצייטיג זענען אידן איבער די וועלט ווייטער ממשיך צו בעטן און איינרייסן פאר א גאנצע רפואה, פאר "רבינו אליעזר שלמה בן מלכה" נאכדעם וואס מוהרא"ש איז נאך זייער שוואך, און דארף נאך אסאך תפלות ישראל, צוריק צו קומען צו די כוחות געהעריג.

מיטוואך האט מוהרא"ש אריבערגערופן דעם ראש ישיבה, ווי ער האט אים גאר שטארק מחזק געווען אין א לענגערע שמועס, בתוך הדברים האט מוהרא"ש געבעטן דעם ראש ישיבה ער זאל אינאיינעם מיט די בחורים אויסזאגן גאנץ תהלים, און בעטן ביים אייבערשטן לרפואתו השלימה, צומארגנ'ס דאנערשטאג האבן די בחורים אינאיינעם אויסגעזאגט גאנץ תהלים, און דער שומע תפלות כל פה, וועט זיכער צוהערן זייערע תפלות, און מיר וועלן זוכה זיין אז מוהרא"ש וועט אונז פירן קעגן משיח צדקינו געזונטערהייט במהרה בימינו אמן.

**חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו!**

***

### הנהלת הישיבה וועט בקרוב שליסן מקח אויף אן הערליכע קעמפ

ווי באקאנט פארן די בחורים ארויס יעדעס יאר אין קעמפ אין די זומער וואכן, זיך משלים בתורה ועבודה צווישן די בערג, ווייט פון די רוישיגע שטאט.

אין די לעצטיגע יארן זענען מיר יעדע יאר געווען אויף אן אנדערע פלאץ, וואס דאס האט זייער שווער געמאכט די עבודת הקודש, זיך דארפענדיג ארום וואלגערן יעדעס יאר אין אן אנדער קעמפ.

דאס יאר האט מוהרא"ש געזאגט פאר די הנהלת הישיבה, אז מען זאל זיך ארייגלייגן ראשו ורובו צו קויפן אן אייגן קעמפ, ווי מען זאל קענען זיצן במנוחה ושלוה און דינען דעם אייבערשטן.

גלייך זענען די חברי ההנהלה אריינגעטאנצן אין דעם גרויסן אונטערנעמונג, און נאכן באטראכטן אסאך פלעצער, האט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף געטראפן גאר א געאייגנט פלאץ צו קויפן פאר א קעמפ, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפט מען די וואך צו שליסן דעם מקח בשעה טובה ומצלחת.

טראץ די גרויסע שוועריקייטן וואס זענען פארבינדן דערמיט, האבן די הנהלה נישט געשוינט קיין מיה, כוחות, און געלט, צו קענען אויספירן רצון צדיק פון מוהרא"ש, צו קויפן אן אייגן קעמפ.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער קעמפ זיין א תל תלפיות, א פלאץ פאר די בחורים צו שטייגן בתורה ועבודה, און יראת שמים לשם ולתפארת.

**והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד!**

***

### בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב" אויסגעברייטערט מיט פרישע טייערסטע מאשינען

עס איז שוין ברייט באקאנט די געוואלדיגע פעולות פון דעם "קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב", וואס מען האט אויפגעשטעלט דא אין

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות......................**7:38**
מוצש"ק..............................**9:09**
סוף זמן ק"ש.......................**8:45**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................מעילה כ׳
ירושלמי........................חגיגה י"ד
תוספתא.............מעשרות פרק ג׳


פרשת אחרי-קדושים, י"ג אייר, אבות פרק ג׳, שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 29


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אַז דָאס וָוארְט "זֹאת" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אֱמוּנָה" - צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ה׳) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז אֱמוּנָה, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְקוּקְן וִוי עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, צוּ עֶר גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק בְּזֹאת וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה? דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אֱמֶת'דִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ג)

***

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי׳ נ"א) "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַער'ן, וַוייל דִי וֶועלְט נַער'ט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַער'ט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵּר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיט זָאלְן נִישְׁט אָפּ'נַער'ן דִי נְשָׁמָה.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵּר, "גֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס זָאגְט, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּהְן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ לַ"ג בָּעוֹמֶר ~ פֶּסַח שֵׁנִי ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט'ס טֵיילְט עֶר אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ.

אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דִי טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק, אוּן עֶס וֶועט זַיין וִוי עֶר אִיז מַמָּשׁ דָארְט, וַוייל וִוי אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע צַייט, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דֶעמָאלְט'ס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּן דֶעם בַּעַל הִילוּלָא דֶער צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי.

וּבִפְרַט וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזוֹהַר, אוּן מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מס׳ שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר, אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּן צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אוּן אַוַודַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן אִיז

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

נִישְׁטָא גְרֶעסֶער'ס פוּן דֶעם, אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ וֶוען מֶען קֶען זַיין בַּיי אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער בְּיוֹמָא דהִילוּלָא, אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן קֶען מֶען זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֶל'ן גֶעוַואלְדִיגֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת מִיט אַלֶעס גוּט'ס.

אָבֶּער אֲפִילוּ דִי וָואס פָּארְן אַהִין לַ"ג בָּעוֹמֶר, דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרֵיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה, וַוייל מֶען טְרַאכְט אַז נָאר דָארְט קֶען מֶען אוֹיס'פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת, וַוייל דִי גַאנְצֶע בַּארְג אִיז הֵיילִיג מִיט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, נָאר מֶען זָאל זִיךְ טְרֶעפְן אַ רוּהִיגֶע ווִינְקֶל, אוּן פוּן דָארְט זִיךְ מְקַשֶׁר זַיין צוּם צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דִי הַארְץ פַּאר דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאגְרָאבְן, אוּן מֶען אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טַאקֶע הֶעלְפְן אִין זְכוּת פוּן דִי אַלֶע צַדִיקִים, אוּן אִין דִי זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעעֶן מִיר אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפָרַדִים, אַלֶע קוּמֶען אוֹיף מִירוֹן זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן פְּלֶאץ פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אהקן קַארְלִינֶער שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן, "אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַּאר נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן", זֶעהט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען בַּאקוּמֶען חַיוּת פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו ערך ל"ג בָּעוֹמֶר)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) "שִׁיסְן מִיט אַ פַּיילְן-אוּן-בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז מְסוּגָל פַּאר קִינְדֶער", דָאס מֵיינְט סַיי צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט גֶעוֶוענְדְלִיךְ פַאר לַ"ג בָּעוֹמֶר, דֶעם מַאֲמַר פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ טוּהן דֶעם מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַּיילְן-אוּן-בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט ווִי דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַ פַּאר-פָּאלְק אוּן גֶעזָאגְט: "מִיר ווִילְן זִיךְ גֶט'ן, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹי פִיל יָארְן זַייט אוּנְזֶער חֲתוּנָה, אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער", הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר פֵיין אִיר קֶענְט זִיךְ גט"ן, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי אֵייעֶר חֲתוּנָה, אַזוֹי זָאלְט אִיר יֶעצְט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה וֶוען אִיר גֶט זִיךְ".

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען, אוּן שִׁיכּוֹר'הֵייט הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ: "וֶוען דוּ גֵייסְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיךְ אוֹיסְוֶועלְן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער הוֹיז, דָאס וֶועט זַיין אַ מַתָּנָה פַאר דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז דֶער מַאן אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'הֵייט, אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי פְרוֹי אוּן גֶעהֵייסְן פַאר אִירֶע קְנֶעכְט, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט, אוּן אִים אַזוֹי אַרִיבֶּער טְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאגְן מִיטְן בֶּעט צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזֶעהן ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּה אִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מֶעג מִיר נֶעמֶען דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר

המשך בדף ג


## מוסדות "היכל הקודש" ברסלב - יבנאל עיר ברסלב

### בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

# פרייליכע מעלדונג!

### פאר די וואס פארן אויף מקומות הקדושים מירון צפת טבריה

אין די יעצטיגע טעג אין צוגרייטונג צום יארצייט פון התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי, ווי אויך במשך דעם גאנצען יאהר, סיי ווען איר פארט קיין ארץ ישראל, אויב זוכט איר א היימישע געשמאקע פלאץ זיך אפצושטעלן, קומט אריבער אויף יבנאל, בלויז צוועלף מינוט צו פארן פון טברי' - ציון רבי מאיר בעל הנס.

- מנינים שחרית פון ותיקין ביז חצות (אויך שב"ק).
- מנינים מנחה ביז שפעט, מנינים מעריב ביז שפעט ביינאכט.
- מקואות טהרה.
- עסן בחינם יעדן נאכט א ברייטע נאכטמאהל אין בית התבשיל אהל אברהם.
- טעימה קלה קאווע מזונות אד"ג א גאנצן טאג.

*

**הערליכע ניי געבויעטע דירות אויף די הערליכע רואיגע יבנאל בערג צו פארדינגען פאר גאר ביליגע פרייזן**

עס איז דא א גרויסע אויסוואהל פון דירות/צימערן, צו פארדינגן אויף טאג/וואך/שבתים, ארומגענומען מיט די ריינע לופט און די שענסטע פאנאראמע פון די יבנאל בערג.

**פאר מער אינפארמאציע, אדער צו דינגען א דירה,**

**רופט אין צענטראלע אפים אויף 011-972-4-6708356**

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

גְענוּמֶען, דָאס דַארְף אִיךְ".

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִים צוּ פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּהן, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מְעִזָּה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער.

זֶעהט מֶען ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז מְסוּגָל, אִין דֶעם טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל-אוּן-בּוֹיגְן, צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ה' ערך ל"ג בָּעוֹמֶר)

***

## פֶּסַח שֵׁנִי

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פֶּסַח שֵׁנִי", זֶעהט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר אַ יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא, בִּשְׁעַת'ן מַאכְן דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "לָמָּה נִגָּרַע? - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייניגֶער פוּן יֶעדְן? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין "פֶּסַח שֵׁנִי".

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, סֵיי וֶוען עֶר גִיבְּט זִיךְ אַ כַאפּ, אַז עֶס אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעלָאפְן אַסַאךְ טֶעג חֲדָשִׁים אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, עֶר קֶען נָאךְ אָנְהֵייבְּן "פוּן יֶעצְט" צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט'ס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דִי אִידְן זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער ז"ל, אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער, אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן פַארְן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ אִים צוּרִיסְן דִי שִׁיךְ, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶר קֶען אִים עֶס נָאךְ יֶעצְט פַארֶעכְטְן.

הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "ווִי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט יֶעצְט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דַאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְׂכֵּל, 'ווִי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער'חַזֶר'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

אוּן דָאס גֵייט צוּזַאמֶען מִיט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדָארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם קי"ב), וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

המשך בדף ד

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ז אֱלוּל ה'תש"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְּקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְּקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ו) וִויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בְּמְצִיאוּת וֶוען סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶת, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ', פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הֵיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', וְכוּ'.

(אשר בנחל באידיש מכתב כ')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אָבֶער נָאךְ אַ זַאךְ זֶעעֶן מִיר, אַז דָאס מוּז גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָּאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו ערך פֶּסַח שֵׁנִי)

***

נָאךְ אַ זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן "פֶּסַח שֵׁנִי".

אִין פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אוֹיבּ ווִיל מֶען זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן בַּיי זִיךְ, אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל, "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן "אֵשׁ וּמַיִם", פוּן פֵייעֶר אוּן וַואסֶער, צְוֵויי קֶעגְנְגֶעזֶעצְטֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם, וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין אַ יֶעדְן טָאג, אַ פָּאר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ פָּאר מִשְׁנוֹת אִין מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אַבִּיסְל שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער "הִימְל מֶענְטְשׁ".

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד ערך פֶּסַח שֵׁנִי)

# סימן טוב ומזל טוב!

### פון טיפן הארצן וואונטשן א הערצליכן "מזל טוב" פאר

## מו"ה שלמה זלמן קאלמאן נ"י

### מייסד ופטרון ישיבתינו הק'

### צו די שידוך שליסן פון זיין בחור החתן כמר ישעי' שלום נ"י
### עב"ג למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת

אשריך רבי שלמה זלמן! דו האסט געהאט די געוואלדיגע זכי' צו עפענען די טירן פון ישיבתינו הק', און זיך זארגן צוצושטעלן פאר די בחורים אלעם וואס מען דארף על צד היותר טוב, דער זכות הרבים לדורות פון אלע בחורים וואס לערנען און דאווענען און זענען עוסק במצות ומעשים טובים, איז אלעם דיין זכות.

זאל דיר דער אייבערשטער באצאלן מיט פיל שמחות און נחת פון קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, ביז משיח'ס טאג, במהרה בימינו אמן.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### ערשטע שבת ביי מוהרא"ש
### נאכן ארויסקומען פון שפיטאל

א הערליכע שבת האבן מיר מיטגעהאלטן ביי מוהרא"ש צום ערשטן מאל נאכן אהיימקומען פון שפיטאל.

ערב שבת נאכמיטאג האט מוהרא"ש נאך געשריבן חיזוק בריוון פאר אנשי שלומינו, טראץ זיין גרויסע שוואכקייט.

לכבוד שבת האט זיך שוין מוהרא"ש געקענט אליינ'ס אנטוהן לכבוד שבת, אלע בגדי שבת שטריימל און בעקיטשע א.א.וו. פרייטאג צו נאכט'ס נאכן דאווענען זענען אלע אנשי שלומינו ארויף געגאנגען וואונטשן גוט שבת פאר מוהרא"ש, מוהרא"ש איז געזיצן מיט א שמייכל, צום ערשט האט ער אנגעוואונטשן פאר זיין משפחה, דערנאך האט ער אנגעוואונטשן די בחורים פון ישיבה, און אויך זיי מעורר געווען אז זיי זאלן ווייטער זאגן תהלים און בעטן פאר זיין גאנצע רפואה, דערנאך האט ער ווייטער אנגעוואונטשן אלע אנשי שלומינו, אלעס מיט א שמייכל, און מיט א פאטערליכע ליבשאפט.

מוהרא"ש האט דערציילט אין קורצן די ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיט אים געטוהן, עס איז א זעלטענע זאך אז א מענטש זאל אריבער גיין פיר הארץ אטאקע'ס איינ'ס נאכן צווייטן, און בלייבן לעבן, און מוהרא"ש האט צוגעלייגט אז דאס אלעס איז זיכער נאר אין זכות פון די תהלים און תפלות וואס אידישע קינדער האבן איינגעריסן פאר אים, אבער גלייכצייטיג האט מוהרא"ש געבעטן אז מען זאל נישט אויפהערן ווייטער צו בעטן פאר אים, אז ער זאל האבן א גאנצע רפואה, און צוריק קומען פולשטענדיג צו די כוחות.

ביי די סעודה האט זיך מוהרא"ש אויפגעשטעלט צו קידוש, טראץ זיין שוואכקייט, זאגענדיג: "קידוש איז אן עדות אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און עדות דארף מען זאגן שטייענדיג", מיט געוואלדיגע כוחות האט זיך מוהרא"ש אנגעשטרענגט צו מאכן קידוש שטייענדיג מיט גרויס דביקות.

ביי די זמירות "אזמר בשבחין", ביי די ווערטער "לאיתקפא חלשין", האט מוהרא"ש זייער מאריך געווען און איבער געזאגט די ווערטער אסאך מאל מיט גרויס התרגשות, נאכן זינגען זמירות, האט מוהרא"ש געלערנט "נועם אלימלך" אויף די פרשת השבוע, אזוי ווי מוהרא"ש טוט געווענדליך.

אזוי איז ווייטער אריבער דער שבת קודש, מיט גרויס דערהויבענקייט.

דינסטאג איז פארגעקומען א ברית פון אן אייניקל פון מוהרא"ש ביי מוהרא"ש אינדערהיים.

די ברית איז געווען פאר א זוהן פון ר' צבי הערש גאלדמאן נ"י בן מו"ר יעקב יוסף גאלדמאן שליט"א, חדב"ן פון מוהרא"ש שליט"א.

די ברית איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש אינדערהיים מיט די באטייליגונג פון בלויז די משפחה מיגלידער, און די בחורים פון ישיבה.

דינסטאג נאכט האט מוהרא"ש געשריבן א בריוו צו אלע בחורי ישיבתינו הק', ווי ער באדאנקט זיך פאר אויסזאגן גאנץ תהלים און מתפלל לרפואתו השלימה.

און גלייכצייטיג בעהט מהרא"ש אז מען זאל ווייטער מתפלל זיין פאר אים.

אויך איז מוהרא"ש מחזק די בחורים זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין צו לערנען פלייסיג אסאך משניות און גמרא.

**עם ה' חזקו ונתחזקה!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת אמור, כ' אייר, אבות פרק ד', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 30

**זמנים**

הדלקת הנרות.....................7:45
מוצש"ק..............................9:16
סוף זמן ק"ש.........................8:41

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................תמיד כ"ז
ירושלמי.........................חגיגה כ"א
תוספתא............חלה פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם, זָאגְט רַשִׁ"י, אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חַיוּת אִין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת, אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים**, מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע, דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת, זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פִיל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט'ס אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ,** לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן **"אֱלֹקָיו" - "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דֶער גֶעווענטליכע לָשׁוֹן **"אֱלֹקִים" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקַייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּם גוּטְנְ'ס, אָדֶער צוּם שְׁלֶעכְט'ס.

אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּט'ס, דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אֵיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז אוֹיף צְוֵויי זַאכְן דַארְף אַ אִיד הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג, אֵיינְס צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט מִנְיָן, צְוֵוייטְנְ'ס צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד, דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי אִידִישְׁקַייט, וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אוֹיךְ פוּן דֶעם, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן פוּן דֶעם, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען, אוּן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

אוּן דָאס זֶעהט מֶען מַמָשׁ בְּחוּשׁ אַז אַזוֹי הֵייבְּט אַ אִיד אָן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיים פַארְנַאכְלֶעסִיגְן דָאס דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, קוֹדֶם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַ פְרוּמֶען פָּנִים, "אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשְׁט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים אַלֵיין, וַוייל אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶר מֶער אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען", אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז אַזוֹי כַאפְּט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דָאס דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְפֶעלְן דָא אַ מִנְחָה דָארְט אַ מַעֲרִיב, מֶען טְרֵייסְט זִיךְ אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטֶער צְוֵויי שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁנַיידְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נִישְׁט לִיבּ, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן, אוּן אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ,** אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר, ווַייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט ווִי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס ווִיל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, תש"ם)

***

**וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לּוֹ,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ג) אַז פַאר עֶם קוּמְט אַרוֹיס אַ גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס צוּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּם גְזַר דִין, וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִים גוֹזֵר גֶעוֶוען. אַוַודַאי אוֹיבּ וֶועט מֶען פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶועט עֶר נִישְׁט וֶועלְן, אוּן דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: "יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וָואס הַאלְטְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר אִים?" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, פַּסְקְ'נְט עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר הָאט אַ מוּם **כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לּוֹ,** אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן אָפְּ'פַּסְקְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן וַוייל מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פְּסַק'נְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר ח')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מֶען זָאגְט נָאר קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ דַאוֶוענֶען, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט "אִיךְ מוּז יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, מִיט כַּוָונָה אָדֶער אָן כַּוָונָה" אַזוֹי אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אוֹיף דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת נ"ד:) אַז עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל אִיז גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג וָואס אִיז גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָה אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעוָואלְט אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'ט, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי מַחֲנָה יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן דָאס מוּז זַיין דַוְקָא אִין דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס מֵיינְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן, אוּן דָאס הָאט דֶער עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אִידְן פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פוּן אִים, נָאר עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן מִיט דֶעם גֶעווִיזְן פַאר דִי אִידְן, אַז מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט אַן אוֹנֶס, מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט וְכַדוֹמֶה, אִיז נָאךְ אַלְץ דָא בָּרוּךְ ה' הַיינְט מִנְיָנִים בִּיז שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָנִים, אִיז נָאךְ אַלְץ עֶנְדֶערְשְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל ווִי צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אַזוֹי גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס דָארְט רוּהט דִי שְׁכִינָה.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג: "וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן זָאל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן" דָאס מֵיינְט אַז דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע וּבְנֵיקָל.

וּבִפְרַט מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַארְף מֶען נָאךְ מֶער זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל אִין דֶעם זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶער מְזַלְזֵל, אוּן דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן אִיז נָאךְ מֶער מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים פ"ח.) אַז אַבְרָהָם הָאט עֶס גֶערוּפְן "הַר" יִצְחָק "שָׂדֶה" אוּן יַעֲקֹב "בַּיִת" דָאס מֵיינְט דֶעם פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס דָארְט אִיז דֶער פְּלַאץ פוּן תְּפִלָּה, אוּן אַבְרָהָם הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית יִצְחָק מִנְחָה, אוּן יַעֲקֹב מַעֲרִיב, שָׂדֶה - אַ פֶעלְד, אִיז דִי פְּלַאץ ווִי עֶס וַואקְסְט אַלֶע עֶסְן, אוּן דֶערְנָאךְ בְּרֶענְגְט מֶען דָאס אַרַיין אִין דֶעם בַּיִת - אִין דִי הוֹיז, זֶעהְט מֶען אַז מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

דֶערְפַאר אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט זָאל עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶועט אִים אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח וּבְנֵיקָל וִויפִיל עֶר דַארְף.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ, חֵלֶק ח' עֶרֶךְ מִנְיָן, חֵלֶק ו' עֶרֶךְ מִנְחָה מַעֲרִיב)

***

אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אַז עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען, וָוארוּם דַאוֶוענֶען בְּצִיבּוּר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דֶעמָאלְטְס אִיז אַן עֵת רָצוֹן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) מַאי דִכְתִיב (תְּהִלִּים סט) "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ הַוָי"ה עֵת רָצוֹן, אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; וָוארוּם וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען, צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַשְׁגָּחָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; אֵיין טָאג אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל, פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז דָא יֶעדְן טָאג? שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וָואס דָאס מֵיינְט: אַ אִיד קוּמְט יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם, אֵיין טָאג קוּמְט עֶר נִישְׁט פְּרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז עֶר?, וֶוערְט עֶר גֶעוואוֹיר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אָדֶער עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ צָרָה וְכוּ' וְכוּ', הֶעלְפְט עֶר אִים גְלַייךְ.

(אשר בנחל באידיש מכתב קכ"ח)

***

אָבֶּער בִּיז דֶערְוַוייל זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן זָאלְסְט דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַּייְקָא, אִין אַ סִידוּר נִישְׁט אוֹיסֶענְוֶוייְנִיג, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה,

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן פוּן בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אַ מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, וָוארוּם אַ בָּחוּר וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס קִילְט אִיהְם דִי נֶערְוְון וְכוּ', אוּן צֶעבְּרֶעכְט זַיין יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִיהְם, וָוארוּם דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת הַארְגֶעט מֶען אָפּ זַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָאַרֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנֶה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסִדְרָא וּלְקַשְׁרָא קְשׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר. [דֶער וָואס עֶר זָאגְט אוּן לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, דֶער קֶען מְסַדֵר זַיין אוּן צַאמְבְּרֶענְגְן אַלֶע יִיחוּדִים וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין, אוּן זֵיי טוּעֶן הֵיילִיגְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג].

פְּרֶעג אִיךְ דִיר, לוֹינְט זִיךְ דֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אוּן קִילְן דַיינֶע נֶערְוְון וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צִי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, קוּמְט אַרַיין נָאכְדֶעם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסְן חֵשֶׁק צוּ דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס אַפָּאר מָאל, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַזוֹיפִיל מָאל צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא, צוּם סוֹף וֶוערְט גִיעֶפֶנְט דֶער מֹחַ אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דְמִשְׁכַּח וְאַף עַל גַב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע קָאפּ וְכוּ' אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, זָאל מֶען קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן דַּייְקָא, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִיךְ אִיהְם עֶפֶענֶען דֶער קָאפּ אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אוּן עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה פַאר וֶוער עֶס הָאט דָאס שׁוֹין פְּרוּבִירְט, אוּן אוֹיכֶעט אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שָׁעָה'ן אִיבֶּער שָׁעָה'ן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ [מְחַבֵּר רְמָ"א], הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ' אוּן צוּ שְׁמוּעץ וְכוּ', וָוארוּם מִיט דֶעם הַארְגֶעט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) כַּךְ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, בְּנִי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין, וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶאֱמַר (בְּרֵאשִׁית ד') "הֲלֹא אִם תֵּטִיב שְׂאֵת" וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶאֱמַר (שָׁם) "לַפֶּתַח חַטָאת רוֹבֵץ" וְלֹא עוֹד, אֶלָא שֶׁכָּל מַשָׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בְּךָ, שֶׁנֶאֱמַר (שָׁם) "וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ", וְאִם אַתָּה רוֹצֶה אַתָּה מוֹשֵׁל בּוֹ, שֶׁנֶאֱמַר (שָׁם) "וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ".

(אשר בנחל באידיש מכתב ש"כ)

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

## "דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בִּיקוּר חוֹלִים"

דִי סֵדֶר פוּן אַ חוֹלֶה אִיז, אַז עֶר רֶעגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט גֵייט אִים אוֹיף דִי נֶערְוְון, צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ. וָואס וֶועגְן דֶעם הָאבְּן חֲזַ"ל זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, אַז מֶען זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין, מֶען זָאל זֵיי טְרֵייסְטְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן. חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא, פֵּאָה, פֶּרֶק א): שֶׁבִּקוּר חוֹלִים אָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶה, וְהַקֶרֶן קַיֶימֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא - אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען גוּטְס סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (נְדָרִים לט, ע"ב): כָּל הַמְבַקֵר חוֹלֶה נוֹטֵל אֶחָד מִשִׁשִׁים בְּצַעֲרוֹ - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְבַקֵר חוֹלֶה הֶעלְפְט עֶר דֶעם קְרַאנְקְן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן זַיין קְרֶענְק, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): בִּיקוּר חוֹלִים אֵין לָהּ שִׁיעוּר אֲפִילוּ מֵאָה פְּעָמִים בַּיוֹם - דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טוּהן אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מָאל אַ טָאג, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם מ, ע"ב): יָצָא רַבִּי עֲקִיבָא וְדָרַשׁ כָּל מִי שֶׁאֵין מְבַקֵר חוֹלִים כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים - רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵר קַיין חוֹלִים אִיז גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר הַרְגֶ'עט מֶענְטְשְׁן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם מ, ע"ב): שֶׁהַשְׁכִינָה שְׁרוּיָה לְמַעְלָה מִמִטָתוֹ שֶׁל חוֹלֶה - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט הֶעכֶער דִי בֶּעט פוּן אַ חוֹלֶה.

וֶועגְן דֶעם, אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה, צוּ גֵיין מְבַקֵר זַיין חוֹלִים אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְוֶועקְן אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶענֶען זֵייעֶר מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט דוּרְךְ דֶעם קֶענֶען מִיר נִישְׁט מַשִׂיג זַיין, דוּ זָאלְסְט זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵק זַיין, וַוייל גֶעוֶוענְדְלִיךְ זֶענֶען חוֹלִים זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען זָאל זֵיי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אָדֶער טְשֶׁעפֶּענֶען.

אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן אִים, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נח, ע"ב), וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם, נָאר דוּ זָאלְסְט זֶעהן צוּ הָאבְּן מִיטְלַייד מִיט דַיין חַבֶר'ס צַעַר אוּן מִיט אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, דוּ זָאלְסְט זֵיי כְּסֵדֶר מְחַזֵק זַיין אוּן טְרֵייסְטְן, דֶעמָאלְסְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם בְּאִידִישׁ פֶּרֶק ו)

***

גֶעוֶוענְדְלִיךְ אַ חוֹלֶה וָואס אִיז זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, דֶערְצֵיילְט זַיינֶע וֵוייטָאגְן פַאר יֶעדֶער וָואס קוּמְט אִים בַּאזוּכְן, אַ גַאנְצֶע טָאג רֶעדְט עֶר נָאר פוּן זַיינֶע וֵוייטָאגְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע וֵוייטָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דוּ דֶערְצֵיילְסְט דָאס פַאר דַיין חַבֶר, זָאלְסְט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל מִיר אוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ דִי רוֹפֵא נֶאֱמָן, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דוּ טוּסְט אִיז גוּט, דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר, דוּ בִּיסְט דָאךְ דִי רַחֲמָנוּתְ'דִיגֶע טַאטֶע, קוּק צוּ מֵיין צַעַר, קוּק צוּ מַיינֶע וֵוייטָאגְן, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט!"**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט עֶר דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, נָאר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וַוייל אַלֶעס אִיז זִיכֶער לְטוֹבָה.

(אֶרֶךְ אַפַּיִם בְּאִידִישׁ פֶּרֶק ו)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וָואס פְלֶעגְן גֵיין צוּזַאמֶען נָאךְ גֶעלְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר׳ נָתָן, אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּ אִים פָארְן, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע רֶבִּי.

אֵיינְמָאל הָאט ר׳ נָתָן׳ס תַּלְמִיד גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם אַנְדֶערְן אָרִימַאן: ״זָאג מִיר, פַארְוָואס בִּיזְטוּ אֵייבִּיג אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? פַאר וִוינְטֶער בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי׳ן אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דַיין הַארְץ, אַז דִי הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּם לֶעבְן, אוּן דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּעטְן פוּן מַיין רֶבִּי׳ן קַיין גֶעלְט, וַוייל עֶר אִיז אַלֵיינְס אַן אָרִימַאן, וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעדַארְפְט זַיין מֶער פְרֵיילֶעךְ פוּן מִיר, אָבֶער אִיךְ זֶעה אַז אִיךְ בִּין אַסַאךְ מֶער פְרֵיילֶעךְ, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין?

הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אֱמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מַיין רֶבִּי׳ן אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם, אוּן עֶס אִיז מִיר גֶענוּג גֶעוֶוען פַאר אַ חֵלֶק וִוינְטֶער, אָבֶער גְלַייךְ וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענִיצְט, הָאבּ אִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט, בִּין אִיךְ וַוייטֶער טְרוֹיעֶרִיג״,

״אָבֶער דוּ, אֲפִילוּ דַיין רֶבִּי הָאט דִיר טַאקֶע נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט, הָאט עֶר דִיר אָבֶער גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל, עֶר הָאט דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּ אִים, אוּן דָאס נִיצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְסְטוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ מֶער פוּן דַיין רֶבִּי׳ן, וִוי אִיךְ פוּן מַיין רֶבִּי׳ן״.

(פַּרְנָסָה טוֹבָה, שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, אוֹת ע׳)

***

אֵיינֶער אִיז אַמָאל אַרַיין צוּ אַ שׁוּסְטֶער צוּ פַארֶערְכְטְן שִׁיךְ, דֶער שׁוּסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלַבּ׳ֶע חָסִיד, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי דֶער שׁוּסְטֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן פַארֶערְכְטְן דִי שִׁיךְ: ״חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶךָ, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פִיס וָואס גֵייעֶן אָנְטוּהן דִי שִׁיךְ, זָאלְן נָאר גֵיין אוֹיף גוּטֶע פְלֶעצֶער צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת, אוּן נִישְׁט גֵיין חַס וְשָׁלוֹם צוּ פְלֶעצֶער וָואס מֶען טָאר נִישְׁט״, אַזוֹי הָאט עֶר אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ אַמָאל אוּן נָאךְ אַמָאל.

אַן עֶנְלִיכֶער מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מֶען וֶועגְן אַ בְּרֶסְלַבּ׳ֶע חָסִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מִקְוֶה אִיד, אוּן מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי בְּשַׁעַת׳ן אָנְגְרֵייטְן דֶעם מִקְוֶה פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין דִי מִקְוֶה, זָאל הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר זָאל זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ טוּהן נָאר מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים״.

נָאךְ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט עֶסְן אִין אַ רֶעסְטוֹרַאנְט וָואס הָאט בַּאלַאנְגְט פַאר אַ בְּרֶסְלַבּ׳ֶע חָסִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֶעגְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי רֶעסְטוֹרַאנְט: ״פַארְוָואס אִיז דַיין עֶסְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק? עֶס הָאט מַמָּשׁ אַ טַעַם גַּן עֵדֶן, אוּן אוֹיךְ וֶוען אִיךְ עֶס בַּיי דִיר, בֶּענְטְשׁ אִיךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק?

פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״אִיךְ הָאבּ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְפֵּייסֶעס וָואס אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי עֶסְן!״

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳עַקְשָׁן׳ט: ״וָואס זֶענֶען דִי סְפֵּייסֶעס?״ הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִים גֶעזָאגְט: ״דִי סְפֵּייסֶעס זֶענֶען ׳רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, וֶוען אִיךְ קָאךְ דִי עֶסְן בֶּעט אִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי עֶסְן זָאלְן זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוער עֶס עֶסְט דִי עֶסְן זָאל בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סוֹד פוּן מַיין גֶעלוּנְגֶענֶע רֶעסְטוֹרַאנְט!״.

(פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת אוֹת צב, צג)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### דאקטורים ערשטוינט פון די שנעלע ערהוילונג פון מוהרא״ש שליט״א

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף ערהוילט זיך מוהרא״ש אויף א שנעלע אופן.

פארגאנגענעם שבת קודש האט מוהרא״ש געדאווענט פרייטאג צו נאכט׳ס ביי זיך אינדעהיים, נאכן דאווענען זענען אנשי שלומינו ארויף געגאנגען זאגן גוט שבת פאר מוהרא״ש, צווישן זיי זענען אויך געווען בחורים פון ישיבתינו הק׳, וועלכע האבן געזאגט פאר מוהרא״ש זייערע סיומים, וואס זיי האבן מסיים געווען די לעצטע צייט אויפ׳ן דרך הלימוד פון רבי׳ן, איין בחור האט דערציילט פאר מוהרא״ש אז ער האט געענדיגט הונדערט און איין מאל מסכת תענית, מוהרא״ש האט זיך זייער מחי׳ געווען דערמיט זאגענדיג ״דאס איז מיין חיות, ווען איך הער די סיומים וואס די בחורים ענדיגן״.

שבת אינדערפרי׳ האט מוהרא״ש איבעראשט די מתפללים ווען מוהרא״ש איז צום ערשטן מאל אראפגעקומען אין בית המדרש דאווענען, זינט די שווערע הארץ אטאקע וואס מוהרא״ש איז אריבער, איז מוהרא״ש נאכנישט אראפגעקומען אין בית המדרש ביז יעצט, ביי קריאת התורה האט מוהרא״ש עולה געווען לתורה, און דערנאך געבענטשט ברכת הגומל בשם ומלכות, דער גאנצער עולם האט געענטפערט ״אמן, מי שגמלך טוב הוא יגמלך כל טוב סלה״ מיט גרויס שמחה און התרגשות.

מנחה און שלש סעודות איז שוין געווען ביי מוהרא״ש אינדערהיים.

זונטאג איז מוהרא״ש אריבער אין די מיימאנעדיס שפיטאל, פאר אבזערוואציעס, די דאקטורים זענען געווען זייער צופרידן פון די אנטוויקלונגען, דער דאקטער וואס האט געמאכט די הארץ אפעראציע האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט אין זיין לעבן נאכנישט געזעהן א מענטש וואס זאל זיך אזוי שנעל ערהוילן פון אן הארץ אפעראציע ווי מוהרא״ש ערהוילט זיך יעצט.

אויף די אנווייזונג פון די דאקטורים איז מוהרא״ש ארויס נאכמיטאג שפאצירן נעבן זיין הויז, מוהרא״ש האט זיך עטליכע מאל אויסגעדרוקט במשך דעם שפאציר, אז ער פילט ממש ווי א נייער מענטש.

מיטוואך האט מוהרא״ש געשריבן נאך א בריוו פאר די בחורים, זיך אויסדרוקענדיג די באגייסטערונג, ווי די בחורים לערנען אזוי פלייסיג, גלייכצייטיג בעט מוהרא״ש פון די בחורים אז זיי זאלן לערנען אסאך משניות, וואס דאס הייליגט און רייניגט די נשמה און ברענגט א מענטש נאנט צום אייבערשטן.

אנשי שלומינו גרייטן זיך צו די גרויסארטיגע סעודת הודאה וואס וועט פארקומען די וואך דאנערשטאג צוזאמען מיט די סעודת ל״ג בעומר ביי מוהרא״ש אין בית המדרש.

גייענדיג צום דרוק קומען זיך שוין צוזאם הונדערטער אידן פון איבעראל צו מוהרא״ש אין בית המדרש, מיט צו האלטן די געהויבענען סעודה.

אי״ה קומענדיגע וואך וועלן מיר האבן מער פרטים פון די סעודה.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו״ה אליעזר איידלשטיין נ״י**

צו די אפשערן פון זייער טייער אינגל כמר **יחזקאל** נ״י

און גלייכצייטיג א הארציגן מזל טוב פארן חשוב׳ן זיידן

**מו״ה יצחק לעסער שליט״א**

דער אייבערשטער זאל אייך שענקן פיל אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח׳ס טאג במהרה בימינו אמן

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:51
מוצש"ק.......................9:23
סוף זמן ק"ש..................8:37

**שיעורים כסדרן**

בבלי..................מדות ל"ד
ירושלמי..........מועד קטן ו'
תוספתא..............שבת פרק ד'


פרשת בהר-בחוקתי, כ"ז אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 31


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְגוֹ' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם**, מוֹהַרָ"אַ"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֵּלִים עֶס מְקַבֵּל צוּ זַיין, אוּן דֶערְפַאר קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, **אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמֶת'דִיג בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, דֶעמָאלְט'ס קוּמְט דִי הַשְׁפָּעוֹת שְׁנֶעלֶער, עֶר בַּאקוּמְט עֶס אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, "חֹק" מֵיינְט אַ מִצְוָה וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס, **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם "בְּעִתָּם"** וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע בְּרֶענְגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר) פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, אוֹיפְ'ן פָּסוּק, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם וְגוֹ'**, אוֹיבּ וֶועט אִיר פְרֶעגְן וָואס וֶועלְן מִיר עֶסְן אִין דִי שְׁמִיטָה יָאר? מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַיינְפְלַאנְצְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וֶועל אַרַיינְשִׁיקְן אַ בְּרָכָה אִין דִי זֶעקְסְטֶע יָאר אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פַאר דְרֵיי יָאר.

פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן פָּסוּק צוּ זָאגְן דִי קֻשְׁיָא, פַארְקֶערְט אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע אוֹת אִין פָּסוּק וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט פַארֶענְטְפֶערְט אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת, נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאל אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דִי קֻשְׁיָא?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע פַארְן מֶענְטְשׁ אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת "פוּן וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ עֶסְן?" מִיט דֶעם הַאקְט עֶר אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי שֶׁפַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי תּוֹרָה ווִיל אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אַ"ש

### ~ פַּרְנָסָה ~

מוֹהַרָ"אַ"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרַיינֶעמֶען אִין קָאפּ אוּן גוּט וִויסְן, אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ, וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה? פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען דָאס אִיבֶּער'חַזֶר'ן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל, וַוייל מֶען זֶעהְט אַז מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט אַזַא קְלֵיינְקֶעפִּיגְקַייט, מִיט חֲלִישַׁת הַדַּעַת, כְּאִילוּ זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַ מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַן עֶקֶל צוּ זֶעהן וִוי מֶען חֲנְפְ'ט מֶענְטְשְׁן, מֶען בִּיקְט זִיךְ מַמָּשׁ צוּ מֶענְטְשְׁן, כְּאִילוּ דִי פַּרְנָסָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵיי.

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם" שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, וֶועלְכֶער אִיד אִיז דֶען אַזוֹי מְשׁוּגָע אַ עֶר וֶועט זִיךְ בִּיקְן צוּ אַ גֶעטְשְׁקֶע? אַ אִיד הָאט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם, נָאר דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַזֶעלְכֶע וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי מַאכְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ מַמָּשׁ אַ גֶעטְשְׁקֶע, כְּאִילוּ נָאר דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה, מֶען חֲנְפְ'ט אוּן מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּ מֶענְטְשְׁן, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַּרְנָסָה גִיבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נָאר קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבוֹת סז:) "מְלַמֵּד שֶׁלְּכָל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן לוֹ הַקָּדוֹשׁ


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זִיכֶער הֶעלְפְן, וַוייל אוֹיב דוּ וֶועסְט פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת**, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם אָפְּהַאקְן דִי שֶׁפַע, **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי**, דֶעמָאלְט'ם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְפְן פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנִּהַל, לֵיל שַׁבַּ"ק בְּהַר-בְּחֻקֹּתַי, תשס"ט)

***

**וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט מִיט אַ צְווייטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר גֶעבְּט אָרוֹיס פַאר זַיין חָבֵר וָואס עֶר הָאט אִין מוֹחַ, דֶעמָאלְט פִּילְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיין מוֹחַ מִיט פְרִישֶׁע הַשָּׂגוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט זַיין מוֹחַ פַאר אַ צְווייטְן, בַּאקוּמְט עֶר אַרַיין פְרִישֶׁע זַאכְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ**, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים אוּן תַּלְמִידִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְלֵיידִיגְן דַיין מוֹחַ פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען "**חָדָשׁ**" פְרִישֶׁע נַייעֶ גוּטֶע הַשָּׂגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּחֻקֹּתַי א')

***

**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן, וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, כא) "**חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי**" אַז דִי בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דִי עֵצָה אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי נְקֻדָּה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים, דָאס מֵיינְט, **אַז דִי עִיקָר בִּזְיוֹנוֹת הָאט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְווייטְן "יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן מִיר, יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר", אוּן מֶען הֵייבְּט אָן יֶענֶעם צוּ מְקַנֵּא זַיין, בִּיז מֶען רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין אַיין אַז יֶענֶער ווִיל מִיר רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער טְרַאכְט בִּכְלָל נִישְׁט פוּן דִיר.**

אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין נְקֻדָּה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקֻדָּה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ יֶעדֶער שְׁטַארְקְן נָאר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְווייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין בִּזְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**" דֶער עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְווייטְן, "**כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן**" כְּאִילּוּ יֶענֶער ווִיל דִיר רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ דַיין זַייט, "**וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**" דוּ וֶועסְט דִיר נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, וַוייל קִנְאָה עֶסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף צְווייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ מַמָּשׁ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אוּן מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן בִּכְלָל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְווייטְן וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנִּהַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַר-בְּחֻקֹּתַי תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָתוֹ בְּעִתּוֹ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַאר יֶעדְן פַּרְנָסָה אִין צַייט, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

וּבִפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא, כִּי תִשָּׂא) "כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה פַּרְנָסָתוֹ מִן הַתּוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט אִים זִיכֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה, אָבֶּער מִיט אֵיין אוֹיג קוּקְט עֶר צוּ מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ, אַז זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער אַרוֹיס הֶעלְפְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דַוְקָא דָאס שְׁטֶערְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בֵּיידֶע אוֹיגְן וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעהַאט דִי פַּרְנָסָה אִין צַייט, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט מִיט בֵּיידֶע אוֹיגְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פוּן אִים בֶּעהְט עֶר וָואס עֶר דַארְף, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם 'בְּעִתּוֹ'" וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען דִי פַּרְנָסָה שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה צוּם חָפֵץ חַיִּים זַ"ל אוּן גֶעווֵיינְט פַאר אִים: "רֶבִּי, אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטָארְבְּן מַיינֶע דְרַיי פֶערְד, מַיינֶע בְּרוֹיט-גֶעבֶּער'ס, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, נָאר פוּן דִי פֶערְד הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ לִיבְּלִיכֶע רַחֲמָנוּת: "חַס וְשָׁלוֹם, וָואס רֶעדְסְטוּ? דִי פֶערְד הָאבְּן דִיר גֶעגֶעבְּן פַּרְנָסָה? הָאסְט פַארְגֶעסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה, אוּן נִישְׁט דִי פֶערְד, בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּרְנָסָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן!"

דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן שְׁפַּאצִירְט רֶעדְנְדִיג צוּ זִיךְ: "וִוי נַארִישׁ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, אַנְשְׁטָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעהְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה וִוי זַיין פֶערְד גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, דֶער סְטָאלֶער טְרַאכְט אַז דֶער הָאלְץ גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, דֶער שְׁנַיידֶער רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז זַיין נָאדְל גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט אִים אַלֶעס אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַואוִויל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין פַּרְנָסָה קוּמֶען צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ פַּרְנָסָה)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

~~~

## דִי סוֹד פוּן זַיין הַצְלָחָה !

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועןן אַ מְלַמֵד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

אֵיינְמָאל הָאבְּן עֶטְלִיכֶע מְלַמְדִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דִי סוֹד פוּן דַיין הַצְלָחָה? וִוי אַזוֹי בִּיזְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק מַצְלִיחַ, אַסַאךְ מֶער פוּן אוּנְז?"

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל עֶנְק אוֹיסְזָאגְן מַיין סוֹד, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אִיךְ רֶעד מִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד בַּאזוּנְדֶער מִיט זַיין נָאמֶען, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אוּן זַיין אַ גוּטֶער כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, דָאס אִיז מַיין הַצְלָחָה!"

(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק פ"ו מִכְתָּב י"ט קמ"ז)

\*\*\*

## נִישְׁט מֶער פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר...

עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ מִקָאמַארְנָא זי"ע אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד בַּיי זַיין טַאטְן אִינְדֶערְהֵיים, ר' אֲלֶכְּסַנְדֶר זי"ע, דֶער טַאטֶע אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט גְרוֹיס אָרִימְקַייט.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע קִינְדֶער זֶעהֶענְדִיג וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְצַעֵר פוּן זֵייעֶר גְרוֹיס אָרִימְקַייט, וָואס זֵיי הָאבְּן מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "קִינְדֶערְלֶעךְ, דִי גַאנְצֶע לַיידְן וֶועט נִישְׁט אָנְהַאלְטְן מֶער פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר".

בֶּאֱמֶת בְּרֶענְגְט דָאס דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) אַז דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נֶעמְט נִישְׁט מֶער פוּן פוּפְצְן מִינוּט, לוֹינְט זִיךְ דֶען פַאר פוּפְצְן מִינוּט צוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?!...

(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק פ"ו מִכְתָּב י"ט מ"ח)

\*\*\*

## שְׁוַוייג! שְׁוַוייג!

עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ סִיפּוּר, אַז דֶער טְשֶׁעהרִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען אַמָאל מִיט נָאךְ אֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, גֵייעֶנְדִיג אַזוֹי אוֹיפְן גַאס, טְשֶׁעהרִינֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן מִיט בְּכָבוֹד'יגֶע מַלְבּוּשִׁים אַזוֹי וִוי סְ'פַּאסְט פַאר אַזַא גְרוֹיסְן רָב, זַיידֶענֶע מַלְבּוּשִׁים, אוּן פְּלוּצְלִינְג פוּנְדֶערְוַוייט קוּמְט צוּ לוֹיפְן אַ יוּנְגַאטְשׁ אִין אַ זֶעקְל פוּן פַּאפִּיר אִיז גֶעלֶעגְן פִיל מִיט צוֹאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר גֶעט עֶס אַ וַוארְף אוֹיף זֵיי, אוּן סְ'הָאט אַוַודַאי גֶעטְרָאפְן אוֹיף רִיקְן פוּן דֶעם טְשֶׁעהרִינֶער רָב זַ"ל, אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, דֶער וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם טְשֶׁעהרִינֶער רָב זַ"ל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן אָנְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם שֵׁיגֶץ וִוי וַואגְסְטוּ זִיךְ צוּ טוּן אַזַא זַאךְ? וִוי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ בַּאוַוארְפְן אַזַא הֵיילִיגְן אִיד מִיט צוֹאָה? הָאט דֶער טְשֶׁעהרִינֶער רָב זַ"ל אָנְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט, שְׁוַוייג! שְׁוַוייג! דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען דַארְף אָפְּשְׁוַוייגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען אִיז מְבַזֶה אַ מֶענְטְשׁ זָאל מֶען אִים נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר שְׁוַוייגְן.

דֶערְוַוייל אִיז יֶענֶער שֵׁיגֶץ אַנְטְלָאפְן, אוּן טְשֶׁעהרִינֶער רָב אִיז אַרַיין אִין עֶפֶּעס אַ דִירָה אָנְגֶעקְלַאפְּט בַּיי דִי טִיר אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים גֶעבְן אַבִּיסְל וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן דֶעם זַיידֶענֶעם מַלְבּוּשׁ, אוּן הָאט עֶס אַלֵיין אָפְּגֶעוַואשְׁן. אוּן דֶער אִיד וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט אִיז נִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן, וָואס פַאר אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ דֶער טְשֶׁעהרִינֶער רָב הָאט, אַ מֶענְטְשׁ בַּאוַוארְפְט אִים מִיט צוֹאָה מַמָשׁ, אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים אוּן עֶר שְׁרֵייט מִיר נָאךְ אָן שְׁוַוייג! דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, הֶערְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן.

אוּן זֵיי הָאבְּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וִויפֶער זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אֹהֶל, טְשֶׁעהרִינֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ אַ פִילֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ', הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן קֶעשֶׁענֶע אַ פַאטְשֵׁיילֶע אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת, אוּן גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַזַא לֵב נִשְׁבָּר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעטוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אִיד הָאט נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַזַאנְס נִישְׁט גֶעזֶען, אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וִוי דֶער טְשֶׁעהרִינֶער רָב זַ"ל, אַזַא גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן מְקוּבָּל אוּן הֵיילִיגֶער אִיד זָאל זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן גִיסְן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן, אִיז עֶר נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן.

(אשר בנחל באידיש מכתב שצ"ד)

# מִילֵי דְאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**

מֶען פִירְט צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַארְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס קוּמְט נִישְׁט אַהֶער, עֶס אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין. מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, וַוייל פַאר מֶען לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת, וָואס דָארְט שְׁטֵייט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים זֶענֶען צוּ גֶעקוּמֶען, וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן "אִיךְ וֶועל זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען קוֹדֶם "כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא" אַ יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, אַ יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועטֶ עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א')

***

## אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הוּא הָיָה אוֹמֵר**

וִוי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת? "הוּא הָיָה אוֹמֵר" - וַוייל עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן, דָאס מֵיינְט עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן וֶוער עֶס וֶועט אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ב')

***

## דֶערְהַאלְט דִיךְ!

**עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכֻלָּם**

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאר דָאס קוּמְט פָאר בַּיי יֶעדְן אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְטֶער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פַאר אַ יֶעדְן אִיד, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אוּן עֶס זֶעהט אִים אוֹיס וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים נָאר טְשֶׁעפֶּענֶען, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, עֶר אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּט'ס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מְפַרְסֵם זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק ה', מִשְׁנָה ד')

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

זָאלְסְט וויסְן אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי גַאנְץ גוּט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין זִיךְ, אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין בֶּעט מִיט אַ טִיפְן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן יִאוּשׁ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וִוי עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם זִין צוּ לֶעבְּן וְכוּ', דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פַּאר דִיר, דוּ דַארְפְסְט אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר לֶעבְּן דִיר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (אַחֲרֵי ס"ז:) וֶוען אִידְן וָואלְטְן גֶעוּוִיסְט וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט זֵיי לִיבּ, וָואלְטְן זֵיי גֶעלָאפְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי אַ שָׁאף לוֹיפְט צוּ וַואסֶער, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט (תְּהִילִים מב) "כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ" דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי אַ אַיִל אַ שָׁאף לוֹיפְט צוּ וַואסֶער וֶוען עֶר אִיז דָארְשְׁטֶערִיג, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן, אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער נֶפֶשׁ לוֹיפְט צוּ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל מֶער אוּנְז הָאבְּן וִוי אוּנְז וִוילְן אִים, וָוארוּם מִיר זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן גֶעוֶוענְדְלִיך אִיז אַ טַאטֶע הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער מֶער וִוי דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ טַאטְן, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת.

אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, לִיג נִישְׁט אִין בֶּעט, פוּן דֶעם וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, וָוארוּם פוּן יִאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה קוּמְט גָארְנִישְׁט אַרוֹיס, דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין וָואס עֶר צוּבְּרֶעכְט דִיךְ אוּן עֶר רֶעדְט דִיךְ אַיין אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ', אוּן דוּ טוֹיגְסְט צוּ גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער טָעוּת, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף יֶעדֶע נְשָׁמָה, אוּן יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּ אִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

(אשר בנחל באידיש מכתב ת"ט)

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף וויזנער נ"י**

צו די געבורט פון זיין יונגעלע

למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**שמחות ונחת לרוב!**

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל פארקאש נ"י**

צו די געבורט פון זיין יונגעלע

למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**שמחות ונחת לרוב!**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### הערליכע סעודת ל"ג בעומר,
### אינאיינעם מיט די סעודת הודאה

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען גאר אן התרגשות'דיגן מעמד, ביי די סעודות ל"ג בעומר, אינאיינעם מיט די סעודת הודאה.

ווי באקאנט איז מוהרא"ש אדורך געגאנגען דעם פארגאנגענעם אחרון של פסח עטליכע שווערע הארץ אטאקעס, און איז דורך געגאנגען א גאר שווערע הארץ אפעראציע, און נאך א וואך איז שוין מוהרא"ש געווען צוריק אינדערהיים, און יעצט נאך ווייניגער פון א חודש נאך די הארץ אטאקע, ערהוילט זיך מוהרא"ש מיטן אייבערשטנ'ס הילף זייער שנעל, לכבוד דעם איז פארגעקומען די סעודת הודאה, צו לויבן און דאנקן דעם אייבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען הונדערטער אידן פון איבעראל, זיך מיט צו פרייען מיט די געוואלדיגע שמחה.

מוהרא"ש האט אפגעשוירן האר פון עטליכע חאלאקע קינדער, במשך די סעודה.

מיט שפאנונג האט זיך דער עולם צוגעהערט צו די דברות קודש פון מוהרא"ש, וואס האט יעצט צום ערשטן מאל גערעדט ברבים זינט די הארץ אטאקע, מוהרא"ש האט קודם ארומגערעדט פון די גרויסקייט פונעם טאג, פון רבי שמעון בן יוחאי וואס האט אראפגעברענגט א ליכטיגקייט אויף די וועלט, מוהרא"ש האט גערעדט פון די גרויסקייט פון לערנען דעם רבי'נס ספרים, וואס דאס ציעט דעם מענטשן דערנאך צו לערנען אלע ספרים.

מוהרא"ש האט דערציילט באריכות די גאנצע השתלשלות, מיט אלע דעטאלן, די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיט אים געטוהן, אז ער איז ניצול געווארן ממוות לחיים, זיך אויסדרוקענדיג "איך בין ממש ארויס געקראכן פון אונטער א בארג שטיינער", און מוהרא"ש האט ארויסגעברענגט אז דאס איז זיכער נאר געווען א דאנק די תפלות פון אידישע קינדער, און געבעטן אז מען זאל ווייטער מתפלל זיין לרפואתו השלימה.

ווי אויך האט זיך מוהרא"ש באדאנקט ברבים פאר די אידן וואס האבן אים ארויסגעהאלפן, צו ראטעווען זיין לעבן.

נאך די סעודה האט דער עולם געטאנצן און זיך געפריידט, און געדאנקט דעם אייבערשטן על כל ניסיך ונפלאותיך.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**

***

### מוהרא"ש האט אפגעראכטן
### מלוה דמלכה מיט די בחורים

אן ענגע מלוה מלכה איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש מיט די בחורים פון ישיבה, מיט נאך עטליכע אנשי שלומינו.

מוהרא"ש האט ווידער געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים, וואס ער איז געראטעוועט געווארן, ווי אויך האט מוהרא"ש מעורר געווען די בחורים צו לערנען אסאך משניות וואס איז מטהר א מענטש און איז מקרב די גאולה, ווי אויך צו לערנען אסאך גמרא, קודם עטליכע מאל ענדיגן ש"ס, און דערנאך נעמען איין מסכת און דאס איבער'חזר'ן הונדערט און איין מאל.

**דא הוא סעודתא דדוד מלכא משיחא!**

***

### פרישע ספרים ארויס פון "בית הדפוס"







צוויי פרישע ספרים האט מען די וואך געדרוקט אינעם בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב".

די ערשטע איז נאך א חלק "אשר בנחל באידיש" חלק כ"א, א זאמלונג פון בריוון וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויף אידיש, פיל מיט עצות התחזקות והדרכות אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן ברוחניות ובגשמיות, מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט שוין בקרוב אויך ארויסקומען חלק כ"ב.

ווי אויך א פרישע קונטרס "ברכת הפרנסה", עצות והדרכות צו א גרינגע געשמאקע פרנסה.

**אז תתחזק!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש


ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:58
מוצש"ק...........................9:31
סוף זמן ק"ש.....................8:35

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................נדה ה'
ירושלמי..................מועד קטן י"ג
תוספתא...................שבת פרק י"א


פרשת במדבר, ה' סיון, ערב שבועות, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 32


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד**, רַשִׁ"י זָאגְט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶע אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן, און מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעהט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס אִיךְ הָאבּ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנדֶערֶע גֶעצֵיילְטֶער אִיד, און יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְט אִידְן, און אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסֶל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, און אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶע אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אִין מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ און נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, און אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר א)

***

**וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא בַּמִדְבָּר) אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן דִי טוֹיזֶנְטֶער מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועְן, וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן מִיט אַ סֵדֶר מִיט פֶענֶער, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזָאגְט: "הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע פֶענֶער, און דֶערְפַאר הָאט דֶער

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שָׁבוּעוֹת ~

עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ יֶעדֶער אִיד נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דִי תּוֹרָה גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶער צַייט און אִין יֶעדֶע מַצָּב, אֲפִילוּ פַאר דֶעם וָואס דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן גַאס בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט און פַארְפְּלָאגְט, און עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט אוּנְז אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, און מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, אָן אוֹיסְנַאם, זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד הַאלְט שְׁטֶענְדִיג אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ גוּטֶער בַּאגְלֵייטֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, וֶוען מֶען הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, כַאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, און דָאס גְלַייכְן.

דָאס קֶען מֶען טוּהן שְׁטֶענְדִיג וִוי מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף וַוארְטְן אִין דִי רֵייעֶ אִין בַּאנְק, אִין אַ אָפִיס, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער סֵיי וִוי, און אַסַאךְ מָאל אִיז נָאךְ פִיל דָארְט מִיט אַלֶע קְלִיפּוֹת צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט דֶעם, צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג עֶר זָאל נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מִיט קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, און נִשְׁפַּע וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע סְבִיבָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ חוּמָשׁ, תְּהִלִּים און מִשְׁנַיוֹת, הָאט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן פֶּענֶער.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ מִיט דִי פֶּענֶער פוּן דִי מַלְאָכִים, אַז דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת, דוּרְךְ דֶעם גִיבְּט עֶר כֹּחַ פַאר דִי מַלְאָכִים.

דָאס מֵיינְט אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, אוּן דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מִצְוֹת, זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הִיטְן אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען טוּט חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵירוֹת, בַּאשַׁאפְט מֶען מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, וָואס זֵיי דֶערְבִּיטֶערְן דִי יָארְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

וִוי אַזוֹי גִיבְּט מֶען כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע מַלְאָכִים? דוּרְךְ שִׂמְחָה, אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן, מִיט דֶעם בַּאקוּמְט דֶער גוּטֶער מַלְאָךְ נָאךְ מֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן זֵייעֶר גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ, אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס זֵיי טוּעֶן בַּאשַׁאפְן זֵיי מַלְאָכִים, הָאבְּן זֵיי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט פֶּענֶער אַזוֹי וִוי דִי מַלְאָכִים, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי כֹּחַ וָואס זֵיי הָאבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן וִוי מֶער מִצְוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען אַסַאךְ מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה, צוּ בַּאגְלֵייטְן אוּן אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס.

אוּן דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן דִי כֹּחַ וָואס אִידְן הָאבְּן מִיטְן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין אִין שָׁבוּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בַּמִדְבָּר תשס"ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

מֶען שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטְן בַּאגְלֵייטֶער, מֶען הַאלְט אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר, אוּן סַיי וִוי מֶען גֵייט, כַאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין, וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן גוּטֶע עֶסְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וַוייל "וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵף'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס", בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס, אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אָן דִי תּוֹרָה, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע יוֹסֵף'ס אוֹיפְ'ן גַאס, אָבֶּער יֶעצְט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

אָבֶּער מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פְּשַׁט, "יוֹסֵף" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אָפְּגֶעהִיטֶענְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַדִיק גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן נָאכְדֶעם וָואס דִי בְּרִידֶער'ס הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט צוּ דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם? נָאר וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק, אָבֶּער וָואס זָאלְן מִיר פָּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן טוּהן? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי טָמֵא'נֶע גַאס? וִוי אַזוֹי קֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע גַאס? דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קֶען מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִים, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּנֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט "וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵף'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס", וֶוען נִישְׁט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, וִויפִיל יוֹסֵף הַצַדִיק'ס זֶענֶען דֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס, וִויפִיל אִידְן קֶענֶען זִיךְ דֶען דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַדִיק, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְ'ן גַאס?

אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דִי גַאס, דוּרְךְ דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער בּוֹיעֶן אַ מוֹיעֶר אַרוּם זִיךְ, מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִים, וָואס זֵיי הִיטְן אִים זִיכֶער אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס.

*

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּי רֶבִּי נָתָן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחָה צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעזָאגְט "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה, אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן מִיטְגֶעטַאנְצְן מִיט אִים.

וַוייל שָׁבוּעוֹת אִיז דִי צַייט וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

**בית המדרש היכל הקודש ברסלב**

בנשאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

בעזהשי"ת

## מודעה חשובה

**מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען דאווענען ביי אונז, דעם ערשטן טאג שבועות אינדערפרי כותיקין.**

**ברכות............4:45**

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## דִי תּוֹרָה, אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יוֹם טוֹב, צוּ מֶען זָאל עֶס צוּטֵיילְן חֶצְיוֹ לַה' וְחֶצְיוֹ לָכֶם, אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, צוּ אוֹ כּוּלוֹ לַה' אוֹ כּוּלוֹ לָכֶם, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַאר זִיךְ, אָבֶּער בַּיי יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, וַוייל דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט גַשְׁמִיוּת? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ וֶועג-וַוייזֶער אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה יד, ט) פַארְוָואס הֵייסְט דִי תּוֹרָה "אוֹר", וַוייל עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן טְרִינְקְן שְׁלָאפְן אוּן הַאנְדְלֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ מִתְעַנֵּג זַיין לִכְבוֹד יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

***

## אִיךְ וִויל "אַלֶעס" לֶערְנֶען...

וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער יוּד וִויל לֶערְנֶען, יֶעדֶער יוּד וִויל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר פַארְוָואס דֶען זֶעהט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער לֶערְנְט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וִויל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעהט עֶר דָאךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, מִמֵילָא וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט עֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן צוּם סוֹף הֶערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה כְּסִדְרָן, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זַייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל וֶוען אַ יוּד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עבודה זרה יט), אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדְן וָוארְט.

(קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד)

# תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" אִין דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע תִּיקוּן, עֶס אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בִּטוּל תּוֹרָה פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס מְסוּגָל צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ חֵשֶׁק אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז מֶען גִיבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַבִּיסְל עֶסְן צוּ פַארְזִיכְן, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין נָאכְדֶעם וֶועלְן קוֹיפְן דִי סָארְט עֶסְן, דִי זֶעלְבֶּע גִיבְּט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ הַיינְט נַאכְט אַבִּיסְל פוּן דִי תּוֹרָה צוּ פַארְזִיכְן, אַז דָאס זָאל אִים מְעוֹרֵר זַיין דִי חֵשֶׁק פַאר אַ גַאנְץ יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

מֶען דַארְף וִויסְן, אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז צוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן אוּן לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן סֵפֶר, דָאס וָואס מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט אִין דִי "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" נָאךְ אַסַאךְ פַּרְשִׁיוֹת פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים וָואס הָאבְּן שַׁייכוּת צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן דִי עִיקָר פוּנֶעם תִּיקוּן, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם תִּיקוּן, וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹי סַאךְ צוּ זָאגְן, גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף, אוּן מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע פָּסוּק, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען עֶס זָאגְן מִיט חֵשֶׁק, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת.

נָאכְן תִּיקוּן אִיז גוּט צוּ זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, וַוייל מָארְגְן גֵייעֶן מִיר דָאךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, צוּ מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן אוּן וִויסְן וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַן אֱמֶת'עֶ קַבָּלָה.

אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט נַארִישְׁקַייטְן, וַוייל דֶער עִיקָר תִּקּוּן פוּן דִי נַאכְט אִיז, אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בִּיטוּל תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ בִּטוּל תּוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּקּוּן, קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדֶער וָואס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, מֶען זָאל טוֹעֵם זַיין אַבִּיסְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען וִויל לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר מְסֻגָּל פַאר דֶעם, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר.

וִוי אוֹיךְ אִיז דִי נַאכְט זֵייעֶר מְסֻגָּל צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, עֶס וֶוערְט גֶעבְרֶענְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז אִין דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דָא אַ צַייט וָואס דֶעמָאלְט'ס עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי נַאכְט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס וָואס מֶען דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

***

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי נֶעשְׁכִיזֶער זי"ע אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן אִיז אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעזָאגְט "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דִי

המשך בדף ד

# תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

המשך

דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער אַז אֵיינֶער דְרֵייְדְט זִיךְ דָארְט אַרוּם, יֶענֶער עֶפְנְט טִירְן אוּן שֶׁענְק אוּן זוּכְט עֶפֶּעס, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִן הַסְתָּם אִיז דָאס אַ גַנָב וָואס זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גַנְב'עֶנֶען.

רֶבִּי מָרְדְכַי זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל עֶר דָאךְ נִישְׁט אַז יֶענֶער זָאל אִים אַלֶעס בַּא'גַנְב'עֶנֶען, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרַאכְט אַהֶער און אַהִין בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גַנָב, און עֶר קֶען אִים כַאפְּן בַּיי דִי גְנֵיבָה, אָבֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ אִיד, און עֶר וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין, נָאר וַוייטֶער זָאגְן דֶעם תִּיקוּן.

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקוּן, אִיז אַרַיין אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער, און עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גַנָב, און יֶענֶער הָאט אָפְּגֶעטְרָאגְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, און עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט עֶר פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"עַ און מִיט אִים זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּהן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, נָאךְ יוֹם טוֹב אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן און דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אִים רֶבִּי פִּנְחָס זי"ע גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ אָפְּהִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן שֶׁקֶר, פוּן זָאגְן לִיגְנְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה, און עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ זָאגְן נָאר אֶמֶת שְׁטֶענְדִיג, און וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר אַ זַאק פִיל מִיט אַלֶע גֶע'גַנְב'טֶע זַאכְן, דֶער גַנָב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן און עֶר הָאט אַלֶעס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אַז רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן אֲפִילוּ צוּ כַאפְּן אַ גַנָב, און צוּם סוֹף הָאט עֶר לְמַעֲשֶׂה גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, וַוייל עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה.

עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער כֹּחַ און זְכוּת פוּן דִי קַבָּלַת הַתּוֹרָה און עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי זי"ע הָאט גֶעלֵיינְט, וָואס אֵיינְס פוּן דִי דִבְּרוֹת דֶערְפוּן אִיז "לֹא תִּגְנֹב" הָאט זִיכֶער גֶעהָאלְפְן אַז דֶער גַנָב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, און צוּרִיק גֶעגֶעבְן דִי גְנֵיבָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִין יֶעדְן פְּלַאץ אִין יֶעדֶע צַייט און אִין יֶעדֶע מַצָב, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער הִיטְן, און אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

**סימן טוב ומזל טוב!**

מיר ווינטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א**

צו די באווארפן פון זיין חשוב'ן אייניקל

**החתן אשר בער נ"י**

**ב"ר יעקב משה אינדארסקי נ"י**

דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך נחת דקדושה

פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג

במהרה בימינו אמן!

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## נייע גרויסע "אשר בנחל באידיש" חלק ב'




נאך אסאך חלקים אשר בנחל באידיש, וואס זענען ארויסגעקומען אין א קליינעם פארמאט, האט מען יעצט צוזאמגענומען אסאך פון די חלקים און געדרוקט אינאיינעם, אין א גרויסן פארמאט.

דער חלק ענטהאלט איבער הונדערט בריוון וואס מוהרא"ש האט געשריבן, איבער אלע נושאים אין לעבן, פיל מיט עצות והדרכות, אויף וואס טויזענטער אידן זאגן עדות אז דאס האט זיי געראטעוועט דאס לעבן, עס האט זיי געגעבן א נייעם בליק אין לעבן, דאס אלעס ארויסגענומען פון די הייליגע ספרים פונעם רבי'ן און פון רבי נתן.

דער נייער חלק האט אויך א "מפתח ענינים" מיט די תוכן פון יעדן בריוו, גרינגער צו מאכן צו טרעפן וועלכע נושא מען זיכט.

**והודעת להם את הדרך ילכו בה!**

**דער גליון איז נתנדב געווארן**

**לעילוי נשמת נחמה לאה בת ר' פנחס עליה השלום**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה

מתכבדים אנו להזמין את מע"כ ידידינו ואהובינו לבוא

ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

אשר דוב נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

טויבא רבקה תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ד' לסדר "כה תברכו את בני ישראל" (נשא)

ט' לחודש סיון שנת תשע"ב לפ"ק הבעל"ט

ולמספרם May 30

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם בית רחל

125 העיווארד סטריט, ברוקלין, ניו יארק

ואי"ה בשמחתכם ישמח לבנו גם אנו

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| יעקב משה אינדארסקי וב"ב | אהרן וועבערמאן וב"ב |

בעזהשי"ת

עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם

| | |
|---|---|
| צבי ארי' אינדארסקי וב"ב | יוטא ראזענפעלד<br>אשת הרה"ח ר' נפתלי ז"ל |
| אברהם חיים פארקאש וב"ב | שלום וועבערמאן וב"ב |
| | מנחם מענדל ווייס וב"ב |

העלי' לתורה בשב"ק פ' במדבר

בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר

קרית יואל יצ"ו

קידושא רבא אחר התפלה

בהיכל הקודש ברסלב

שבת שבע ברכות בשב"ק פ' נשא

יהי' אי"ה באולם שמח תשמח

590 בערדפארד עווענ'ו

א באס וועט אי"ה פארן קרית יואל אום 5:00

פון העיס קאר. טעילאר

און צוריק נאכ'ן בענטשען

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת נשא, י"ב סיון, אבות פרק א', שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 33


**זמנים**

הדלקת הנרות.................8:03
מוצש"ק......................9:34
סוף זמן ק"ש.................8:34

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................נדה י"ב
ירושלמי...................יבמות א'
תוספתא...........שבת פרק י"ח

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) **אַז אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן**, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְט, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן" דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריִקַייטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְפְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**" דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, אוּן זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין, "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן ווִיסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב'עֶ מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא, א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה יא, ה) יְבָרֶכְךָ ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, (בַּמִדְבָּר רַבָּה יב, ג), וְיִשְׁמְרֶךָ, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִין.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ גֶעזוּנְט ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזוּנְט הָאט עֶר אַלֶעס.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר גֶעבְּן דִי זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיר שׁוּלְדִיג דִי זַאךְ", כְּאִילוּ, חַס וְשָׁלוֹם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אִים נִישְׁט גֶענוּג וָואס עֶר דַארְף, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, אַז לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעגֶעבְּן דָאס גֶעזוּנְט, אַז דוּ בִּיזְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבּ בֶּעסֶער אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אַז דוּ בִּיזְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג, מֶען זָאל קוּקְן ווִי נַארִישׁ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּאִילוּ וֶוער וֵוייסְט וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְט'ס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעטוּהן, אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן אַז זֵיי הָאבְּן גַאנְצֶע אֵיבָרִים, אוּן עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, זֵיי קֶענֶען גֵיין, זֵיי קֶענֶען קוּקְן, זֶעהְן, עֶסְן, הֶערְן, רֶעדְן אוּן זִיךְ רִירְן, דָאס אַלֶעס אִיז דָאךְ אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין רֶגַע וֶוען עֶס הֶערְט אוֹיף צוּ אַרְבֶּעטְן חַס וְשָׁלוֹם אַ קְלֵיינֶע אָדֶער'ל אִין מֹחַ, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְלַאזִירְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, פַארְקֶערְט דוּ בִּיזְט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

און דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז "כַּעַס", וַוייל כַּעַס און גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, און וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, **וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, און אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַדוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט.**

וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר און מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִּיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשׂא ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

שׁוּלְדִיג דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵּילָא פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ דִיךְ אָפּ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אַפִּיקוֹרֶס צוּ רֶבִּי נָתָן, און עֶר הָאט גֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, און עֶר רֶעדְט נָאר אַזוֹי וֶועגְן זַיינֶע צָרוֹת, הָאט עֶר אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְרֶעדְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְט'ס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּהן?, אִיךְ זֶעה אַז דוּ גֵייסְט און דוּ רִירְסְט זִיךְ, דוּ רֶעדְסְט און דוּ קוּקְסְט, און דָאס הָאט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעגֶעבְּן, מִמֵּילָא זֶעה אִיךְ נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְט'ס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַזוֹי רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, און שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר טַאקֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַמָאל צוּ מוֹהֲרָא"ש אוֹיף זַיין בִּיטֶער גוֹרָל, אַז עֶס גֵייט אִים אַלֶעס שְׁלֶעכְט א.א.וו. הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ ה' דוּ הָאסְט צְוֵויי פִּיס, אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזֶעהן וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אַ גוֹי אָן פִּיס אוֹיף אַ רֶעדֶער-בֶּענְקְל, עֶר קֶען זִיךְ טַאקֶע אָפְּרֶעדְן, אָבֶּער דוּ, אַז דוּ הָאסְט בָּרוּךְ ה' צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פִּיס, דַארְפְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן און טַאנְצְן מִיט דִי פִּיס, און כָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ צְוֵויי הֶענְט, קְלַאטְשׁ מִיט דִי הֶענְט, און אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַ מוֹיל אוֹיךְ, זִינְג דֶערְמִיט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בָּרוּךְ ה' אַז דוּ הָאסְט אוֹיגְן קוּק מִיט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג גֵיין אוֹיף אַזַא וֶועג צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט דִיר, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן וָואס מֵיינְט נָאר אוּנְזֶער גוּט'ס.

מוֹהֲרָא"ש אִיז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר צוּ גֵיין מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין מֶענְטְשְׁן, צוּ טוּהן דִי מִצְוָה פוּן "בִּיקוּר חוֹלִים", צוּלִיבּ צְוֵויי סִיבּוֹת.

קוֹדֶם כָּל אִיז דָאס פָּשׁוּט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה, צוּ הֶעלְפְן אַ קְרַאנְקְן מֶענְטְשְׁן, אִים גְרִינְגֶער מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען, וָואס דָאס אַלֵיינְ'ס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דִי גְמָרָא זָאגְט (נְדָרִים מ.) "כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ מְבַקֵּר חוֹלִים כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ עֶר וָואלְט גֶע'הַרְגֶ'ט אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא נָאךְ אַ בֶּענֶעפִיט פוּן דִי מִצְוָה, אַז וֶוען מֶען זֶעהט וִוי דֶער קְרַאנְקֶער לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין בֶּעט, מִיט בִּיטֶערֶע און שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים, לֹא עָלֵינוּ, דֶעמָאלְט'ס כַאפְּט מֶען אַז טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז גֶענוּג דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט און מֶען דַארְף נִישְׁט לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל קְרַאנְק, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַלֶע עֶרְלֵיי מַאשִׁינֶען זִיךְ צוּ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן, מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען שׁוֹין גֶענוּג לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַכְּלָל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן חֶסֶד אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, און וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט - הָאט מֶען אַלֶעס, אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט" און דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וָואס אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י' עֶרֶךְ בְּרִיאוּת)

***

מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן וָואס דָאס אִיז דִי בְּרָכוֹת וָואס מִיר בֶּענְטְשְׁן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג: "פּוֹקֵחַ עִוְרִים", - אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן און קֶען זֶען. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּלִינְד, לֹא עָלֵינוּ; "זוֹקֵף כְּפוּפִים", - אִיךְ קֶען שְׁטֵיין. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לִיגְן אִין בֶּעט און קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין; "הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר", - אִיךְ קֶען גֵיין מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע פִּיס. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן מוּז מֶען פִירְן מִיט אַ ווִילְטְשֶׁער.

אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי נִסִּים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים טוּט מִיט אִים יֶעדְן טָאג און יֶעדֶע שָׁעָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (נִדָּה לא.) לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט נִסִּים מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה און יֶעדֶע רֶגַע, און דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט גָארְנִישְׁט. און אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ (שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים קו) אִי אֶפְשָׁר לְעוֹלָם בְּלֹא נִיסִּין וּבְלֹא פְּלָאִין. כֵּיצַד: אָדָם נָתוּן עַל גַּבֵּי הַמִּטָּה וְהַנָּחָשׁ בָּאָרֶץ לְפָנָיו וּבָא לַעֲמוֹד וְהִרְגִּישׁ בּוֹ הַנָּחָשׁ, כֵּיוָן שֶׁבָּא לִיתֵּן רַגְלוֹ עָלָיו בָּרַח הַנָּחָשׁ מִפָּנָיו, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה פְּלָאֵי עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִמּוֹ. וּמִי יוֹדֵעַ? הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר, "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", הוּא לְבַדּוֹ יוֹדֵעַ נִיסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעוֹשֶׂה עִמָּנוּ.

(אשר בנחל באידיש מכתב ב')

# וואונְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג

לְכָבוֹד חַבְרֵי הַמַּעֲרֶכֶת ״גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ שֶׁיִּחְיוּ

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע אַרְבֶּעט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַי׳ צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ אֵייעֶר גִּלְיוֹן, פִיל מִיט חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן מִיט אַייךְ דִי פָאלְגֶענְדֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְ׳ס בֵּייגֶעווָאוּינְט דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ.

מַיין שְׁוֶוער זָאל זַיין גֶעזוּנְט, מוּטְשֶׁעט זִיךְ שׁוֹין אַרוּם אַ לַאנְגֶע צַייט מִיט שְׁוֶוערֶע רוּקְן וֵוייטָאג, עֶר אִיז שׁוֹין בַּאזוּכְט בַּיי פִילֶע דָאקְטוֹרִים, אָבֶער בִּיז דֶערְוַוייל אָן קַיין פַּאזִיטִיוֶוע רֶעזוּלְטַאטְן.

פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק, אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל פַאר אַן MRI צוּ פֶעסְטְשְׁטֶעלְן פוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָאס אִיז, פוּן שְׁפִּיטָאל הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז זַיין קוּמֶענְדֶע אַפּוֹינְטְמֶענְט וֶועט זַיין בִּיז אַ צְוֵויי-דְרֵיי חֲדָשִׁים, עֶר הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע אַפּוֹינְטְמֶענְט, וַוייל עֶר לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, אָבֶער זֵיי הָאבְּן אִים קְלָאר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶוֶועלִיבֶּעל קַיין שׁוּם אַפּוֹינְטְמֶענְט פְרִיעֶר.

לְמַעֲשֶׂה בִּיז אַ טָאג-צְוֵויי רוּפְט מֶען אִים צוּרִיק פוּן שְׁפִּיטָאל, אַז זֵיי הָאבְּן אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט פַאר אִים בִּיז אֵיין וָואךְ בַּיי אַ גֶעוִויסְן דָאקְטֶער, אִינֶעם אָפְּטֵיילוּנְג פוּן שְׁפִּיטָאל וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה ל״ע.

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז אִים שְׁוַוארְץ גֶעוָוארְן פַאר דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶערָאכְטְן אוֹיף אַזַא זַאךְ, אַז דִי יִסוּרִים קוּמְט גָאר פוּן אַ גֶעוואוּקְס אִין רוּקְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט הֶערְנְדִיג דִי מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי הֵייבְּט מֶען אָן, וָואס קֶען מֶען דָא טוּהן ?

לֶעצְטְנְ׳ס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מַיינְ׳ס אַ חָבֵר, דִי הַבְטָחָה וָואס כ״ק מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאגְט צוּ, אַז וֶוער עֶס וֶועט מְנַדֵּב זַיין צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אַ חֵלֶק פוּן דֶעם סֵפֶר ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״, וֶועט זִיכֶער זֶעהן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה אִין סַיי וֶועלְכְן הִינְזִיכְט עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

יֶעצְט בְּעֵת צָר הָאט מִיר אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט דִי גֶעדַאנְק, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ פְּרוּבִּירְן דִי עֵצָה, אֶפְשָׁר לָאמִיר זִיךְ צוּזַאם נֶעמֶען אוּן מְנַדֵּב זַיין צוּ דְרוּקְן אַ חֵלֶק ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ לִרְפוּאַת מַיין שְׁוֶוער.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן גֶעבֶּעטְן יֶעדֶער זָאל צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַאר דֶעם צְוֶועק, יֶעדֶער הָאט זִיךְ וַוארִים אָנְגֶערוּפְן, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ צוּזַאם גֶעקְלִיבְּן אַ בַּאדֵייטֶענֶע סוּמֶע, וָואס אִיךְ הָאבּ עֶס גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן צוּ דְרוּקְן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט סִפְרֵי ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״.

מִיט אַ צִיטֶערְדִיג הַארְץ אִיז מַיין שְׁוֶוער גֶעגַאנְגֶען דִי וָואךְ צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע אַפּוֹינְטְמֶענְט, נִישְׁט וִויסֶענְדִיג וָואס עֶס עֶרְוַוארְט אִים, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, נָאךְ אַ קוּרְצֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְג, רוּפְט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָן: ״עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם גֶעוואוּקְס דָארְט, עֶס הָאט זִיךְ נָאר צוּזַאם גֶענוּמֶען אַסַאךְ פֶּעטְנְ׳ס אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוּן מֶען קֶען דָאס גְרִינְג בַּאהַאנְדְלֶען״.

דָאס אִיז מַמָּשׁ אָן אָפֶענֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְ׳ס מִיטְגֶעהַאלְטְן, וִוי דָאס מְנַדֵּב זַיין צוּ דְרוּקְן ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא אָפֶענֶעם נֵס.

אִיר קֶענְט דְרוּקְן דֶעם בְּרִיוו, אוֹיבּ אִיר ווִילְט, אוּן דָאס זָאל זַיין אַ חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ, צוּ צוּלֵייגְן אַ פְּלֵייצֶע אוּן הֶעלְפְן דְרוּקְן ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳ס״ וֶועט מֶען זִיכֶער זֶעהן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צוּ מְחַזֵּק זַיין טוֹיזְנְטֶער אִידְן.

( - )


מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

27 Skillman St.

בעזהשי״ת

שמח תשמח רעים האהובים

מיט דעם ווילן מיר לאדענען אלע אנשי שלומינו
צו די סעודת ״שבע ברכות״ וואס מיר מאכן מיטן
אייבערשטנ׳ס הילף לכבוד אונזער חשובע חבר ההנהלה

מו״ה אהרן וועבערמאן נ״י

צו די חתונה פון זיין טאכטער עב״ג

החתן אשר בער נ״י

ב״ר יעקב משה אינדארסקי נ״י

זונטאג נאכט פרשת בהעלותך הבעל״ט
בבית מדרשינו

27 Skillman St.

בשעה 6:00 בערב

מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| בית המדרש | ישיבה | תלמוד תורה | בית חינוך לבנות |
|---|---|---|---|
| ״היכל הקודש״ | ״תפארת התורה״ | ״היכל הקודש״ | ״בית פינא״ |


# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## בַּיי דֶעם מֶעג מֶען גַנָב׳עֶנֶען...

**עֲשֵׂה תוֹרָתְךָ קֶבַע.**

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען זָאל עֶר זֶעהן אַרָאפְּצוּ׳גַנָב׳עֶנֶען עֶפֶּעס צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן דָאס זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל ״**קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה ?**״ ״קֶבַע״ אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן גְנֵיבָה, דָאס פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: ״הָאסְט אַרָאפְּגֶע׳גַנְבְ׳ט אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ?״ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ד).

דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט דָא אִין דִי מִשְׁנֶה ״**עֲשֵׂה תוֹרָתְךָ קֶבַע**״ זָאלְסְט זֶעהן אַרָאפְּצוּ׳גַנְב׳עֶנֶען יֶעדְן טָאג צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג הָאבְּן פְרִישֶׁע שְׁטֶערוּנְגֶען, פְרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים וָואס וֶועלְן דִיר נִישְׁט לָאזְן לֶערְנֶען, אוּן נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גַנָב׳נֶען צַייט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א׳, מִשְׁנָה ט״ו)

\*\*\*

## אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט !

**אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה.**

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פָארְנֶעמֶען אַסַאךְ עֲבוֹדוֹת, אַסַאךְ לִמּוּדִים, גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעמַאכְט בִּלְבּוּלִים, וָואס הָאבְּן צוּשְׁטֶערְט זַיין גַאנְצֶע פְּלַאן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, אוּן דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִים דָאס דֶערְצֵיילְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט״.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לֶערְנֶען, אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שְׁטֶערוּנְגֶען, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט ״אַבִּיסְל אִיז דָאךְ אוֹיךְ גוּט, וֶועל אִיךְ אַרַיין כַאפְּן כָאטְשׁ אַבִּיסְל לֶערְנֶען״, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט ״אֶפְשָׁר נָאךְ אַבִּיסְל״ א.א.וו. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה ״אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה״ נֶעם דִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין גְרוֹיסֶע זַאכְן, ״אֱמוֹר מְעַט״ זָאג אַז דוּ גֵייסְט נָאר טוּהן אַבִּיסְל, אִיךְ גֵיי נָאר זָאגְן אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אֵיין מִשְׁנָה א.ד.ג. אוּן דִי בִּיסְל אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶועט נָאכְדֶעם זַיין ״וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה״ אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל וֶוערְט אַסַאךְ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א׳, מִשְׁנָה ט״ו)
~~~

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעראַטֶעוֶועט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין צוּגֶעבִּינְדֶעןּ צוּ אַ צַדִיק, אוּן גְלֵייבְּן אִין אִים, וָואס דָאס הֶעלְפְּט אוּן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ נָאכְן שְׁטַארְבְּן, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט׳ס דַארְף מֶען זִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקְן מִיט ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״.

מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פוּן וִויטֶעפְּסְק זִי״עַ, וֶוען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זִי״עַ אִיז גֶעפָארְן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז דֶער אִיד אוֹיךְ מִיטְגֶעפָארְן.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעהֶערְשְׁט דֶעמָאלְט׳ס אַ גְרוֹיסֶע אָרִימְקַייט, מֶען הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען גֵייט שִׁיקְן דֶעם אִיד, אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן אוֹיף חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאם נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי אַרוֹיס הֶעלְפְן אִין זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע נוֹיט.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער אִיד אִיז אַרוֹיס גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער אִיד לַיידֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן אוֹיפְ׳ן שִׁיף, אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם, אַז דֶער אִיד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

נָאכְן זַיין פְּטִירָה הָאט זִיךְ פַאר דֶעם אִיד וַוייטֶער גֶעדַאכְט כְּאִילוּ עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי עֶר פָארְט יֶעצְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קַיין לֵייפְּצִיק מַאכְן בִּיזְנֶעס, וַוייל וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ פָארְן קַיין לֵייפְּצִיק הַאנְדְלֶען, אוּן יֶעצְט הָאט זִיךְ אִים וַוייטֶער גֶעדַאכְט אַז עֶר פָארְט אַהִין מִיט זַיין הֶעלְפֶער אוּן מִיט זַיין בַּעַל-עֲגָלָה, אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְטְלִיךְ.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען צוּ פָארְן צוּ זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זִי״עַ, פוּן גְרוֹיס בֶּענְקֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע וָואגְן מִיט סְחוֹרָה, אוּן פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן.

אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער׳ס וָואס עֶר וִויל טוּהן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן פוּן אִים, אוּן אִים אָפְּרֶעדְן פוּן דֶעם, ״וָואס פַאלְט דִיר אַיין אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן? ווִילְסְט אִיבֶּערְלָאזְן אַלֶע טֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פָארְן יֶעצְט צוּ דַיין רֶבִּי׳ן?!״ אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אִים אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דֶעם.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים ווִידֶער אָנְגֶעכַאפְּט דָאס בֶּענְקֶענִישׁ צוּ זַיין רֶבִּי׳ן, אָבֶּער זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער׳ס הָאבְּן אִים ווִידֶער אָפְּגֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן, אָבֶּער דָאס דְרִיטֶע מָאל הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן גָארְנִישְׁט, עֶר מוּז יֶעצְט פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, עֶר לָאזְט אַלֶעס אוֹיף הֶפְקֵר, אוּן ווִיפִיל זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער׳ס הָאבְּן אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּרֶעדְן דֶערְפוּן, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען טוּהן אַזַא זַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ זֵיי, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי פֶערְד אוּן וָואגְן, אוּן אִים שׁוֹין טְרָאגְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעֲנָה׳רַייעֶן, הָאבְּן זֵיי ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט קֶעגְן אִים, ״מִיר וֶועלְן דִיר נִישְׁט פָאלְגְן, וֶוען דוּ הֵייסְט אוּנְז טוּהן אַזֶעלְכֶע מָאדְנֶע זַאכְן״, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגְן אוֹיף זֵיי, פַארְוָואס זֵיי ווִילְן אִים נִישְׁט פָאלְגְן, ״אִיךְ בִּין עֶנְקֶער בַּעַל הַבַּיִת, אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָאלְגְן וָואס אִיךְ הֵייס אַייךְ״.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, ״דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז דוּ לֶעבְּסְט שׁוֹין נִישְׁט, מִיר אַלֶע בַּאגְלֵייטֶער׳ס זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, אוּנְז פִיר מִיר דִיר דָא, דִיר צוּ פַּארְנַארְן״, וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: ״יֶעצְט ווִיל אִיךְ הֶערְשְׁט אַז אִיר זָאלְט מִיר פִירְן צוּם צַדִיק, צוּ מַיין רֶבִּי׳ן״, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: ״יֶעצְט ווִילְן מִיר אַוַדַאי דִיר נִישְׁט טְרָאגְן צוּ דַיין רֶבִּי׳ן״, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי אַרוּם גֶעקְרִיגְט בִּיז מֶען הָאב גֶעבְּרֶענְגְט דִי דִין תּוֹרָה פַארְן בֵּית-דִין שֶׁל מַעְלָה, אוּן מֶען הָאט גֶע׳פְּסַק׳נְט אַז מֶען מוּז אִים טְרָאגְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן, מֶען הָאט אִים גְלַייךְ גֶעטְרָאגְן צוּ זַיין רֶבִּי׳נְס הוֹיז, וָואס הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט דֶעמָאלְט׳ס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּ זַיין רֶבִּי׳נְס הוֹיז אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים, וֶוען דֶער צַדִיק הָאט זֵיי גֶעזֶעהְן אִיז עֶר גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט דֶערְמִינְטֶערְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִיז דֶער צַדִיק גֶעזִיצְן אַכְט טֶעג אִים צוּ מְתַקֵן זַיין, בִּיז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצְן תִּיקוּן.

דֶער צַדִיק הָאט דֶערְנָאךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט ווִיסְן וֶועגְן דִי צְדָקָה, צוּ שִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ שַׁאפְן גֶעלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, וִוי וַוייט אַ אִיד דַארְף זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק, אוּן אִים פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם וָואס ווִיל אִים אָפְּרֶעדְן פוּנֶעם צַדִיק, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז דָא שְׁלֶעכְטֶע נְשָׁמוֹת וָואס רֶעדְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן צַדִיק, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אוֹיף דִי וֶועלְט מִיטְן צַדִיק, וֶועט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיךְ זַיין שְׁטַארְק, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט׳ס, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ק״א, פְּעוּלַּת הַצַּדִיק סִימָן תתנ״ח)

### ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## יום טוב שבועות בין כותלי הישיבה

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אין ישיבה, אינאיינעם האט מען פון פריש מקבל געווען די תורה.

שבועות ביינאכט זענען זיך אלע בחורים צוזאם געקומען אינאיינעם, צו זאגן "תיקון ליל שבועות", קודם האט זיך יעדער געלערנט זיינע אייגענע שיעורים, ווי מוהרא"ש זאגט אז שבועות ביינאכט זאל מען לערנען אביסל פון יעדע לימוד וואס מען וויל לערנען במשך דעם יאר, און דאס איז א סגולה אז מען זאל טאקע זוכה זיין א גאנץ יאר צו לערנען די אלע שיעורים.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזאגט הויך די "תיקון ליל שבועות" מיט גרויס התעוררות און געשמאק, אינצווישן האט מען אויך געזונגען ווארימע ניגונים, זיך אויסבעטנדיג ביים אייבערשטן, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, צו זוכה זיין צו לערנען און צו מקיים זיין די הייליגע תורה.

נאכן פארענדיגן דעם "תיקון" נאנט צום עלות, האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערליכן טאנץ, אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו.

נאך די מקוה, האט מען זיך געשטעלט דאווענען וותיקין, א שיינעם ווארימען דאווענען, נאכגעפאלגט מיט די הייליגע פיוט "אקדמות" און קבלת התורה.

עס האט זיך געפילט אין די לופט די געהויבענקייט פון די הייליגע מאמענטן, ווען מיר האבן זוכה געווען נאכאמאל פון פריש מקבל צו זיין תורה.

**קבועין כן תהווין בהנהו חבורתא!**

**דער גליון איז נתנדב געווארן**
**לעילוי נשמת**
**נחמה לאה ע"ה בת ר׳ פנחס אליעזר נ"י**
**ת.נ.צ.ב.ה.**

# סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן נ"י**

צו די חתונה פון זיין טאכטער עב"ג

**החתן אשר בער נ"י**

**ב"ר יעקב משה אינדארסקי נ"י**

דער אייבערשטער זאל אים געבן אסאך נחת דקדושה פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן!

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בהעלותך, י"ט סיון, אבות פרק ב', שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 34


**זמנים**

הדלקת הנרות.................8:08
מוצש"ק.........................9:39
סוף זמן ק"ש...................8:34

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................נדה י"ט
ירושלמי.........................יבמות ח'
תוספתא...........עירובין פרק ז'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן**, זָאגְט רַשִׁ"י **לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה**, דָאס קוּמְט לוֹיבְּן אַהֲרֹן, אַז עֶר הָאט נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז אַן אֱמֶת'עֶ צַדִּיק אִיז סַיי אוּנְטְן אוּן סַיי אוֹיבְן, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אוֹיךְ אוּנְטְן, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵיי אוֹיךְ מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶר אִיז אַרַיין לִפְנַי וְלִפְנִים אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת צְוִוישְׁן אִידְן, וִוי דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק י"ב) אַז וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען צוּקְרִיגְט, אִיז אַהֲרֹן גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן דַיין חָבֵר, עֶס רַייסְט אִים דָאס הַארְץ אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר זָאגְט: 'וֵויי אִיז מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט מַיין חָבֵר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן?'" אַזוֹי הָאט אַהֲרֹן גֶערֶעדְט צוּ אֵיינֶעם בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶעהְן אַז זַיין חָבֵר הָאט חֲרָטָה, אוּן וִויל אִים אֱמֶת'דִיג אִיבֶּערְבֶּעטְן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן אוּן גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "דוּ וֵוייסְט, דַיין חָבֵר שֶׁעמְט זִיךְ מַמָּשׁ פוּן דִיר, אַז עֶר הָאט דִיר מְצַעֵר גֶעוֶוען, עֶר קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אַז עֶר הָאט דִיר וֵויי גֶעטוּהן, עֶר וִויל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן", אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְן צְוֵוייטְן בִּיז יֶענֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ בַּארוּהִיגְט אוּן מוֹחֵל גֶעוֶוען זַיין חָבֵר.

וֶוען דִי צְוֵויי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ גֶעקוּשְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַהֲרֹן, "**לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה**" אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי הֵיילִיג, אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען בַּיי זַיין הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ב)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ו) אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ בִּטָּחוֹן ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א') "וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט" וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָ' י"ב) "אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד", וֶוען אַ אִיד פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן דִי בִּטָּחוֹן וָואס עֶר הָאט, דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמ"ה) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתָּם" - וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן דַיין פַּרְנָסָה אִין צַייט, וַוייל בִּטָּחוֹן מַאכְט אַ כְּלִי, אַז עֶס זָאל קֶענֶען אַרָאפּ קוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל שְׁטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ, נֶעמְט עֶר אִים צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן" וַוייל וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים, אִיז עֶר אַ גֶעהָאלְפֶענֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין גוּט, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, אִיז עֶר אַ גֶעשְׁטְרָאפְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען טְרַאכְט "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מִיר פַארְלָאזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ וֵוייס דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג מִיט אַ שְׁטַארְקַייט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן אִין דִי צַייט הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְּרִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת, אַז עֶר דַארְף אַנְדֶערְשׁ טוּהן, הָאט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט דֶערְצוּ, נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג.

דָאס אִיז פְּשַׁט "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה" אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ גֶעוִויסֶע וֶועג וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען.

**דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַזוֹי טוּהן, אוֹיבּ אַ אִיד הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אַ צַדִּיק אַ וֶועג וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר מִיט דֶעם גֵיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּיזְן סוֹף, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן אֵייגֶענֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען אִים מְבַלְבֵּל, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.**

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ג)

***

**כְּמַרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה**, חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זַייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן, קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְן צְוֵייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְטְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵּא דֶעם צְוֵייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים אָבֶער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיּוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, פַארְוָואס זָאל מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועלְן הֶעלְפְן?" אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל דִי חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, ל"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ב) "רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ", אַז אֲפִילוּ אַ רָשָׁע, אוֹיבּ עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, זֶעהט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהן, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ רָשָׁע, עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶער עֶר גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע הֶעלְפְן מִיט סַיי וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ אוֹיף שַׁבָּת, נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיים פָארְן אִיז עֶר זִיךְ אַרַיין קוֹדֶם גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, אוּן גְלַייכְצַייטִיג גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וָואגְן וָואס זָאל אִים אַהֵיים טְרָאגְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: אַז דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא זַאךְ, מֵיין אִיךְ אַז דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַבִּיסְל דָא בְּלַייבְּן לֶערְנֶען, וַוייל דִי שְׁלֵימוּת פוּן בִּטָּחוֹן אִיז, זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט בֶּעטְן קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כו:) אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פְּשַׁט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כג) "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", בִּיז רַבָּה בַּר בַּר חַנָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס שְׁלֶעפֶּענְדִיג אַ פֶּעקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ קֶעמְל, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם דַיין פֶּעקְל אוּן וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל", דֶער פְּשַׁט אִיז אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"ש

פַּארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַּארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער מֶען דַארְף אַלֵיין אוֹיךְ עֶפֶּעס טוּהן? בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם סוֹחֵר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַּארְלָאזְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַלֵיינְ'ס אָנְגֶעטְרָאגְן אִים צוּ הֶעלְפְן, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיטְן חוֹזֶה.

גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן, אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט אַרוֹיס צוּם חוֹזֶה: "אִינְגֶערְמַאן, דוּ ווִילְסְט אֶפְשָׁר אַהֵיים פָארְן? אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין לוּבְּלִין"...

דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער חוֹזֶה שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אַלֵיינְ'ס גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אָן טוּהן קַיין שׁוּם פְּעוּלָה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גָארְנִישְׁט פֶּעלְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"ש חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י' ערך בִּטָּחוֹן)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

סקול, ווי די מיידלעך ווערן נתחנך מיט צניעות יראת שמים מדות טובות אמונה א.א.וו. אויפ'ן וועג פון הייליגן רבי'ן, אונטער די הדרכה פון מוהרא"ש שליט"א.

די שטארקע צופרידענהייט פון די עלטערן מיט די קינדער צוגלייך, איז די בעסטע עדות צו די גאר שטארקע הצלחה פונעם סקול בסייעתא דשמיא.

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען די "סידור פלעי" נאכן ענדיגן לערנען עברי מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

עס איז צום פארדאנקן די חשובע מנהלת מרת לעסער תחי' וואס לייגט אריין איבערמידליכע כוחות אין די טייערע קינדער, וואס נאר אזוי האט זיך די סקול אזוי שיין אהערגעשטעלט אין אזא קורצע צייט.

גלייכצייטיג גייט שוין אן אין פילן שוואונג די רעגיסטראציע צום קומענדיגן לערן יאר, עס רופן אריין פולע עלטערן איינצושרייבן די קינדער, וויסענדיג אז דא וועלן זיי באקומען דעם ריכטיגן חינוך, און אויפוואקסן ערליכע אידישע מאמע'ס.

צוליב די גרעסערע ערווארטונגען צום קומענדע יאר, האט מען יעצט געקויפט א נייעם באס צו קענען פירן די קינדער.

**כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ!**

## מִילֵי דְּאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דַיינֶע כּוֹחוֹת!

**דַע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"ד) "וָואס טַייטְשׁ אַ מֶענְטְשׁ? אוֹיבּ עֶר טוּט אַזוֹי אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אוֹיבּ גִיבְּט עֶר אַזוֹי אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תק"ה) "וֶוען מֶען זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ (צוּ זֶעהן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִינֶעוֵוייניג), וָואלְט מֶען גֶעזֶעהן, ווִי אוֹיף יֶעדְן אָדֶער'ל הֶענְגֶען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת".

דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף ווִיסְן, אַז יֶעדֶע רִיר וָואס עֶר טוּט, וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף גוּט אוּן וואוֹיל, בְּרֶענְגְט מֶען מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם וֶוען מֶען פִירְט נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַאכְט מֶען חֻרְבָּנוֹת, מֶען בְּרֶענְגְט אַסַאךְ צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען "דַע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ", גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶער דִיר, עֶס גֶעשֶׁעהט זַאכְן, מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה א')

\*\*\*

### יֶענֶער מֵיינְט נִישְׁט דַיין טוֹבָה...

**שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן**

דַארְפְ'סְט גֶעדֶענְקֶען, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶענַארְט פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, ווִילַאנְג עֶר קֶען נָאךְ אַרוֹיס בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ טוֹבַת הַנָּאָה פוּן דִיר, אִיז עֶר דַיין חָבֵר, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס פוּן דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר דִיר אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קֶענֶען.

דָאס וָוארֶענְט אוּנְז דֶער תַּנָּא, שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן, מֶען אִיז דִיר נָאר מְקָרֵב פַאר דִי אֵייגֶענֶע טוֹבָה, נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן, זֵיי זֶעהן אוֹיס ווִי פְרַיינְד וֶוען זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם עֶפֶּעס אַ הַנָּאָה, אָבֶּער, וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ, זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֵיין צוּ הִילְף וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם.

דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה, צוּ גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיף אִים, וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְּן אַלֶעס גוּט'ס, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ג')

\*\*\*

### אָן אַ צַדִּיק גֵייט עֶס נִישְׁט.

**וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ**

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְ'ס, שְׁטֶענְדִיג זֶעה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס זָאל דִיר פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וַוייל אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ אָנְפַאנְג וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, קֶען מֶען אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק פַאלְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נְפִילָה, סִימָן א') "עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן",

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא "אַל תַּאֲמִין" גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִיר, "בְּעַצְמְךָ" וֶוען דוּ בִּיזְט אַלֵיין, וֶוען דוּ גֵייסְט נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, "עַד יוֹם מוֹתְךָ", בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג בִּיזְטוּ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם צַדִּיק, וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, קֶענְסְטוּ אַוֶועק פַאלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ה')
~~~

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין דִמְיוֹן וִוי אַ גוֹי שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ מֵסִיחַ זַיין דֶערְפוּן, הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין מֹחַ, נָאר פַארְקֶערְט וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַחְשָׁבָה, הָאט זִיךְ עֶס נָאךְ מֶער מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן קָאפּ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען.

הָאט אִים אַ חָכָם גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, אַז עֶס זָאל אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי זַאךְ, עֶר זָאל לָאזְן דֶעם גוֹי שְׁטֵיין, אוּן עֶר זָאל אַזוֹי דַאוֶונֶען, אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ב).

וַוייל אַזוֹי גֵייט דִי דִמְיוֹנוֹת וִוי מֶער מֶען טְרַאכְט דֶערְפוּן, אֲפִילוּ כְּדֵי זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן דֶערְמִיט, וֶוערְט עֶס נָאר שְׁטֶערְקֶער, אוּן דִי עֵצָה אִיז נָאר, עֶס אִינְגַאנְצְען צוּ אִיגְנָארִירְן "עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, אִיךְ לָאז עֶס לוֹיפְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז, אוּן אִיךְ גֵיי מִיר וַוייטֶער מַיין וֶועג".

אַז עֶס קוּמְט לְמָשָׁל אַרַיין אַ מַחְשָׁבָה אִין אַ מֶענְטְשׁ "אִיךְ פִּיל מַמָשׁ אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט" דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחְשָׁבָה אוּן טְרַאכְטְן "אִיךְ בִּין יָא וֶוערְט, אִיךְ בִּין יָא חָשׁוּב" נֵיין, עֶנְדֶערְשְׁט לָאז דִי מַחְשָׁבָה לוֹיפְן, יָא אִיךְ בִּין טַאקֶע גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן אִיךְ וֶועל מִיר זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנ"ב) לְגַבֵּי דִי מָרָה שְׁחוֹרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן צוּ מֶען הָאט יָא גוּט גֶעטוּהן אָדֶער נִישְׁט, וּבִפְרַט בַּיים דַאוֶונֶען קוּמְט אַרַיין שְׁטֶענְדִיג דִי מַחְשָׁבוֹת, "דָאס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעטוּהן, אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעטוּהן, אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין אַן אִיסוּר" א.ד.ג. אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן עֲבוֹדַת ה'.

הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"עַ אַז עֶר הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען וַוייל עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט דִי מַחְשָׁבָה אַז עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי אִיסוּר פוּן חֵלֶב, וַוייל עֶר הָאט גֶערֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע, אוּן עֶר הָאט עֶס אָנְגֶעצִינְדֶען פוּן אַ לֶעכְט פוּן חֵלֶב, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין חֵלֶב, אוּן דִי מַחְשָׁבָה הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען, אוּן וִוי מֶער עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן דִי מַחְשָׁבָה הָאט עֶס זִיךְ נָאךְ מֶער מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען. בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעשְׁוואוֹירְן אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג אָנְצִינְדְן דִי לוּלְקֶע נָאר פוּן אַ חֵלֶב לֶעכְט, אוּן אַזוֹי דֶערְצֵיילְט מֶען טַאקֶע, אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אֵייבִּיג אָנְגֶעצִינְדֶען דִי לוּלְקֶע נָאר פוּן אַ חֵלֶב לֶעכְט.

וַוייל דָאס אִיז דִי עֵצָה קֶעגְן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף, עֶר זָאל לָאזְן דִי מַחְשָׁבָה לוֹיפְן אוּן טוּהן וַוייטֶער וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן, אוּן דִי מַחְשָׁבָה וֶועט אַלֵיינְ'ס אַוֶועק גֵיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"ו) אַז עֶר גֶערֶעדְט אֵיינְמָאל צוּם רֶבִּי'ן וֶועגְן דִי מָרָה שְׁחוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶענוּג יוֹצֵא דִי מִצְוֹת וִוי לְמָשָׁל בַּיי נְטִילַת יָדַיִם, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז צוּ עֶר הָאט זִיךְ גוּט גֶעוַואשְׁן צוּ נִישְׁט.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ צוּטוּהן מַאכְן פוּן דִי זַאכְן?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט "אָבֶּער דָאס אַלֵיינְ'ס מַאכְט מִיר בִּלְבּוּלִים, אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי מַחְשָׁבוֹת לוֹיפְן מִיר וַוייטֶער נָאךְ", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "הֵייבּ בִּכְלַל נִישְׁט אָן צוּ טְרַאכְטְן דֶערְפוּן".

זָאגְט רֶבִּי נָתָן, אַז דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען מְבַלְבֵּל אַ מֶענְטְשׁ, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶועלְן שְׁלָאגְן דֶערְמִיט, וֶועט עֶס דִיר נָאךְ מֶער נָאכְלוֹיפְן, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס אִינְגַאנְצְן אִיגְנָארִירְן, אִינְגַאנְצְן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן מַאכְן דֶערְפוּן, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט וָואס מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן טוּהן, וֶועלְן דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַוֶועקְגֵיין.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע סיום מסכת פארגעקומען אין ישיבה

א הערליכע סעודה איז פארגעקומען אין ישיבה צום סיום מסכת ברכות.

ווי באקאנט האט מען אנפאנג יאר אנגעהויבן אין ישיבה לערנען שיעור עיון מסכת ברכות, דער ראש ישיבה לערנט יעדן טאג פאר די גמרא בעיון גמרא רש"י תוספות ביז הלכה למעשה אין שולחן ערוך, בטוב טעם ודעת אז יעדער בחור אן אויסנאם זאל עס קענען מיטהאלטן.

די וואך האט מען געענדיגט די מסכת מיטן אייבערשטנ'ס הילף, די בחורים זענען געווען זייער פרייליך אז מען האט זוכה געווען אדורך צו לערנען אזא שיינע מסכת און עס האבן אין די האנט.

א שיינע סעודה איז פארגעקומען לכבוד די סיום, דער ראש ישיבה האט גערעדט טרעפליכע דיבורים, ארויסברענגעדיג די חשיבות פון לימוד התורה, וואס נאר דאס בלייבט פון א מענטש, און דאס וועט אים באגלייטן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, נאר תורה מאכט פרייליך א מענטש, און ברענגט אים אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

דערנאך האט מען געזונגען אינאיינעם, זיך פרייענדיג לסיומה של תורה.

גלייכצייטיג האבן די בחורים יעצט א שיעור, בפקודת מוהרא"ש שליט"א, צו איבערגיין מסכת ברכות הונדערט און איין מאל, כדי צו קענען די מסכת קלאר ישר והפוך.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!**

***

### שמחת "שבע ברכות" פארגעקומען אין די קהלה

די וואך זונטאג האט הנהלת קהלתינו הק' צוגעשטעלט א שיינעם שבע ברכות צו די חתונה פון א טאכטער ביי ר' אהרן וועבערמאן נ"י חבר הנהלת המוסדות.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א שיינעם ציבור אנשי שלומינו אינאיינעם מיט די בחורים פון ישיבה זיך מיט צו פרייען מיט די שמחה פון אונזער חבר.

דער ראש ישיבה האט גערעדט עטליכע דיבורים, ארויסברענגענדיג די גרויסקייט פון "אמונת חכמים", ווען מוהרא"ש האט געזאגט פארגאנגענעם זומער פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית ביז ראש השנה וועט א חתן ווערן, און דער חתן האט זיך ברוך ה' נישט געלאזט נארן, און ער האט געענדיגט פערציג מאל מסכת תענית, און יעצט האלט מען שוין ביי די שבע ברכות.

דערנאך האט מען געהערט א שיינעם פשעטל פונעם חתן, וואס האט באגייסטערט דעם עולם.

דערנאך האט מען זיך ארויגעלאזט אין פרייליכע טענץ, צו משמח זיין דעם חתן, וואס האט זיך געצויגן ביז שפעט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

*גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו*

### מוהרא"ש שליט"א וועט געבן א שיעור די וואך ליל שישי

גייענדיג צום דרוק קומען זיך צוזאם הונדערטער אידן, צום שיעור פון מוהרא"ש שליט"א, בבית מדרשו אין בארא פארק.

עס איז א גרויס שמחה ביי אנ"ש, אז עס וועט זיין א שיעור, נאכדעם וואס מוהרא"ש האט ביז דערוויל נאר געגעבן איין שיעור זינט די שווערע הארץ אטאקע וואס מוהרא"ש איז אריבער געגאנגען דעם פארגאנגענעם שביעי של פסח.

יעצט וועט זיין די צווייטע שיעור, אויף וועלכן אנשי שלומינו קוקן שוין אזוי שטארק ארויס, צו הערן דברי אלקים חיים, דברי התחזקות והתעוררות, צו וויסן ווי אזוי אנצוגיין אין לעבן.

גלייכצייטיג זענען מיר ווייטער מתפלל אז מוהרא"ש שליט"א זאל פולשטענדיג צוריק קומען צו כוחות, און אונז ווייטער פירן אויפ'ן רבי'נס דרך, ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן.

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו!**

***

### שיינע "סידור פלעי" פארגעקומען
### אין בית חינוך לבנות "בית פיגא - ברסלב"

אין די קורצע צייט וואס מיר האבן געעפנט מיטן אייבעשטנ'ס הילף די מיידל שולע "בית פיגא - ברסלב" האט זיך עס שוין קונה שם געווען אלץ גאר א גוטע

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................8:11
מוצש"ק.................................9:42
סוף זמן ק"ש.........................8:34

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................נדה כ"ו
ירושלמי...........................יבמות ט"ו
תוספתא.............פסחים פרק ו'


פרשת שלח, כ"ו סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 35


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער, זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען, אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁייךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעם זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

**אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת, פַארְקֶערְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַ יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעם אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְ'ס.

אוּן דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שְׁוֶועריקַייטְן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט שְׁוֶועריקַייטְן אוּן מְנִיעוֹת צוּ צוּקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, צוּ לֶערְנֶען, צוּ דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, פַארְקֶערְט, אוֹיב זֶעהט עֶר אַז עֶס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אִים, אוּן אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶענְטְשְׁן נַארְן זִיךְ, גְלַייךְ וֶוען מֶען זֶעהט אַז עֶפֶּעס גֵייט שְׁוֶוער, זָאגְט מֶען: "דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט הָאבְּן פוּן הִימְל, אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִיז נָאר אַ נִסָיוֹן צוּ זֶעהְן צוּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, אוּן אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין צוּם סוֹף.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל גְרֶעסֶערֶע נְשָׁמוֹת, וָואס זֵיי קֶענֶען מְקָרֵב זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאךְ מֶער דֶער יֵצֶר הָרַע, זֵיי צוּ שְׁטֶערְן גָאר שְׁטַארְק, וַוייל פַארְוָואס זָאל עֶר זִיךְ פְּלָאגְן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער? עֶס אִיז אִים אַסַאךְ גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ נֶעמֶען צוּ אֵיין גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, וָואס אוּנְטֶער אִים אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת, אוּן אוֹיב עֶר וֶועט אָפְּשְׁוַואכְן דִי נְשָׁמָה וֶועט עֶר מִיט דֶעם שׁוֹין הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט, אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶעהן אוֹיבּ זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט. דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער רַחוּם וְחַנּוּן, נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

***

**וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ**, כָּלֵב הָאט שְׁטִיל גֶעמַאכְט דִי פָאלְק אוּן גֶעזָאגְט, אַז מִיר וֶועלְן יָא אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיר וֶועלְן בַּייקוּמֶען דִי גוֹיִם, זָאגְט רַשִׁ"י, אַז כָּלֵב הָאט גֶעזָאגְט, אַז אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועט אוּנְז הֵייסְן מַאכְן לֵייטֶער'ס ,אוּן אַרוֹיף גֵיין אִין הִימְל, וֶועלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

וָואס הָאט דָא כָּלֵב גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִינְצְווִישְׁן דַאוֶוענְט מֶען אוּן מֶען לֶערְנְט.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְ'ס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם רָצוֹן, אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם ווִילְן, וַוייל עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען יָא, אוּן עֶר וֶועט יָא מַצְלִיחַ זַיין, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"ע הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', עֶס אִיז נָאר דָא 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט', אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט - וֶועסְטוּ קֶענֶען", אוּן דָאס טוּט דֶער צַדִּיק אַרַיינְשַׁיינֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶערְפַאר וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי מְרַגְּלִים שְׁרֶעקְן אָן דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען דִי שְׁטַארְקֶע גוֹיִם, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין דִי אִידְן מִיט "אֱמוּנַת חֲכָמִים", צוּ גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וַוייל נָאר דֶער צַדִּיק קֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִּיק, וֶועלְן מִיר אַלֶעם קֶענֶען דוּרְךְ פִירְן, אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר וֶועט אוּנְז הֵייסְן אַרוֹיפְקְרִיכְן אִין הִימְל מִיט לֵייטֶער'ס, וֶועלְן מִיר עֶס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית שְׁלַח תשמ"ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

אוּנְטֶער אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט דֶעם סוֹד, לָאזְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז פַאר דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וועלְט, הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן דָא, וַוייל עֶר וֶועט מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי נְשָׁמָה אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוּן דוּ גֶעבּ זִיךְ אַן עֵצָה", אִיז דֶער סַמַךְ-מֶם אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען, אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶען אוּן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עֵצָה, אַז מֶען וֶועט אָפְּלַאכְן פוּנֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ חוֹזֶק, אוּן דָאס וֶועט צוּרִיק הַאלְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דָאס אִיז דִי נִסָּיוֹן, אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט'ס קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, נָאר מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן צוּם סוֹף הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּשְׁלַח קס"ח) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יָארְן צוּ לֶעבְּן, עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבּוֹירְן אַלֶץ נֵפֶל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, נָאר אָדָם הָרִאשׁוֹן מִיט דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן אִים אַרָאפּ גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט זִיבֶּעצִיג יָאר.

דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן מָשִׁיחַ קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים, וָואס עֶר וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער סַמַךְ-מֶם אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זִיבֶּעצִיג יָאר צוּ לֶעבְּן.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים גָאר שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף אִים, אוּן ווִיל אִים נָאר אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט עֶר זִיכֶער אַדוּרְךְ בְּרֶעכְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן זַיין זוּהן צוּ עֶר הָאט אִים אֱמֶת'דִיג לִיבּ, הָאט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען זַיין פַּאלַאץ מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מוֹיעֶרְן וָואס הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּם טִיר פוּן פַּאלַאץ.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וֶוען דֶער זוהן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין צוּ זַיין טַאטְן דֶער קֶענִיג, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מוֹיעֶרְן וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּ צוּם פַּאלַאץ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זַיין טַאטְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט "עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אַרַיין אִין פַּאלַאץ פַאר יֶעדֶע פְּרֵייז, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין", גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע מוֹיעֶר עֶס צוּ צוּבְּרֶעכְן, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מוֹיעֶר, עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן אֲחִיזַת עֵינַיִם, עֶר אִיז עֶס דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּן אַזוֹי צוּם צְוֵוייטְן אוּן דְרִיטְן מוֹיעֶר, בִּיז עֶר אִיז אַדוּרְךְ אַלֶע מוֹיעֶרְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ צוּם קֶענִיג, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער קִינְד הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ, עֶר הָאט דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אוּנְטֶער פַארְן מֶענְטְשְׁן אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען צוּ זֶעהְן צוּ עֶר הָאט אִים לִיבּ, אוּן וֶוען דֶער אִיד קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַארְגֶענוּגֶען פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח) "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן בַּארְג אַ נֶעפְּל, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְוָואלְקֶענְט, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", דֶער "עַם" דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז צוּ פַארְוָואלְקֶענְט, מֶען קֶען נִישְׁט צוּגֵיין, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם נֶעפְּל, אִין דִי וָואלְקֶענֶעס, עֶר וִויל נָאר זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער אִיד שְׁטֶרֶענְגְט זִיךְ אָן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז פַארְוָואלְקֶענְט, צוּ קוּמֶען צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, זִי הָאט גֶעהֵייסְן אָדְל, אֵיינְמָאל אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס זִי הָאט גֶע'חָלוֹם'ט, זִי הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִינֶעם רֶבִּי'נְס בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ שׁוּרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִינְאֵיינֶעם, נִישְׁט אַדוּרְךְ צוּ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען שׁוּרוֹת פוּן דִי טִיר בִּיז דִי מִזְרָח וַואנְט בַּיים רֶבִּי'נְס פְּלַאץ.

פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי טִיר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין טְרִיט בַּיי טְרִיט, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעשׁוּשְׁקֶעט צְוִוישְׁן זִיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַדוּרְךְ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה אִיז דִי שׁוּרָה צוּפַאלְן, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶערוּקְט אִין אַ זַייט פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט.

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן דְרִיטֶע שׁוּרוֹת אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז דִי שׁוּרָה צוּפַאלְן, דִי וַוייטֶערְדִיגֶע שׁוּרוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ גֶעשׁוּשְׁקֶעט אַז מֶען גֵייט דֶעם רֶבִּי'ן נִישְׁט דוּרְךְ לָאזְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זֶענֶען דִי שׁוּרוֹת אוֹיךְ צוּפַאלְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי מִזְרָח וַואנְט, אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאט זִיךְ אָדְל אוֹיפְגֶעכַאפְּט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט, זִי הָאט נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אַז דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ קֶעגְן שְׁטֶעלְן קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

וֶוען זִי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פְּשַׁט אִין דֶעם חָלוֹם, הָאט אִיר רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, מֶען זֶעהט נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט אוּן מֶען זֶעהט גָארְנִישְׁט וַוייטֶער, אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט שְׁטַארְקַייט, קוּמְט מֶען אַלֶעס אִיבֶּער, אוּן מֶען דֶערְגְרַייכְט דֶעם צִיהל".

אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אָבֶּער אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, וֶוערְט דִי "מְנִיעוֹת" אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ "נְעִימוֹת", אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּ אַלֶעס גוּט'ס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש, חֵלֶק י"ג וְחֵלֶק ט"ו, ערך מְנִיעוֹת)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְגֶעסְן

**אֵינוֹ מִתְחַיֵּיב בְּנַפְשׁוֹ עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם מִלִּבּוֹ**

מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, אוֹיבּ אָבֶּער מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט, וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, בַּטֶבַע פַארְגֶעסְט עֶר שְׁנֶעל, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) אַז לֶעָתִיד לָבֹא וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס פַארְגֶעסְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תּוֹרָה" פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת עֵקֶב) אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס קוּמֶען פוּן "עַלְמָא דְנוּקְבָא" אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער לֶעָתִיד וֶועט מֶען זֵיי אַלֶעס דֶערְמַאנֶען.

דֶער מִדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (קֹהֶלֶת רַבָּה א, יג) "אַזוֹי אִיז דִי וֶועג פוּן תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט, וַוייל אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה בַּאלִיבְּט אוֹיף מֶענְטְשׁ יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר לֶערְנְט עֶס, וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, וַוייל אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס שׁוֹין פַארְגֶעסְן, לֶערְנְט עֶר עֶס דִי צְוֵוייטֶע מָאל אוֹיךְ מִיט אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק".

אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעהט אַז עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר פְלַייסִיג, וֶועט עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט, פַארְקֶערְט עֶר זָאל זֶעהְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶע פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, יֶעדֶע בְּלַאט גְמָרָא, יֶעדֶע סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן דָאס אִיז זַיין חֵלֶק לְנֶצַח נְצָחִים נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אִים אוֹיף אֵייבִּיג.

חֲזַ"ל בְּרֶענְגְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק כז) אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶער'ס אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶעסֶער, אָבֶּער דִי פֶעסֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט, אוּן וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דֶערִין אִיז אַרוֹיס גֶערוּנֶען, דִי טִיפְּשִׁים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? וָואס מִיר גִיסְן אַרַיין וֶוערְט מִמֵּילָא אוֹיסְגֶעגָאסְן" אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער דִי קְלוּגֶע הָאבְּן וַוייטֶער גֶעאַרְבֶּעט זָאגֶענְדִיג: "וָואס אִיז אוּנְז אַ חִילוּק צוּ עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס אָדֶער נִישְׁט? מִיר בַּאקוּמֶען סַיי וִוי בַּאצָאלְט אוֹיפְ'ן טָאג, אוּן מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט אֲפִילוּ וֶוען עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס".

דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אֲפִילוּ וֶוער פַארְגֶעסְט, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט, נָאר וַוייטֶער אַרַיין כַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה י')

\*\*\*

## יֶעדֶער וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט...

**הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ז) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, מוּז יֶעדְן טָאג הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צַעַר.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן יֶעדְן טָאג, וָואס עֶר וֶוערְט פוּן דֶעם וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוַוארְצְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, נָאר אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט פוּן פָארְאוֹיס אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, דֶעמָאלְט'ס קֶען עֶר אַלֶעס אָנְנֶעמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת, קֶען עֶר נִישְׁט לַיידְן קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַוַודַאי קֶען עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, נֶעם אַלֶעס אָן גְרִינְג, וַוייל דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרִינְגֶער פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַלֶעס אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ קֶענֶען יֶעדְן אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נָאךְ מֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יֶענֶעם אוֹיפְצוּנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנֶה ט"ז)
~~~

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## אִיךְ בָּארְג אוֹיס אַבִּיסְל שִׂמְחָה...

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער ז״ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִינֶדערְהֵיים, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִין דִי הַייזֶער, אָבֶער עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ כַאפְּן אַ טֶענְצְל.

וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ? דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ, וָואס אִיז דָא צוּ זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?״ הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דוּ גְלֵייבְּסְט אַז וֶועט אוּנְז נָאךְ אַמָאל גוּט זַיין?״ הָאט זִי גֶעזָאגְט: ״יָא, אַוַודַאי גְלֵייבּ אִיךְ״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דֶעמָאלְט׳ס וֶוען עֶס וֶועט אוּנְז גוּט זַיין וֶועל אִיךְ דָאךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, בָּארְג אִיךְ יֶעצְט אוֹיס אַבִּיסְל שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט׳ס, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט פְרֵיילִיךְ״.

(אַשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק ס״א מִכְתָּב י״ב שכ״ט)

***

## מִיט אַן עֶרְלִיכְן אִיד הֵייבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָן

דֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זי״ע הָאט קוֹדֶם גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט אַפְּטָא, עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע חֲבוּרָה פוּן אִידְן וֶועם עֶר הָאט מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אוֹיף סַאסוֹב, זֶענֶען כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים, נָאר אֵיינֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אַפְּטָא, יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְגֵיין.

מִיט דִי צַייט אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט, אַז דֶער תַּלְמִיד הָאט אַ כֹּחַ צוּ בֶּענְטְשְׁן אִידְן, זַיינֶע בְּרָכוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל, דִי פְרוֹיעֶן פוּן שְׁטָאט פְלֶעגְן בְּרֶענְגְן צוּ אִים דִי קִינְדֶער עֶר זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן.

דֶער חַזָן פוּן שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מְחוּצָף, פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים הָאט זִיךְ אִים פַארְגְלוּסְט חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין דִינְסְט מִיט אַ צִיגֶעלֶע, אַז עֶר זָאל בֶּענְטְשְׁן דִי צִיגֶעלֶע, כְּדֵי צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אִים, וֶוען דִי דִינְסְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי צִיגֶעלֶע עֶס צוּ בֶּענְטְשְׁן, הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי צִיגֶעלֶע זָאל בַּאקוּמֶען דָאס קוֹל פוּנֶעם חַזָן, אוּן דֶער חַזָן זָאל בַּאקוּמֶען דָאס קוֹל פוּן דִי צִיגֶעלֶע״ אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁעהֶן דִי צִיגֶעלֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען שֵׁיין, אוּן דֶער חַזָן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן ווִי אַ צִיגֶעלֶע, מֶע מֶע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער חַזָן אִיז גֶעוָוארְן צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט אָפְּזָאגְן פוּן זַיין שְׁטֶעלֶע.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכְן אִיד, וַוייל מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ס״א מִכְתָּב י״ב שנ״ב)

***

## אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיינֶעם וָואס לוֹיפְט אַרוּם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אוּן עֶר פְרֶעגְט יֶעדְן אֵיינֶעם: ״וָואס הָאבּ אִיךְ דָא אִין מַיין הַאנְט?״ אוּן יֶעדֶער רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז עֶר הָאט זִיכֶער דָארְט דָאס וָואס עֶר דַארְף, אוּן מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, אַזוֹי נַארְט עֶר אוֹיס מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף זַיין הַאנְט, אוּן מֶען זֶעהט אַז עֶר הָאט דָארְט גָארְנִישְׁט.

דִי זֶעלְבֶּע מַמָשׁ אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר נַארְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער מֵיינְט אַז בַּיי אִים לִיגְט זַיין גְלִיק, אוֹיבּ עֶר וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען וָואס עֶר דַארְף, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אָבֶער צוּם סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף דִי הַאנְט, אוּן יֶעדֶער זֶעהט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, וַוייל קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען בְּלַייבְּט צוּם סוֹף דִיפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

(שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ו׳)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### נאך א חתן פון מסכת תענית

גרויס פרייד הערשט אין ישיבה צו די שמחה פון נאך א חתן, אין רעזולטאט פון מסכת תענית.

ווי שוין ערווענט אסאך מאל, האט מוהרא״ש גזאגט פארגאנגענעם יאר חמשה עשר באב פאר די בחורים אין קעמפ, אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית ביז ראש השנה וועט א חתן ווערן.

אסאך בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, און בינדערווייל איז שוין געווארן צענדליגע חתנים אין ישיבה, און עטליכע האבן שוין חתונה געהאט בשעה טובה ומצלחת.

יעצט איז געקומען די רייע אויף הבחור החתן יואל לעווי נ״י וועלכער איז א חתן געווארן די וואך למזל טוב, א זוהן פון רבי אברהם שמחה נ״י משב״ק אצל מוהרא״ש שליט״א, די כלה איז א טאכטער פון רבי דוד לייב איצקאוויטש נ״י מחשובי חסידי וויען פון בארא פארק.

דער חתן האט אויך זוכה געווען צו ענדיגן פערציג מאל תענית פאריאר, אבער ער האט נישט אפגעלאזט, נאר געגאנגען ווייטער ביז ער האט געענדיגט מיטן אייבערשטנ׳ס הילף הונדערט און איין מאל מסכת תענית.

די בחורים פון ישיבה אינאיינעם מיט אלע אנשי שלומינו האבן אויפגענומען די נייעס מיט גרויס פרייד, און מיר וואונטשן אים אלע עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל האבן נאר שמחה ונחת א גאנץ לעבן ביז משיח׳ס טאג במהרה בימינו אמן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### מען גרייט זיך צום קעמפ

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האבן מיר שוין באקומען א קעמפ, א גוטע קעמפ מיט אלע צוגעהערן, אז די בחורים זאלן קענען זיצן און לערנען און שטייגן בתורה ועבודה.

עס איז נאך געבליבן עטליכע באנגעלאוס פאר משפחות וואס ווילן זיין מיט אונז זומער אין קאנטרי.

מיר בעטן ווייטער דעם אייבערשטן אז דער זומער זאל זיין א געלונגענע זומער, מען זאל זיך אנפילן מיט תורה ועבודה, מצות ומעשים טובים.

**כי בשמחה תצאו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הערצליכן
ברכת מזל טוב פאר
**מו״ה אברהם שמחה לעווי נ״י**
משב״ק
צו די גרויסע שמחה פון זיין זוהן
**הבחור החתן יואל נ״י**
וואס איז א חתן געווארן
למזל טוב בשעה טובה ומצלחת
**עב״ג בת מו״ה דוד לייב איצקאוויטש נ״י**
דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר
של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים
ומבורכים, ביז משיח׳ס טאג במהרה בימינו אמן

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א ״ברכת מזל טוב״ פאר
**מו״ה דוד מרדכי שווארץ נ״י**
וואס האט מנדב געווען דעם גליון
**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב**
די זכות פון הייליגן רבי׳ן זאל מגין זיין אז ער
זאל זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון
דעם קינד און פון אלע קינדער ביז משיח׳ס
טאג במהרה בימינו אמן

## וואונדערליכע ישועות

מוהרא״ש שליט״א זאגט צו, אז ווער עס וועט
מנדב זיין צו דרוקן ״אשר בנחל״, וועט זיכער
זעהן גרויסע ישועות.
הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן
געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע.
רופט שוין אריין
מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.
**845-481-3321**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת קרח, ג' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 36


**זמנים**

הדלקת הנרות....................8:13
מוצש"ק................................9:43
סוף זמן ק"ש........................8:36

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................נדה ל"ג
ירושלמי.........................יבמות כ"ב
תוספתא..............תענית פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נַיִּקַּח קֹרַח**, זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט קֹרַח גֶעטוּהן? עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען צְוֵויי הוּנְדֶערְט-פוּפְצִיג הוֹיפְּטְן פוּן סַנְהֶדְרִין, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעטוּהן טַלֵיתִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה: "מֶען דַארְף נָאךְ אַרוֹיף לֵייגְן צִיצִית אוֹיף דִי טַלֵיתִים?" הָאט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֵק מַאכְן, "אוֹיבּ אֵיין קְלֵיינֶע בֶּענְדֶל פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן טַלִית, דַארְף דָאךְ אַ טַלִית וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער זַיין גוּט?"

אוּן דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיךְ אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה, "אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז פִיל מִיט סִפְרֵי תּוֹרוֹת, דַארְף אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר?" הָאט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט עֶר וַוייטֶער חוֹזֵק גֶעמַאכְט, "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה וָואס הָאט נָאר צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה פַּטְרְ'ט דִי שְׁטוּבּ, פַּארְוָואס זָאל אַ גַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה נִישְׁט קֶענֶען פַּטְרְ'ן?"

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ זַיין קְלוּג, צוּ אַרוֹיס הָאבְּן קְלָאר יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיס הָאבְּן.

אוּן אַ רְאַיָ' צוּ דֶעם אִיז, וַוייל אוֹיבּ דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט חָכְמָה, דֶעמָאלְט'ס קֶען רוֹב וֶועלְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, וַוייל רוֹב וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט אָן קַיין חָכְמוֹת, דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת יב, יג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע, אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר**, דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כִּי זֶה "כָּל" הָאָדָם**, וַוייל דָאס קֶען **"יֶעדֶער"** מֶענְטְשׁ טוּהן.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה מָה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה?** בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ קַשְׁיָא, "קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, וִוי קוּמְט צוּ אִים אַזַא שְׁטוּת?" אָבֶּער מֶען קֶען עֶס זָאגְן גְלַייךְ אוֹיךְ, בְּנִיחוּתָא, **טַאקֶע וַוייל קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין דוּרְכְפַאל**, וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## ~ דַן זַיין לְכַף זְכוּת ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אִים קַיין שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה, אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פְּסַקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם, "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, דַארְף מֶען אִים אָפְּהַאקְן הֶענְט אוּן פִיס!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פְּסַקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְ'ס, וַוייל אֵיינְמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּהן אַזַא עֶנְדְלִיכֶע זַאךְ, אוּן עֶר הָאט יֶעצְט גֶע'פְּסַקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ" וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין זָאגְט דֶערְצוּ, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פְּסַקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים אַלֵיין.

דֶערְפַאר אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פְּסַקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְט'ס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פוּן תְּכֵלֶת? וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה? אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דֶער עֶרְד.
דֶערְפַאר, ווייל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אָן קַיין חָכְמוֹת, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוער עֶס גֵייט מִיט חָכְמוֹת, פַאלְט אַוֶועק צוּם סוֹף.

(זֹאת הַתּוֹרָה קֹרַח ב)

***

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?
מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר טַעַם פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן.
דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.
אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פִיל מִיט סְפָרִים, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדֶל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.
דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סַיי בְּרוּחְנִיוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּהן דֶעם רְצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן נָאר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע הַסְכָּמָה, דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר הֶערְט שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל עֶר יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּהן, אוּן דֶעמָאלְטְ'ס וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".
אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ, וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פְּסַקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּילֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.
אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, אַז פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת מֶענְטְשְׁן, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט מֶען אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.
אוּן דָאס הָאט מֶען אַסַאךְ מָאל גֶעזֶעהן בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶע'רוּדְפְּ'ט אַ צְוֵוייטְן, גֶעשָׁאלְטְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייט דָאס רֶעדְל, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַלֵיין.
אוּן פַארְקֶערְט זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן יֶענֶעם לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י') וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וִוי יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְטְ'ס, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, וֶוען דוּ וֶועסְט אִים אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.
ווייל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דַן יֶעדְן לְכַף זְכוּת, עֶר זֶעהט נָאר דָאס גוּטְ'ס בַּיי יֶעדְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ נָאר זֶעהן גוּטְ'ס בַּיי אִים, אוּן וֶועט אִים גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָּן אֶת חֲבֵירוֹ)

*

וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט צִי זוּכְן חֲטָאִים בַּיי יֶענֶעם, עֶר אִיז אִינְטֶרֶעסִירְט צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן דִי גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, אוּן זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן קוּקְן אוֹיף דוּ גוּטְס וָואס אִיז דָא אִין יֶענֶעם אוּן אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אַז ווייל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מַתְמִיד, אוּן בַּאפְלֵייסְט זִיךְ אִין רֶבִּי'ן מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס נָאר דָאס הֵייסְט הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

(אשר בנחל באידיש מכתב רנ"ז)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דִי רַחֲמָנוּת פוּן דִי וֶועלְט זֶעהט יֶעדֶער, מֶען זֶעהט אֵיינֶער הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, מֶען זֶעהט אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּהן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אָבֶער וֶוער עֶס הָאט אוֹיגְן זֶעהט דִי גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת, ווַייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס גֵייעֶן אַרוּם נַאקֶעט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּהן, אוּן מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, ווַייל אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּהן קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, מֶען שְׁטֶעלְט אִים צוּזַאם גֶעלְט, אוּן מֶען קוֹיפְט אִים וֶועשׁ, אָבֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת, ווַייל עֶר דַארְף דָאךְ נָאר הָאבְּן אַ מַלְבּוּשׁ פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן מִיט דֶעם קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט הֶעלְפְן.

אָבֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה אַז עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק, עֶר קֶען לוֹיפְן צוּם צַדִיק אוּן נֶעמֶען בַּיי אִים אַ מַלְבּוּשׁ אָנְצוּטוּהן.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לִיגְן אַסַאךְ נְשָׁמוֹת אִינְדְרוֹיסְן, אוּן זֵיי שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶער קוֹל: "גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן", אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פֵיינֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, "דָא הָאט אִיר צוּ עֶסְן", אָבֶער זֵיי עֶנְטְפֶערְן: "נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט עֶסְן דַארְפְן מִיר, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה", אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דָא דָארְט נְשָׁמוֹת וָואס לִיגְן אִינְדְרוֹיסְן נַאקֶעט, אוּן זֵיי שְׁרַייעֶן זֵייעֶר: "גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס אָנְצוּטוּהן" אוּן וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי וֶועשׁ "דָא הָאט אִיר גוּטֶע וֶועשׁ אָנְצוּטוּהן" עֶנְטְפֶערְן זֵיי: "נֵיין, דִי וֶועשׁ וֶועט אוּנְז גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר דַארְפְן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אָנְצוּטוּהן".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן צוּטְרִינְקֶען דֶערְנָאךְ עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן זִיךְ אָנְטוּהן מִיט עֶטְלִיכֶע מִצְוֹת!"

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ג)

***

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ קוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת אִין עֲבוֹדַת ה'.

אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וָואס דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק טוּעֶן, (רוֹב אִידְן פוּן דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים) רֶבִּי מֵאִיר הָאט יֶעדְן אַוֶועקְגֶעמַאכְט, "וָואס מַאכְט דֶער?", "זֵייעֶר שְׁוַואךְ", "וָואס מַאכְט יֶענֶער?", "עֶס טוֹיג

המשך בדף ג

## מִילֵי דְאָבוֹת

**פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת**

~~~

### אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, וֶועל אִיךְ טוּהן...

**אֵיזֶהוּ עָשִׁיר, הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ**

עֲשִׁירוּת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס מֶען הָאט, וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס מֶען הָאט, וֶוען מֶען ווֵייסְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן נָאר עֶר גֶעבְּט מִיר אַלֶעס, אוּן עֶר ווֵייסְט וְוִיפִיל אִיךְ דַארְף הָאבְּן, אוּן אוֹיבּ דַארְף אִיךְ מֶער, בֶּעהְט אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט, 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּהן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן', אוּן אִיךְ זָאג, 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן - וֶועל אִיךְ קֶענֶען טוּהן'" ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט פַאר זַיין גֶעלְט, דַארְף עֶר אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים אַלֶעס, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה א')

\*\*\*

### צוּם סוֹף וֶועט זַיין גוּט!

**כָּל הַמְקַיֵּים אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי, סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעוֹשֶׁר**

דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחְנִיּוּת, סַיי וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת א.ד.ג., אוּן סַיי בְּרוּחְנִיּוּת, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוֹיבּ אָבֶער עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וְוִי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים עֶר קֶען, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן, אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחְנִיּוּת.

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסָיוֹן, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעפִילְט אַז זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען בִּיטֶערֶער פוּן טוֹיט, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, הָאבְּן זֵיי נָאכְדֶעם בַּאקוּמֶען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"א)

\*\*\*

### אַ רָשָׁע בִּין אִיךְ נִישְׁט...

**אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים, וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים**

פַאר דִי רְשָׁעִים גֵייט זֵייעֶר גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׂכַר אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן, אוֹיף דִי וֶועלְט, כְּדֵי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׁטְרָאף.

אוּן אַזוֹי וְוִי אִיךְ זֶעה אַז מִיר גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי גוּט, אִיז דָאס אַ קְלָארֶע סִימָן אַז אַ רָשָׁע בִּין אִיךְ נִישְׁט, ווַייל **אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים**, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַזוֹי גוּט וְוִי עֶס דַארְף גֵיין פַאר אַ רָשָׁע, אוּן מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג.

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים**, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט דִי שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים וָואס צַדִיקִים הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שְׁטִיקְל וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אַהִין, אָבֶער אַזוֹי ווַייס אִיךְ אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ט)
~~~

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

נִישְׁט דִי מַצָּב מִיט יֶענֶעם", פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס עֶר מַאכְט יֶעדְן אַוֶועק, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי דִיר?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זִיכֶער גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אִיךְ בִּין נָאךְ דֶער עֶרְגְסְטֶער פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט".

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דוּ זֶעהְסְט וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט, וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעקוּקְט גוּט'ס אוֹיף יֶעדְן, דוּ וָואלְסְט גֶעטְרָאפְן בַּיי יֶעדְן אַ נְקוּדָה טוֹבָה, וָואלְסְטוּ בַּיי דִיר אוֹיךְ גֶעטְרָאפְן גוּטֶע זַאכְן, דוּ וָואלְסְט דִיר נִישְׁט אַזוֹי אַוֶועק גֶעמַאכְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי דוּ מַאכְסְט יֶעדְן שְׁוַוארְץ, קוּקְסְטוּ שְׁוַוארְץ אוֹיךְ אוֹיף דִיר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף נָאר קוּקְן דָאס גוּט'ס בֵּיי יֶעדְן, טְרֶעפְן בַּיי יֶענֶעם אַ נְקוּדָה טוֹבָה, עֶפֶּעס וָואס יֶענֶער הָאט יָא גוּט גֶעטוּהן, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט דָאס גוּט'ס בַּיי יֶענֶעם, זֶעהט מֶען נָאכְדֶעם בַּיי זִיךְ אוֹיךְ גוּט'ס.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ס"ב מִכְתָּב י"ב תרכ"ג)

***

עֶס אִיז בַּאוּויסְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט דֶעם גִילוּי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס מֶען דַארְף זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אוֹיב מֶען אִיז דַן יֶענֶעם לְכַף זְכוּת קֶען מֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, אוּן מַחְזִיר זַיין בִּתְשׁוּבָה אֲמִיתִּיּוֹת.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ סְטְרֶעלִיסְקֶער חֲסִידִים, אוּן עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶערֶעדְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן נָאךְ אִים, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים אַרוֹיסְבַּאגְלֵייט פוּן שְׁטָאט אוּן מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים, עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט פַאר זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וִוי מֶען דַארְף מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַחְזִיר לְמוּטָב זַיין, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אִיז גֶעזֶעצְן דֶעמָאלְט לֶעבְּן אִים, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט דִי דִיבּוּרִים, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ אִים, אוּן אִים אַ זָאג גֶעגֶעבְּן, נַחְמָן דוּ מֵיינְסְט דָאס אִיז אַזוֹי גְרִינְג? דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, וָוארוּם וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעקֶענְט דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת וָואלְטְן מִיר שׁוֹין מַחְזִיר גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לְמוּטָב.

(אשר בנחל באידיש מכתב רנ"ד)

***

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט פַּרְנָסָה, אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט זָאגְן "אֵיי! אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאב קַיין מַזָל נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, מִיר גֵייט גָארְנִישְׁט, וָואס אִיךְ טוּ אִין פַּרְנָסָה גֵייט פוּנְקְט פַארְקֶערְט!", מֶען טָאר דָאס נִישְׁט זָאגְן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילּוּ כִּמְלֹא נִימָא: קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען יֶענֶעמְ'ס.

אוּן אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף פוּן סְקְווִירָא זִי"ע בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז אֵיינֶער הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ סְטָאר פּוּנְקְט קֶעגְן אִים, אוּן עֶר אִיז אִים מְקַפֵּחַ פַּרְנָסָה, הָאט עֶר צַדִיק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, קוֹנִים קֶען מֶען צוּנֶעמֶען, אָבֶער פַּרְנָסָה קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען, וָוארוּם פַּרְנָסָה אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְרֶעגְט, "אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים נֶעמֶען צוּ דִין תּוֹרָה?", הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ק"כ) "אֲנִי שָׁלוֹם", כָּל זְמַן אִיךְ בִּין פַאר מִיר אַלֵיין אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּן, הֶערְשְׁט בַּיי מִיר שָׁלוֹם, אָבֶער "וְכִי אֲדַבֵּר" אוֹיב אִיךְ וֶועל אַרַיינְגֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט יֶענֶעם אוּן רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, "הֵמָּה לַמִּלְחָמָה" וֶועט מֶען שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין מַחְלוֹקֶת מִיט מִלְחָמוֹת, אוּן וָואס פֶּעלְט דָאס אוֹיס?". זֶעט מֶען וִוי וַוייט אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וִויסְן אַז יֶעדֶער זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

(אשר בנחל באידיש מכתב קע"ט)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### שיינע סיום משניות מסכת סוכה פארגעקומען אין חדר

די וואך איז פארגעקומען א שיינע סיום אין חדר, ווען די קינדער פון כתה ג' האבן געענדיגט משניות מסכת סוכה, וואס זיי האבן געלערנט דאס יאר מיטן חשובן מלמד מו"ה בנציון יאקאבאוויטש נ"י.

עס איז זייער שיין געווען צו זעהן ווי די קינדער קענען די מסכת ישר והפוך, מיט א געוואלדיגע קלארקייט, מען האט געקענט זעהן בחוש די גרויסע כוחות וואס עס איז אריין געלייגט געווארן אין זיי במשך דעם יאר.

לכבוד די סיום איז פארגעקומען א שיינע סעודה ווי מען האט זיך געפריידט בשמחה של תורה.

**כי הם חיינו!**

\*\*\*

### גרויסע פארהער פארגעקומען אין חדר

פארן גיין אין קעמפ, איז פארגעקומען די גרויסע פארהער, פאר די עלטערע קינדער, אויף אלעס וואס זיי האבן געלערנט דאס יאר.

כתה ה' וואס האבן דאס יאר אנגעהויבן לערנען גמרא, מיטן חשובן מלמד מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש נ"י, האבן זיך יעצט פארהערט, און זיי האבן ברוך ה' זייער גוט געקענט, עס דערקענט זיך די געוואלדיגע כוחות וואס מען האט אין זיי ארייגעלייגט.

און אזוי אויך די עלטערע כתה ח' וואס האבן געלערנט דאס יאר מיטן מלמד מו"ה מרדכי יונה שיק נ"י, וואס האט ארייגעלייגט אין די קינדער גרויסע כוחות, האבן אויך זייער מצליח געווען ברוך ה', זיי האבן זייער גוט געקענט די גמרא רש"י תוספות, מיט א קלארקייט.

עס גלייבט זיך נישט אז אין די קורצע צייט וואס די חדר האט זיך געעפענט, האט זיך עס שוין אזוי שיין ארויף געארבעט, די קינדער זענען אנגעפילט מיט תורה ועבודה, מיט מדות טובות, מיט אמונה ויראת שמים, דאס אלעס די ארבעט פון די איבערגעגעבענע מלמדים, וואס עוסק במלאכת שמים, אריינצולייגן אין די קינדער די מערסטע וואס איז שייך.

דאס אלעס איז דער כח פון היילגן רבי'ן, וואס די תלמוד תורה איז נקראת על שמו, און מען גייט אין זיינע וועגן, נאר אזוי האבן מיר געקענט מצליח זיין אויף אזא שיינעם פארנעם.

**הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!**


## וואונדערליכע ישועות

מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**



**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:13
מוצש"ק.........................9:43
סוף זמן ק"ש...................8:38

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................נדה מ'
ירושלמי...................יבמות כ"ט
תוספתא...................יומא פרק א'

פרשת חקת, י' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 37

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה**, דִי מְפוֹרְשִׁים פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה, אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהַרְא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעהט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען עֶס טוּהן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן?, וַוייל וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער, מֶען קֶען נָאר זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט'ס עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ!"**, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן "וָואס הָאט עֶטְץ גֶעטוּהן?! אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זֵיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר, וִוי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) **"וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"**, אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעמָאלְט'ס חַזֶר'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּהן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ"** אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי חִיזוּק, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְא"שׁ

### ~ הַתְּמָדָה ~

מוֹהַרְא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַ מַתְמִיד, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הַתְּמָדָה, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

דֶער עִיקָר וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר וֶוען עֶר גֵייט לֵיידִיג, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, וִוי דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת אִישׁוּת) "אֵין הַיֵּצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּלֵב הַפָּנוּי מִן הַחָכְמָה", דֶער יֵצֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר אִיז לֵיידִיג, אוּן אַזוֹי זָאגְן אוֹיךְ דִי חֲזַ"ל (כְּתוּבוֹת נט.) "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעְמוּם וְלִידֵי זִמָּה", דָאס לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן מְשׁוּגָע אוּן צוּ זִינְדִיגְן, דֶערְפַאר אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ צוּ גֵיין לֵיידִיג.

וָואס קֶען צוּבְּרֶעכְן דֶעם יֵצֶר הָרַע? נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידוּשִׁין ל.) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע, בָּרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, זָאגְט אוּנְז אוֹיס אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם פְּרָאבְלֶעם דֶער יֵצֶר הָרַע, הָאט עֶר גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי רְפוּאָה דֶערְפַאר, דִי תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי תּוֹרָה אִיז וִוי אַ שְׁטֶעקְן, וָואס שְׁלָאגְט אָן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה דַארְף מֶען הָאבְּן הַתְּמָדָה.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הַתְּמָדָה?

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִ"עַ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ גָאוֹן פוּן פִינְף

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וָואס אִיז מְחַזֵק אִידְן, אוּן וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֵגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער "**לֵאמֹר, דַּבֵּר**" וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ וַוייכֶע וֶועג פוּן חִיזוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

***

**וַיַּךְ אֶת הַסֶּלַע**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּם שְׁטֵיין אַז עֶס זָאל גֶעבְּן וַואסֶער, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ז) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב') **אַל תַּעֲשֶׂה תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם**, "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען "גְנֵיבָה", דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זַאךְ, דַארְף עֶס זַיין בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פַאר'עַקְשְׁ'נְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּהן וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן, דָאס הֵייסְט אַזוֹי וִוי גְנֵיבָה, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זָאל עֶר מִיר גֶעבְּן, אוּן אַז נִישְׁט נִישְׁט.

אַוַודַאי אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן עַקְשָׁנוּת, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער נָאכְן בֶּעטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טוּהן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט, וַוייל עֶר וֵוייסְט דִי בֶּעסְטֶע וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז.

זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ'), אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל בֶּעטְן מִיט דִי מוֹיל, דָאס מֵיינְט נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט עַקְשָׁנוּת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן.

אַוַדַאי בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ דַקוּת'דִיגֶע פְּגַם, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אָבֶּער דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט דָאס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער נִישְׁט מִיט עַקְשָׁנוּת, נָאכְן בֶּעטְן זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מִינוּט" אוּן עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דִי פִּינְף מִינוּט'לֶעךְ וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַוֶועק, אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים זֵייעֶר טֵייעֶר, אוּן עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶענִיצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גָאוֹן.

דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּהן, מֶען הֵייבְּט אָן מִיט פִּינְף מִינוּט, אִיךְ מַאךְ מִיר נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען פִּינְף מִינוּט, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ פִּינְף מִינוּט, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מְנִיעָה, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ בְּרִית וְכַדוֹמֶה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, אוּן מְנִיעוֹת מַאכְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט" אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַז מֶען קֶען אוֹיסְנִיצְן דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְן דָא אוּן דָארְט, אוּן אַזוֹי אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה.

וֶוען מֶען וִויל אָנְלָאדֶענֶען אַן אֵייזְל עֶר זָאל טְרָאגְן אַ מַשָּׂא, דַארְף מֶען וִויסְן וִויפִיל דֶער אֵייזְל קֶען פַארְנֶעמֶען, אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אִיבֶּער שְׁטְרֶענְגֶען וֶועט עֶס נִישְׁט קֶען שְׁלֶעפְּן, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְלָאדֶענֶען מִיט מֶער וִויפִיל מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶס קְרַאכְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ, זִיךְ מַאכְן קְלֵיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, חוּמָשׁ אוּן תַּנַ"ךְ, אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶער וָואס עֶר וִויל, אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ סִימָנִים אִין יֶעדֶע סֵפֶר וִוי מֶען הַאלְט, אוּן וֶוען מֶען הָאט צַייט, לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל פוּן דָא אוּן אַבִּיסְל פוּן דָארְט, אוּן אַזוֹי גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ זַיין אַ מַתְמִיד, פוּן אַבִּיסְל וֶוערְט נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז עֶס וֶוערְט אַסַאךְ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח) אַז אַזוֹי וִוי דִי מִינִיסְטָארְן טוּעֶן זִיךְ אוֹיף, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אִין יֶענֶע לַאנְד, וֶוער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין מֶער לֶענְדֶער, אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ קֶענֶען אוֹיפְטוּהן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה.

אוּן דָאס אִיז דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּהן מִיט אוּנְז אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, צוּ נֶעמֶען יֶעדְן סֵפֶר אוּן עֶס לֶערְנֶען אִין אַ סֵדֶר פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אוּן וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט, אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן גֵיין וַוייטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען מַמָּשׁ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִיז אַ זַאךְ וָואס נָאר גֶעוֶוען אַמָאל אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת דִי גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים אוּן לַמְדָנִים, אָבֶּער עֶס בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָּיךְ אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיטְן רֶבִּי'נְס וֶועג קֶען עֶס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רוּהִיגֶערְהֵייט בַּאוַוייזְן, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדְן סֵפֶר, אוּן מֶען גֵייט צוּבִּיסְלֶעךְ אִין אַ סֵדֶר, מֶען הָאט אַ סִימָן אִין יֶעדֶע סֵפֶר וִוי מֶען הַאלְט, אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר (הַקְדָמָה, בֵּית אַחֲרוֹן בְּהַגָּהָה) אַז עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי סְפָרִים פוּן דִי תּוֹרָה, בְּרֵאשִׁית, שְׁמוֹת, וַיִּקְרָא, א.א.וו. אוּן אַזוֹי נְבִיאִים וּכְתוּבִים, יְהוֹשֻׁעַ, שׁוֹפְטִים א.א.וו. אוּן אַזוֹי דִי נֶעמֶען פוּן דִי מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס, דִי נֶעמֶען פוּן דִי מִדְרָשִׁים א.א.וו. אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען זָאל כָאטְשׁ זָאגְן דִי נֶעמֶען אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה. אָבֶּער מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן נָאר דִי נֶעמֶען, מֶען קֶען זָאגְן דִי אַלֶע סְפָרִים אִינְגַאנְצְן, מֶען קֶען דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי אַלֶע סְפָרִים, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶענוּגֶען נָאר מִיט דִי נֶעמֶען. וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען פִילְט דִי זִיסְקַייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט'ס דְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַרוּם לֵיידִיג, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי צַייט, נָאר מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' עֶרֶךְ הַתְמָדָה, וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ לִימוּד)

## אַשֶׁר בַּנַחַל

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵן; אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן וְכוּ', וַוייל עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן פַארְוָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס נִיצְט תְּשׁוּבָה, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ט.) יָדוֹ שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע וָואס זֵיי קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּ אִים.

אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָבִים, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחְמָן, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פ"ו:) בֹּא וּרְאֵה שֶׁלֹא כְּמִדַת הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִדַת בָּשָׂר וָדָם מִדַת בָּשָׂר וָדָם מַקְנִיט אֶת חֲבֵרוֹ בִּדְבָרִים סָפֵק מִתְפַּיֵיס הֵימֶנוּ סָפֵק אֵין מִתְפַּיֵיס הֵימֶנוּ וְאִם תֹּאמַר מִתְפַּיֵיס הֵימֶנוּ סָפֵק מִתְפַּיֵיס בִּדְבָרִים סָפֵק אֵין מִתְפַּיֵיס בִּדְבָרִים אֲבָל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה בְּסֵתֶר מִתְפַּיֵיס מִמֶנוּ בִּדְבָרִים שֶׁנֶאֱמַר (הוֹשֵׁעַ י"ד) "קְחוּ עִמָּכֶם דְבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הַוָיָ"ה" וְלֹא עוֹד אֶלָא שֶׁמַחְזִיק לוֹ טוֹבָה שֶׁנֶאֱמַר (שָׁם) "וְקַח טוֹב" וְלֹא עוֹד אֶלָא שֶׁמַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ הִקְרִיב פָּרִים שֶׁנֶאֱמַר (שָׁם) "וּנְשַׁלְמָה פָּרִים שְׂפָתֵינוּ"; דָאס הֵייסְט אַז אַ בָּשָׂר וָדָם בַּאלֵיידִיגְט אַ צְוֵוייטְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין, מַה שֶׁאֵין כֵּן בְּאֵין עֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ אִיד פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַ שְׁוֶוערֶע זִינְד וְכוּ', אוּן עֶר קוּמְט אוּן בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז עֶר אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

עֶס וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען וֶוען דוּ גֶעוואוֹינְסְט זִיךְ צִי צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית אוּן אִיבֶּער חַזֶר'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נָאר דוּרְכְזָאגְן דִי גְמָרָא אַלֵיין אָן רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, וָוארוּם דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁפָּארְן צוּ פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים וְכוּ', וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּיקוּנֵי עֲוֹונוֹת וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער אוֹיבּ מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צִי גֵייט עֶס גְרִינְג, אוּן נָאךְ צֶען צְוָואנְצִיג מָאל וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט רַשִׁ"י, אוּן נָאךְ פֶערְצִיג מָאל וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט תּוֹסְפוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶועלְן אַרַיינְקוּקְן אִין מְפוֹרְשִׁים אוֹיף דִי מַסֶכֶת, דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') כֵּיוָן שֶׁקִבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָמֵיכֶם.

(אשר בנחל באידיש פרשת חקת תשע"ב)

## מִילֵי דְאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### אִיךְ בִּין צוּדְרוּקְט...

**עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים.**

אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וָואס עֶר אִיז צוּדְרוּקְט, אַמָאל פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן אַמָאל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רוֹדְפְ'ן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט, וָואס מִיט דֶעם בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רוֹדְפְ'ן אִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט: **"וֶוען מֶען טְרַאכְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶערְמָאלְט'ס לַיידְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, לַיידְט מֶען פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוען מֶען טוּט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, לַיידְט מֶען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן".**

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בִּיקְן צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים, אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא, עוֹמְדִים צְפוּפִים, וֶוען מֶען שְׁטֵייט צוּדְרוּקְט, מֶען לַיידְט פוּן זִיךְ, מֶען לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע, אִיז דִי עֵצָה, וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים, וֶוען מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ בַּיי אִים, דֶערְמָאלְט'ס וֶוערְט בְּרֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ח')

\*\*\*

### פְרַייטָאג אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן...

**עֲשָׂרָה דְבָרִים נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת..וְיֵשׁ אוֹמְרִים אַף הַמַזִיקִין.**

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פ"ד, ס"ב) דִי שֵׁדִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן עֶרֶב שַׁבָּת פַארְן זְמַן.

מֶען זֶעהט אַז אִין יֶעדֶע הוֹיז אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי שֵׁדִים אוּן מַזִיקִין וָואס זֶענֶען דֶערְמָאלְט'ס בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִיטִין נב.) אַז עֶס גֶעוֶוען אַ שְׁטוּבּ וִוי מֶען פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, בִּיז רֶבִּי מֵאִיר הָאט זִיךְ דָארְט אַרַיינְגֶעזֶעצְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קְרִיגְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס דֶער שָׂטָן הָאט גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דִי הוֹיז.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער דֶערְמָאלְט'ס, וָואס דָאס קֶען מַאכְן מַחְלוֹקֶת.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, "וְיֵשׁ אוֹמְרִים", דוּרְכְ'ן זָאגְן צוּפִיל, "אַף", צִינְד מֶען אָן דִי צָארְן, "הַמַזִיקִין", פוּן דִי מַזִיקִין, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט דִי מַחְלוֹקֶת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ט')

\*\*\*

### זָאג כָאטְשׁ אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט גֶעבְּן...

**לֹא יִתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים**

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ פְרֶעגְט: (דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם, יִתְרוֹ) אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט נִישְׁט, אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן גֶעבְּן, פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען אִים בִּכְלַל אַרַיין אוּן דִי "נוֹתְנֵי צְדָקָה"?, קוּק אַרַיין דָארְט וָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט.

המשך בדף ג
~~~

# מִילֵי דְאָבוֹת

המשך

אָבֶער עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַט, עֶס אִיז דָא אַמָאל קַארְגֶע עַשִירִים וָואס הַאלְטְן נִישְט בַּיים גֶעבְן צְדָקָה, אוּן זֵיי פִירְן אַרוּם דֶעם אָרִימַאן, "יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְט קוּם צוּרִיק מָארְגְן", אוּן דֶער אָרִימַאן מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז עֶר גֵייט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן אִים, אָבֶער עֶר דְרֵיידְט זִיךְ שְטֶענְדִיג אַרוּיס פוּן אִים, אוּן דֶער אָרִימַאן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוּיסְגֶעשְפִּילְט.

ווִידֶער אִיז אָבֶער דָא אַ צְוֵוייטֶער וָואס עֶר ווִיל אוּיךְ נִישְט גֶעבְן, אָבֶער עֶר זָאגְט כָאטְש אָפְן פַארְן אָרִימַאן "אִיךְ הַאלְט נִישְט בַּיים גֶעבְן", אוּן דָאס אִיז אוּיךְ אַ צְדָקָה, וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט כָאטְש דֶער אָרִימַאן אַז דֶער מֶענְטְש וֶועט אִים נִישְט גֶעבְן, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָא, אַז אוּיבּ עֶר זָאגְט כָאטְש אַרוּיס אַז עֶר וֶועט נִישְט גֶעבְן, אִיז דָאס אוּיךְ אֵיינֶער פוּן דִי "נוֹתְנֵי צְדָקָה".

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְנָה ט"ז)

***

## מִשְנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּט'ס.

**בֶּן עֶשֶר לַמִשְנָה**

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְן וָואס מֵיינֶען אַז מִשְנַיוֹת אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערֶע אִידְן צוּ לֶערְנֶען, "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וַוייל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִשְנוֹת צְווִישְן מִנְחָה מַעֲרִיב", אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְט אַזוֹי, דֶער תַּנָא זָאגְט "בֶּן עֶשֶר לַמִשְנָה" אַ אִינְגְל פוּן צֶעהְן יָאר דַארְף מֶען שוֹין צוּגֶעוואוֹינֶען עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי לֶערְנֶען מַסֶכֶת נָאךְ מַסֶכֶת, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִשָה סִדְרֵי מִשְנָה, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אַ גַאנְץ לֶעבְן, וַוייל דָאס לֶערְנֶען מִשְנַיוֹת לַייטֶערְט אוּיס אַ מֶענְטְש, אוּן עֶר קוּיפְּט זִיךְ אֵיין דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

מִשְנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָמָ"ה, עֶס לַייטֶערְט אוּן הֵייליגְט דִי נְשָמָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָש תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם.

דֶער הֵייליגֶער "בֵּית יוֹסֵף" הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל, אִין זְכוּת וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְנַיוֹת (סֵפֶר מַגִיד מֵישָרִים).

דֶער זֹהַר הַקָדוֹש שְרַייבְּט (זֹהַר, בְּרֵאשִית מב.) אַז וֶוער עֶס זָאגְט אַסַאךְ מִשְנַיוֹת, בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ אַלֶע גְרֶעסְטֶע וֶועלְטְן.

דֶער מֶדְרָש זָאגְט (וַיִקְרָא רַבָּה, פ"ז, ס"ג) וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְנַיוֹת אִיז ווִי עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן.

נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָש (שָם) דִי אִידְן וֶועלְן נִישְט אַרוּיס גֵיין פוּן גָלוּת, נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְנַיוֹת, קוּמְט אוּיס אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְנַיוֹת, אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי סְכוּם פוּן פְּרָקִים וָואס עֶס אִיז דָא אִין גַאנְץ מִשְנַיוֹת, אִיז ווִי דִי גִימַטְרִיָא פוּן "מָשִיחַ בֶּן דָוִד" וַוייל אִין זְכוּת פוּן מִשְנַיוֹת וֶועט מָשִיחַ קוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאפְלַייסְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְנַיוֹת, וֶועט אִים זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן !

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְנָה כ"ד)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### שווערע היץ כוואליע ברענגט צו א קורץ-שלוס אין בנין השיבה

ווי באקאנט האט זיך אראפ געלאזט א שווערע היץ כוואליע אין שטאט, וואס האט געברענגט צו קורץ-שלוסן אין פארשידענע טיילן פון שטאט.

צווישן די אנדערע איז דער בנין הישיבה אויך אפעקטירט געווארן, דאנערשטאג נאכמיטאג האט זיך פארלאשן די לעקטער אין ישיבה, עס איז געווען זייער שווער אנצוגיין אין די שווערע היצן, אבער די בחורים האבן ווייטער געלערנט יעדער זיינע שיעורים מיט מסירת נפש.

פון אנפאנג האט נאך אויסגעזעהן אז אויף שבת וועט שוין זיין לעקטער, אבער עס איז נישט געווארן צום סוף, אין די לעצטע מינוט האט מען געשאפט א פלאץ צו דאווענען שבת, ווי מען האט געדאווענט דארט אלע תפלות שבת קודש.

נאך שבת האבן די אינסטאנצן געארבעט איבערמידלעך ביז מען האט געקענט צוריק שטעלן די לעקטער אויף מאנטאג אינדערפרי, און מען האט געקענט ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש.

**ליהודים היתה אורה!**


### מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם צבי וועבערמאן נ"י**

מוצאי ישיבתינו הק'

צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב בשעטו"מ

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן!

### סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אליעזר הירשפעלד נ"י**

צו זיין חתונה למזל טוב בשעטו"מ

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, שטענדיג זיין פריילך ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן!

### וואונדערליכע ישועות

מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:09
מוצש"ק.............................9:38
סוף זמן ק"ש.......................8:43

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................נדה נ"ד
ירושלמי.........................יבמות מ"ג
תוספתא...........................חגיגה פרק ב'

פרשת פנחס, כ"ד תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 39

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "**וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "**וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר אִיז זַייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוּן דָאס קֶען נָאר אַ אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּהן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט, דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּהן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגֶ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל דוּ קֶענְסְט מִיט דֶעם הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּהן.
(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ בֵּין הַמְּצָרִים ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְץ טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעהט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וָואס מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט'ס נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶער גְרִינְגֶער שְׁטַייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט "בֵּין הַמְּצָרִים" וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, וָואס דָאס זֶענֶען אֵיין אִין צְוָואנְצִיג טֶעג, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען "פוּן יֶעצְט" אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל, דִי אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שֵׁם אקי"ה וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זְמִין לְמֶהֱוֵי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') וָואס דָאס מֵיינְט, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבּ אִיךְ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגְעְרְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל,

המשך בדף ב

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### בֶּעסֶער אַ בִּזָיוֹן, וְוִי צוּ דַארְפְן פַאסְטְן.

**וְלֹא מָצָאתִי לַגּוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה.**

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן, דַארְף עֶר פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים, פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה אִיז דָא אַנְדֶערֶע נוּמֶערְן אוּן חֶשְׁבּוֹנוֹת וְוִיפִיל מֶען דַארְף פַאסְטְן עֶס מְתַקֵן צוּ זַיין.

אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נֶעמֶען פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג יָארְן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע עֵצָה וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט וְוִי מֶען פַאר שֶׁעמְט אִים אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, עֶר עֶנְטְפֶערְט גָארְנִישְׁט, מִיט דֶעם קוּמְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס אָפּ, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט פַאסְטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, וְלֹא מָצָאתִי "לַגּוּף" טוֹב מִשְּׁתִיקָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פַארְן "גוּף", אַז דֶער גוּף זָאךְ זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיט תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, מִשְּׁתִיקָה, צוּ אָפּ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, וָואס מִיט דֶעם קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט פַאסְטְן.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' מִשְׁנָה י"ז)

\*\*\*

### נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן...

**רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת**

פַארְוָואס זָאגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מִשְׁנָה נָאכְן לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק פוּן אָבוֹת?

נָאר רֶבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, כְּדֵי אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד נִישְׁט זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין אֵיין מִצְוָה וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען עֶר זִיךְ אָבֶער נָאךְ אַלְץ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין.

דֶערְפַאר עֶנְדִיגְט מֶען מִיט דֶעם דִי פִּרְקֵי אָבוֹת, צוּ לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט אַ פֶּרֶק פִּיהל מִיט מִדוֹת טוֹבוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי אַלֶע זַאכְן, אָבֶער דוּ קֶענְסְט דִיךְ נָאךְ אַלְץ שְׁטַארְקְן וַוייל אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי מִדָה, הָאסְטוּ אָבֶער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַנְדֶערֶע גוּטֶע מִדוֹת, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' בְּסוֹף)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלָה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אַזוֹי וְוִי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים, "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן, "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

אִין סְפֶּעצִיעֶל דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר, דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, פַּרְשַׁת פִּנְחָס אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מַטוֹת-מַסְעֵי אִיז קֶעגְן שְׁבוּעוֹת, אוּן דְבָרִים-שַׁבָּת חֲזוֹן, אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶל חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְי' א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ", צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### גרויס נאכפראגע אויף די נייע פושקע'ס
### פאר "קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב"

עס איז שוין ברייט באקאנט די פילע ישועות און רפואות וואס מענטשן האבן געזעהן דורכ'ן מנדב זיין צו דרוקן דעם הייליגן ספר "אשר בנחל", זייער אסאך מענטשן זאגן עדות אז זיי האבן געזעהן מיט די אייגענע אויגן גאר וואונדערליכע זאכן אין זכות פון מנדב זיין די ספרים.

צוליב דעם גרויסן פארלאנג האט מען יעצט געמאכט פושקע'ס סיי פאר אינדערהיים צו קענען אריינווארפן בכל עת מצוא אין אויס'פועל'ן אלעס גוט'ס, און סיי פאר בתי מדרשים, צו קענען ארום גיין ביים דאווענען.

צענדליגע אינגעלייט האבן זיך איינגעהאנדעלט די שוהל פושקע'ס און גייען ארום דערמיט טעגליך ביי זייער מנין אין בית המדרש, און ווי זיי זאגן קומט אריין גאר באדייטענע סכומים פון די פושקע'ס.

גדול המעשה יותר מן העושה, ווער עס וויל נאך באקומען א שוהל פושקע צו ארומגיין דערמיט ביים דאווענען, אדער ווער עס דארף א היים פושקע, אדער צו אויסליידיגן א אנגעפילטע פושקע, קען רופן אויף: **845-481-3321**

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

## וואונדערליכע ישועות

**מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.**

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:04
מוצש"ק.................................9:34
סוף זמן ק"ש........................8:46

**שיעורים כסדרן**
בבלי..............................נדה ס"א
ירושלמי.......................יבמות נ'
תוספתא...........יבמות פרק ג'


פרשת מטות-מסעי, ב' אב, אבות פרק ב', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 40


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ בַּר דַעַת מַאכְט, אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וִוי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם**, דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

וָואס מֵיינְט אַ רָשָׁע אַ בַּר דַעַת?

נָאר מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ווִידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית", אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעהט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְווֵיי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען עֶר אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְווֵייטְן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימּוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

**דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן "אַזְלָא גֵּרֵשׁ", אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס ווִיל דִיר צוּרֶעדְן אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז "אַזְלָא גֵּרֵשׁ" אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.**

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג)

***

**וְיָאִיר בֶּן מְנַשֶּׁה הָלַךְ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דַאוֶועגֶען דַארְף עֶר הָאבְּן דִי בְּחִינָה פוּן "**מְנַשֶּׁה**", וָואס דָא מֵיינְט "**פַארְגֶעסְן**", אַז עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, עֶר הֵייבְּט יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְט


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ תְּחִינוֹת ~

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן דִי תְּחִנּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דֶעם סֵפֶר "תְּחִינָה" אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן.

הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בֶּעסֶער, ווִי מֶער תְּחִינוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת מֶען קֶען זָאגְן אִיז מֶער חָשׁוּב'עֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, דִי אִידְן וָואס טוּהן דִי מִצְוֹת ווִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן אָן קַיין שׁוּם סְפֶּעצִיעֶלֶע חָכְמוֹת.

עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן וָואס נֶעמֶען דֶעם גְרוֹיסְן סִידוּר אוּן זָאגְן אַלֶע תְּחִינוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט מִיט תְּמִימוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ד).

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"כ) אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב אִיז גֶעוֶועזְן אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, תְּהִלִים, תְּחִינוֹת, מַעֲמָדוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מְקַנֵא דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען אַזוֹי סַאךְ זָאגְן.

זֶעהט מֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ זָאגְן ווִי מֶער תְּחִינוֹת, סֵיי וֶוען מֶען זָאגְט עֶס פוּן אַ גֶעדְרוּקְטֶען סֵפֶר, סֵיי וֶוען מֶען זָאגְט עֶס פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן עֶס טוּט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אָבֶּער יֶענֶער הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: עֶס וֶוערְט דָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט, דַארְפְן דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**דֶער רֶבִּי** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) **"בַּיי דִי וֶועלְט אִיז "פַּארְגֶעסְן" אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוֹיבּ עֶר פַּארְגֶעסְט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען".**

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז "וְיָאִיר" אַז דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל דִיר שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען, "בֶּן מְנַשֶּׁה" זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס פַּארְגֶעסְן, שְׁטֶענְדִיג פַּארְגֶעסְן דִי גַאנְצֶע "עָבַר", אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ד)

***

**וַיִסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') **אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מְשׁוּגֶע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס נָאר דָאס הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.**

**נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) **אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי,** וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבָּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וִוי מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וֶועלְטְן בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִינְמִיטְן וֶועג שְׁטֵייעֶן אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים וָואס ווִילְן אַוֶועק כַאפְּן דִי תְּפִלּוֹת, אוּן דֶערְפַאר, וֶוער זָאגְט אַז דִי פָּשׁוּטֶע תְּחִינוֹת קֶענֶען דוּרְךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אוּן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט: דִי אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אִין מֹחַ, "מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן יָא אָנְגֶענוּמֶען, אָדֶער נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען", דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נָאר דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס דַארְף אוּנְז נִישְׁט אָנְגֵיין דִי אַלֶע עוֹלָמוֹת מִיט מְקַטְרִיגִים, אַ אִיד דַארְף ווִיסְן אֵיין זַאךְ, "אִיךְ דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זִיכֶער אָנְגֶענוּמֶען אוּן פּוֹעֵל'ט אוֹיס גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן צ"ט), אַז אַמָאל הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען פִילְט אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָשׁ אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרַיינְד, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן מִיר, אוּן אִיךְ רֶעדְט צוּ אִים. זֶעהט מֶען אַז אַמָאל אִיז דָא וָואס דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ קַיין שׁוּם עוֹלָמוֹת.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן צ"ט), אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר פִילְט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, וַוייל אַ יֶעדֶע תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז אַמָאל דָא אַ שְׁוַואכֶע תְּפִלָּה, וֶוערְט עֶס אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אַמָאל זָאגְן אַ גוּטֶע תְּפִלָּה וֶועט עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת אוֹיךְ.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהן שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן עֶס וֶוערְט זִיכֶער אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט וֶועט אִים זִיכֶער צוּנִיץ קוּמֶען דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת.

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט סוֹקוֹלוֹב אַ אִיד גָאר שְׁפֶּעט, נָאנְט צוּ הַאלְבּ נַאכְט, עֶר הָאט גֶעזוּכְט ווִי אַרַיין צוּ גֵיין, אָבֶּער אִיבֶּעְרָאל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקֶל, נָאר פוּן אֵיין הוֹיז הָאט נָאךְ אַרוֹיס גֶעשַׁיינְט אַ שַׁיין פוּן אַ לִיכְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיז פוּן דֶעם חָשׁוּבְ'ן רַב רֶבִּי מָרְדְכַי סוֹקוֹלוֹבֶער זי"ע, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶער רַב אוּן אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, דֶער אִיד קְלַאפְּט אַרַיין, רֶבִּי מָרְדְכַי הָאט אִים שַׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, אָבֶּער צוּ דֶעם אִיד'ס ווּאוּנְדֶער הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט ווִי רֶבִּי מָרְדְכַי הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן זָאגְן תְּחִינוֹת פוּן אַ סֵפֶר וָואס שְׁטֵייט דָארְט תְּחִינוֹת אוֹיף אִידִישׁ.

וֶוען רֶבִּי מָרְדְכַי הָאט בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער אִיד ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אַזַא חָשׁוּבְ'ער רַב זָאגְט פָּשׁוּטֶע תְּחִינוֹת אוֹיף אִידִישׁ, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִי נַאכְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע דִין תּוֹרָה בַּיי מִיר וָואס הָאט זִיךְ פַּארְצוֹיגְן גָאר שְׁפֶּעט בַּאלְד בִּיז חֲצוֹת, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיף, וַוייל סַיי ווִי ווִיל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ חֲצוֹת, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן דִי דִין תּוֹרָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעלוּפְטֶערְט מִיטְן זָאגְן אִידִישֶׁע תְּחִינוֹת".

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גוּטֶע תֵּירוּץ מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעדְרֵייט פוּן יֶענֶעם אִיד, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען דָאס זָאגְן תְּחִינוֹת, אוּן עֶר פְלֶעגְט עֶס שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט.

ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַלֶע מִינֵי תְּחִינוֹת, וֶוער עֶר זִיכֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ תְּחִינוֹת)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן עוֹשֶׁר צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע נַאדְבוּרְנֶער זי״עַ, דֶער עוֹשֶׁר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן גֶעוִויסֶע סְכוּם גֶעלְט פַאר רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע פַאר צְדָקָה, אָבֶער אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע זי״עַ טֵיילְט עֶסְן פַאר דִי אָרִימֶעלַייט, יֶעדֶער אָרִימַאן הָאט בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיס גְלֶעזְל וֵויין מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁטִיק מְזוֹנוֹת, מִיט אַ גְרוֹיס בְּרֵייטְקַייט.

דָאס הָאט זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן פַאר דֶעם עוֹשֶׁר, ״הֲיִתָּכֵן אַז עֶר פַּאטְשְׁקֶעט אַזוֹי אַרוּם מִיט גֶעלְט?״ דֶער עוֹשֶׁר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט עַזוּת: ״אִיךְ הָאב אַייךְ גֶעוָואלְט גֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶער אִיךְ זֶעה אַז בַּיי אַייךְ אִיז גָארְנִישְׁט חָשׁוּב קַיין גֶעלְט...״ רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע הָאט אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: ״וָואס?! בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב קַיין גֶעלְט?! פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דוּ הַאלְט׳ס נִישְׁט חָשׁוּב קַיין גֶעלְט!״ דֶער עוֹשֶׁר הָאט מִיט וואוּנְדֶער גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב קַיין גֶעלְט? אִיךְ הִיט זֵייעֶר אוֹיף מַיין גֶעלְט, עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב?״

רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״קוּק וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן וִוי חָשׁוּב אִיךְ הַאלְט דָאס גֶעלְט, אוּן דוּ נִישְׁט, קוּק אַהֶער, וָואס טוּה אִיךְ מִיט מַיין גֶעלְט? אִיךְ קוֹיף פֶּעסֶער וֵויין פַאר אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט, אִיךְ קוֹיף אַסַאךְ מְזוֹנוֹת פַאר אַ שֵׁיין בִּיסְל גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט צוּ מִיר אֵיין אָרִימַאן, אוּן אִיךְ גֶעב אִים אַ גְלֶעזְל וֵויין אוּן אַ שְׁטִיק מְזוֹנוֹת הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעצָאלְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס קוּמֶען אָן נָאךְ אוּן נָאךְ אָרִימֶעלַייט אוּן אִיךְ גֶעב זֵיי אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע, אִיז דָאס שׁוֹין בְּלוֹיז רֶיוַח, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר חָשׁוּב מַיין גֶעלְט, אִיךְ פַארְדִין מִיט דֶעם גָאר אַסַאךְ, אָבֶער דוּ, וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין גֶעלְט? דוּ אַרְבֶּעט׳ס שְׁוֶוער וִוי אַ פֶערְד צוּ מַאכְן גֶעלְט, דוּ גֶעבְּסְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן פַאר צְדָקָה, דוּ לֵייגְסְט

המשך בדף ד


**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

27 Skillman St.

בעזהשי״ת

**מזלא טבא וגדיא יאה**

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו״ה אלימלך פארגעס נ״י**

אדמיניסטראטאר דמוסדות סאטמאר

צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב״ג

**ב״ר יעקב אלי׳ רייזמאן נ״י**

אב״י בעיר קרית יואל יצ״ו

עס איז נישטא די ווערטער צו באשרייבן די געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט מיט וואס איר העלפט ארוים מוסדותינו הקדושים, בכל עת ועונה, מיט סיי וואס עס פעלט נאר אוים, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן בכפל כפלים איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, בני חיי ומזוני רויחי, מיט אסאך סייעתא דשמיא ביז משיח צדקינו וועט אונז בקרוב אויסלייזן במהרה בימינו אמן.

וואונטשט:

מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

בית המדרש ״היכל הקודש״ | ישיבה ״תפארת התורה״ | תלמוד תורה ״היכל הקודש״ | בית חינוך לבנות ״בית פיגא״


## מִילֵי דְּאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### קוֹדֶם זָאג אַסַאךְ תּוֹרָה...

**אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִּפָּנֶה.**

דִי הוֹיפְּט סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז וַוייל זֵיי זֶעהֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט יֶעצְט דִי צַייט אוּן גֶעדוּלְד זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן אוּן לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶערְפַאר לֶערְנֶען זֵיי גָארְנִישְׁט, ״וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין מְסוּדָר, אוּן אִיךְ וֶועל הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, דֶעמָאלְט׳ס וֶועל אִיךְ זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג״.

זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָּא אָן, **אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה**, זָאג נִישְׁט אַזוֹי, אַז וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט וֶועסְטוּ לֶערְנֶען, **שֶׁמָּא לֹא תִּפָּנֶה**, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן מְסוּדָר, אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ ״סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד״ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) **אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, זָאגְן חוּמָשׁ רַשִׁ״י, זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הֲלָכָה וַאֲגָדָה אוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן סְתַּם צוּ זָאגְן קֶען מֶען דָאךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן מְסוּדָר, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דֶער קָאפּ אִיז נִישְׁט אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ.**

**אוּן אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן, עֶר וֶועט זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.**

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה ה׳)

\*\*\*

### גֶעב אַ קָאמְפְּלִימֶענְט פַארְן קִינְד...

**הוּא הָיָה מוֹנֶה שִׁבְחָן.**

רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי מַעֲלוֹת פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אַ רֶבִּי דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דִי מַעֲלוֹת פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי מֶער אוּן מֶער מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים, וַוייל אַ תַּלְמִיד הָאט לִיבּ צוּ הֶערְן אַ גוּט וָוארְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן אוּן דָאס גֶעבְּט אִים דִי חִיזּוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן שְׁטַייגְן מֶער אוּן מֶער.

אָבֶער פַארְקֶערְט אַ רֶבִּי וָואס זֶעהט נָאר דִי חֶסְרוֹנוֹת פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן עֶר קְלַאפְּט זֵיי שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ, וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ אוּן נָאכְדֶעם ווִילְן זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל זַיין.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה י״א)

\*\*\*

### מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שְׁטַארְק הַארְץ...

**רֶבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב טוֹב.**

דֶער עִיקָר עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ אָנְצוּגַארְטְלְן מִיט אַ שְׁטַארְק הַארְץ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן אִינְוֵוייְנִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן זָאל עֶס אִים נִישְׁט צוּטְרֶעטְן צוּם הַארְץ, עֶר זָאל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רמ״ט) אַז דֶער עִיקָר גְּבוּרָה פוּן אַ גִיבּוֹר אִיז נָאר אִין הַארְץ, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְק

המשך בדף ד
~~~

# מִילֵי דְּאָבוֹת

הַארְץ קֶען בַּאוַוייזְן גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת אוּן אַיינֶעמֶען גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת, וַוייל עֶר קֶען אַריינְלוֹיפְן אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דֶער עִיקָר שְׁטַארְקַייט דַארְף זַיין אִין הַארְץ, זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין אָן מוֹרָא.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה י״ג)

***

## נִישְׁטָא אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ רֶעגְן...

**וְאַל תְּהִי נֹחַ לִכְעוֹס, וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ.**

כַּעַס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, וָואס רַייסְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָא, וְאַל תְּהִי נֹחַ לִכְעוֹס, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אָבֶער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ? וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ, וֶוען דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקְן אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶועט מֶען שְׁטַארְבְּן, דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיף גֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דֶער גוּף וֶועט מֶען לֵייגְן אִין קֶבֶר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דָאס פַאר דִי אוֹיגְן, וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן, וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ רֶעגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס אִיז נִישְׁט מַיינְ׳ס, אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה ט״ו)

***

## נֶעם נִישְׁט קַיין לַחַץ...

**לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר.**

אַמָאל נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף זִיךְ צוּפִיל דְרוּק, מֶער וִויפִיל עֶר קֶען דֶערְהֵייבְּן, אוּן נָאכְדֶעם קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּהן, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָא, לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן אַלֶעס אִין אֵיין טָאג, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים פַּרְשָׁה ה׳ סִימָן י״א) דֶער טִפֵּשׁ זָאגְט: ״וֶוער קֶען דֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה?״ אָבֶער דֶער חָכָם זָאגְט: ״מֶען דַארְף עֶס עֶפֶּעס לֶערְנֶען אַלֶעס אִין אֵיין טָאג? הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען צְוֵויי הֲלָכוֹת, אוּן מָארְגְן צְוֵויי הֲלָכוֹת, בִּיז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה״.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה כ״א)


## בית חינוך לבנות - בית פיגא ברסלב

בנשיאות כ״ק מוהרא״ש שליט״א

# סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובע מנהלת, וואס איז אזוי איבערגעגעבן פאר די סקול, זי לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די טייערע קינדערלעך, צו די גרוים צופרידענהייט פון די עלטערן.

# מרת לעסער תחי׳

צו די געבורט פון איר מיידעלע למזל טוב בשעטו״מ

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכות פון אהערשטעלן אזא שיינע סקול זאל אייך באגלייטן א גאנץ לעבן, צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער, מיט געזונט פרנסה און נחת, ביז משיח׳ס טאג במהרה בימנו אמן!


# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

נָאר אַוֶועק דִי גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּערְנֶעמֶען דַיין גֶעלְט אוּן עֶס נִיצְן פַאר שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אוּן אֶפְשָׁר נָאךְ פַאר אִיסוּרִים, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט פוּן דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, זֶעהסְטוּ שׁוֹין אַז דוּ הַאלְט׳ס נִישְׁט חָשׁוּב דָאס גֶעלְט אוּן אִיךְ יָא?!״

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִיצְן זַיין גֶעלְט פַאר גוּטֶע צְוֶועקְן דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר הֲנָאָה פוּן זַיין גֶעלְט, אוּן נִישְׁט וִוי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן נָאר אַוֶועק לֵייגְן דָאס גֶעלְט פַאר שְׁפֶּעטֶער, פַאר זִיךְ אָדֶער פַאר דִי קִינְדֶער, וָואס דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם הֲנָאָה פוּן זַיין גֶעלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י׳ עֶרֶךְ תַּאֲווֹת מָמוֹן)

***

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים וָואלָאזְשֶׁענֶער זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי יְדִיעָה בְּרוּרָה, אַ לוֹיטֶערֶע וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶערְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעי מִינוּט הָאט עֶר אַ יְשׁוּעָה, אָבֶער אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאךְ, אֶפְשָׁר וְכוּ׳, דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ׳, דֶער וֶועט זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ וְכוּ׳, אִיךְ וֶועל טוּן דָאס וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיךְ וֶועל טוּן יֶענְץ וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ׳, דֶעמָאלְט אִיז אִים אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אָבֶער דִי מִינוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט זֶעט עֶר אַ יְשׁוּעָה.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב רפ״ב)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### נייע סעריע פון קונטריסים, שיעורי אמונה אין אידיש.







ווי באקאנט קומט פאר יעדע וואך דאנערשטאג נאכט א שיעור ווי מוהרא״ש לערנט פאר דברי חיזוק והתעוררות, מיט וואס הונדערטער אידן זענען זיך מחי׳ א יעדע וואך, דאס געבט זיי די חיזוק אנצוגיין פאר נאך א וואך, און זיך דערהאלטן מיט די אלע הייליגע געשמאקע עצות פון רבי׳ן.

יעצט האבן זיך עטליכע חשובע אינגעלייט אריינגעלייגט, און אפגעשריבן די שיעורים, און עס וועט יעצט אנהייבן ארויסקומען אין א פארמאט פון א קונטרס, און ווי עס זאגן עדות פילע אידן זענען זיך מורא׳דיג מחי׳ דערמיט.

יעצט איז שוין ארויסגעקומען די ערשטע צוויי קונטריסים, ״א ברסלב׳ער חסיד״, ״א סוף צו מחלוקת״, ביידע זענען צוכאפט געווארן גלייך ביים ארויס פון דרוק.

גלייכצייטיג איז דא די פלאץ צו דערמאנען אז מען קען יעדע וואך מיטהאלטן דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, יעדן ליל שישי בערך ניין אזייגער, אויפ׳ן טעל. נומער 212-444-9191 #11 אויך קען מען הערן אויף די נומער אלע אינפארמאציע איבער די שיעור, ווי אויך אלטע שיעורים פון די פארגאנגענע יארן.

**שמעו ותחי נפשכם!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................7:58
מוצש"ק.............................9:27
סוף זמן ק"ש.......................8:49

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................נדה ס"ח
ירושלמי.........................יבמות נ"ז
תוספתא............יבמות פרק י'

פרשת דברים, שבת חזון, ט' אב, שנת תשע"ב לפ"ק
גליון מספר 41

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף**, זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, ווֶעגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז עֶס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, ווִי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם ווִי לַאנְג דוּ בִּיזְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם'ס פְּלַאץ, אוּן ווֶער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְווֵייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ווָאס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

**דָאס מֵיינְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט ווִיסְן צוּ דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס ווָאס עֶר ווֵייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, ווֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דִי פְּלֶעצֶער, צוּ ווַייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווָאוִיל אוּן ווִילְן נִישְׁט טוּהן קַיין שְׁלֶעכְטְ'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

***

**אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי אִידְן הָאבְּן מַטְרִיחַ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְ'ס.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען ווָאוִיל אוּן **פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהן גוּטֶע זַאכְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הֵייבְּט אִים אָן צוּ גֵיין שְׁוֶוער, עֶר פַאלְט דוּרְךְ; דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֵיין גֶעמַאכְט, אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַאלְן, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל דַארְפְן בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.** אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט ווֶערְן צוּבְּרָאכְן ווֶען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, נָאר מֶען זָאל זִיךְ פוּן פְרִישׁ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת חֲזוֹן ~

### ~ תִּשְׁעָה בְּאָב ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר שַׁעַר הַמֶּלֶךְ, אַז חֲזוֹן אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חֲצִי זַעַם חֲצִי נֶחָמָה, אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז יֶעצְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג ווֶעלְן נָאךְ ווֶערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אַ יוֹם טוֹב ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען בְּקָרוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז ווֶען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן גְרוֹיסְן חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעווֵיינְט אוּן גֶעקְלָאגְט, אָבֶּער רֶבִּי עֲקִיבָא, ווָאס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען, הָאט גֶעלַאכְט, הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?" הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶעה אַז עֶס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן דִי נְבוּאָה אַז דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווֶעט חָרוּב ווֶערְן, זֶעה אִיךְ אַז דִי אַנְדֶערֶע נְבוּאָה פוּן דִי גְאוּלָה אַז מִיר ווֶעלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט ווֶערְן ווֶעט אוֹיךְ מְקוּיָּם ווֶערְן בִּשְׁלֵימוּת".

ווַייל דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן דִי טֶעג אַז צוּם סוֹף ווֶעט עֶס זַיין יָמִים טוֹבִים ווֶען מִיר ווֶעלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אוּנְז גֶעבְּן.

אוּן דֶערְפַאר ווֶערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, ווַייל עֶס אִיז ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" אַ יוֹם טוֹב; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טוּט דָאךְ אַלֶע הֲלָכוֹת אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, אוּן ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען ווֶעט מֶען

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אָבֶער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן מוּז מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל צוּבְרָאכְן, מֶען מוּז שְׁטֶענְדִיג הֶערְן חִיזוּק פוּן אַ צַדִיק, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְגֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֲלֵיין הֶעלְפְן, אוֹיב עֶטְץ רֶעדְט'ס אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְט'ס? עֶנְקֶער גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז נָאר וֶוען עֶטְץ וֶועט'ס אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִיק אוּן אִים פָאלְגְן, אָבֶער אוֹיב עֶטְץ מַאכְט'ס חוֹזֶק פוּן צַדִיק, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְק הֶעלְפְן?

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ו')

***

**אַתָּה עוֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**; מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן זַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, "וָואס קֶען אִיךְ טוּהן הַיינְט, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַריינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל **אוֹיב מֶען טְרַאכְט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין" אוּן וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין?" אָבֶער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עוֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְט'ס וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט מִיט אַ נִיגוּן אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת אוּן מִיר פִירְן זִיךְ מִיט דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן מְגִילַת אֵיכָה סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג, אַזוֹי וִוי וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְן גֶעקֶענְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַודַאי לֵיינֶען בַּיינַאכְט אוּן בַּייטָאג, אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר אִין פּוּרִים, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט וֶוען עֶס גֶעפַאלְט יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, וַוייל זֵיי הָאבְן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער שׁוֹין הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב, אָבֶער וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט נָאךְ דִי קִינוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, זָאגְט מֶען דֶעמָאלְט'ס "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

*

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען מֶען זָאגְט דִי מְגִילַת אֵיכָה דַארְף עֶס אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אָדֶער תְּחִינוֹת אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן, דַארְף מֶען עֶס שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס זֶענֶען דָא אִין תְּהִלִּים, גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת מִיטְן יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל נָאר הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אֵיכָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוּן קְלָאגְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן, אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט עֶר צוּרִיק אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, אוּן מֶען זָאל בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז פוּן מַיין זַייט זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן מָשִׁיחַ, מַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

*

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז מֶען מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחֵר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב), דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַז אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן קְלֵיין, מֶען זֶעהְט עֶס שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּרִיק צוּ וֶוערְן גְרוֹיס, דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט אוֹיךְ, דַוְקָא יֶעצְט נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן, הֵייבְּן מִיר זִיךְ צוּרִיק אוֹיף, אַז מִיר גֵייעֶן אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אוּן דִי פּוֹסְקִים בְּרֶענְגֶען דֶעם מִנְהָג אַז מֶען פַאסְט קוֹדֶם אוֹיס, מֶען עֶסְט עֶפֶּעס, אוּן מֶען טוּט אָן דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט נָאךְ אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, וָואס דֶעמָאלְט'ס וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## אַשֶׁר בַּנַּחַל

הָאבּ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג, וּבִפְרַט אַז דוּ גֵייסְט אָנְגֶעטוֹן מִיט צִיצִית, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי חוֹלֶה צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן פַּשְׁטוּת קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית דָאס אִיז דִי רְפוּאָה וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים קוּמֶען פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה, קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית וָואס עֶר גֵייט דָאס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס צִיצִית אִיז וְכוּ' וְכוּ' וָואלְט עֶר גֶעטַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה.

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן גְרַ"א זי"ע אַז אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי צִיצִית אִין דִי הַאנְט אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוַויינְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען אִיךְ קוֹיפְן אַ בִּינְטְל צִיצִית מִיט אַפָּאר גְרָאשְׁן, אוּן מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם אִיז כָּלוּל אַלֶע מִצְווֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר ט"ו) "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הוי"ה", אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן, אוֹיף קֵיין שׁוּם גֶעלְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען קוֹיפְן דִי מִצְוָה, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַזַא צַדִּיק אַזַא גָאוֹן אַזַא קָדוֹשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּה זַיין זִיךְ נָאר מִיט דִי צִיצִית, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי צִיצִית, אוּן זָאלְסְט נִזְהָר זַיין זֵייעֶר אַז דִי צִיצִית זָאל זַיין רֵיין, זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ קוֹיפְן צְווֵיי דְרֵיי פָּאר צִיצִית, זָאלְסְט קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְוַואשְׁן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, אוּן מֶען דַארְף זֶען צוּ גֵיין מִיט אַ רֵיינֶעם טַלִּית קָטָן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מִיט פְלֶעקְן, וָוארוּם מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב' מִכְתָּב קע"ד)

***

פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַזוֹי מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג? פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי גֶעפַאלְן, וְכוּ'? דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשֶׁענְקְט אַזַא טַייעֶר ווַייבּ מִיט לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מִיט זֵיי זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן; ס'אִיז אַ מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן בַּאצָאלְט אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דִי וֶועלְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ ווַייבּ מִיט קִינְדֶער; לַיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל אוּמְפַארְהֵייַראטֶע בַּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער; עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹי פִיל פַּארְפָאלְק וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן עֶנְג; אוּן דִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן מִיט אַזַא חָשׁוּבֶע פְּרוּי, מִיט אַזֶעלְכֶע

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶועז אוּנְטֶערְוֶועגְנְ'ס, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נַאכְטְמָאל אִין אַ גַאסְט הוֹיז, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּיין אִין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען דֶעם בֵּיין אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעשְׁטִיקְט הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפִּילְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ כָּאטְשׁ גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִּילְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען כָּאטְשׁ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף טוּהְן כָּאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן, ח')

***

אוֹיבּ זֶעהְסְטוּ אַ סֵפֶר וָואס אִיז זֵייעֶר מַחְמִיר אִין דִי זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי כַּוָּונָה פוּנֶעם סֵפֶר אִיז נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר דִיךְ צוּ וַוייזְן דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי עֲבֵירָה אַז לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט טוּהְן, אָבֶּער אוֹיבּ הָאסְטוּ עֶס שׁוֹין גֶעטוּהְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּהְן. מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן קֵיין קֻשְׁיוֹת: "וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ טוּהְן דִי עֲבֵירָה?", בִּפְרַט וֶוען דוּ הָאסְט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶועְן אוֹיף דִיר דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּהְן אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּהְן דִי עֲבֵירָה, וָואס דֶעמָאלְסְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף זִיךְ: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן?". דַארְפְסְטוּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי מִיט סַבְלָנוּת, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת, נָאר טְרַאכְטְן: "אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעַ הַתְחָלָה!".

(אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק ב)

***

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט'ס דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶועְן, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועְן.

אִינְצְווִישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסֶל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן ד')

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, און דו זָאלְסְט נָאךְ זַיין צוּבְּרָאכְן? דוּ זָאלְסְט נָאךְ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג? פַארְוָואס, וַוייל ס׳פֶּעלְט דִיךְ אַפָּאר דָאלֶער? פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דִי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה) פַארְוָואס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי מָן אֵיינְמָאל אַ יָאר פַאר אַ גַאנְץ יָאר? פַארְוָואס הָאט דָאס גֶעדַארְפְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג? נָאר כְּדֵי אַ אִיד זָאל אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וֶועט עֶר מֵיינֶען אַז דֶעם טָאג וֶועט מֶען אִים נִישְׁט גֶעבְן עֶסְן, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁרֶעקְן, און דִי אוֹיגְן זָאלְן זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אִיבֶּערְדֶעם, פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. יֶעדְן טָאג בֶּעטְן רַחְמִים וְתַחֲנוּנִים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן. שִׁיק מִיר אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן, וָוארוּם דוּ וֵוייסְט אִיךְ וִויל טוּן דַיין רָצוֹן, נָאר דִי פַּרְנָסָה שְׁטֶערְט מִיר. גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, מִיָּדְךָ הַמְּלֵאָה וְהָרְחָבָה הַפְּתוּחָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּם קַיין מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם! נָאר דוּ אַלֵיין זָאלְסְט מִיר גֶעבְן דֶעם שֶׁפַע, וְכוּ׳, וְכוּ׳. אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג. און וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג פַּרְשַׁת הַמָּן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר מוּבְטָח אַז עֶר וֶועט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ און זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב קפ״ו)

***

עֶס אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, דוּ טוּה גוּטְס, און דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילֶא אַרָאפְּפַאלְן, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף נָאר טוּן מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה, און מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת בְּשִׂמְחָה, און דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילָא אַרָאפְּפַאלְן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב רפ״ב)

***

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה כְּדֵי דוּ זָאלְסְט מְסַיֵּים זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ״י. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי מִנַּאדְוֶוערְנֶע זי״ע, הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶער בַּעַל עֲצֵי חַיִּים זי״ע און דֶער בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער און זֵייעֶר פָּאטֶער דֶער בַּעַל קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זי״ע הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, ״קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ״י״ – דָאס הֵייסְט, שְׁטָאפְּט זִיךְ מִיט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י – ״וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואוֹינְט״. וָוארוּם מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן און מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, און מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמוּנָה אוֹיךְ נִישְׁט רַחְמָנָא לִישַׁזְבָן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב קפ״ט)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו אין ארץ ישראל צו דעם היסטארישען מעמד וואס וועט פארקומען קומענדע וואך אין יבנאל

מעמד קבלת פנים מיט סעודת הודאה - חנוכת בית המדרש הגדול - חנוכת האולם המחודש - חצי יובל ביבנאל - סיום הש״ס

אין יבנאל, די ברסלב׳ע שטאט אין ארץ ישראל, קומט יעצט פאר העפטיגע צוגרייטונגען צו דעם גרויסן היסטארישען מעמד קבלת פנים און סעודת הודאה, וואס וועט דארט פארקומען קומענדע וואך דאנערשטאג, צום ערשטן באזוך פון מוהרא״ש שליט״א זייט די שווערע הארץ אטאקע׳ס וואס מוהרא״ש איז אריבער דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח.

אינאיינעם מיטן מעמד וועט אויך פארקומען נאך עטליכע געהויבענע געשעהענישן.

צום ערשט די חנוכת הבית פאר די נייע הערליכע בית המדרש וואס מען האט פארענדיגט לעצנט׳ס, דער בית המדרש וואס איז א הערליכע וואונקל פאר די גאנצע געגנט צו לערנען און צו דאווענען, און זיך מחזק זיין מיט די אלע עצות פון הייליגן רבי׳ן.

דער בית המדרש האט זיך שוין אנגעהויבן בויען מיט צוואנציג יאר צוריק, אבער עס איז לא יאומן כי יסופר, וויפיל שטערונגען די רשעים די ערב רב האבן געלייגט אויפ׳ן וועג אז מען זאל עס נישט קענען בויען, נאר ווער עס איז דארט אויפ׳ן פלאץ קען גלייבן וויפיל רשעות לשם רשעות די רשעים האבן געטוהן צו שטערן די בוי ארבעט, אבער סוף כל סוף האט דער אייבערשטער געהאלפן אז מען האט פארענדיגט דעם בית המדרש, וואס שטייט שוין מיטן פילן פראכט, און באגייסטערט יעדן וואס קומט עס באזוכן. און דערפאר איז גאר גרויס די שמחה צו דעם חנוכת הבית, וואס וועט זיין אינאיינעם מיט די מעמד קבלת פנים וסעודת הודאה.

ווי אויך איז גרויס די פרייד צום ענדיגן איבערבויען און איבערפרישן דעם חתונה זאל אין שטאט, דער חתונה זאל ווערט צוגעשטעלט פאר אלע תושבי העיר, חינם אין כסף, יעדער קען דארט חתונה מאכן גענצליך אומזיסט, א זאך וואס עס איז נישטא אין די גאנצע וועלט.

און אוודאי אויף אזא חשובע זאך איז אויך געווען גרויסע שטערונגען אז מען האט עס נישט געקענט ניצן פאר א שטיק צייט, און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען עס יעצט איבערגעפרישט און עס איז שוין צוריק אין באנוץ צו די פרייד פון תושבי העיר.

נאך א וויכטיגע געשעהעניש ווערט יעצט אפגעצייכנט, וואס דאס איז פינף און צוואנציג יאר פון ווען חסידי ברסלב האבן זיך אנגעהויבן צו באזעצן אין יבנאל.

עס האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע משפחות אויף א קליינעם פארנעם, והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד, היינט צו טאג׳ס ציילט זיך שוין די קהלה מיט איבער פיר הונדערט משפחות כן ירבו, מיט א נעץ פון מוסדות מיט קרוב צו טויזנט קינדער בלי עין הרע, פיר כוללים ווי אינגעלייט לערנען מיט התמדה, מניני תפלה פון צופרי ביז ביינאכט, וואס דאס איז באמת א געוואלדיגע שמחה.

ביים מעמד וועט אויך פארקומען א סיום הש״ס וואס איז געלערנט געווארן די לעצטיגע יארן במסגרת הקהלה.

דער מעמד וועט פארקומען אינעם נייעם גרויסן בית המדרש, די ווייבער שוהל איז אויך רעזערווירט פאר מענער כדי צו קענען אקאדעמירן דעם ריזן ציבור וואס איז ערווארטעט, די פרויען וועלן זיך צוזאמקומען אין די זאל וואס איז אונטערן בית המדרש, מיטצוהאלטן דעם מעמד.

**יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:50
מוצש"ק..............................9:20
סוף זמן ק"ש.......................8:52

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................ברכות ג'
ירושלמי..........................יבמות ס"ג
תוספתא...........................כתובות פרק ג'

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ז אב, אבות פרק ג', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 42


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז כָּאטְשׁ אַ אִיד דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ דַאוְוענֶען מִיט אַ דְבֵיקוּת, מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט, אַז וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט דַאוְוענֶען מִיט דְבֵיקוּת, זָאל עֶר נִישְׁט דַאוְוענֶען, נָאר אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאוְוענֶען, וִוי אַזוֹי דִי דַאוְוענֶען זֶעהְט נָאר אוֹיס, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶס נִישְׁט אַזַא גוּטֶער דַאוְוענֶען, וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער קוּמֶען אֵיינְמָאל וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גוּטְן דַאוְוענֶען, וֶועט עֶר דֶעמָאלְט'ס אַלֶעם מַעֲלָה זַיין.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען, אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען בְּעִיּוּן מִיט אַ קְלָארְקַייט אַז עֶר זָאל אַלֶעם קְלָאר פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן וֶוען עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן דֶעמָאלְט'ס לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען, אוּן דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט, הֵייסְט עֶס אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת, אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּהְן דִי מִצְוָה הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט רִיכְטִיג, טוּה עֶס כָּאטְשׁ וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, אוּן דוּ זָאלְסְט זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'**, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען דוּ פִיהלְסְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ דְבֵיקוּת אוּן סֵיי וֶוען נִישְׁט, ווַייל, **בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר**, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען דוּ וֶועסְט אֵיינְמָאל זָאגְן אַ גוּטֶע תְּפִלָּה, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם מַעֲלָה זַיין אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס דוּ הָאסְט אֵייבִּיג גֶעדַאוְונְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וָאֶתְחַנַּן תשס"ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ צִיּוּן ~

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט דֶערוֹיף צְוֵויי עֵדוּת, אַז וֶוען עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, דֶעמָאלְט'ס וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנּוֹם, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְקוּקְן סֵיי וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ פָארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט מֶער נִישְׁט צוּ טוּהְן קַיין עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנּוֹם אוּן אִים הֶעלְפְן!" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רכ"ה).

וִוי הָאט מֶען נָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ צַדִּיק, זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט, וָואס זָאל צוּזָאגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּ', אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי זְכִיָּ' אוּן פָארְט צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ו) "אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען אִיךְ זֵיי אָבֶּער הֶעלְפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן, אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל כָּאטְשׁ זֶעהְן צוּ פָארְן אִינְמִיטְן יָאר, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּקּוּנִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער עוֹנֶשׁ הַגִּלְגּוּל, צוּ דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עוֹנֶשׁ, ווַייל אַז מֶען קוּמְט נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, ווַייל עֶס קֶען זַיין אַז מֶען וֶועט גָאר מֶער פַארְדַארְבְּן אוּן גָארְנִישְׁט פַארֶעכְטְן", אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוֹיבּ זָאל אִיךְ וִויסְן אַז וֶוען אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועל אִיךְ זַיין אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְס צִיּוּן, בִּין אִיךְ גְרֵייט אוֹיף דֶעם, ווַייל עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן, עֶר זָאגְט דָארְט דִי צֶעהְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, "דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן אִין לֶעבְּן, פִיהלְט עֶר

המשך בדף ב

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

**שָׁלוֹם רַב אֶל ... תְּחִי׳**

אִיךְ הָאב דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַּארְוָואס דוּ דַארְפְּסְט אַזוֹי רוֹדֶף׳ן דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶר אִיז גֶעטְרֵיי פַאר דִי קִינְדֶער, נָאר יֶעצְט וִויל עֶר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר פּוֹעֶלְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן וְכוּ׳, אוּן דַיְיקָא יֶעצְט מַאכְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט אַזוֹי פִּיל גְזֵירוֹת רָעוֹת, בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז שׁוֹין בַּאשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער יוֹם הַדִּין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן לֶעבְּן אָדֶער טוֹיט רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָרִים אָדֶער רַייךְ, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶערְפַאר גֵייט מֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער ס׳וֶועט קוּמֶען בַּיי אִים גַאראַנְטִירְט עֶר אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, אַ זִיס גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

לֵיידֶער דֶעם יָאר הָאט פַּאסִירְט אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן בְּוַודַּאי אִיז דָאס אַלֶעס נִגְזָר גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זֶעט אוֹיבּ ס׳אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ טוֹיט שְׁטְרָאף וְכוּ׳, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים פְרֵיי לָאזְן? עֶר זוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר גֵייט צוּם גְרֶעסְטְן שׁוֹפֵט, אַבִּי מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶען דֶעם לֶעבְּן, אוּן דָא קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אַזַא גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגֶער צַדִּיק הָאט צוּגֶעזָאגְט ׳גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, ׳אוּן אִיךְ וִויל אַז אַלֶע זָאלְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ אוּן ׳אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט עֶנְק אַ טוֹבָה צוּ טוּן׳, אוּן דַיְיקָא צוּ אַזַא צַדִּיק שְׁטֶערְסְטוּ דַיין מַאן פוּן צוּ פָארְן, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין! אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאכְטְס שָׁלוֹם אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט פּוֹעֶלְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה אוּן פוּן שֶׁפַע אוּן פוּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן ס׳וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דַארְפְסְט אַ הוֹיז? וֶועט מֶען בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִּיק; דַארְפְסְט נָאךְ זַאכְן? וֶועסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִּיק. אִיבֶּערְדֶעם פַּאק אַיין אַ שֵׁיין פֶּעקְל פַאר דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶטְץ בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

ס׳אִיז אַזַא שָׁאד, אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּט עֶטְץ בֵּיידֶע וִוי צְוֵויי טוֹיבְּן בְּלִי עַיִן הָרָע, יֶעצְט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, שְׁטֶעלְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וְכוּ׳? אוּן פַארְוָואס? וַוייל דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט וְכוּ׳, אוּן דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַהִין גֶעזָאגְט וְכוּ׳? פְּרֶעג אִיךְ דִיר: וֶוער אִיז וִויכְטִיגֶער, דַיינֶע חַבֶרְטָארִינְס אָדֶער דַיין גֶעטְרַייעֶר מַאן? וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים אוּן טְרַייבּ אִים צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק שֶׁענְקֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, מִיט אַלֶעס גוּטְס.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב כ״ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ

מַמָּשׁ וִוי עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַ וַואשׁ-מַאשִׁין, דֶער רֶבִּי וַואשְׁט אוֹיס זַיין נְשָׁמָה, אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַ רֵיינֶע צִיכְטִיגֶע נְשָׁמָה.

אוּן אֵיינְמָאל וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳נְס צִיוּן, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ אוּן תְּשׁוּקָה, נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ גֵיין אַהִין,

דָאס וָוארְט "צִיּוּן" אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "צִיעֶן", דֶער צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, עֶס צִיעט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זֶענֶען אַמָאל גֶעפָארְן אַ גְרוּפֶּע אִידְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בָּאס צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוּן צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אוּמַן, אוּן דֶער עוֹלָם אִיז אַרַיין צוּם צִיּוּן צוּ זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסֶער אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ׳ן בָּאס, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ דִי בְּרֶסְלַבֶ׳עֶ חֲסִידוּת, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט אַרַיין גֵיין.

וֶוען מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע טִפְּשׁוּת פוּן דֶעם, וָואס מַאכְט אַ חִילוּק וָואסֶערֶע חֲסִידוּת דוּ בִּיזְט? זָאל זַיין סֵיי וֶועלְכֶער צַדִּיק, וָואס זָאל צוּזָאגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה, וָואלְט מֶען עֶס גֶעדַארְפְט טוּהן, אוּן וָואס אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע זַאךְ? נִישְׁט מֶער וִוי זָאגְן עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא, דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועלְן דִיר בַּייסְן? אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין יָא דָא, גֵיי אַרַיין אוּן זָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּי׳נֵס צִיּוּן אִין אוּמַן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ, עֶרֶךְ צִיּוּן, חֵלֶק ד׳, ה׳, י׳)


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה בנציון הכהן לאנדא נ"י**

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב**

די זכות פון הייליגן רבי'ן זאל מגין זיין אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה יצחק אייזיק קנאפפלער נ"י**

**צו די געבורט פון זיין אינגעלע למזל טוב**

די זכות פון הייליגן רבי'ן זאל מגין זיין אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

## זייט אייך מחי'!

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו:

**Breslevcenter@gmail.com**

## וואונדערליכע ישועות

מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עם וועט מנדב זיין צו דרוקן "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................**7:42**
מוצש"ק.......................**9:11**
סוף זמן ק"ש..................**8:55**

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................ברכות י'
ירושלמי........................יבמות ע'
תוספתא.............כתובות פרק י'

פרשת עקב, כ"ג אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ד', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 43


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואויל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט'ס וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

אוּן בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶם אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶם אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶם צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ, אוּן דֶעמָאלְט'ס קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶעמָאלְט'ס קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶם אַוֶועק, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

~ וִידּוּי ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוערְט עֶס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דָאס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּבְּרָאכְן, אוּן נֶעמְט אִים אַוֶועק דִי אַפֶּעטִיט פוּן לֶעבְּן, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, עֶר זָאגְט אַרוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוּן עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, דוּרְךְ דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג, צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, וָואס דוּרְךְ דֶעם וַואשְׁט עֶר אָפּ פוּן זִיךְ אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְט'ס.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אַז אַן עֲבֵירָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ פְלֶעק, וֶוען עֶס וֶוערְט אַ פְלֶעק אוֹיף אַ קְלֵייד, אוֹיבּ וַואשְׁט מֶען עֶס גְלַייךְ אָפּ קוּמְט עֶס גְלַייךְ אַרָאפּ, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ פְלֶעק, אָבֶּער וֶוען מֶען לָאזְט דֶעם פְלֶעק פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אִיז עֶס שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּנֶעמֶען, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט עֶס שׁוֹין יָא אַרָאפּ, בְּלַייבְּט נָאךְ אַלְץ אִיבֶּער אַ סִימָן אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ פְלֶעק, וִוי שְׁנֶעלֶער מֶען נֶעמְט עֶס אַרָאפּ אַלְץ בֶּעסֶער אִיז, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט עֲבֵירוֹת, וִוי שְׁנֶעלֶער מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן אַלְץ גְרִינְגֶער אִיז עֶס, דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אַזוֹי אַרָאפְּנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעם טָאג.

וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה? דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הֲלָכוֹת תְּשׁוּבָה פ"ב ה"ד) אוּן אַזוֹי פְּסַק'נְט אוֹיךְ דֶער סְמַ"ג (תְּשׁוּבָה ט"ז) אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז "וִידּוּי", צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַסאַךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.
(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, וָואס זֶענֶען דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן זֵיי מִיט דִי פִּיס?

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פ"ג ס"ה) **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְ'ס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשׁ צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועסְטוּ דִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעם גוּטְ'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

***

**וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ מְעַט מְעָט**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי גוֹיִם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, אוּן נִישְׁט אוֹיף אֵיין מָאל.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גְּזֵלָה, ה"ה או"ז) אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, קוּמֶען נָאר וַוייל מֶען וִויל שְׁלֵימוּת, אַ מֶענְטְשׁ וִויל גְלַייךְ זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אַזוֹי וִוי דָאס קֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, יֶעדֶע זַאךְ נֶעמְט צַייט, דֶערְפַאר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף.

וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל בַּאקוּמֶען, דַארְף עֶר הָאבְּן צוּ דֶעם אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן, אוּן אֲפִילוּ בְּרוּחֲנִיּוּת נֶעמְט אוֹיךְ צַייט בִּיז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער אוֹיבּ אַ אִיד בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי גוֹיִם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת וָואס דִי גוֹיִם בְּרֶענְגֶן אַרַיין, **מְעַט מְעָט**, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב ה')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען עֶס מֶער נִישְׁט צוּ טוּהְן, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט דִי עֲבֵירָה אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעוִוישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר בְּרֶענְגְט (פִּנְחָס דַּף רל"א) אַז וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער מַלְאָךְ דֶער מְקַטְרֵג, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "דֶער אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהְן דִי עֲבֵירוֹת", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְן מְקַטְרֵג: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ דֶערְצֵיילְן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין דֶערְצֵיילְט" קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע קִטְרוּגִים.

דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין הָאבְּן זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט צוּ דַן זַיין דָוִד הַמֶּלֶךְ אוֹיבּ עֶר אִיז רָאוּי לָבֹא בְּקָהָל, אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַ קוֹל פוּן צְוִוישְׁן זֵייעֶרֶע בֶּענְקְלֶעך, "לָאזְט אָפּ מַיין קִינְד דָוִד! עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע!"' דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶערוּפְן צוּ אִים "טַאטֶע", אוּן דֶערְפַאר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אִים דַן צוּ זַיין.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס גֶעפִינֶען מִיר אַז וֶוען קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר טז, ג), "רַב לָכֶם, כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדוֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה', וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'" הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ בִּיטֶערְן סוֹף, זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוידֶער גֶעפִינֶען מִיר אַז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן מִיט מִרְיָם הָאבְּן גֶערֶעדְט זֵייעֶר עֶנְדְלִיךְ, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזָאגְט, (בַּמִּדְבָּר יב, ב) הֲרַק אַךְ בְּמֹשֶׁה דִּבֶּר ה', הֲלֹא גַּם בָּנוּ דִבֵּר, אוּן פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶעם עוֹנֶשׁ.

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן, אַל נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ חַטָּאת אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ (בַּמִּדְבָּר יב, יא), אוּן דֶערְפַאר הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען, אָבֶּער קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

דֶערְפַאר, וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל זָאל יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן דִי עֲבֵירוֹת אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַלֶעס מוֹחֵל זַיין, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ וִידּוּי, חֵלֶק ב, ט, י)

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה !

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט״ז אֱלוּל ה׳תש״ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בֵּיצָה ט״ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן ״וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף״ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְּקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְּקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תס״ו) וְוִיפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָּן זִינְגְט וּמִי וּמִי וּמִי וְכוּ׳, אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָּז גֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָּארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַּארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בְּמְצִיאוּת וֶוען סְ׳אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ

המשך בדף ב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך פון דף ד

שטערונגען וואס דער ס״מ האט אינטערגעלייגט צו שטערן דאס בוי ארבעט פונעם בית המדרש, האט מען שוין ענדליך זוכה געווען דאס בית המדרש שטיין מיטן גאנצן פראכט.

עס איז געווען אן ערהארבן בילד צו זעהן ווי עס זענען זיך צוזאם געקומען צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער גאנץ ארץ ישראל, אריינגערעכנט צענדליגע אדמורי״ם ורבנים און ראשי ישיבות, מיט צו האלטן דעם געהויבענעם מעמד.

מוהרא״ש האט ארומגערעדט אויף די גרויסקייט פונעם טאג, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אאויף זיינע גרויסע חסדים אז ער איז זוכה נאכאמאל צו קומען אויף ארץ ישראל, א זאך וואס מען האט זיך נישט געקענט פארשטעלן אין חלום אפילו, וואס דאס איז נאר אין זכות פון תפלה, וואס טויזנטער אידן האבן געבעטן דעם אייבערשטן לרפואתו, ובפרט די תפלות פון די תינוקת של בית רבן, און מען זעהט פון דעם די געוואלדיגע כח פון תפלה, וואס עס קען אלץ אויפטוהן, און אזוי אויך דער בית הדרש איז נאר געווארן אויפגעבויט מיט גאר אסאך תפלות.

דער ריזן ציבור איז זיך צוגאנגען מיט הויפענעס חיזוק, זאגענדיג אז אזא מעמד וועט מען נישט אזוי שנעל פארגעסן.

**גדול יהיה כבוד הבית!**

***

### בחורים גרייטן זיך צו פארן אינאיינעם
### צו די הילולא קדישא פון רביה״ק מסאטמאר זצוק״ל

צו די יארצייט פון רביה״ק מסאטמאר זצוק״ל דעם קומענדיגן דינסטאג כ״ו אב, גרייטן זיך די בחורים צו פארן צום הייליגן ציון אינאיינעם, זיך אויסבעטן אלעם גוט׳ס.

מען וועט אי״ה פארן אינמיטן טאג, און פארנאכט׳ס וועט מען מאכן די סעודת הילולא אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל, אויף 8 העיס קט. ווי מען וועט איבער׳חזר׳ן די הייליגע לימודים פונעם בעל הילולא.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**




# ראש השנה שלי עולה על הכל!

## פרייליכע מעלדונג

**מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז אונז געלונגען צו צושטעלן דאס יאר א פיינע געשמאקע לאקאציע אין אומן ווי די בחורי הישיבה וועלן וויילן אינאיינעם במשך די טעג פון ראש השנה.**

**עס איז נאך געבליבן געציילטע פלעצער צו פארדינגען.**

**אויב זענט איר אינטערסירט צו דינגען א בעט, ביטע רופט ווי אמשנעלסטן**

**347-977-7994**

**וכל הקודם זכה**

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה !

המשך פון דף ג

גְזֵירָה וְכוּ׳, בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶות, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַּארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַּארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ׳, פַּארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַּארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַּארְטֵיידִיגְן ? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ ווּאוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַּארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הֵיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ׳, וְכוּ׳.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב כ׳)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~ ~ ~

## הערליכע שמחת בר מצוה פארגעקומען אין קעמפ

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א שיינע בר מצוה אינעם קעמפ, הבחור אברהם צבי בן ר׳ עזרא בוים נ"י, א זוהן פון מו"ה דניאל בוים שליט"א מחשובי אנשי שלומינו.

די סעודה איז פארגעקומען אין היכל הבית המדרש, ווי עס זענען געהערט געווארן טרעפליכע דיבורים פון די חשובע קרובי המשפחה, און דערנאך דער פשעטל פונעם חתן הבר מצוה.

די בחורים האבן געגעסן באזונדער אין לאנטש רום, און זענען אריבער געקומען צו די בר מצוה נאך די סעודה ווי מען האט געזונגען אינאיינעם, און זיך משמח געווען לכבוד די שמחה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## ברית פארגעקומען די וואך אין קעמפ

דעם דאנערשטאג איז פארגעקומען א ברית אין קעמפ, הילד בן ר׳ יצחק אייזיק קנאפפלער נ"י מתלמידי יוצאי ישיבתינו הק׳.

עס איז געווען א גרויסע פרייד ביי די בחורים אז מען האט געהאט די געוואלדיגע זכי׳ צו האבן א ברית אין קעמפ, ווען אליהו הנביא קומט און ברענגט זיכער מיט זיך אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת ברית, ווי מען האט געהערט שיינע דיבורים פון ראש הישיבה ווי אזוי אנצוגיין אין לעבן און שטענדיג אנהייבן פון פריש.

**זה הכסא של אליהו הנביא זכור לטוב!**

***

## מוהרא"ש קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל

דעם קומענדיגן זונטאג קומט מוהרא"ש צוריק פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די הויכפונקט פון די נסיעה איז געווען די חנוכת הבית פון די גרויסע בית המדרש אין יבנאל, אינאיינעם מיט די סעודת הודאה צו די שנעלע ערהוילונג פון מוהרא"ש פון די הארץ אטאקע נאך צוואנציג יאר פון תפלות, וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל שוין זוכה זיין צו זעהן דעם בית המדרש על תלה בני׳, נאך אזוי סאך

המשך בדף ג

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה מאיר דוד פארקאש נ"י**

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למזל טוב**

**כמר שמעון נ"י**

די זכות פון הייליגן רבי'ן זאל מגין זיין אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

## מזלא טבא וגדיא יאה!

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה עזרא בוים נ"י**

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין חשוב בחור**

**כמר אברהם צבי נ"י**

און א באזונדערע מזל טוב פארן חשוב'ן זיידן

**מו"ה דניאל בוים שליט"א**

מחשובי אנשי שלומינו

די זכות פון הייליגן רבי'ן זאל מגין זיין אז זיי זאלן זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

## ענבי הגפן בענבי הגפן!

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה יצחק ראזענבערג נ"י**

**צו די שמחת תנאים פון זיין טאכטער עב"ג**

**החתן משה שווארץ נ"י**

די זכות פון הייליגן רבי'ן זאל מגין זיין אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, מיט אסאך אידיש נחת, ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................7:32
מוצש"ק.............................9:01
סוף זמן ק"ש........................8:58

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................ברכות י"ז
ירושלמי..........................יבמות ע"ז
תוספתא.........................גיטין פרק ה'

פרשת ראה, א' דר"ח אלול, אבות פרק ד', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 44


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"'הַיּוֹם' אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלָל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סַיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן? צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף? אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר מִיר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט' פוּן 'יֶעצְט', וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּהן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן, וָואס הָאבּ אִיךְ נֶעכְטְן גֶעטוּהן? וָואס גֵיי אִיךְ מָארְגְן טוּהן? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן יֶעצְט וָואס אִיךְ קֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ דוּ הָאסְט שֵׂכֶל דוּ קוּקְסְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, דוּ פְּרוּבִּירְסְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוּךְ צוּ זַיין, וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה**, אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּהן", דֶעמָאלְט'ס, **וּקְלָלָה**, וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג, אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֶת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְווֵיי וֶועגְן.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אֱלוּל ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וִוי מֶען הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער, בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, זִיךְ אוֹיפְצִוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּצוּגְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קוּבְּרִינֶער זי"עַ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מְ'הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט תוֹרָה תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאלְן וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, אוּן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אָבֶּער מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין וִוי דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וָואס רֶבִּי

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס מֵיינְט עֶר דַארְף וִויסְן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת.

וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר וִויסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּהן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה וִויל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן.

וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ'**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן. אוּן וִוידֶער פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּהן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעהְסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְס'ט גֵייסְטוּ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

נָתָן הָאט גֶערֶעדְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט, אוּן מֶען טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט" אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי טֶעג פוּן אֱלוּל, מֶען וֶוערְט פְּרוּם פְּרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט". דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱלוּל, מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ טוּהן צוּ דֶער זַאךְ, אוּן אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעזֶעהְן אִין מִירוֹן, מֶענְטְשְׁן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין מִירוֹן אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם חוֹדֶשׁ, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן מַמָּשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן פְּרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶעהְן וֶוער דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן פוּן וִוי זֵיי קוּמֶען, אוּן מֶען בֶּעהְט שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים, פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג, אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶער גַאנְצְן טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט בֶּאֱמֶת, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט גֵיין מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, פּוּנְקְט וִוי וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט'ס אִיז אֵייבִּיג אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז דָא אַ גַאנְצְן טָאג אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת, וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִים דֶער גַאנְצֶער חֹדֶשׁ אֱלוּל נִישְׁט גֶענוּג צַייט צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּי'נְס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי אִיז נָאךְ דָא אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן חֹדֶשׁ?

אוּן דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אֲפִילוּ דִי פְּלֶעצֶער וִוי מֶען זָאגְט נִישְׁט "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים" אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן דֶעם חֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעזָאגְט דֶערוֹיף אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט זָאגְן, אַזַא טַייעֶרֶע חֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְץ אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט פַארֶענְטְפֶערְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי נֵייעֶ זַאכְן וָואס גֶעוִויסֶע וִוילְן אַיינְפִירְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל וֶועגְן בִּיטוּל תּוֹרָה אוּן דָאס גְלַייכְן, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן חֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם הָאט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז דָאס קֶען שׁוֹין זַיין אֱמֶת, וַוייל דָאס אִיז אַזַא זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חֹדֶשׁ אֱלוּל, אַדְרַבָּה דֶער חֹדֶשׁ אִיז אַ מְסוּגָל'דִיגֶער חֹדֶשׁ פַאר אַלֶעס.

אוּן דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם חֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן גֶעוִויסֶע שִׁיעוּרִים אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה, (וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים) אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָּר אִיז נָאר אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט, דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט, וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פִיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אֱלוּל)




ראש השנה תשע״ג
עס איז געבליבן געציילטע בעטן אין א היימישע אטמאספער אין א
שיינע דירה אין ׳קרית ברסלב׳,
היימישע עסן צוגעשטעלט, מעסיגע פרייזן, רופט ווי פריער.
יחזקי סאמעט, 347-452-0412
וכל הקודם זכה

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך פון דף ד

קרית יואל, די ברייטע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן דורך הרבני החשוב מו״ה אברהם חיים פארקאש שליט״א מזקני חשובי אנ״ש, מיט זיין חשובע בני בית שיחיו.

דער ראש ישיבה האט גערעדט טרעפליכע דיבורים ווי אזוי מיר דארפן זיך אפלערנען פונעם בעל הילולא וואס איז געווען דער אייציגסטער וואס האט אריינגעברענגט די עזות דקדושה דא אין אמעריקא, אז מען דארף זיך נישט שעמען מיט אידישקייט נאר פארקערט זיך האלטן שטאלץ דערמיט, און נאר דורך אים זענען מיר געבליבן ערליכע אידן נאמנין לה׳ ולתורתו.

**זכותו יגן עלינו!**

***

### די בחורים וועלן פארן אינאיינעם אויף ראש השנה אין אומן

אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דאס יאר פארט די גאנצע ישיבה, אלע בחורים אן אויסנאם, צום הייליגן רבינ׳ס ציון אין אומן אויף ראש השנה, האט מען צוגעשטעלט א שיינעם פלאץ אין אומן ווי אלע בחורים וועלן שלאפן און עסן אינאיינעם די סעודות מיטן ראש ישיבה, א הערליכע פלאץ צוגעשטעלט אויפ׳ן שענסטן אין בעסטן אופן.

דאס איז גאר גוטע נייעס פאר די חשובע עלטערן, וויסענדיג אז זייער בחור פארט מיט אן השגחה מעולה און וועט זיך נישט סתם אזוי ארום דרייען נאר זיין אינאיינעם מיטן ראש ישיבה מיט די גאנצע ישיבה, און אינאיינעם אויסבעטן א גוטע געשמאקע יאר פאר גאנץ כלל ישראל.

**ונתנה תוקף קדושת היום!**

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

~~~

### נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם...

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אָנְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, לֵיידֶער זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס דָאס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, דֶער נָבִיא זָאגְט (יוֹנָה ג׳) ״מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד״ זָאגְט רַשִׁ״י מִי יוֹדֵעַ - עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ יָשׁוּב; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ג) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעפּוֹעֶלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פּוֹעֶלְ׳ן.

אוּן קוּק וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס וְ׳שָׁב מֵ׳חֲרוֹן אַ׳פּוֹ וְ׳לֹא נֹ׳אבֵד אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת א׳וּ׳מַ׳ן׳, דָארְטְן אִיז דָאס פְּלַאץ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי עֵדוֹת, פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתְ׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס וֶוערְט מְקוּיָּים דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נָבִיא (יְשַׁעְיָה ס׳) ״שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה״ אַלֶע קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן.

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אִיךְ פָאר שׁוֹין אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, פוּן יָאר תשכ״ו, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר ״פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק״ אִין יָאר תשל״ח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶל אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִיר, דִי זְקֵנִים אוּן דִי נְעָרִים... אוּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין שְׁנַת תש״נ זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶועְן פַארְגַאפְּט וְכוּ׳, אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּ נַייעֶ פְרִישֶׁע טוֹיזֶענְטֶער אִידְן כֵּן יִרְבּוּ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ פַּאסְפָּארְט אוּן דוּ וֶועסְט פָארְן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאסְטוּ מִיר מוֹרְאדִיג מְחַיֶּה גֶעוֶועְן.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב ל׳)

\*\*\*

### אַזוֹי וְוי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל זִיךְ הֵיילְן...

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם בְּרִיָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַזוֹי וְוי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל זֶעט עֶר דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, וֶועט עֶר דֶען צוּרִיק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין? עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וְכוּ׳.

אַזוֹי וְוי סְ׳אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת, אִין אוּמַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ׳, אוּן מִיט זַיין צָרָה וְכוּ׳, אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ תִּיקּוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס אִיז אַלֵיין אַ חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען פַארְעֶכְטְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ

המשך בדף ד
~~~

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

תִּיקוּן, זָאל עֶר זַיין וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זַיין וְכוּ'.

מֶען גֶעפוּנְט, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א', כ"ב ב') "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְ'כָל אִ"ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ" וָוארוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע אוּן אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן וואוּנְדֶער נָאךְ וואוּנְדֶער אַז וְ'כָל אִ"ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַ"ן, אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף וִויסְן אַז אִיךְ קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוֹן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פַארְרֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אֱמֶת עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מְשׁוּגָעִים וְכוּ' וָואס זִינְגֶען נַ' נַח' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וִוי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה הָאט דָאס אַרֵיינְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶענֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ צֶעטְל... אוּן פוּן דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דָאס מְשׁוּגַעַת, וְכוּ', אָבֶּער סְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים מְנִיעוֹת אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', אִיז דָאס אוֹיכֶעט אַ גְרוֹיסֶער מְנִיעָה, וָוארוּם טַאטֶעס הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּ זֵייעֶרע קִינְדֶער וְכוּ', קוּק עֶס דְרֵייט זִיךְ דָארְטְן אַרוּם מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל קַיין פָּאטֶער וִויל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, וְכוּ'.

אָבֶּער דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, דָאס אִיז מְשׁוּגָעִים וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ', זָאל דֶער טַאטֶע בַּאזוּכְן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) וֶועט עֶר זֶען אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', וְכוּ', מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מַמָּשׁ נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" לֶערְנְט צַאם יֶעדְן טָאג, אוּן זַיין הַנְהָגָה מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, זַיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ חַיּוּת מִיט אַ בְּרֶען, זַיין שִׂמְחָה, אִיז קַיין גְלַייכְן נִישְׁטָא, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? הָאֱמֶת עַד לְעַצְמוֹ. (אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב ל"א)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

~~~

### שיינע "סיום הש"ס" פארגעקומען אין ישיבה

דעם זונטאג איז פארגעקומען א סעודת לחיים אין קעמפ, צו די גרויסע שמחה וואס נאך א בחור האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס.

עס איז באקאנט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס איז זוכה צו ענדיגן ש"ס, באקומט א צלם אלוקים, דערפאר איז געווען גרויס די שמחה אז נאך א בחור האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס.

דאס מאל איז עס הבחור החשוב שמואל דוד ברוין נ"י א זוהן פון הרבני הנגיד מו"ה שמעון ברוין נ"י תומך נלהב למוסדותינו הק', וועלכער איז אויך ארויס געקומען אין קעמפ מיט די גאנצע פאמיליע מיט צו האלטן די געוואלדיגע שמחה, אם חכם בני ישמח לבי גם אני.

זונטאג נאכמיטאג זענען זיך די בחורים צוזאם געקומען צו די לחיים, ווי מען האט מסיים געווען ש"ס און גלייך אויפ'ן פלאץ נאכאמאל אנגעהויבן מסכת ברכות.

דערנאך האט מען געהערט קורצע דיבורים פון חשוב'ן בחור המסיים, וואס האט ארויסגעברענגט די הכרת הטוב פארן ראש ישיבה וואס לערנט מיט אים אזעלכע לימודים צו קענען ענדיגן ש"ס, און גלייכצייטיג אן הכרת הטוב פאר זיינע חשובע עלטערן וואס האבן אים געשיקט לערנען אין אזא ישיבה, וואס מען לערנט אזעלכע לימודים.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט א פאר ווערטער ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע זאך פון ווער עס איז זוכה צו ענדיגן ש"ס, ער האט נאכגעזאגט פונעם ספר "רחמי האב", ווי דער צדיק שרייבט פאר זיינע קינדער א צוואה אז אפילו אויב זיי קענען נישט לערנען, זיי האבן נישט די כח און מח אדער געדולד צו לערנען, זאלן זיי זיך אבער צוגעוואוינען צו זאגן גמרא און ענדיגן ש"ס, דערציילט ער: "איך האב געקענט א שוסטער וואס זיין פנים האט געשיינט און געלויכטן ווי א גרויסע צדיק, און ווען איך האב אים געפרעגט ווי אזוי ער האט זוכה געווען דערצו, האט ער מיר געזאגט אז ער קען גארנישט, נאר ער זאגט אסאך גמרא, ער ענדיגט ש"ס איינמאל און נאכאמאל, און דאס העלפט אים", זעהט מען די געוואלדיגע מעלה פון זאגן אסאך גמרא.

דערנאך האט מען זיך ארויס געלאזט אין א פרייליכן טאנץ, צו דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע גרויסע חסדים.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!**

\*\*\*

### מוהרא"ש שליט"א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל

מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו מקבל פנים געווען מוהרא"ש שליט"א דעם זונטאג ווען מוהרא"ש איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר צוויי וואכן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען ווייטער אן די שיעורים יעדע וואך ליל שישי, דברי חיזוק והדרכה אנצוגיין אין לעבן.

גלייכצייטיג איז דא די פלאץ צו דערמאנען אז מען קען יעדע וואך מיטהאלטן דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, יעדן ליל שישי בערך ניין אזייגער, אויפ'ן טעל. נומער 212-444-9191 #11 אויך קען מען הערן אויף די נומער אלע אינפארמאציע איבער די שיעור, ווי אויך אלטע שיעורים פון די פארגאנגענע יארן.

**שמעו ותחי נפשכם!**

\*\*\*

### בחורי הישיבה בעטן זיך אויס ביים ציון הקדוש אין קרית יואל

אנדערשט ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך איז מען ארויס געפארן פון קעמפ צום ציון הקדוש צו די יארצייט כ"ו אב, שוין מאנטאג נאכט, ווי די בחורים האבן זיך משתטח געווען אויפ'ן ציון הקדוש, און אויסגע'פועל'ט אלעס גוט'ס פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת הילולא אין בית המדרש היכל הקודש אין

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.......................7:22
מוצש"ק..............................8:51
סוף זמן ק"ש........................9:01

**שיעורים כסדרן**
בבלי..............ברכות כ"ד
ירושלמי...........יבמות פ"ד
תוספתא............קידושין פרק ה'

פרשת שופטים, ז' אלול, אבות פרק ו', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 45


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט, וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן).

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** דוּ דַארְפְסְט שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן דַיין קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז דוּ דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרֶךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וִוי מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קִטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן קַיין שְׁלֶעכְט'ס, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) "כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיינְ'ס דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א')

***

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א' סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטִיקְל

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וֶועלְט ~

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') דִי גְמָרָא (סַנְהֶדְרִין ל"ז) "צָרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִילִי" - "אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם וָוארְט, קֶען עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אִיז דָא אַ גַאסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט נָאר פַאר מִיר, אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ, מִמֵּילָא אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דָאס אָדֶער יֶענְץ, וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשְׁט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאט יָא.

לָאמִיר אַרַיינְטְרַאכְטְן, אִין אַפְרִיקֶע זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּהן נָאר קוֹים אַ שְׁטִיקְל שְׁמַאטֶע זִיךְ צוּ צוּדֶעקְן, אִין כִינֶע זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן נָאר אַבִּיסְל רֵייז, אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע הוֹיז וִוי צוּ וואוֹינֶען, אוּן מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דַארְף אִיךְ דָאךְ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּט'ס.

פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן? פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דָאס

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקֶל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זֵיי, זֵיי דַארְפְן אִים פָאלְגְן.

אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ נִיצְן דִי קֶענִיגְרַייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתָּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה׳ אֱלֹקֶיךָ בּוֹ**, אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים, אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקֵייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיב מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה׳)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

וָואס אִיךְ הָאבּ? פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ צוּ עֶסְן, אִיךְ הָאבּ וָואס אָנְצוּטוּהן, אִיךְ הָאבּ אַ פֵיינֶע הוֹיז, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, קֶען אִיךְ דָאךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוַדַאי קֶען אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נָאכְנִישְׁט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ גֶענוּג אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ יָא בַּאקוּמֶען אוּן מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן נָאךְ מֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט נָאר פַאר מִיר, מֵיינְט דָאס אוֹיךְ אַז וֶוען אִיךְ וִויל עֶרְגֶעץ פָארְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג בָּאסֶעס אַז עֶס זָאל גְרֵייט פַאר מִיר פַאר עֶטְלִיכֶע דָאלֶער צוּ פָארְן וִוי אִיךְ וִויל, אוּן דִי זֶעלְבֶּע הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט עֶרֶעפְּלַאנֶען צוּ שְׁטֵיין גְרֵייט צוּ הִילְף וֶוען אִיךְ דַארְף פְלִיעֶן סֵיי וִוי, מְמֵילָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ זָאגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי חַזַ״ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס מַאכְט קִידוּשׁ שַׁבָּת אוּן עֶר זָאגְט עֵדוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וֶוערְט עֶר אַ שׁוּתָּף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דָאסמֵיינְט אַז שַׁבָּת וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן מֶען זֶעהְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, וֶוער אִיךְ אַ שׁוּתָּף אִין דִי אַרְבֶּעט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן פַאר מִיר.

אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר מִיר, דַארְף אִיךְ זֶעהְן אוֹיךְ צוּ צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַסַאךְ צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן אַסַאךְ חִזוּק, אוּן אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, וַוייל דִי וֶועלְט אִיז דָאךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, דַארְף אִיךְ זֶעהְן צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן דֶערְפְרֵייעֶן אִידִישֶׁע הֶערְצֶער אוּן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן.

אוּן גְלַייכְצַייטִיג וֶוען מֶען בֶּעהְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען שׁוֹין אוֹיךְ בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן אַז זֵיי זָאלְן עֶס אוֹיךְ הָאבְּן, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ בַּאשַׁאפְן פַאר מִיר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אִיךְ בֶּעטְן פַאר זֵיי אוֹיךְ, אוּן וֶוען מֶען בֶּעהְט אוֹיף אַזַא וֶועג הֵייסְט עֶס אַ ״תְּפִלַּת הַצִּבּוּר״, וַוייל עֶס אִיז אַ תְּפִלָּה פַאר אַ צִיבּוּר, אוּן עֶס וֶוערְט שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען.

דָאס זֶעהְט מֶען אוֹיךְ בַּיי צַדִיקִים אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, רֶעדְן זֵיי בֶּאֱמֶת דֶעמָאלְט׳ס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי, מְמֵילָא אַז עֶר דַארְף יֶעצְט רֶעדְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דָאס אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט צוּ עֵשָׂו, זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַז עֶר הָאט זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶעבִּיקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֵשָׂו הָאט גֶעמֵיינְט אַז יַעֲקֹב רֶעדְט צוּ אִים אוּן עֶר בִּיקְט זִיךְ צוּ אִים.

אוּן דָאס דַארְפְן אוֹיךְ וִויסְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן צוּזַאם נֶעמֶען גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אַז וֶוען מֶען בֶּעהְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גֶעלְט, זָאל מֶען טְרַאכְטְן אַז מֶען בֶּעהְט עֶס בֶּאֱמֶת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן פַאר מִיר, וִוי פַּאסְט אַז אִיךְ זָאךְ בֶּעטְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גֶעלְט, נָאר אִיךְ בֶּעהְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶענֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אִיךְ רֶעדְט צוּ אִים.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן נָאר פַאר אִים, אוּן וָואס עֶר דַארְף בֶּעהְט עֶר נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ה׳ עֶרֶךְ עוֹלָם)

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

## מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְּרוֹיעֶן...

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָּארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָּארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרע רֶבִּי'ס אוּן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרע פְּרוֹיעֶן, אוּן עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד פָּארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערַייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים אוּן לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶוען אַמָאל אַ צַדִיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אוּן דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.




**אומן ראש השנה תשע"ג**
עס איז געבליבן געציילטע בעטן אין א היימישע
אטמאספער אין א שיינע דירה אין 'קרית ברסלב',
היימישע עסן צוגעשטעלט, מעסיגע פרייזן, רופט ווי פריער.
יחזקי סאמעט, 347-452-0412
וכל הקודם זכה

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַארְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזֶשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. ווִידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַארַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעְן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אֲרִים, וְכוּ', וְכוּ'? אוּן וִויפִיל צָרוֹת אִיז דָא, וְכוּ', וְכוּ'!? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: "קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!", אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָּארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ', קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם פַארְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶה זַיין אוּן שֶׁעלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ'? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפְּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!" אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דָן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָּארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדְפְ'ן? - דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי רוֹדֶפְ'ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבְר'טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת? - אָבֶּער דִיר רָאט אִיךְ נֶעם אַלֶעס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס דוּ לַיידְסְט, אוּן זַיי וַוייטֶער מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ אֲפִילוּ זִי שְׁפֶּעט אוּן לַאכְט פוּן דִיר וְכוּ', דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וַוייטֶער הֶעלְפְן אַזוֹי ווִי גָארְנִישְׁט אִיז גֶעשֶׁען, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם; אוּן וואוּ דִי

המשך בדף ד

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

המשך

שְׁכִינָה גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְטְן זֶענֶען אַלֶע בְּרָכוֹת דָא. אִיבֶּערְדֶעם זֶע פוּן דַיין זַייט זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין וַוייבּ, אוּן זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַריינְגֶעבְּן שֵׂכֶל אִין דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל אַיינְזֶעְן אַז דִי אַלֶע וָואס זַיי טוּעֶן אִיר אָנֶרעדְן אוֹיף דִיר דָאס קוּמְט נָאר פוּן קִנְאָה, וָוארוּם נִישְׁט יֶעדֶע פְּרוֹי אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא גֶעטְרַייעֶ מַאן וִוי דוּ בִּיסְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה. גְלֵייבּ מִיר דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזַא שְׁלֶעכְטֶע וְכוּ׳, נָאר שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְטֶ׳עס וָואס זֶענֶען אִיר מְקַנֵא רֶעדְן אִיר אָן אַקֶעגְן דִיר, וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט צוּם שֵׂכֶל קוּמֶען, וֶועט זִי דָאס אַיינְזֶען, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט זִי שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר. אָבֶער דוּ זֶע אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד צוּ זַיין, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז אַ אִידִישׁ שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ עַל פִּי הַתּוֹרָה, אוּן עֶס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן זֵיי, כָּבוֹד מִיט לִיבְּשַׁאפְט, שִׂמְחָה מִיט רוּאִיגְקֵייט וְכוּ׳, אִין אַזַא שְׁטוּבּ וַואקְסְן אוֹיף נָארְמַאלֶע קִינְדֶער. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד, אוּן פִירְט זַיין שְׁטוּבּ אוֹיף דֶעם אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם תּוֹרָה וֶועג, וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶלְטֶערְנְ׳ס עֶלְטֶערְן, מִדּוֹר דוֹר, אוּן מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מָאדֶעס וָואס דִי בִּילִיגֶע גוֹיִים עֶרְפִינְדְן וְכוּ׳, דָאס פְּרִיצוּת׳דִיגֶע אָנְטִיאַכְץ וְכוּ׳, אוּן דִי גֶעמֵיינֶע פַארְדָארְבֶּנְסְטֶע בִּיכֶער וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁמוּץ אוּן מִיט כְּפִירָה, וְכוּ׳. אַז וואוֹיל אִיז דִי שְׁטוּבּ וָואס פִירְט זִיךְ נָאר לוֹיט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן בַּאהֶעפְּט זִיךְ נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע אִידְן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב מ״ה)

## מזלא טבא וגדיא טבא

מיר וואונטשן א "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה יואל מענדלאוויטש נ"י**

**צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים, בני חיי ומזוני רויחי וסיעתא דשמיא

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### שיינע חתונה פון תלמיד הישיבה

דעם זונטאג איז פארגעקומען א הערליכע חתונה פון החתן מו"ה יואל מענדלאוויטש נ"י אינעם זאל פון קרית יואל פאראדייס.

אלע בחורים זענען געקומען צו פארן פון קעמפ זיך מיט צו פרייען מיט די שמחה פון זייער חבר, די בחורים האבן געטאנצן און משמח געווען ביז א שפעטע שעה.

ווי עס האט האבן מעיד געווען אלע צוקוקער, אז די דרך ארץ וואס מען זעהט ביי די בחורים זעהט מען נישט אין ערגעץ, מען זעהט קלאר וואס דער רבי האט געזאגט "ווען קעניגן און מיניסטארן זאלן וויסן וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע מענטשן וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר", און דאס האט מען געזעהן באשיינפערליך ביי די חתונה ווי די בחורים האבן געטאנצן מיט גרויס דרך ארץ, און משמח געווען דעם חתן אויף א שיינעם אופן.

דערנאך זענען די בחורים צוריק געפארן אין קעמפ, ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

\*\*\*

### מען וועט פארן צו קברי צדיקים פאר ראש השנה

אזוי ווי דאס יאר דארף מען פארן אויף אומן נאך פאר שבת, וועלן די בחורים פארן מיטן ראש הישיבה אינאיינעם אויף קברי צדיקים פאר ראש השנה.

עס איז שוין איינגעפירט די לעצטע עטליכע יאר אז מען פארט אינאיינעם נאך ראש השנה צו נאך קברי צדיקים אין די אומגעגענט, אבער דאס יאר אזוי ווי מען פארט געגוג פרי, וועט די נסיעה פארקומען פאר ראש השנה.

מען וועט אי"ה פארן קיין מעזעביזש צום בעל שם טוב זי"ע, און אויך צו רבי נתן אין שטאט ברסלב, צום דגל מחנה אפרים, צום קדושת לוי, און צו נאך קברי צדיקים לויט ווי די צייט וועט ערלויבן.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט מען אויס׳פועל׳ן אלע גוטע רפואות וישועות פאר גאנץ כלל ישראל.

**הוא ימליץ טוב בעדנו!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**וויליאמסבורג**

# סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

## מו"ה שבתי מזרחי נ"י

### מיט זיין בני בית שיחיו

צו די געבורט פון זייער אינגל למזל טוב

עס איז נישטא די ווערטער צו באשרייבן די געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט וואס איר האט פאר אונזערע מוסדות הקדושים, מיטן מנדב זיין די בניני הישיבה אין וויליאמבורג, מיטן אהערשטעלן אזא שיינעם קעמפ אויפ׳ן זומער, און נאך און נאך וואס איר געט זיך אוועק בלב ונפש ארויס צו העלפן מיט וואס מען דארף. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די אלע זכותים זאלן אייך ביישטיין איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, מיט געזונט און הרחבת הדעת מיט אסאך געלט, מיט וואס איר וואונטש זיך ביז ווען שוין זוכה זיין צו אויסגעלייזט ווערן דורך משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:11
מוצש"ק...............................8:40
סוף זמן ק"ש.......................9:03

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................ברכות ל"א
ירושלמי........................כתובות ו'
תוספתא.....................נדרים פרק ז'


פרשת כי תצא, י"ד אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשע"ב לפ"ק — גליון מספר 46


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז דוּ ווִילְסְט טוּסְטוּ, אוּן אוֹיב דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּסְטוּ נִישְׁט" זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, ווַייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווְאוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אַז אוֹיב דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקֶן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

***

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶועט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, ווַייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) "וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל", אוּן נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ל"ג.) "אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְן", קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה מוּז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן שֵׂכֶל ווַייל

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ גְרִינְגֶע וֶועג ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוּן חֶסֶד וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, אַז עֶר לֶערְנְט אוּנְז אַזַא גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּרךְ דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע גְרִינְגֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

ווַייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת וָואס שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן אֱמֶת'דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיב מֶען פַּיינִיגְט דֶעם גוּף מִיט שְׁוֶוערֶע סִיגוּפִים, מִיט אַסַאךְ פַאסְטְן אוּן זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם גוּף, אוּן דָאס זֶענֶען זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע זַאכְן צוּ טוּהן, וָואס אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס'מָשָׁל'ן, זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן אוּנְטֶער דִי אַייז, זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין שְׁנֵיי, צוּ זִיצְן צְווִישְׁן בִּינֶען וָואס בַּייסְן, אוּן נָאךְ שְׁוֶוערֶע סִיגוּפִים.

אַזוֹי ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹב'עֶר אַז עֶר הָאט זֶעקְס יָאר גֶעטוּהן דִי תְּשׁוּבָה פוּן "סֵפֶר הַקָּנָה" וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהן, עֶס אִיז פִּיל מִיט שְׁוֶוערֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אַ גָאר אַלְטְן גוֹי וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן הוּנְדֶערְט אוּן אַכְט יָאר, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר נָאכְדֶעם, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם גוֹי פוּן וִוי עֶר בַּאקוּמֶען אַזַא לַאנְג לֶעבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶועזְן אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹב'עֶר, ווַייל דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ פוּן אַ בַּארְג, אוּן דָארְט אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין טַייכְל וָואס אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז עֶס גֶעוֶועזְן גֶעפְרוֹירְן פִיל מִיט שְׁטִיקֶער אַייז, אוּן דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְטוּהן דִי וֶועשׁ אוֹיבְן דֶעם בַּארְג, אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט דֶעם בַּארְג מִיט אַזַא כֹּחַ אַז

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טוּט נָאר אַן עֲבֵירָה וֶוען עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג'). דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ**, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים, **בְּיָדֶךָ**, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט דִי הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרַע.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶס הָאט צוּבְּרָאכְן דִי אַייז פוּנֶעם טַייךְ אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט.

אַרוּם דֶעם בַּארְג הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אִינְגֶע עֲרֵלִים, אוּן זֵיי פְּלֶעגְן צוּקוּקְן וָואס דֶער צַדִיק טוּט אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען גֵייט מַאכְן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען גְלֶעזְלֶעךְ אוּן עֶס צוּבְּרָאכְן אוֹיף דִי שִׁיפְּקֵייט פוּנֶעם בַּארְג, אַז וֶוען דֶער צַדִיק וֶועט זִיךְ אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּשְׁנַיידְן פוּן דִי גְלָאז רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג וֶוען דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט דֶעם בַּארְג, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּשְׁנִיטְן פוּן דִי שְׁטִיקֶער גְלָאז, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערְנָאךְ הָאט אֵיינֶער פוּן דִי גוֹיִם גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִיק, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, הָאט אִיר בַּאקוּמֶען הַיינְט גוּטֶע סִיגוּפִים?" הָאט דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּהן? זָאלְסְטוּ לַאנְג לֶעבְּן!", אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גוֹי וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע אֲרִיכַת יָמִים.

אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי סִיגוּפִים, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶוען עֶר אִיז דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע, הָאט רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ צוּגֶעדֶעקְט זַיין פָּנִים מִיטְן טַלִית אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִים, בִּיז זַיין הַארְץ אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעוֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דֶעמָאלְט'ס הָאט אִים רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען, וַוייל בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ וָואס אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן יֶעצְט קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן עֶר זָאגְט אוּנְז מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אוּן קְלָארְקַייט, אַז מִיר דַארְפְן בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים כְּדֵי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס אִיךְ גֶעבּ דִיר, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת", אוּן לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט אוֹיךְ צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע נִידְרִיגְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי מִיר זֶעעֶן הַיינְט אוֹיס, אֲפִילוּ אוּנְז אוֹיבּ מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת, מִיר וֶועלְן אָנְהֵייבְּן יֶעדְן צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פָאלְגְן דִי גְרִינְגֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ צַדִיק וָואס זָאל טוּהן אַזַא טוֹבָה אוּן חֶסֶד מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, ווִי דֶער רֶבִּי ווִיל טוּהן מִיט אוּנְז? מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין בַּטְלָנִים אוּן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר ווִיל אוּנְז מְזַכֶּה זַיין מִיט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע זַאכְן?!

אוּן בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען ווִיסְן אַז נָאר פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן אַלֵיין אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז דָאס אִיז ווִי אַ לֶעכֶערִיגֶע זַאק, וָואס וֶוען דוּ וֶועסְט אוֹיסְלֵיידִיגְן דֶעם גַאנְצְן זַאק, וֶועט נָאךְ אַלְץ בְּלַייבְּן דִי לֶעכֶער, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ, עֶר לֵיידִיגְט זִיךְ אוֹיס דֶעם גוּף, אָבֶּער דִי לֶעכֶער - דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן תַּאֲווֹת בְּלַייבְּן נָאךְ אַלְץ אוֹיפְ'ן גוּף, דֶער עִיקָר אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט דָאס אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר בֶּעהְט זִיךְ בַּיי אִים, אוּן עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוְונְט, מִיט דֶעם הֵיילִיגְט עֶר זַיין גוּף, אוּן בְּרֶענְגְט עֶס נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל אַז אוֹיבּ אֵיינֶער פַאסְט פֶערְצִיג טֶעג אוֹיף אַ מָאל, אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן עֶר שְׁלָאפְט נָאר גָאר וֵויינִיג, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט דָאס אַלְץ מְקַיֵים גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין?

הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַרוֹיסְגֶעפִירְט צוּם שְׁטַאל אוּן אִים גֶעווִיזְן אַ פֶערְד וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, "דוּ זֶעהְסְט דֶעם פֶערְד? עֶר עֶסְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט נָאר אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי, עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פַאר יָארְן, עֶר שְׁלָאפְט מַמָשׁ גָאר וֵויינִיג, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן אַ פָּשׁוּט'ער פֶערְד, עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹיִשְׁט...

זֶעהט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר אוֹיבּ דִי סִיגוּפִים בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען וֶועט טוּהן זַיינֶע גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת, מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אוּנְז שׁוֹין בְּרֶענְגְן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נִישְׁט פָאלְגְן?!

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעדַאווְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין סִיגוּפִים, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן וֵוינִיג אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דֶערְהוֹיבְּן.

הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וֶועם מֵיינְסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג? דוּ רֶעדְט'ס זִיךְ אַיין אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף דַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף זַיין יֵצֶר טוֹב, וַוייל דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה' אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען, אוּן דוּ פַארְלִירְסְט נָאר מִיט דֶעם, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַוְקָא זִיךְ מְסַגֵף זַיין, זָאלְסְטוּ דִיךְ פַּיינִיגְן מִיטְן רֶעדְן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקַייטְן, נָאר אוֹיסְנוּצְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער סִגוּף, אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינְט פוּן דֶעם".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע גְרִינְגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ צוּקוּמֶען צוּ זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ סִיגוּפִים)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך פון דף ד

מוהרא"ש זאגט אייביג אז דאס איז די גרעסטע צדקה וואס מען קען געבן, ווייל ווען מען געבט פאר א מענטש צו עסן איז דאס אוודאי א גרויסע צדקה אבער עס ניצט זיך אויס, דעם נעקסטן טאג דארף ער שוין נאך געלט, אבער ווען מען געבט פאר א מענטש א ספר פון רבי'ן וואס איז אים מחי' און מחזק ער זאל אנגיין אין לעבן און נישט ווערן צובראכן פון אלע שוועריקייטן וואס יעדער גייט דורך, דער ספר בלייבט שוין ביי אים פאר אייביג, ער לערנט דאס איבער איינמאל און נאכאמאל, און דאס איז זיין גאנצע חיות.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען די לעצטע יאר אויפגעשטעלט דעם הערליכן בית הדפוס ווי עס ווערן געדרוקט טויזנטער ספרים יעדע וואך, און עס ווערט צושפרייט אין אלע היימישע געגנטער, און ווי מען הערט צוריק, זענען זיך מענטשן זייער מחי' דערמיט, און מען זיכט אלץ נאך און נאך.

און דערפאר וויל יעדער האבן די געוואלדיגע זכי' צו האבן א חלק אין די הייליגע ארבעט און מען רופט זיך זייער ווארים אן.

אויב זענט איר נאכנישט איינגעשריבן אין דעם "מעמדות לחודש קאמפיין", רופט אריין ווי שנעלער אין אפיס, אויפ'ן נומער 845-481-3321.

**זכאה מאן דאחיד בידא דחייבא!**

***

### בחורי הישיבה גרייטן זיך מיט עקסטאז אויף די נסיעה קיין אומן ראש השנה תשע"ג

אלע בחורי הישיבה גרייטן זיך מיט גרויס עקסטאז צו פארן אינאיינעם מיטן ראש הישיבה אויף אומן דעם קומענדיגן ראש השנה.

ווי שוין געמאלדן האט מען אפגעדינגן א גרויסן קאמפלעקס אין אומן ווי אלע בחורים זאלן קענען ויילן אינאיינעם אום ראש השנה, אבער אין געציילטע טעג זענען שוין אויסגעקויפט געווארן אלע בעטן עד אפס מקום.

אלע סעודות וועלן ווערן צוגעשטעלט דארט אויפ'ן פלאץ אויף א ברייטן פארנעם.

און עס איז זיכער אז אינאיינעם וועט מען מיטן כח הרבים פועל'ן דאס יאר גרויסע ישועות ברוחניות ובגשמיות פאר גאנץ כלל ישראל.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**


## וואונדערליכע ישועות

מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**


# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

~~~

### אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער...

קוֹדֶם, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים", וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, וְוי בַּאוְוּיסְט אַז קַיין שׁוּם צַדִּיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דַיְיקָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֵלְ'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֵלְ'ן.

נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמּוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', הֲזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, וְוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידּוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעְיָא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, קוּקְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר קוּמְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וָואס גֵייט מִיךְ אָן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ', אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה וְכוּ', קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אַזוֹי וְוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חָלִילָה גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין פוּן גֵיין דָארְטְן, וָוארוּם עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ הֵיילְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין צָרָה מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' וְכוּ', אִיז בְּמֵילָא דַארְף עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פָארְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, אוּן עֶס הַארְט נִישְׁט וָואסֶערֶע מִנְיָן עֶר דַאוֶוענְט, אַבִּי עֶר זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב ש"ב)

\* \* \*

### מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ בְּשָׁלוֹם...

אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים" וָואס דֶער עִיקָּר קוּנְטְרֵס אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אַנְדֶערֶער אִיז מוֹנֵעַ אוּן שְׁטֶערְט פָארְן אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אָבֶּער אַ וַוייבּ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כד.) אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ; מִיט אִיר דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וָוארוּם מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּשְׁטֶערְן דֶעם

המשך בדף ד
~~~

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

המשך

שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, אוּן אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ׳, אָדֶער אַ חַבֶר׳טָארְן הָאט אִיר אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן וְכוּ׳, אִיז פַאר אִיר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶער קוּנְטְרֵס אוֹיפְצוּקְלֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס לָאזְט פָארְן דֶעם מַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט דָאס דַיין וַוייבּ דַארְף דֶעמָאלְט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס זָאלְסְטוּ טוּהְן זָאלְסְטוּ פָארְן אָדֶער נִישְׁט? אִיז קוֹדֶם נָאךְ דָא גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן, בִּיז דֶעמָאלְט קֶען זִי נָאךְ הָאבְּן דָאס קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָארְן, אָבֶער אוֹיבּ זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן בִּיז דֶעמָאלְט דָאס קִינְד, מִיזְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, וָוארוּם וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט צוּם קִינְד שְׁרֶעקְט זִי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זִי דַארְף הָאבְּן דֶעם מַאן לֶעבְּן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרִית טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין הֶפְקֵירוּת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס וַוייבּ מִיטְן קִינְד אַלֵיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַז דוּ לֶערְנְסְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיט מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ׳, אַז וואוֹיל אִיז דִיר, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לִימּוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאהֶעפְט עֶר זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס וֶוערְט נִשְׁפָּע אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לֶעכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער תּוֹרָה מַאכְט רַייךְ בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיכֶעט.

(אַשְׁר בְּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב ש״ב)






## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### די נייע הערליכע פראפעסיאנאלע סידי "פון יעצט" וועט זיין צו באקומען אין די געשעפטן די קומענדיגע וואך אי"ה




נאך די ערשטע דריי סידי'ס וואס זענען ארויס געגעבן געווארן דורך די תלמידי הישיבה מיט אידישע ניגונים צו זינגן צום אייבערשטן, וואס האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג איבער דער גארער וועלט, אידן פון אלע שיכטן און קרייזן האבן עס אויפגענומען מיט אפענע ארעמעס, און געזאגט אז נאר דאס עפנט זייער הארץ צום אייבערשטן.

אזוי ווי דער רבי זאגט אז די גרעסטע און בעסטע זאך וואס א איד קען טוהן איז צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אבער אזוי ווי עס איז די גרעסטע זאך איז עס אויך די שווערסטע זאך, און דערפאר זאגט דער רבי אז מען קען זיך פארבענקן צום אייבערשטן מיט א ניגון, וואס דאס עפנט די הארץ פון א מענטש.

און נאכדערצו די אידישע ניגונים וואס דאס איז דאך אונזער מאמע לשון, און ווען מען זינגט עס, רעדט מען שוין מיט דעם צום אייבערשטן.

אבער אזוי ווי די ביז יעצטיגע סידיס זענען נישט געווען געמאכט אויף א פראפעסיאנאלען וועג, האט דער עולם פארלאנגט אז מען דארף דאס איבערמאכן שענער און בעסער אז דאס זאל קענען אויפטוהן די ריכטיגע פעולה.

דערפאר האט מען זיך ארייגעווארפן אין די הייליגע ארבעט אהער צו שטעלן א הערליכן פראפעסיאנאלע סידי, לאנגע וואכן און חדשים זענען ארייגעלייגט געווארן מיט פיל כח און מח צו צושטעלן דעם סידי, קודם מיטן אויסוועלן די ניגונים, די ריכטיגע מנגנים ומשוררים אינאיינעם מיטן ראש הישיבה שליט"א, די הערליכע מוזיק בענד פון די וועלט בארימטע "פריילך בענד", א.א.וו.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז פארענדיגט געווארן די אזוי לאנג ערווארטעטע סידי, און עס וועט שוין זיין צו באקומען אין די געשעפטן דעם קומענדיגן מיטוואך, עס ווערט דיסטרוביוט דורך "לחיים דיסטורוביוטערס".

דאס איז א גרויסע פרייד ביי די אלע אידן וואס ווארטן שוין אזוי לאנג אויף דעם, וואס ווען זיך זייער מחי׳ זיין דערמיט.

**באשעפער איך הייב אן פון יעצט!**

\*\*\*

### צענדליגע שוין אנגעשלאסן אין די "מעמדות לחודש קאמפיין" פאר "קרן הדפסה"

אין די יעצטיגע טעג גייט אן מיטן פילן שוואונג אין די "מעמדות לחודש קאמפיין" פאר די "קרן הדפסה", וואס געבט זיך אפ מיטן דרוקן דעם רבי'נס ספרים און עס צושפרייטן איבער די וועלט.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען מוהרא"ש האט געשריבן די פארגאנגענע וואך א בריוו פאר די מדפיסים, ווי ער האט געשריבן בתוך הדברים בזה הלשון:

> ...זָאלְסְט זֶעהן מְזַכֶּה זַיין יֶעדְן אִינְגֶערְמַאן זָאל דִיךְ גֶעבְּן אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ אַ סְכוּם פַּאר הַדְפָּסָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אָן קַיין הֶפְסֵדִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת פוּן צְדָקָה מְזַכֶּה זַיין אִידְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בּוֹחֵר זַיין נָאר אִין דֶעם טוֹב.

גלייך האט זיך אנגעהויבן א גרויס התעוררות צו געבן $180 א חודש פאר דעם בית הדפוס, ווער עס קען האט געגעבן זיין קרעדיט קארד, צו קענען רעכענען אויטאמאטיש יעדן חודש, אנדערע האבן זיך איינגעשריבן אז מען זאל אויפפיקן ביי זיי יעדן חודש דאס געלט.

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת כי תבא, כ"א אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תשע"ב לפ"ק

גליון מספר 47


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:00
מוצש"ק.........................8:28
סוף זמן ק"ש...................9:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................ברכות ל"ח
ירושלמי......................כתובות י"ג
תוספתא.......................סוטה פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ**, דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק, **וְהָיָה**, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ**, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכו) **אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.**

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריַקייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אוּן נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריַקייטְן.

אוּן עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק **"אָז" יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**, וַוייל נָאר **"אָז"** - **"דֶעמָאלְט'ס"** וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל לֵיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְט'ס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וִוי אִידְן וואוֹינֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ, הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, וִוי מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'ע אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אִיז דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ ווִיסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס בֶּעהְט אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

***

**וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' וַיָּרֵעוּ**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וֶועג ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אָדֶער סֵיי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְטְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר.

וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוְונְט א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צוּמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס, מְמֵילָא אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אוֹיךְ, אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דֶער מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דִי וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים אוּן וִוי מֶען גֵייט כַאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים א.ד.ג

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) **חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי** אֶל עֵדוֹתֶיךָ, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּם דֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ', וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז דָא לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פוּן וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען וִויסְן צוּ עֶר גֵייט טַאקֶע צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל') אַז אַ צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר גֵיין צוּם דָאקְטֶער צוּם צַדִּיק אַז עֶר זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ צַדִּיק דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן: "בַּאקוּם אִיךְ עֶפֶּעס פוּן דֶעם צַדִּיק? לֶערְנְט עֶר מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אוֹיבּ דֶער עֶנְטְפֶער אִיז "יָא", דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער צַדִּיק לֶערְנְט מִיר גָארְנִישְׁט אוֹיס, אִיךְ בַּאקוּם גָארְנִישְׁט פוּן אִים נָאר פַארְקֶערְט, עֶר בַּאקוּמְט נָאר גֶעלְט פוּן מִיר, דֶעמָאלְט'ס דַארְף מֶען גֵיין זוּכְן אַ צְוֵוייטְן רֶבִּי'ן וָואס קֶען מִיר יָא עֶפֶּעס גֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ**, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ זֶעהְן אוֹיבּ דֶער צַדִּיק נֶעמְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נִישְׁט דַיין גֶעלְט, עֶר וִויל דִיר נָאר צוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעהְסְטוּ אַז, **וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ' וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'**, אַז קוֹדֶם בִּיזְטוּ גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, פִיל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק הָאט דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֶעלְפְט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין מִצְרַיִם, דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְ'ס, דֶעמָאלְט'ס וֵוייסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, בַּיים רִיכְטִיגְן צַדִּיק, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

צוּ יֶענֶעם הוֹיז' אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז דָאךְ זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעהט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג.

דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז, צוּ יֶענֶע הוֹיז'", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וִוי עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין יֶענֶעם טָאג, "אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּן דִי וֶועג.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פּוּנְקְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ וִויסְן, גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט אוֹיפְ'ן וֶועג אוֹיךְ, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי מֶען אִיז.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ פָארְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אַז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַאֶרְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַאֶרְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען אִין דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נָאךְ מֶער גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פּוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "בַּאשֶׁעפֶער, וִוי הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף", אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פ"ד, ה"ד) "כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה", וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז מֶען אִין אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ח:) אַז אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין "מִיתוֹת בֵּית דִין" דִי בֵּית דִין קֶען נִישְׁט הַרְגְ'ן קַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן דֶער דִין, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'ט, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּפִירְן אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ, אוּן לַיידֶער זֶעהט מֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן פַּאסִירְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'ט אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי וֶועגְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי הוֹיז, זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֵיין בְּשָׁלוֹם אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אוּן עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

שְׁלֶעכְט'ס אוֹיפְ'ן וֶועג".

אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט מֶען פָארְט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן "תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ", דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, דֶּרֶךְ, ג') "וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה פָּארֶעט זִיךְ מִיט דִי פֶּערְד אוּן וָואגְן זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ", דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ קַאר זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אַז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְט'ס אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַ עֶרֶעפְּלַאן, גְלַייךְ וֶועט דֶער עֶרֶעפְּלַאן הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן נָאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאל מֶען שׁוֹין זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ צוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, אַסַאךְ פּוֹסְקִים הַאלְטְן אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אֵיין טָאג אוֹיבּ מֶען פָארְט מֶערֶערֶע מָאל, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי וֶועגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וּבִפְרַט מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג' וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ דֶּרֶךְ)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך

עס איז קוים דורך איין יאר זינט דאן, און מען האלט שוין איבער צוויי מנינים חתנים און א גרויס חלק פון זיי האבן שוין חתונה געהאט לשם ולתפארת.

יעצט האט מען געהאט די זכי' צו טאנצן אויף נאך א חתונה פון א חבר וואס האט אויך זוכה צו פאלגן און ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל, און יעצט גייט ער שוין אויפשטעלן זיין אידישע שטוב על דרך ישראל סבא.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### קול תורה הילכט ווייטער אפ אין שטאט בין כותלי הישיבה

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען צוריק אנגעהויבן די סדרי הישיבה דא אין שטאט נאכן זיך צוריק קערן פון קעמפ בשעה טובה ומצלחת.

די קול תורה גייט ווייטער אן ביתר שאת וביתר עז, די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג, באגלייט מיט די געוואלדיגע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

די וואך וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם אויף אומן אויף ראש השנה, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען גלייך נאך ראש השנה ווייטער פארזעצן מיט די סדרי הישיבה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

### צוליב טעכנישע סיבות וועט די נייע סידי "פון יעצט" זיין אין די געשעפטן ערשט דעם זונטאג

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך האט די נייע סידי געדארפט ארויס קומען שוין דעם מיטוואך, אבער צוליב טעכנישע סיבות האט עס אביסל געשפעטיגט און עס וועט זיין ערשט דעם זונטאג.

אידן פון איבעראלווארטן שוין מיט שפאנונג אויף דעם סידי, נאכדעם וואס האט שוין געהערט די ביז יעצטיגע סידי'ס וואס וועקן אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, ווארט מען שוין יעצט אויף דעם נייעם העכסט פראפעסיאנאלע סידי, וואס וועט ארויסקומען בקרוב.

**אוי טאטע, אוי פאטער!**

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה !

~~~

## אָפֶענֶע מוֹפְתִים...

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט דָאס אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים, וִוילְן זֵיי שׁוֹין פָארְן יֶעדֶעס יָאר, וָוארוּם דָאס חַיוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ.

וּבִפְרַט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר יוּנְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אָפֶענֶע מוֹפְתִים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן דֶעם יָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְטְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז זֵיי דַארְפְן הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, וְוִיפֶער זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט לֹא עָלֵינוּ לֶעבְּן פוּן אַ וַוייבּ אָדֶער פוּן קִינְדֶער וְכוּ', אוּן דָארְטְן הָאט מֶען גֶעפּוֹעֶלְ'ט רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם מַעֲשִׂיוֹת, דָאס קֶען מֶען פְרֶעגְן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב שי"ד)

\*\*\*

## פַארְוָואס דַארְף מֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ?

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'ווִיל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעהְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זִיכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן. מִיר זֶעהְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעהֶנִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חַלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי

המשך בדף ד
~~~

# אוּמַן, אוּמַן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה !

המשך

וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּהְן אַ טוֹבָה, אוּן וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעֵל'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיּוּן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיבֶּערְדֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶּער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אִיבֶּערְדֶעם ווארל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִּית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב של"ט)


## פארט איר קיין אומן?

מיר האבן פאר אייך סעלפאנ'ס מיט א 718 נומבער

ווי אויך בלעקבערי רענטל'ס

ווי אויך מאכן מיר טרעוועל אונשורענס

**ביליגע פרייזן – בעסטע סערוויס**

**רופט שוין אלי קנאלל 718–506–4841**


## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן "ברכת מזל טוב" פאר

**מו"ה יושע אליעזר גליק נ"י**

**צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים ביז משיח'ס טאג ב.ב.א.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

~~~

### מוהרא"ש קומט אין ישיבה איבערצוגיין מיט די בחורים נוסח התפלה פון ראש השנה

די וואך האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אין ישיבה צו א דרשה.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש אויסגעקליבן פאריאר דעם ראש ישיבה צו זיין דער בעל תפלה ראש השנה אין אומן, און ווי עס זאגן עדות ווער עס האט געדאווונט ביי מוהרא"ש פאריאר אין אומן, איז דאס געווען אזא שיינער הארציגער דאווענען וואס מען זעהט נישט, ווען דער ראש ישיבה האט געדאווונט און אלע בחורים זענען געשטאנען ארום און מיטגעזינגן האט דאס געקענט מאכן צוגיין אפילו א שטיין, נאך ראש השנה האט זיך מוהרא"ש אויסגעדרוקט אז אזא שיינע דאווענען איז נאך קיינמאל נישט געווען אין אומן.

דאס יאר האט מוהרא"ש ווידעראמאל געבעטן דעם ראש ישיבה צו דאווענען אין אומן, און מוהרא"ש האט געזאגט אז עס ווערט געברענגט אין זהר הקדוש אז רבי שמעון בן יוחאי פלעגט איבערגיין די תפלות מיט זיינע בעלי תפלות דריי טעג פאר ראש השנה, און דערפאר אזוי ווי מיר פארן שוין באלד אויף אומן, איז מוהרא"ש אריבער געקומען איבערצוגיין אינאיינעם די תפלות ראש השנה.

מוהרא"ש האט אנגעהויבן זיין דרשה פאר די בחורים זאגענדיג "באמת איז מיר געווען זייער שווער אריבערצו קומען היינט נאכדעם וואס איך האב געהאט היינט זייער שטארקע יסורים, אבער איך האב געמוזט אריבערקומען ווייל די ישיבה דאס איז מיין גאנצע חיות, זעענדיג ווי די בחורים פירן זיך אויפ'ן רבי'נס וועג אן קיין שום חכמות, זיי לערנען פלייסיג אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, איינער האט שוין געענדיגט צען מאל משניות א צווייטער צוואנציג מאל, א דריטער פופציג מאל א.א.וו. איינער האט געענדיגט איין מאל ש"ס איינער צוויי מאל, אן אנדערער נעמט א מסכת און גייט עס איבער הונדערט און איין מאל, און אזוי יעדער איינער לויט זיין דרגה, און דערפאר האב איך זיך אנגעשטרענגט צו קומען אפילו עס איז מיר אנגעקומען זייער שווער".

דערנאך האט מוהרא"ש ארום גערעדט איבער די גרויסקייט פון קומען אויף ראש השנה קיין אומן, וואס דער רבי האט געזאגט אז אפילו ווען ער קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען ער אבער העלפן ראש השנה, און דערפאר ווער עס וויל האבן א גוט געבענטשט יאר קוקט נישט אויף גארנישט נאר ער הייבט זיך אויף און פארט צום רבי'ן אויף ראש השנה.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזינגן די נוסח התפלה פון ראש השנה, זיך צוצוגרייטן אויפ'ן יום טוב.

נאך די דרשה איז מוהרא"ש אריינגעגאנגן באזוכן דעם "בית הדפוס" ווי ער האט אויסגעדרוקט גרויס התפעלות פון די געוואלדיגע ארבעט, מען האלט שוין יעצט איבער הונדערט טויזנט ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן אין "בית הדפוס" און זענען צושפרייט געווארן בכל תפוצות ישראל, און זענען מחי' טויזנטער אידישע נשמות.

מען קען הערן די גאנצע דרשה אויפ'ן "קול אמונה" טעלעפאן ליין אויפ'ן נומער 7372# 212-444-9191

**ונתנה תוקף קדושת היום!**

\*\*\*

### שיינע חתונה פון תלמוד הישיבה

די וואך דינסטאג נאכט איז פארגעקומען נאך א חתונה פון א תלמוד הישיבה, החתן יושע אליעזר גליק נ"י די חתונה איז פארגעקומען אין די זאלן פון ראוז קעסטל אין וויליאמסבורג, די בחורים זענען זיך צוזאמגעקומען ביי די חתונה צו טאנצן און משמח זיין דעם חתן.

דער חתן האט אויך זוכה געווען צו ענדיגן פאריאר מסכת תענית, ווען מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים פאריאר זומער חמשה עשר באב אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית ביז ראש השנה וועט א חתן ווערן, און ברוך ה'

המשך בדף ג


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~